STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03174

ONGEGLITE ERD

L. Chain-Shimoni

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ל. חיין־שמעוני

★

אַנגעגליטע ערד

דאָס בוך איז אַרויסגעגעבן מיט דער הילף פון „פּנחס
און חיה הובערמאַן־פאָנד״, וואַנקוווער, קאַנאַדע.

ל. חיין-שקעוני

אָבגעליטע ערד

דערציילונגען

פאַרלאַג
י.ל. פרץ
ישראל
1970

L. CHAIN-SHIMONI
ONGEGLITE ERD

I.L. PERETZ PUBLISHING HOUSE
31, Allenby St., Tel-Aviv

ל. חיין־שמעוני / אָנגעגליטע ערד

פאַרלאַג י.ל. פרץ, תל אביב, אלנבי 31

©

נדפס בישראל תש״ל
Printed in Israel 1970

סודר במסדרת חנון את חנון / דפוס הפועל המזרחי

וָאֶעֱבוֹר עָלַיִךְ וָאֶרְאֵךְ מִתְבּוֹסֶסֶת בְּדָמַיִךְ,
וָאוֹמַר לָךְ: בְּדָמַיִךְ חֲיִי,
וָאוֹמַר לָךְ בְּדָמַיִךְ חֲיִי.

דור הולך ודור בא

אין מערבדיקן עמק זבולון, אויף זאַמדן, נישט ווייט פון ים — איז צוגעגרייט געוואָרן אַ גרעסערער שטח פאַר אַ ניי בוי־ווערק. אויפן שטח האָבן זיך באַוועגט טראַקטאָרן, סקרייפּערס מיט אַ גרויסן בולדאָזער, וואָס האָט געגראָבן, געריסן און אויסגעגלייכט דאָס אָרט. דער גערויש פון די מאַשינען האָט פאַרטויבט דעם גאַנצן אַרום צוזאַמען מיט די מענטשן, וואָס האָבן ווי מילבן געטאָן זייער מלאָכה צווישן די מאַשינען. ס׳איז געווען אַ חמסין־טאָג, סוף חודש אייר, די חמימה איז געווען גרויס, אַ וואָלקן שטויב האָט איינגעהילט דעם גאַנצן אַרום, וואָס האָט פון ווייטן אויסגעזען ווי באַד אַן ערדציטערניש. די ערד איז געלעגן אויפגעריסן, איבערגעדרייט מיט צעוואָרפענע, אויסגעקאָרטשעוועטע וואָר־צלען.

מויש, אַ פריילעכער יונג, אַן אַטלעט, באַקרוינט מיט אַ בלאָנדער טשופּריגע, מיט אַ מונטערן אויסדרוק אויפן פּנים, מיט גרויסע טונקל גרויע אויגן אונטער פולע ברעמען, האָט געפירט און געהודערט מיטן בולדאָזער, וואָס האָט צווישן די טראַקטאָרן, באַגערס און סקרייפּערס אויסגעזען ווי אַ ריז, וואָס טראָגט אין פראָנט אַן אייזערנע שופל באַזוימט מיט שפּיציקע ציין ווי פון אַ מאַמאָנט. מויש האָט איינעם שטויב אויס־געזען ווי אַ מילנער אין אַ מיל, נאָר ער איז געווען באַדעקט מיט שטויב און נישט מיט מעל. אפילו די ברוינע ליולקע מיטן בלוילעכן רויכעלע איז געווען גאָלדיק באַשטויבט.

מויש איז געזעסן צוגעשמידט צו אַן אייזערנעם געזעס, ער האָט געצויגן און באַוועגט כלערליי העבטלעך מיט פּעדאַלן, וואָס יעדערע פון זיי האָט געהאַט איר פונקציע, מויש איז געווען דער עיקר־טייל

פון דער ריזן־מאַשין, וואָס האָט אים געפּאָלגט און אַלץ געטאָן געהאָרכזאַם לויט זיין ווילן: האָט ער געוואָלט האָט זי געקערט וועלטן, איבערגעדרייט די ערד, אַרויסגעריסןביימער מיט זייערע וואָרצלען, ווי זיי וואָלטן געווען ראש חודש־רעטעכלעך. פּאַרשאָטן אָדער אויפגעריסן גראָבנס, פּאַרדעקט זומפּיקע וואַסערלעך. די מאַשין האָט געהילכט, געשטורעמט און זיך געריסן פאָרויס. האָט ער געוואָלט, האָט זיך דער בולדאָזער געדרייט אַרום זיך אָדער פּלוצים שטיין געבליבן פאַרגליווערט, אויסגעלאָשן. מויש האָט הנאה געהאַט פון זיין בראשיתדיקער מלאָכה אין יעדן נייעם שטח, נישט אַרויסגעלאָזט די ליולקע פון מויל, נישט אויפגעהערט צו ברומען אַ שטילן ניגון. ער איז געווען מיט לייב און לעבן צוגעשפּיצט צו אַלע קנעפּ, ניטן און שרויפן, צו די פּעדאַלן, זייגערס און הענטלעך אין פראָנט פון דער קאַבינע. נישט נאָר זיינע הענט, נאָר אויך די פיס האָבן נישט אויפגעהערט זיך באַוועגן, די הענט — אַרום דעם פראָנט־טאָוול, בעת די פיס האָבן זיך פאַרנומען מיט די פּעדאַלן און ברעמזן.

יענעם טאָג, אין די נאָך מיטאָג שעהען, האָט זיך אַריינגעריסן אין שטח אַ מאָטאָציקל מיט אַ זעלנער, וואָס האָט געטראָגן אויפן קאָפּ אַ ווייסן העלמעט מיט אַ רויטן שטריך אַרום, מיט צוויי בולטע, גרויסע אותיות: — מ. צ. (משטרה צבאית). דער זעלנער האָט אַ צי געטאָן דאָס הענטל פון דער ברעמזע, דער מאָטאָציקל האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן און איז געבליבן שטיין. דער זעלנער האָט זיך געווענדעט צום ערשטן פאַרשטויבטן, פאַרשוויצטן אַרבעטער און אים טרוקן געפרעגט: — „יאַ חביבי, וויזן מיר ווו עס געפינט זיך דאָ משה הררי, אָדער מויש, איך מוז אים דרינגנדיק זען, יאַ חביב"!

בעת מויש איז צוגעקומען צום מאָטאָציקל, האָט דער זעלנער זיך אויסגעגלייכט, סאַליוטירט מיט אַ הויבן פון זיין האַנט־פּלאַך צום העלמעט, זי שאַרף אַראָפּגעלאָזן, אויפגעקנעפּלט אַ לעדערנע טאַש, וואָס איז געווען צוגעהעפט צו זיין ווייסן גורט פון וואַנען ער האָט אַרויסגענומען אַ פאַר־קלעפּטן קאָנווערט און אויסגעשטרעקט מוישן: — „עבורך הסרן — פאַר דיר קאַפּיטאַן, „דחוף ביותר" — זייער דרינגנד", נאָך אַ סאַליוט: — „שלום סרן"!

דער זעלנער האָט זיך אויסגעדרייט, פלינק אַרויף אויפן מאָטאָציקל און גיך פאַרשוווּנדן אין שטויב, ווי גיך ער איז געקומען.

מויש האָט מעכאַניש צוריק סאַליוטירט, געהאַלטן אין דער האַנט דעם קאָנווערט, באַלד נישט באַנומען, וואָס מען וויל פון אים, איצט, אין ברען פון דער אַרבעט. גיך האָט ער זיך באַזינט, אַ וויש געטאָן די פרייע האַנט אין די הויזן, אויפגעריסן דעם קאָנווערט, ווו ער האָט געפונען אַ קורציגקן בריוול פון צוויי שורות בסך הכל, וואָס האָבן זיך געלייענט: „סרן הררי משה, היינט 17.30 פּינקטלעך מוזטו זיך מעלדן אין דעם און דעם לאַגער. פּאַראָל: „רויטע קו". מיטנעמען דיין פּערזענלעכע אויסשטאַטונג". אַ חתימה. די שעה. אַ דאַטום. דאָס איז אַלץ.

ס'איז געווען די זעכצנטע שעה. אין אַ ווייטלעכן קוואַרטאַל אויפן מזרחדיקן כרמל האָט זיך געפּאָרעט אין קיך מלכהלע, מויש'ס יונג ווייב, ס"ה אַ יאָר נאָך דער חתונה, זי איז געווען אין מיטן „ניינטן חודש", און אַ גליקלעכע זיך שווער באַוועגט, זיך צוגעזעצט, בעת דעם אָפּטן „ויתרוצצו" אין בויך, און געטראַכט: „עט, ס'איז שוין נאָענט, מויש זאָל חלילה נישט פאַרשפּעטיקן, זי איז אַליין אין שטוב, ווער ווייסט צי די שכנים זענען אין דער היים, ווער, ווער וועט איר העלפן"? זי האָט געגרייט ס'עסן, כאָטש דעם „ויתרוצצו" האָבן גענומען באַגלייטן ווייטאָקן, וואָס האָבן נאָכגעלאָזט און זיך ווידער באַנייט, וואָס ווייטער אַלץ העפטיקער — — — —

אָט דערהערט זי מויש'ס טריט אויף די טרעפּ, וואָס היינט עפּעס אַזוי פרי? אפשר האָט ער באַגינען עפּעס געמערקט ביי מיר? מיין מויש! דו גרויס קינד... האָט מויש אויפגעמאַכט די טיר, פּאַמעלעך אַריין אין קיך און איז שטיין געבליבן פאַרגליווערט מיטן קאָנווערט אין האַנט.

נישט צו זאָגן אַ וואָרט האָט ער איר דערלאַנגט דעם קאָנווערט, אַריין אין באָד-צימערל זיך אַרומוואַשן און בייטן די קליידער. מלכהלע איז געבליבן זיצן פאַרחידושט אויפן בענקל, און צום וויפלטן מאָל געלייענט די צוויי שורות, וואָס האָבן געפלאַטערט פאַר אירע פּייכטע,

בלויען אויגן: — „מויש, דוקא איצט! הייגט?" איז איר די האַנט מיטן פּאַפּירל אַראָפּגעפאַלן.

אַז אַרומגעוואַשענער, אין צעקנייטשטע, מיליטערישע קליידער, אין הויכע, פאַרשנורעוועטע פּאַראַשוטיסטן־שיך, האָט זיך מויש צוריקגעקערט אין קיך, אַ הויב געטאָן מלכהלען אויף זיינע הענט, ווי מען הויבט אויף אַ קינד, צוגעדריקט צו זיך און געגומען קושן אירע פייכטע אויגן און ציטריקן מויל: — „מלכהלע מיינע, זאָרג נישט מלכהלע, ס'איז נאָר אויף עטלעכע טעג ווי שטענדיק, איך וועל גיך צוריקקומען"...

— איך ווייס, איך ווייס, מויש, זיי רויק, ווען דו וועסט זיך צוריק־קערן וועל איך דיך אָפּוואַרטן ביים אויטאָבוס, דערוויילי גיי אַריין צו דער שכנטע, בעט זי זי זאָל אַרויסרופן מיין מוטער, בעט זי, זאָרג נישט, מויש.

אַ טיפער קלעם אין בויך האָט איר פאַרכאַפּט דעם אָטעם. מויש האָט זי פאַרזיכטיק צוריקגעזעצט אויפן בענקל, זיך געכאַפּט אין וואָס דאָ גייט, איז ער גיך אַרויס און צוריקגעקומען מיט אַ שכנטע, און געפונען מלכהלען זיצן מיט שווערע טראָפּנס שווייס אויפן שטערן, בלאַס ווי די וואַנט.

ס'איז געווען די 17טע שעה, מויש האָט זיך געמאַכט עסנדיק. אין 30 מינוט מוז ער זיך מעלדן, בס"ה נאָך געציילטע מינוטן אין דער היים. מלכהלע! וואָס וועט זיין מיט איר? ער וועט קוים באַווייזן, אויב ער וועט באַלד קריגן אַ ספּעציעלע טאַקסי.

מלכהלע איז צו זיך געקומען, דער ווייטאָק האָט ווידער נאָכגעלאָזט, זי האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צו מוישן זיך צו זעטיקן מיט זיין אויסזען, מיט זיינע אויגן, מיט זיין טשופּרינע און מיט זיין נישט געוויינ־לעכן לבוש, — „מויש, מוישעלע מיינער", — זי האָט שטיל געציטערט, עס האָט איר געקלאַפּט אַ צאָן אָן אַ צאָן, וואָרום, וואָס מויש האָט פאַר איר פאַרבאָרגן, האָט זי גוט געוווּסט; די שטאָט האָט געפיבערט, די שפּאַנונג איז געשטיגן, מודעות אין די גאַסן האָבן גערופן דעם עולם, וואָס גיכער אויסרייניקן די שעלטערס קעגן לופט־אַנפאַלן, אַנגרייטן וואַסער, ברעגגען זאַמד, צוגרייטן ליכט, פאַרקלעפּן און פאַרטונקלען די שויבן, דער ראַדיאָ

האָט נישט געקרוט. דאָס הויז און דער הויף, די גאַסן אַרום זענען שטיל געוואָרן, מען הערט נישט דעם שטענדיקן טומל פון קינדער, וואָס שפּילן זיך ווי שטענדיק אין דער צייט, חוץ די עלטערע, זענען אַלע מענער פאַרשוווּנדן פון די היימען. שול־יוגנט גראָבט שוץ־גריבער — — — אין דער אמתן האָט איר נאָר געוווּנדערט, וואָס מען האָט מוישן נישט גערופן פריער, „מויש, מויש מיינער"...

מלכהלע האָט זיך צוויפגענומען, פּרובירט שמייכלען, און צוזאַמען מיט דער אַריינגעקומענער שכנטע זיך באַמיט באַרויקן מוישן.

— עט, וועסט גיך צוריקקומען, הכל יבוא בשלום על מקומו.

— דער טומל אין גאַס איז איבערגעטריבן, אָבער ס'איז גוט, וואָס מען איז גרייט, על כל צרה שתבוא — האָט די שכנטע צוגעגעבן.

— מויש! זיי רויק, צאתך לשלום, ובואך לשלום, פאַרלאָז זיך אויף אונדז, מלכהלע איז אונדז ווי אַן אייגענע שוועסטער, אַלע האָבן זי ליב, אַלע, אַלע, מיר'ן זאָרגן פאַר איר ווי פאַר זיך אַליין...

מויש איז אַרויס פון דער היים אַ פאַרקלעמטער. די גאַס, וואָס איז שטענדיק, אין דער צייט, פול געווען מיט לעבן, מיט דורכגייער, מיט פאַרשיידענע אויטאָס און מיט קינדער־שטיפער, איז דאָס מאָל געלעגן שטיל ווי יום כיפור. די גאַס האָט משונהדיק געשוויגן, ווו נישט ווו האָט מען געזען אַ פרוי מיט אַ קוישל אין האַנט, עס האָט זיך נאָר אַ ביסל געטומלט אין די הויפן, ווו שול־קינדער האָבן אָנגעפילט זעקלעך מיט זאַמד און געשלעפּט כלערליי שברי כלים מיט צעבראָכענע, לייכטע, אַלטע מעבל־שטיק פון אויסגעליידיקטע שעלטערס.

מוישן האָט אָפּגעגליקט אָפּצושטעלן אַ פאָליציייִשן דשיפּ, וואָס האָט אים אָן טענות אויפגענומען און אָוועקגעפירט, ווו ער האָט געדאַרפט — ערגעץ אין אַ וועלדל פון אַלטע עצי זית, פון דרויסן נישט מערקבאַר, וואָס עס האָט זיך געראָדערט אונטער די פאַרשטויבטע, קנאָכיקע, אַלטע בוימער.

דער פאַראַל „רויטע קו" האָט פאַר אים אויפגעמאַכט יעדע באַ־וואַכטע באַריער ביז וואַנען ער האָט דערגרייכט אַ גרויסן, פירקאַנטיקן, טונקעלן געצעלט, אויסגעשטעלט מיט טישן, פאַרלייגטע מיט אַקטן־

טאַשן און נומערירטע מגילות־מאַפּעס. עס האָט לאַנג נישט געדויערט, ווי אַ רב־סרן (מאַיאָר) האָט נאָך אַ קורצן שמועס אים באַגלייט צו אַ טראַנספּאָרט מאַביליזירטע, ציווילע אויטאָמאָבילן, אויסגעשמירטע מיט נאַסער ערד, קוים אַרויסצוזען די נישט גלייכע אויסגעמאָלטע, נייע אותיות און נומערן פון פאָרנט און פון הינטן. דער רב־סרן האָט אים געדריקט די האַנט, און באַפוילן אַ סערזשאַנט — דעם טראַנספּאָרט־פירער:

— „נוע — זיך רירן".

זיי זענען אַרויסגעפאָרן פון אַ פעלד־וועג אויפן כביש, וואָס האָט זיך געצויגן לענגאויס דעם ברעג ים. אַ פאַרנאַכטיק ווינטל האָט אָפּגעפרישט די מענטשן, וואָס זענען געזעסן שטיל אין די אויטאָמאָבילן, יעדער פאַרנומען מיט זיך און געררויכערט ציגאַרעטן, איין ציגאַרעט נאָכן צווייטן.

דריי שעה שפּעטער זענען זיי אָנגעקומען ערגעץ אין אַ קיבוצישן שטח, מזרחדיק פונעם עזה־פּאַס.

פאַרן שיין פון דער פולער לבנה האָט די געגנט אויסגעזען פריד־לעך, רויק, אַלץ איז געווען באַדעקט מיט טוי. די לופט האָט געשמעקט מיט צייטיקער תבואה און איז פול געווען מיט צאַרצעריי פון שפּרינגער און מיטן רויש פון באַוועגלעכע שפּריצער, וואָס האָבן ביינאַכט באַוואָסערט סעדער פּרוכט־בוימער מיט שטחים גרינצייג. עס פלעגט זיך פּלוצים באַווייזן אַ פלעדערמויז ווי אַ שוואַרץ טיכל, וואָס פלעגט אין אַן אויגנ־בליק פאַרשווינדן. הינטן האָבן געבילט דערשפּירנדיק פרישע מענטשן אין שטח, עס האָבן זיך אויך געהערט בראַזגן פון קייטן, פון צוגעבונדענע בהמות אין אַ נאָענטן רפת.

דער באַווינטער שטח פונעם קיבוץ איז געלעגן האַלב פאַרטונקלט, די מענטשן האָבן זיך געגרייט צו נאַכט. שומרים מיט ביקסן אָדער מיט עוזיס זענען געגאַנגען צו זייערע שמירה־פּונקטן. פון דעם אָדער יענעם פענצטער האָט זיך געהערט די געוויינלעכע אָוונט־אוידיציע פון ראַדיאָ, וואָס האָט דערציילט פון שיסעריי און האַרמאַטן־דונערן אין צפון, ווו סוריער האָבן דעמאָלט געווילדעוועט יעדע נאַכט אָן אויפהער.

— די כלבים פילן זיך דאָרטן גוט, זיי זיצן אין דער הויך, אויפן

באַרג, בעת אונדזערע ליגן אונטן, די כלבים איז לייכט פון אויבן אַראָפּ זייען חורבן, אָבער ווי עס זעט זיך וועלן אונדזערע בקרוב זיי באַזוכן אין זייערע נעסטן, אין דער הויך, זיי וועלן מאַכן דעם חשבון אויף אַן אָרט, זיי נישט מטריח צו זיין אַראָפּצונידערן אונטן — אַזוי האָט אַ פּאַרבייגייער, אַ באַבערדלטער רעזערוויסט, געשמועסט מיט אַ שומר פון קיבוץ.

מויש האָט אויפגעכאַפּט אָפּגעריסענע זאַצן פונעם שמועס, וואָרום במחשבה איז ער נאָך, בעת מעשה, געווען ווייט פון דאַנען. בעת דער רייזע האָט ער וואַכערהייט געחלומט פון זיין לעצטן, גליקלעכן יאָר, וואָס ער האָט ערשט מיט קנאַפּע 4 שעה צוריק איבערגעהאַקט — — —

ער איז געזעסן מיט מלכהלען אויף דער קליינער טעראַסע פון זיין דירהלע און צוזאַמען מיט איר געשפּינט דעם מאָרגן פון זיין משפחה זאַלבע דריט: — ער, מלכהלע און דאָס קינד, וואָס דאַרף נאָך געבוירן ווערן... זי האָט געחלומט פון אַ טאָכטער, ער — פון אַ זון. אין חלום איז אַלץ געווען גוט און ליכטיק, אָפּגעריסן פון דער ערד. ער טראַכט שטענדיק, מיט אַ שמייכל, וועגן אַ רעפּראָדוקציע פון מאַרק שאַגאַלס אַ בילד, וואָס ער האָט געזען אינעם שטאָטישן מוזייום. אויפן בילד איז געמאָלן, ווי „ער" און „זי" האַלטן זיך פאַר די הענט און פליען הויך איבער די דעכער און קרומע קוימענס פון קרומע הייזער אין אַ שטעטל. בקרוב וועלן זיי, ס'הייסט, ער מויש מיט מלכהלען, אַזוי פליען זאַלבע דריט אין זייער גליק. דער חלום איז געווען אַזוי באַהאַרצט און גליק־זעליק, נאָר דאָס גרילצן פון ראַדיאָ האָט איבערגעריסן מויש'ס חלום. דער ראַדיאָ האָט גערעדט וועגן גרויער וואָר פון יענע טעג, ווען מצרישע האָרדעס רייסן זיך צו די מקומות, וווּ ער פאַרט איצט.

„וואָס ווילן זיי פון אונדז? — פון אים מיט מלכהלען, פונעם קינד, וואָס דאַרף נאָך געבוירן ווערן, פון די מענטשן וואָס מען האָט אַרויס־געריסן פון די היימען, ווי מען האָט אים אַרויסגעריסן, וואָס ווילן זיי פון די קיבוצים אין צפון, וואָס זיי האַלטן אונטער פייער יאָרן לאַנג, וואָס פאַר אַ שלעכטס האָבן מיר זיי געטאָן"?

נישט מיט אימה, נאָר מיט ביטערן צאָרן קוועלן אַן זיינע גלידער, זיך געמיט, עס ביילן זיך די פויסטן...

ער איז אַ פּאַראַשוטיסט, ער שוועבט פון הימל צוגעבונדן צו אַ פּאַלשירעם, און זעט פון אונטן די צייטיקע פעלדער מיט די גרינע שטחים פון זיין לאַנד ישראל, ווו ער איז געבוירן געוואָרן, און אויסגע־וואַקסן, אַרום איז שטיל, נאָר אין די אויערן רוישט אַ ים, ער נידערט, ער נידערט, פון אונטן זעט ער אַ סטאַדע שעפּסן, וואָס לעקן דעם זוים פון אַ פעלד, אַ ביסל ווייטער — אַ ים געקאַרבטע, גאָלדענע זאַמדן.

זיין פאָטער, יוסף הררי, האָט מיט צוואַנציק יאָר פריער פאַרטיידיקט די היים מיט די מענטשן פון דער „הגנה״, זיי האָבן זיך פאַרטיידיקט מיט אַלטע ביקסן, מיט מאַוזערס, מיט פּרימיטיווע סטענגען און האַנט־גראַנאַטן פון „תוצרת הארץ״ — קעגן בריטישע האַרמאַטן, וואָס דער „אַראַבישער לעגיאָן״ האָט אָנגעווענדעט קעגן זיי. פון דעסטוועגן, נאָך נעכט זיך שאַרן אויף די בייכער דורך דערנער, דורך שטעגן, דורך וואַדיס און תבואה־פעלדער, האָבן זיי באַוויזן פאַרטיידיקן זייער זאַך.

זיין פאָטער איז געפאַלן, ווען ער איז אַלט געווען 2 יאָר. די מוטער פלעגט אים דערציילן אַז דער אַבאַ איז איינגעשלאָפן מיט אַ שמייכל, איר געזאָגט:

— ברכה, אונדזער משהלע וועט לעבן גליקלעכער פון אונדז, ער וועט לעבן אין שלום און רו.

דאָס כישוף וואָרט די „רויטע קו״, האָט אים ווידער דערפירט צו אַ לאַגער, וואָס האָט זיך געשפּרייט איבער מרחקים, אונטער בוימער, צווישן קוסטעס און הויכע תבואה פעלדער, וואָס אייזערנע וועגענער האָבן צעטרעטן אָן רחמנות. פון אונטער קאַלירטע נעצן האָבן זיך געזען שורות טאַנקען מיט פאַרריסענע, לאַנגע העלדזער, וואָס האָבן זיך איבערגעקוקט מיט רערן פון האַרמאַטן. אויף שריט און טריט האָט מען געגראָבן שוץ גראָבנס, קאַנאַלן, בונקערס מיט דורכגענג. אומעטום האָט מען געזען מענטשן אין געפלעקטער קליידונג — כאַקי מיט ברוינע און גרינע פלעקן, דאָס רוב פון זיי האָט געטראָגן שטאָלענע העלמעטן, איבערגעצויגענע מיט נעצלעך, ווו עס זענען געווען אַריינגעפלאָכטן שטיקלעך צווייגן, בינט־לעך זאַנגען און ערבה־ריטלעך. דאָרטן איז געווען אַ גרויסער מענטשן־בינשטאָק, וואָס האָט געלעבט און זיך באַוועגט אין דער שטיל אָן איבער־

רייס, איינגעהילט אין קאמופליאזשירטע טעג און טונקעלע נעכט. די זון האט געברענט און געטריקנט, די לבנה האט געשטערט, איר שיין פלעגט שטענדיק פאלן דארטן, ווו מען האט זיך געגויטיקט אין חושך.

דער לאגער האט זיך געפונען נאענט פון דער גרענעץ. פון יענער זייט גרענעץ פלעגן זיך אפט הערן שאסן, אין די נעכט פלעגן קאלירטע ראקעטעס נישטערן אין הימל, און פארשווינדן אין חושך ווי מעטעארן. דער לאגער האט געשוויגן און איגנארירט די נערוועזע אקטיוויטעט פון יענער זייט. עס פלעגט פאסירן, אז א ריזיקער סנאפ ליכט פון א צה״ל־פראַ־זשעקטאר פלעגט פון ערגעץ א באהעלטעניש פלוצים א וויש טאן דעם הימל — פלעגט אויף „יענער זייט״ ווערן „שמחה וששון״...

מויש האט זיך גיך צוזאמענגעלעבט מיט די מענטשן פון זיין איינהייט און מיט דעם אלעם, וואס זיין איינהייט האט געדארפט אויספירן — „אויב״ — „אויב״, אט דער „אויב״ מיט דער נישט קלארקייט, מיט דעם נישט וויסן „יא״ צי „ניין״, — האט אלעמען דענערווירט, ווארום די אנסופיקע איבונגען און גרייטקייט־צושטאנד, וואס האט אנגעהאלטן וואכן לאנג, האט געזאגט, אז דאסמאל האנדלט זיך נישט וועגן א „נערוון־קריג״, נאר וועגן עפעס מער און ממשותדיקער — „אויב״, ווידער „אויב״ — — —

די פאראשוטיסטן, וואס זענען געווען צוגעטיילט צו דער איינהייט, וואס מויש האט קאמאנדירט, האבן געהאט זייערע סיבות נישט צו זיין צופרידן, ס׳איז זיי נישט געווען צום הארצן, זיך א ז ו י צו לאזן גיין אין אן אקציע — „אויב״, זיי האבן זיך גאר געריסן אנצוקומען „ווו מען דארף״ נישט מיט דער יבשה, נאר פון הימל אראפ, מיט פאלשירעמס, דעם שונא אין רוקן, פלוצים, פלינק, גיך, ווי עס פאסט זיך פאר פאראשוטיסטן.

מויש האט זיי גוט פארשטאנען, ווייל אין תוך גענומען איז ער אויך געווען באהערשט פון די זעלבע מחשבות, אבער ער האט זיך באמיט אויפקלערן זיינע מענטשן, אז דער שטאב ווייסט, וואס ער באשליסט:

— איר חברה זענט דאך די עליטע, פון די בעסטע שטורעם־זעלנער, איז זענט דער שפיץ פון דער שפיז.

אזוי זענען אוועק א פאר וואכן שווערע, אנסופיקע איבונגען מיט

דרילן, טעג און נעכט אַן מנוחה אין כסדרדיקער שפּאַנונג, וואָס האָט די מענטשן אַריינגעוועבט אין אַן אַנדער וועלט, אין אַנדערע זאָרגן, וואָס ווייטער זיי מער דערווייטערט פון דער רוּיקער, היימישער אַטמאָספער, פון דער היים וּוענען געבליבן אַנגעוויטאָקטע אימאַזשן פאַר יעדערנס אָפּגעריסענע חלומות אין די ווייניקע שלאָף־שעהען און פאַר קורצע בריוו־לעך צו שרייבן, און צו באַקומען, וואָס פלעגט יעדערן אויפרודערן אין דער טיף...

ביסלעכוויז האָט זיך די איינהייט צוזאַמענגעשמידט אין אַ משפחה־גאַנצקייט פון בשותּפותדיקע זאָרגן און בענקשאַפט. אין די הפסקות פלעגט איינער דעם צווייטן וויזן משפחה־בילדער, דערציילן וועגן קינדער און נאָענטע, כמעט אַלע באַוויבטע האָבן געוווּסט די נעמען, פון איינער דעם צווייטנס פרויען און קינדער. די פּאָסט איז יענע טעג נישט שטענדיק אָנגעקומען צו דער צייט, דערפאַר פלעגן קומען אין די לאַגערן די בחורים פון ראַדיאָ, צונויפזאַמלען גרוסן פאַר די פאַראומערטע היימען און זיי איבערגעבן דורך ראַדיאָ, ווידער פון די היימען פלעגן אַזעלכע גרוסן דורך ראַדיאָ דערגיין אין די לאַגערן און שוץ־גראָבנס, אומעטום, ווו די שומרי ישראל האָבן זיך געפונען. עס האָבן זיך באַוויזן מיליטערישע מוזיקער, אַרטיסטן, זינגער און טענצער — אוניפאָרמירטע בחורים מיט מיידלעך, וואָס פלעגן אומעטום, שעהען לאַנג, פאַרווײלן די מאָביליזירטע, עס האָט זיך שיעור נישט געשאַפן אַ נייער שטייגער, ביז אַ נאַכט־אַליאַרם־רוף צו העכסטער גרייטקייט האָט אַלעמען געשטעלט אויף די פיס.

ווי עס זאָל נישט קלינגען משונהדיק האָט אָט דער לעצטער אַליאַרם אַנטשפּאַנט די נערוון, דער „אויב" איז אַוועק מיטן ווינט, עס האָט געשלאָגן די גרויסע שעה, ווען דער גורל פון פאָלק איז אַריבער, ווי אַ פקדון, צו אָט דער גרויער מאַסע שלאַכט־לייט, וואָס האָבן זיך בדחילו גענומען רירן.

פון אַלע זייטן האָט געהילכט דער איינציק־וואָרטיקער באַפעל:

— נוע — זיך רירן.

עס האָט זיך גערירט.

זיבן שעה שפּעטער איז מוישן שווער געווען צו דערקענען, ער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שלאַכט־קאָמאַנדיר — סרן, — קאַפּיטאַן משה הררי, געקליידט אין אַ פעלד־פּאַראַשוטיסטן לבוש, אַ לבוש — אַן אַבס־טראַקטע מאַלעריי, כּאַקי מיט גרינע און ברוינע געמעלן, שטרייפן מיט ספּיראַלן, שמאַלע, געפלעקטע הויזן מיט קעשענעס פון פאָרנט און פון הינטן, אפילו פון די זייטן, אַ גורט מיט קוילן, אויפן גורט אַנגעהאַנגען האַנט־גראַנאַטן מיט אַ פאַרשפּיצטן מעסער אין אַ שייד, אַ קורצע עוזי־ביקס מיט אַ רימען אַלכסונדיק פאַרוואָרפן איבער דער ברוסט. אויפן קאָפּ — אַ שטאָלענער העלמעט ביז צו די אויגן, איבערגעצויגן מיט אַ קאָמופליאַזשירטער נעץ, די אויגן — ווי צוויי שטיקער פייער.

מויש מיט אַן אַנדערהאַלבן צענדליק פאַראַשוטיסטן, געקליידט ווי ער, האָבן זיך געטראָגן ווי אַ שטורעם אין אַן אָפענעם פּאַנצער־וואָגן אויף קייטן־רעדער, איינגעגלידערט אין אַן אַנסופיקן קאַראַוואַן טאַנקען, קאַמיאָנען פול מיט זעלנער, דזשיפּן מיט און אָן קוילנוואַרפער, שליידערס, באַזוקעס, האַרמאַטן פון אַלע גרויסן, אַנדערע מיט פאַרריסענע רערן, ווי העלדזער פון זשיראַפעס, וואַסער און ברען־שטאָף טאַנקערס, קאַסטנס אַמוניציע, אַמבולאַנסן, הויב־קראַנען, מאָבילע וואַרשטאַטן, ראַדיאָ־אינסטאַליאַציעס, קאָמוניקאַציע און פאַרבינדונגס־מכשירים, פּראָזשעקטאָרן מיט נאָך און נאָך פולע כּלי רכב פון אַלע גרויסן. דער קאַראַוואַן, איינגעהילט אין אַ וואָלקן שטויב, האָט זיך געריסן פאָרויס אויף אַ צעשעדיקטן כּביש, פון יענער זייט גרענעץ, איינעם שטח פון עזה־פּאַס.

ס׳איז געווען נאָך חצות. אַ שווערער נעפּל האָט איינגעהילט די גאַנצע סביבה, פון ווייטן, פונעם נעפּל אַרויס, האָבן אויפגעפלאַמט בליצן, עס האָבן זיך דערהערט דונערן, וואָס האָבן געקייקלט טויט — — — —

לכתחילה האָבן זיך די זעלנער אין די אייזערנע וועגענער געטוליעט איינער צום צווייטן, אַריינצואָטעמען די נאָך נישט אויסגעוועפּטע היימישע ריחות, וואָס יעדער האָט נאָך געטראָגן מיט זיך. ביסלעכווייז האָט זיך אַלץ אויסגעלאָזט, פאַרשוווּנדן. מענטשן און כּלי־זיין האָבן זיך צוזאַמענגע־שמאָלצן אין אַ גאַנצקייט, איבערגעלאָזן אַלע מחשבות, געהאַט פאַר די אויגן און איינעם באַוווּסטזיין נאָר דאָס איינציקע — די היים, וואָס פאַר־

קערפערט איצט אַלץ אין איין איינציקן באַגריף: ישראל! וואָס דער שונא קלייבט זיך פאַרלענדן. דער שונא שטייט פאַר דער שוועל פון דער היים. צאָרן האָט געגומען פליסן אין די אָדערן צוזאַמען מיטן בלוט. לייב און לעבן איז געוואָרן פאַרשטאָלט, די מענטשן האָבן גענומען פיבערן, די געמיטער האָבן אָנגעקוואָלן מיט אייזערנעם ווילן.

דאָס דונערן מיטן פייער האָט זיך דערנענטערט, ראַקעטן האָבן זיך געשניטן אין דער הויך, אַ יעדער שפּור פון פּחד איז פאַרשוואונדן. אַ מוראַדיקער אויפרייס און געשטאַנק פון פולווער האָט פול געמאַכט די לופט. איין איינציקע רגע איז ליכטיק געוואָרן אינעם חושך. עס האָט זיך אָנגעהויבן דאָס, וואָס מען האָט דערוואַרט, דאָס צו וואָס מען האָט זיך געגרייט: — אַ באַהאַלטענע קאָלאָנע טאַנקען פונעם שונא האָט מיט אַ זאַלפּ פייער מקבל פּנים געווען די יהוד.

עס האָט זיך באַלד פאַרוויקלט אַ מאַויימדיקע שלאַכט, וואָס האָט זיך פאַרצויגן ביז אַ פאַרבלוטיקטע זון האָט גענומען באַלייכטן דעם טאָג, וואָס האָט אַנטפּלעקט אַ ברייטן מדבר־פּליין, וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גיהנום, אין אַ באַוועגלעכן געמיש פון טאַנקען, האַרמאַטן, פּאַראַשוטיסטן מיט שלאַכט־לייט אין אָפענע פאַנצער, מיט שליידערס און קוילן־וואַרפער און מיט באַזוקעס, וואָס האָבן געשפּיגן מיט פייער. מיט ניסים האָבן זיך אינעם דונערנדיקן ברענענדיקן כאַאָס אַרומגעדרייט גאַנצע דזשיפּן מיט קאָמוניקאַציע־מכשירים וכדומה. עס זענען אַרומגעלאָפן צעפּלאָמטע זעלנער פוס־גייער, אין לעבעדיק־שטורמישער ריגג, איין שורה איינגעגלידערט אין דער צווייטער, זיך געוואָרפן אויף דער ערד און פלינק, באַלד ווידער אויפגעשטאַנען, אַזוי אין דער ברייט און טיף פונעם שלאַכטפעלד, וואָס איז געווען איינגעהילט אין רויך און פלאַמען. אינעם כאַאָס איז געווען אַ פּלאַנירטער, אַן אָרגאַניזירטער סדר, אַלץ האָט געקלאַפּט.

הויך־שפּרעכער פון באַוועגלעכער ראַדיאָ־קאָמוניקאַציע האָבן נישט אויפגעהערט שיטן הייזעריקע באַפעלן פון קאָדירטע, משונהדיקע ווערטער, ציפערן און פסוקים, וואָס עס האָבן פאַרשטאַנען נאָר יענע, צו וועמען די באַפעלן זענען געווען געצילט:

— „רויטע קו — רויטע קו — 14756 = 14756"
— „טויער — 8 — טויער — 8 — פליגלען — רעכטס"
— „עמודים — עמודים — מצויין".

דער שטח האָט אויסגעזען ווי די ערד וואָלט געפּלאַצט, ווי וווּלקאַנישע אויסברוכן האָבן צעשטערט די גלייכגעוויכט פון דער נאַטור זינט מעשה בראשית און אַרויסגעריסן פון הקדוש ברוך הוא אַליין זיין שליטה אינעם שטח צווישן הימל און ערד. אין די ערשטע באַגינען־שעהען איז צוגעקומען אַ פייפעריי מיט גרויליקע יללות פון אַעראָפּלאַנען, געקערעוועטע פון יידישע אָדלער, וואָס האָבן אַלע ווילע ווי געשפּענסטער דורכגעשניטן די געדיכטע, אַנגעגליטע לופט, און האָבן איבערגעהילכט דאָס דונערן פון די האַרמאַטן אויף דער ערד, זייער פייערדיק שטעפּן פון אויבן האָט זיך אויסגעמישט מיט דער אויטאָמאַטן־שטעפּעריי פון אונטן.

סרן משה הררי, דער שלאַכט־קאָמאַנדיר פון דער און דער פּאַראַשוטיסטן־איינהייט, האָט אָפּגעהיט זיינע זעלנער ווי אייגענע קינדער. די זעלנער האָבן זיך אויף אים פאַרלאָזן, ער איז געווען אומעטום דער ערשטער, אין דער פאָדערשטער שורה, געגעבן קלאָרע באַפעלן, געלאָפן פאָרויס אין פייער — זיינע מענטשן מיט אים און נאָך אים, אַזוי ביז די לעצטע קאָנווולסיעס פון דער שלאַכט, וואָס האָט גענומען אויסלעשן, ווייט אין דער טיף, אינעם שטח פון שונא.

גאָר אַ גרויסע צאָל טראַנספּאָרט־כלים פונעם שונא זענען געלעגן צעשמעטערט אין פלאַמען. די טאַנקען זענען געלעגן איבערגעדרייטע, אויפגעריסענע, אָדער זענען געשטאַנען שטומע, פאַרלאָזענע פון פחדנים, אָדער באַזעצטע פון דערהרגעטע מצרים, וואָס האָבן נישט געוווּסט פאַרוואָס מען האָט זיי אַרויסגעריסן פון זייערע, ווייטע, רויִקע היימען און זיי דאָ געבראַכט מלחמה האַלטן מיט די יהוד. דאָ און דאָרטן האָבן זיך אויך געזען אויפגעריסענע יידישע פאַנצער מיט נאָך נישט איינגעזאַמלטע הרוגים פון צה"ל. אין יעדן ווינקל זענען געזעסן פאַרגליווערטע, אָרום־געריסענע, באָרוועסע, מיצרישע געפאַנגענע מיט אויפגעהויבענע הענט, פאַרלייגטע איבער די קעפּ, מיט טויטשרעק אין די אויגן. פאַרבייגייענדיקע צה"ל־שלאַכטלייט, פאַרשוואַרצטע, אויסגעשמירטע פון שטויב און

שוויס, נישט ראַזירטע, מיט רויטע אויגן, האָבן אַוועקגעגעבן די געפּאַנ־גענע זייערע מענאַשקעס לעבלעך וואַסער, וואָס זיי האָבן זיי צוגעטראָגן גלייך צו זייערע פאַרטריקנטע, געפּלאַצטע ליפּן, ווייל זיי האָבן נישט געטאָרט אַראָפּלאָזן די פאַרלייגטע הענט פון איבער די קעפּ, כל זמן מען האָט נאָך נישט אונטערזוכט יעדערן פערזענלעך.

מידע שלאַכט־סאַניטאַרן האָבן איינגעזאַמלט הרוגים און געגעבן די ערשטע הילף פאַרוווּנדעטע, בני ישראל צוגלייך מיט פאַרוווּנדעטע זעלנער פון די געשלאָגענע שונאים, אַלעמען אַרויפגעלייגט אויף טראָג־בעטלעך, זיי אָנגעלאָדן אויף פאַרשטויבטע אַמבולאַנסן, אויף העליקאָפּטערס און אויף אַנדערע טראַנספּאָרט־מיטלען, אפילו אויף אָפענע פּאַנצער־אויטאָס.

צוויי שלאַכט־ברידער, פאַראַשוטיסטן, האָבן געטראָגן די אַטלעטישע פיגור פון סרן משה הררי־מויש. אַ באַנד מיטראַליאָז קוילן האָבן דורכ־געלעכערט זיין ברוסט און שיינעם בלאָנדן קאָפּ אין דער לעצטער שעה פון דער שלאַכט.

אַ נאָענטער שלאַכט־ברודער האָט נאָך באַוויזן אויפכאַפּן זיינע לעצטע צוויי כאָרכלדיקע ווערטער, איידער אַ שטראָם בלוט האָט אַרויסגעזעצט פון זיין מויל:

— ניצחנו, מלכה׳לע.

מלכהלעס מוטער האָט באַוויזן קומען צו דער צייט. אַ צייט נאָך מויש׳ס אַוועקגיין האָט מלכהלע געבוירן אַ זון, ווי די יונגע באָבע האָט געזאָגט: — „אַ קאָפּיע פון טאַטן”, אַ יונגאַטש, וואָס האָט געווויגן 4 קילאָ.

וועגן מויש׳ס טויט האָבן זיי זיך באַלד דערוווּסט און באַוויזן, אויפן ברית, אים אַ נאָמען געבן נאָכן טאַטן:

— „משה בן משה” — ווי עס האָט מיט אַ פאַרשטיקט קול אויס־געזונגען דער מוהל, דער איינציקער גאַסט מחוץ דער משפחה, וואָס איז געווען אויפן ברית, און פאַרענדיקט בלחש, ווי צו זיך אַליין: — „דור הולך ודור בא”.

מויש איז נאָך דער שלאַכט געקומען צו קבורה אין נגב צוזאַמען מיט נאָך דריי הונדערט יידישע זין געפאַלענע אין דער מלחמה פון די „זעקס טעג".

צום ערשטן יאָרצייט האָט מען די ארונות מיט זייערע עצמות איבערגעפירט, יעדערן אין זיין שטאָט אָדער דאָרף, אויף די דאָרטיקע מיליטערישע בתי קברות, נאָענט צו די היימען און פאַריתומטע משפחות.

מלכהלע איז נישט געבליבן אַליין, זי איז געבליבן מיט מוישעלען, נישט אַראָפגענומען אירע אויגן פון זיין פריש פנימל, און געזוכט דעם פאָטערס שטריכן.

אויסערלעך האָט מלכהלע אויסגעזען רויִק, נאָר איר שטילקייט און בלאַס, פאַראומערט געזיכט האָבן דערציילט וועגן אַ וווּנד טיף אין האַרצן, וואָס פאַרטרייבט יעדע טרייסט פון אַ צוויי און צוואַנציק יאָריקער אלמנה.

חיפה, אָקטאָבער 1967

אתרוגים

יענעם באַגינען, סוף פרילינג, האָט אַ געדיכטער נעפּל איינגעהילט די הויכן פון גליל. אַ שווערער טוי האָט באַדעקט די גרינע פעלדער. די קוסטעס און ביימער פון די סעדער האָבן געטריפט מיט זילבערנע טראָפּנס. די נאָר וואָס אויפגעגאַנגענע זון פון הינטער די מזרח־הויכן האָט געגומען שטייגן אַ בלאַסע, ביסלעכווייז פאַרצערט אַרום זיך די רחבות־דיקע רעדער פונעם נעפּל.

די הענער אין די ישובים צופוסנס פון די גולן־הויכן און אין די פּליינען פון דער אַמאַליקער חולה האָבן געטאָן זייערס, זיי האָבן געוועקט די תושבים צו אַ ניי אָנגעלאָדענעם טאָג אַרבעט. בעת די עלטערע מושב־ניקעס זענען שוין געלעגן אין די בעטן מיט האַלב אָפענע אויגן, און געטראַכט ווי צו פאַרטיילן דעם אַרבעטסטאָג, זענען נאָך זייערע זין און טעכטער שטאַרק געשלאָפן פאַרזונקענע אין חלומות.

עמרם כספּי, אַן עלטערער מושבניק אין יסודות, האָט זיך לאַנגזאַם אויפגעהויבן פון געלעגער, געגענעצט, געקראַצט דעם קאָפּ און אַראָפּ־לאָזנדיק די פיס אויפן קאַלטן דיל אָנגעקוואָלן פון זיינע צוויי יינגערע זין, וואָס זענען געשלאָפן האַלב אָפּגעדעקטע אינעם זעלבן צימער. עמרם האָט זיי געוואָלט אויפוועקן און חרטה געהאַט — „עט, לאָזן זיי הנאה האָבן פון נאָך אַ האַלבע שעה ביז איך וועל פאַרטיק ווערן מיט זיך, זיך אָנטאָן, אָרומוואַשן, אָנצינדן אין קיך דעם קנויטלאָמפּ, צושטעלן וואַסער אויף קאַווע און ביז דאָס וואַסער וועט זידן, וועל איך אָנטאָן טלית און תפילין, אַריינכאַפּן אַ דאַוון".

— גאָט צו דאַנקען אַבי די נאַכט איז אַוועק — האָט עמרם געטראַכט ביים צינדן דעם קנויטלאָמפּ. ס׳איז געווען אַן אומרויִקע נאַכט, פון דער נאָענט האָבן געדונערט האַרמאַטן, פאַר יעדן דונער —אַ בליץ. — די

מנובלים האָבן ווידער באַליגט מיט פייער גדות, די סירישע רוצחים מאַכן אַ תל פון קיבוץ. גאָט צו דאַנקען, שוין עטלעכע שעה פאַרביי ווי ס'איז שטיל — האָט ער ווי געמורמלט צו זיך אַליין.

נאָך פאַר „עלינו" האָט ער שוין צוזאַמענגעלייגט די תפילין, אויסגעטאָן דעם טלית, אים צונויפגעלייגט און צוזאַמען מיט די תפילין אַריינגעלייגט אין טלית־זעקל. בעת עמרם האָט דערפילט אין די הענט דעם אָפּגעבליאַקעטן סאַמעט פונעם טלית־זעקל, האָט אים אַ ריס געטאָן אין האַרצן — „הא! ראש חודש סיון, די צענטע יאָרצייט נאָך זיין רחלען, ווי גיך די יאָרן לויפן — צען יאָר אַן אלמן" ביז בישט לאַנג האָט ער זעלטן געטראַכט פון זיין עלטער, נאָר די לעצטע צייט זענען אים שווערער געוואָרן די פיס, ביים אויפשטיין קען ער בישט פאַרדריקן אַ פויסט מיט דער לינקער האַנט, די שמיעה איז שוואַכער געוואָרן און דאָס ערגסטע — דער זכרון דינט בישט ווי פריער, ער פאַרגעסט ווו ער לאָזט איבער אַ שטיקל געצייג, פאַרגעסט אַ נאָמען, וואָס ליגט אים אָט אויף דער שפּיץ צונג — — — אָט האָט ער איצט פאַרגעסן אויפ־וועקן די בנים, פאַרגעסן אַ קוק טאָן ווי עס האַלט מיטן קענדל וואַסער אויפן קנויטלאָמפּ און איז גאָר אַוועק פאַרשיטן אַבראָק פאַר די קי און מויל־אייזל, זיי אָנטרינקען מיט פריש וואַסער, געבן שפּייז די עופות". צוריקוועגס פון שטאַל, האָבן אים באַגלייט זיינע צוויי הינט, אַרומגע־שפּרונגען פריילעכע און אים געלעקט די הענט.

— „יאַללאַ, יאַללאַ כלבים", האָט ער זיי גוטמוטיק אָפּגעטריבן, נישט פאַרגעסן אַ גלעט טאָן די הינטישע קעפּ און רוקנס. נאָענט פון שטוב זענען אים די הינט פאַרלאָפן דעם וועג און זיך אַריינגעכאַפּט אין קיך, ווו די זין האָבן זיך שוין פאַרנומען מיט פאַרבריען קאַווע, מיט טענות צום פאָטער, הלמאי ער האָט בישט רעגולירט דאָס פייער אין קנויטלאָמפּ, דאָס פייער האָט פאַררויכערט דאָס קענדל, וואָס שפרה זייער באַלעבאָסטע האָט ערשט נעכטן אויסגעשייערט, אויסגעפּוצט ווי אַ שפּיגל.

עמרם האָט זיך געשעמט זיי צו זאָגן, אַז אין זיין פאַרנומענקייט אין שטאַל, האָט ער זיי פאַרגעסן אויפוועקן און פאַרגעסן דעם קנויט־לאָמפּ אין קיך... די זין האָבן איבערגעהאַקט זיינע מחשבות און געפרעגט,

צי ער האָט געהערט ביינאַכט די שיסעריי? זיי זענען שטיל אַראָפּ פון די בעטן, זיי האָבן נישט געוואָלט אים אויפוועקן, זייער בלוט האָט געקאָכט, די פויסטן האָבן זיך געביילט, בעת מעשה האָבן זיי געוואָלט לויפן צום געווער־צימער אין ועד, נאָר ביז וואָס ווען איז שטיל געוואָרן. צוריק־גערעדט, ווען עס וואָלט נויטיק געווען, וואָלט די גאַס נישט געבליבן רויק, די גאַנצע מושבה וואָלט זיך געשטעלט אויף די פיס מיט געווער אין די הענט. אַ ביטער געפיל האָט זיי באַהערשט: — דאָ דונערן האַרמאַטן, בעת זיי האָבן אין זייער רשות נאָר לייכט געווער. זיי האָבן זיך באַרויקט און זיך דערמאָנט, אַז נישט ווייט פון דער מושבה געפינט זיך אַ לאַגער פון צה״ל מיט פאַסיקערע „כלים״, ווי ביקסן מיט „עוזיס״, אַז פון לאַגער רופט מען נישט, קען מען דעם אבא לאָזן אין בעט. די מידקייט נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט האָט זיי איבערוועלטיקט, האָבן זיי זיך צוריק געלייגט און איינגעשלאָפן.

— יאָ, כ׳האָב געהערט, איך בין געלעגן מיטן פּנים צו דער וואַנט, די מנובלים מאַכן חרוב גדות — האָט ער זיי געענטפערט, — איך בין נישט געשלאָפן, איך האָב אייך געוואָלט אויפוועקן איר זאָלט זיין גרייט, אפשר וועט מען אייך רופן, זענט איר גאָר געווען וואַך... לאָמיר איצט מסדר זיין די אַרבעט, ס׳איז שוין אַ שטיק אויפן טאָג.

יענער ווינטער איז געווען געבענטשט מיט רעגן, שוין איבער דער מאָס. דער שטח פון דער אויסגעטריקנטער חולה האָט נישט אומעטום געקענט איינזאַפּן די ברכה פון הימל, אַזוי, אַז דאָ און דאָרטן זענען געשטאַנען שטיקער קרקע פאַרשוווּמען מיט וואַסער, וואָס האָט זיך געשפּיגלט אין דער וואַרעמער זון. סטאַיעס ווייסע פויגל האָבן געקרייזט אַרום די וואַסער־שפּיגלען, זיך געלאָזן שווימען אויף זיי, זיי האָבן געטונקט די רויטע שנאָבלען און געפּוצט זייערע שניי־ווייסע, לאַנגע, בויגעוודיקע העלדזער, דאָ און דאָרטן, בעת מעשה אַרויסגעפּישט אַ פראָש. פאַרבלאָנדזשעטע בושלען האָבן פלעגמאַטיש געשפּרייזט מיט זייערע דינע, הויכע פיס, זיך איבערגערופן מיט אַ גאָרגלען, וואָס האָט דערמאָנט קינ־דערשע פורים־גרעגערס ביים לייענען די מגילה אין דער אַלטער שול

פון דער קאָלאָניע. דאָ און דאָרטן האָבן מושבניקעס געטאָפּטשעט אין בלאָטיקן אַקערלאַנד אין הויכע גומענע שטיוול, מיט זאַקן־מיצן אויף די קעפּ, זיי האָבן זיך כסדר געבויגן, אויסצוגלייכן און אונטערצושפּאַרן אַ פלאַנץ פון אַ פאַרשוווּמענעם יונגן בוים, אָדער מעכאַניש אַרויסרייסן אַ ווילד גראָז. פון נאָענט און ווייט האָבן געראַשט טראַקטאָרן, פאַרשפּרייט פון די עקזאָסטן בלוילעך־שיטערן רויך. אויף די טראַקטאָרן זענען געזעסן יונגען, וואָס האָבן געקערעוועט מיט צוגעהעפטע דיסקוסן אָדער מיט זילבער בלאַנקע אַקער אייזנס. בעת די ווינטער־געוויקסן האָבן געצייטיקט האָט מען שוין פאַרגרייט שטחים פאַרן זומער־פאַרזיי. די איבערגעקערטע ערד איז געווען פעט, זאַט מיט וואַסער, די פלאַסטן האָבן אויסגעזען ווי אַ טייג פון געקנעטעטענעם טונקל ברוינעם שאָקאָלאַד. די מענטשן זענען אינגאַנצן געווען פאַרשלונגען אין דער אַרבעט, פאַרגעסן די צעדור־נערטע נאַכט מיט די פאַרבאַרגענע בעטאָן־בונקערס אין דער הויך, אויפן רוקן פון נאָענטן באַרג, ווו באַהאַלטענע סירישע זעלנער האָבן באַוואַכט געלאָדענע, שווערע כלי משחית, אויסגעקוקט אַ יעדע רגע צו עפענען פייער אויף די צעבליטע יידישע ישובים אינעם חולה־טאָל.

עמרמס נחלה פון אַנדערהאַלבן הונדערט דונאַם אַקער לאַנד מיט שטיקער פלאַנטאַציע־שטחים איז געלעגן צעוואָרפן אין עטלעכע ערטער, איין שטיק איז נישט געווען פאַרבונדן מיט דעם צווייטן ווייל עמרם האָט נישט אַלץ דערוואָרבן מיט אַ מאָל. אין דער מושבה איז געלעגן זיין הויף מיטן הויז, שטאַלן און מאַגאַזינען, טייל מיט שמעקעדיקע פרוכט־בוימער, טייל ביזן לעצטן פיצל פאַרזעצט מיט גרינצייג, אַ סאַזשעלקע, אַ הינער־שטייג, און צוויי הויכע טויבנשלאַקן, ווי אין אַלע הויפן, וואָס זענען געווען די לעבעדיקע צירונג מיטן נחת פון די ייִנגערע קינדער. אַ טייל פון עמרמס ערדבאַזיץ איז געלעגן נישט ווייט פון דער מושבה, דאָס איז געווען דער ירושה שטח אַקערלאַנד, פאַרזייט מיט פּאַשע און גערשט פאַר בהמות, מיט קוסעס, באַטינדזשאַנעס, מייערן, מיט אינדזעלעך ווייַנ־שטאָקן דאָרטן, ווו די ערד איז געווען שטייניק. די רעשט איז געווען פאַרזייט מיט ווייץ, וואָס איז יעדעס יאָר געמינערט געוואָרן צוליבן פלאַנצן פרוכטביימער: עפּל, פלוימען, אַפּריקאָסן וכדומה, וואָס האָבן

גוטע מערק און ברענגען הכנסה צו דעקן סיי די שטוב־הוצאות סיי די יערלעכע שטייערן, סיי אויף כלים און אַנדערע קלייניקייטן.

צוויי שטיקער ערד האָט עמרם פריער אָפּגעשניטן פאַר צוויי איידימס, זון פון מושבניקעס, וואָס האָבן חתונה געהאַט מיט זיינע טעכטער. די אָפּגעשניטענע שטחים זענען אינגאַנצן פאַרפלאַנצט געוואָרן ביזן לעצטן שפּאַן.

נאָכן אויסטריקענען די חולה האָט עמרם הערוואָרבן נאָך אַ פּאָר חלקים ניי־ערד, געהאַט אין זינען ביידע „יינגלעך", צוויי יונגען ווי דעמבעס. דערווײַלע איז אַלץ באַאַרבעט געוואָרן ווי אין ווירטשאַפט, איבער וועלכער עס האָט געקיניגט דער טאַטע מיט אַ שטאַרקער האַנט און שאַרף אויג. ער האָט נישט געמאַכט קיין חשבונות, וואָרעם ביידע זין האָבן באַקומען אלדאָס בויטיקע פון טאַטנס קניפּלעך און פון זיין באַנקקאַנטע. ביים אויסטיילן די זין זייערע הצתרכותן פלעגט ער נישט פאַרגעסן צו ברומען, זיי דערמאָנען, אַז זיי זענען „אויסברענגער", און בעת מעשה געטראַכט, „אויף אַלע יידישע טאַטעס — אַזעלכע בנים", גאָלדענע הענט, אַרבעטסזאַמע בחורים, וואָס ווייסן שוין דעם ווערט פון דער פּרוטה; בנים צוגעבונדן מיט לייב און לעבן צום משק, צו דער קרקע, אויסגעוואַקסענע צוזאַמען מיט די ציפּרעסן און הויכע צעצווייגטע ריזן־עקאַליפּטוסן פון ביידע זייטן גאַס אין דער מושבה. — „זיי זענען נישט קיין שטאָטישע שמיליגענטן, וואָס פאַרטאַנצן מער ווי זיי ברענגען אַריין", פלעגט ער מורמלען מיט נחת פון אונטער די וואָנצן אין באָרד אַריין.

— זאָל נאָר זיין שלום על ישראל, לאָז מען אונדז לאָזן רויק לעבן, וועל איך נאָך זוכה זיין טראָגן אַלע שבת זייערע זין אויף מיינע אַקסלען, ווי איך פלעג זיי טראָגן אין פעלד, צו ווייזן, ווי פון שוויס און פּראַצע בליען גרינע פעלדער און בלומיקע בוימער. — ס'האַרץ פלעגט אים פאַרקלעמען ווען ער האָט זיך דערמאָנט, אַז זיין רחל עליה השלום האָט נישט דערלעבט צוזאַמען מיט אים געניסן פונעם נחת פון ביידע דער־וואַקסענע זין, וואָס געפינען זיך איצט אין די ווייטע חלקים אין די פעלדער, וואָס זענען פאַר איר לעבן געווען זומפּ מיט וואַסער, וווּ נישט וווּ באַדעקט מיט גרינע קוסטעס ווי שימל, וווּ ס'פלעגן זיך אויפהאַלטן

משונהדיקע פויגל מיט רמשים מיט ווילדע חזירים, וואָס פלעגן אין די נעכט חרוב מאַכן יונגע בוימער מיט צייטיקע ווײַנשטאָקן.

אין זײַנע יונגע יאָרן איז עמרם געווען באַקאַנט, ווי „פּיניעס אײניקל״, מחמת ער האָט זיך געהאָדעוועט ביים ייִדן ר׳ פּנחס זילבער, אַן אַלטער מושבניק, פון די ראשונים, אַן עולה פון טראַנסילוואַניע, אַ זון פון אַ דאָרטיקן פּאַכטער, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט עבודת אדמה. דער ייִדע האָט געלעבט אין אַ שטיבל מיט אַ שטרויענעם דאַך, צווישן אַ דאָרף און אַ פּריצישן הויף, ווו ער האָט אויפגעהאָדעוועט אַ משפחה, געצויגן חיונה פון מילך, פון וואָס ער מיט דער באָבע דבורה פלעגן מאַכן קעז מיט פּוטער און עס ברענגען אין שטאָט פאַרקויפן באַשטימטע ייִדישע קונים, סוחרים און קרעמער. דער ייִדע ר׳ פּנחס זילבער פלעגט אויך אײַנקויפן פּרוכט „אויפן בוים״ און עס פאַרקויפן אין שטאָט. ער פלעגט ברענגען פולע וועגענער, יעדן חול־המועד סוכות אין שטאָט אַרײַן, ווו דעם ייִדנס משפחה־מענטשן האָבן געלעבט מדורי דורות ביז ס׳איז געוואָרן אומרויִק. די גויים האָבן זיך געבונטעוועט קעגן פּריץ און זייער כעס אויסגעלאָזן צו די ייִדן, זיי פלעגן גנבֿהענען און גזלענען מחמת הונגער, אונטערצינדן ייִדישע הייזקעס, אויסרויבן זייער האָב און גוטס. ווען דער ביטערער גורל האָט געטראָפן דעם פּאַכטער ר׳ פּנחס זילבער, האָט ער מיט דער הילף פון גוטע שכנים־פּויערן אָנגעלאָדן דאָס רעשט פון זײַנע בעבעכעס אויף זײַן וואָגן, מיטגענומען די באָבע דבורה מיטן זון, דעם אײנציקן לעבן געבליבענעם פון זײַנע דריי קינדער, געשפּאַנט דאָס לעצטע פערדל, אָנגעקומען אין דער נאָענטער שטאָט, ווו אַ קאָמיטעט האָט אים געהאָלפן אָנשפּאַרן קיין קאָנסטאַנצע, פון וואַנען ער, מיט נאָך אַ פּאַרטיע ייִדן, האָבן זיך געלאָזט ווייטער מיט אַ שיף קיין יפו — ארץ ישראל. פון יפו זענען זיי אַוועק זיך קאָלאָניזירן אין גליל, אין דער איצטיקער מושבה יסודות. דער ייִדע האָט זיך באַלד גענומען צו זײַן פריערדיקער אומנות: — קויפן מילך, מאַכן קעז עס צו פירן פאַרקויפן אין טבריה און צפת. עס איז געווען אַ שווער לעבן, אָבער מען האָט געלעבט, זיך אײַנגעשאַפן אַן אייגן ווינקל מיט אַ שטיקל קרקע, חתונה געמאַכט דעם אײנציקן זון, וואָס איז געווען אַ חלוש. ער האָט חתונה

געהאַט מיט אַ דאָרטיק מיידל, אמת, נישט קיין פאַרשווינטע אָבער אַ גוטע, אַ געזונטע אַרבעטסזאַמע פרוי, וואָס האָט נעבעך געהאַט אַ ביטערן סוף; זי איז פאַרגאַנגען אין טראָגן, דער געבורט איז געווען אַ שווערער, עמרם איז געבוירן געוואָרן, נישט זוכה געווען צו געניסן פון זיין מוטערס מילך, ווייל די „באָבע", וואָס האָט אים אָפּגענומען איז נכשל געוואָרן. די מוטער האָט זיך נישט אויפגעהויבן פון קינפּעט און איז שטיל געשטאָרבן, ווי זי האָט שטיל געלעבט. עמרם איז געבליבן ביי דער באָבען אויף די הענט, זי האָט אים געהאָדעוועט מיט אַ פלעשל, מיט צעקייט ברויט אין אַ טיכל. זיין פאָטער, דער חלוש, האָט געכאַפּט „געלן פיבער" און איידער מען האָט זיך דערוואָרט אויפן רופא פון צפת, איז ער אויסגעלאָשן און געקומען צו קבורה אין יסודות. אַ פּאָר יאָר שפּעטער איז דער זיידע ר' פנחס זילבער אויך נישט געוואָרן; „דער צער האָט אים אויפגעגעסן", האָט די באָבע געטענהעט צו שכנים, אָבער זי האָט זיך געהאַלטן, געהאָדעוועט עמרמען, אַליין איינגעקויפט מילך, געמאַכט קעז, געהאָלפן קראַנקע מוטערס זיך שטעלן אויף די פיס, שטילערהייט געגאַנגען וואַשן גרעט און אַזוי געצויגן חיונה. בעת די באָבע איז אויך אַוועק, איז עמרם אַלט געווען 15 יאָר. ער איז געבליבן אַליין אין שטיבל מיטן פאַרוואָרלאָזטן הויף און שטיק פעלד, וואָס אַ גר־צדק פלעגט אַלע יאָר פאַכטן צו זייען תבואה מיט פאַשע. דער גוטער גר האָט געהאָלפן עמרמען אין זיין וויסטער היים ביז ער איז פּוליעריק געוואָרן, זיך אויסגעלערנט באַאַרבעטן די ערד, בעיקר דעם הויף און שטיק פעלד. ער האָט געהאָדעוועט אַ פּאָר צענדליק עופות מיט טויבן, ביז, ביז ער האָט חתונה געהאַט מיטן שכנס טאָכטער, רחל, וואָס האָט געשמט אין דער מושבה ווי אַ בריה און גוטע באַלעבאָסטע.

מיידלוויַז איז איר עמרם געפעלן געוואָרן, ער איז געווען אַ שטי־לער, שלאַנקער בחור מיט אַ „גוטן קאָפּ", מיט „אייזערנע" הענט און מיט גרויסע, טונקל גרויע עצבותדיקע אויגן. נאָך דער חתונה האָבן רחל׳ס ברידער זיי צוגעהאָלפן ווירטשאַפטן, ביז זיי האָבן פאַרפעסטיקט זייער נעסט, צו ווערן גלייך מיט אַלעמען. פון זיינע אָבות זענען פאַרבליבן 4 אָפּגעריבענע מצבות אויפן בית הקברות אין יסודות, וואָס די גוטע

מענטשן פון וועד האבן בשעתו אויפגעשטעלט, כדי עמרם זאל יעדן חודש אלול האבן ווו צו זאגן קדיש, צוזאמען מיט זיינס גלייכן.

שכנים און באקאנטע האבן אפגעשלאגן זיין שוועל אנצובאטן שי־דוכים, אבער עמרם האט זיי צוריקגעשיקט מיט ליידיקע הענט. קיינער וועט נישט פארנעמען רחל׳ס ארט נישט אין זיין היים, נישט אין זיין הארץ. ער האט זיך אויסגעהאלפן מיט א מיטלאריקער אלמנה, וואס ער האט געדונגען. די אלמנה איז ענלעך געווען צו זיין מוטער ז״ל. די אלמנה איז געווארן די באלעבאסטע אין זיין היים און א מוטער פאר זיינע קינדער. פון זיין צער און אומרויִקע נעכט ווען ער פלעגט זיך אויפן געלעגער דרייען פון איין זייט אויף דער צווייטער, האט געוווסט נאר ער אליין.

**
*

מיט יארן צוריק, איידער מען האט גענומען פלאנצן די איצטיקע פרוכטביימער אין גליל, האבן געציילטע מושבניקעס פרובירט פלאנצן ציטרוסן, זיי האבן מקנא געווען די פלאנטאטארן פון שרון און שומרון, וואס האבן פארפלאנצט גרויסע שטחים מיט שמעקעדיקע פרדסים, וואס האבן געגרינט א רונד יאר, פארשפרייט זייערע ווונדערלעכע דופטן איבער מרחקים ארום. רעגן־צייט, ווען אין די תבואה פעלדער איז נישט געווען וואס צו טאן, האבן מענטשן פון יסודות זיך געלאזט ביז חדרה און פתח־תקוה באטראכטן די גרויסע „באיארעס" (פרדסים) און נישט געקענט זעטיקן זייערע אויגן מיט דער פראכט און די לונגען מיט דער בשמים־לופט, כאטש נעם אזא לופט, פיל אן איין פלעשער און ברענג אהיים, מחיה נפשות!

עס האט לאנג נישט געדויערט און עטלעכע מושבניקעס האבן פון דארטן געבראכט בינטלעך יונגינקע ציטרוספלאנצן, פארזיכטיק ארומגע־וויקלט זייערע צארטעווארצלען און דינע שטאמען אין נאסע טיכער. לויט די אנווייזונגען פון געניטע פרדסנים, האבן זיי אויסגעזוכט אין זייערע נחלות פאסיקן באדן און פארפלאנצט די ציטרוסן. די בוימעלעך

זענען געפלעגט און געצערטלט געווארן ווי קינדער, ביז די גוטע ערד האט זיי אויפגענומען. די פלאנצן האבן פארטיפט דיווארצלען, זיך געשטארקט און געוואקסן און די צווייגן האבן ארויסגעשלאגן קנאספן, וואס האבן זיך פורים־צייט געשפאלטן און בלומיק צעבליט. נאך פסח איז די בליונג אראפגעפאלן און זיך צעשפרייט ארום, ווי א ווייס־שמעקעדיקער שניי. עס האבן זיך באוויזן די ערשטע פרוכט ווי גרינע ניס, וואס זענען פון טאג צו טאג פולער און גרעסער געווארן ווי עפל. די גאנצע מושבה האט גערעדט פון דער נייער פרוכט אין יענער געגנט, ערנסט געטראכט נאכצוטאן דעם ביישפיל פון די שכנים, נאר אין חודש אלול איז עפעס געשען מיט די פרוכט: אויף זייערע גרינע שאלעכצן האבן זיך באוויזן שווארצע און טונקל־ברוינע פינטעלעך, וואס האבן זיך געמערט צו פארמיאוסן זייער אויסזען, ווי זיי וואלטן באדעקט געווארן מיט לייז — — — די מושבניקעס, וואס האבן זיי געפלאנצט זענען פאראומערט און פארזארגט, היתכן? ארייגעבראקט א סך צייט מיט שווערער ארבעט און נאדיר אזא צרה!

חול המועד סוכות האבן זיי געשיקט שליחים קיין חדרה אין די אלטע פרדסים, וואס זענען געלעגן שווער באלאדענע מיט פרוכט, אזש די צווייגן האבן זיך געבראכן. די פרוכט איז געווען גרין־גאלדיק ריין, אן א פינטל. נאך א חקירה ודרישה, האבן די פרדסנים זיי אנגערופן „בהמות בצורת אדם", הלמאי זיי איז נישט איינגעפאלן נאכן באוואסערן די בוימער אזא „קלייניקייט", ווי באפולווערן די בוימער מיט אזא פולווער, וואס באווארנט זיי פון די פינטעלעך. ארומגראבן, מאכן ארום יעדן בוים א שיסעלע, ארומשניידן צו דער צייט, גרעפן וכדומה איז נאך נישט אלץ — בהמות וואס איר זענט, דאס איז דאך „כנמת", אזעלכע לייז, פאראזיטן, מזיקים, וואס נערן זיך מיט דער הויט פון דער איידעלער פרוכט, איר וועט קענען די פרוכט פארברויכן אין דער היים, פאר זיך, אבער נישט פארקויפן אויפן מארק. ווער וועט עס נעמען אין האנט קרעציקע מאראנצן? דאס יאר איז דער שניט א פארלוירענער, האט גערעדט יידן, ווארט ביזן צווייטן שניט, באפולווערט די פרוכט, טוט ווי מען הייסט אייך...

ווי אבלים האָבן זיך די שליחים צוריקגעקערט אַהיים, אַ ברירה האָבן זיי געהאַט?

כאַטש עמרם איז נישט געווען צווישן די „מרגלים" האָט ער נישט אויפגעגעבן דעם ווילן צו פלאַנצן אַ ביסל ציטרוסבוימער, ס'האָט אים געלאָקט דער עצם פּרוּוו, די גייקייט, לכתחילה נישט געטראַכט, אַז דאָס זאָל באַלד ווערן אַ הכנסה צווייג. עמרם האָט זייער ליב געהאַט דעם ציטרוסבוים: דעם מאַראַנץ, דעם ציטרין, די „שאַמוטי", די „וואַלענסיה" און „וואַשינגטאָן", די גרייפּ־פרוכט, די פּריצייטיקע מאַנדאַרינעס און קלעמענטינעס, שמעקעדיקע, זאַפטיקע פּירות, וואָס באַצירן די ווירט־שאַפט מיטן טיש. אַנשטאָט צו קויפן פון דעם אַ פּאָר קילאָ אין צפת אָדער אין טבריה, וועט ער עס האָדעווען אַליין, קודם כל פאַר דעם היים, פאַר די קינדער, אייניקלעך און געסט, אָבער זיין חלום איז געווען דער אתרוגים־בוים, וואָס מען זעט וויניק און זעלטן אין יענער געגנט. דער אתרוג האָט ליב וואַרעמקייט, אַ סך ליכט און זון, בעת דאָ איז ווינטער קאַלט, שווערע רעגנס מער ווי אין גאַנצן לאַנד, מיט אָפּטע האָגלען. אָט דאָ איז דאָך אַנצוטאַפּן מיט די הענט דעם פאַרשנייטן קאָפּ פון חרמון!

צו די קינדער פלעגט ער טענהן: — „מיר לעבן אַזויפיל יאָרן אין שכנות מיטן חרמון און האָבן נאָך קיינמאָל נישט אָנגעטאַפּט מיט די הענט אמתן שניי, וואָס איז ווייך, נישט האַרט ווי האָגל".

עמרמס זין זענען נישט מיטגעריסן געוואָרן מיטן ווילן צו פלאַנצן ציטרוסביימער, זיי האָבן זיך קוים אַן עצה געגעבן מיט דער אַרבעט אין זייער ווירטשאַפט, מיט די פעלדער, בהמות, עופות, ווייַנשטאָקן, געוויינלעכע פּרוכטבוימער, גרינצייג, צו וואָס נאָך אַן עול? עמרם איז געבליבן ביי זיינס. אומר ועושה, באַשלאָסן און געטאָן, ווי אַלע איז ער דורכגעפאַלן מיטן ערשטן שניט פון די פּאָר צענדליק נייע ביימער, חוץ די ציטרינען, וואָס ער האָט פאַרפלאַנצט באַזונדער אין הויף, וואָס האָבן גוט צוגענומען, גיבן שוין פּרוכט, דינען די היים, אפילו די שכנים — „וויזט אויס אַז די לייז פאַרטראָגן נישט זויערס", האָט ער געטענהעט, ער האָט קיינמאָל נישט געטראַכט צו פאַרקויפן ציטרינען...

**
*

די יאָרן לויפן. די, וואָס זענען מקיים די מצוה פון „המוציא לחם מן הארץ" האָבן נישט קיין צייט צו ציילן די יאָרן. זיי ציילן נאָר די זמנים פון אַקערן, זייען, באַוואַסערן, פלאַנצן און שנײַדן, וואָס איז פאַרבונדן מיט זומער און האַרבסט, מיטן ווינטער און פרילינג. וואָס ווערן אין סך הכל לויפנדע יאָרן. ערשט ווען די פיס ווערן שווער, דער רוקן נעמט ברעכן, און מען באַמערקט זילבערנע פעדים אין באָרד און פּיאות, כאַפּט מען זיך, אַז די יאָרן שטייען נישט, זיי אַנטלויפן. עס רוקט זיך אָן דער בין מנחה למעריב פון לעבן און אין דער היים הערט מען מער „סבא" ווי „אַבאַ".

אָן אַ עין הרע! די זין זענען אויך אויסגעוואַקסן, די טעכטער האָבן שוין לאַנג אייגענע משפּחות, אין הויף יאָגן זיך אייניקלעך נאָך טויבן און שפּילן זיך מיט סאַמעטענע זשרעבּיקעס און קעלבלעך, ווי פריער זייערע טאַטע-מאַמעס, זייערע יונגע שטימען מישן זיך אויס מיטן שעפּטשען פון די פויגל, וואָס פליען זיך צונויף יעדן טאָג, שקיעה צייט, נעכטיקן צווישן די געדיכטע בלעטער־צווייגן פון די אַלטעביימער אין הויף און דאָרפישע גאַסן.

עמרם כספּי איז ווייט פאַרפאָרן אין די פופציקער. פון דער אַמאָליקער טשופּרינע אויפן קאָפּ איז ווייניק געבליבן. אין די געדיכטע טונקל־בלאָנדע ברעמען, אין דער באָרד, וואָנצן און פּיאות איז שוין געווען מער זילבער ווי טאַבאַק, דער טראָט מיטן גאַנג זענען געוואָרן לאַנגזאַמער, חוץ די טונקל־גרויע אויגן, וואָס זענען געבליבן לעבעדיק ווי פריער, נישט פאַרלוירן זייער גלאַנץ. עמרם האָט נישט געטראַכט פון עלטער, זיינע מחשבות זענען בעיקר געווען פאַרנומען מיטן צענדליק אתרוגים־ביימער, וואָס ער האָט מיט עטלעכע יאָר צוריק פאַרפלאַנצט נאָענט פון דער היים, און צו זיין שטילער פרייד האָבן זיך אויף זייערע צווייגן, דאָ און דאָרט, באַוויזן די ערשטע קנאָספּן ווי קליינע גרינע ניס.

מיט עטלעכע יאָר צוריק, באַלד נאָך סוכות, ווען די פעלדער און גערטנער זענען געלעגן פאַראַקערט און געוואַרט אויף די ערשטע רעגנס,

וואָס האָבן זיך יענעם יאָר פאַרשפּעטיקט און אין דער נחלה זענען נישט געווען קיין דרינגנדיקע אַרבעטן, האָט עמרם איבערגעלאָזט די היים אין די הענט פון זיינע זין, און זיך געלאָזט קיין שומרון זוכן אתרוגים־פלאַנצן, וואָס ס׳איז געווען שווער צו קריגן, ווייל אין ישראל זענען נישט געווען קיין בעלי־חזקה אויף אתרוגים־ביימער. יעדער אייגנטימער האָט שטרענג אָפּגעהיט זיינס. די פלאַנצן איז געווען זייער שווער צו האָדעווען ביז זיי זענען צייטיק געוואָרן איבערצוזעצן אין גוט צוגעגרייטן באָדן אין אַלטע פּרדסים. בדרך כלל האָבן די יונגע פלאַנצן געדינט צו פאַרבייטן אַ פאַרדאַרבענעם בוים, די אתרוגים האָבן געלעבט ווייניקער צייט, ווי אַנדערע געוויינלעכע ציטרוסביימער.

עמרם איז אויסגעווען כמעט אין אַלע פּרדסים, וואָס האָבן געהאָדעוועט אתרוגים אין חדרה, כפר סבא, אין כפר הרואה און מגדיאל, שוין אָפּגערעדט אין גליל. נאָכן וואַנדערן אַ וואָך צייט, האָט ער באַקומען אַן אַדרעס פון אַ ירושלימער ייד, ר׳ שלמה, אַ זון פון אַ דריטן דור אתרוגים־פלאַנטאַטאָרן, וואָס האָט געלעבט אין דעם פרומען שטעטל בני ברק.

ר׳ שלמה׳ס זיידע האָט אַ מאָל געפלאַנצט אתרוגים אין חיטין, נישט ווייט פון טבריה, נאָך מיט אַכציק יאָר צוריק. אמת, עמרם האָט פריער געקריגן אַ וואָרט פון אַן אַנדער פּרדסן, משה דגני, פון פּתח־תקוה, אַז ער וועט אים פאַרקויפן אַ פּאָר צענדליק פלאַנצן, נאָר זיין מענטש, וואָס האָט געשאַלטעט אין זיין פּרדס, חיים שחורי דער תימנער, איז בשום אופן נישט איינגעגאַנגען אַרויסצולאָזן פון דגניס פּרדס קיין איין אתרוג־רײטל.

— משוגע מיינע שונאים, גאָט איז מיט אייך אדון דגני — האָט חיים דער תימנער געטענהעט, — ס׳איז מיר אַזוי לייכט אָנגעקומען אויפצוהאָדעווען די אתרוגים־ביימער מיט דער שטיקל משתלה, איר זאָלט עס שפּעטער אויסבייטן אויף אַ פּאָר פונט, לא אדוני! נישט פאַר מיין לעבן אין אייער פּרדס.

לכתחילה האָט זיך משה דגני אויפגערעגט: — ס׳טייטש, זיין מענטש וועט אים זאָגן אַ דעה, וואָס צו טאָן, אַ פּשיטא, נאָכדעם ווי ער האָט שוין געגעבן אַ וואָרט צו פאַרקויפן בס״ה אַ צענדליק פלאַנצלעך...

— ווער איז דאָ באַלעבאָס — האָט ער זיך געקאַכט — איך צו דו? —
באָר, בעת ער האָט אָנגעקוקט זיין מענטש, ווי ער שטייט מיט אַן אַראָפּ־
געלאָזטן קאָפּ און ציטערט אינגאַנצן, איז אים דער כעס פאַרגאַנגען און
זיין שכל הישר האָט אים אונטערגעזאָגט נאָכצוגעבן, וואָרעם אַזעלכע
געניטע, טרייע חיים׳ס וואַלגערן זיך נישט אין גאַס. ווו געפינט מען היינט
אַזאַ חיים, וואָס זיין גאַנץ לייב און לעבן ליגט אין פּרדס? ווער האָט
אַזויפיל געדולד, און ווער איז אַזוי צוגעבונדן צו יעדן בוים, צו יעדן צווייג,
ווער רעדט נאָך צו די איידעלע אתרוגים? ווער וועט זיי אַזוי אויפפּאַסן
און אָפּהיטן ווי חיים? ווען נישט ער, וואָלט ער היינט פאַרמאָגט אַזעלכע
אתרוגים, מהודרים, זיך צו שפּיגלען אין זיי? אַ פּשיטא, בעת יעדער
פּרי איז מיט גאָלד צוגלייך, וואָס ברענגט אַריין יעדן חודש אלול אַ מטמון
דאָלאַרן מיט פונטן? האָט זיך אדון משה דגני באַזינט און צוריקגעשיקט
עמרמען מיט ליידיקע הענט. דאָס איינציקע, מיט וואָס ער האָט עמרמען
פאַרגיטיקט פאַר זיין עגמת נפש און וויטע נסיעה, איז געווען אַ נייער
אַדרעס פון אַ פּרדסן אין דעם זעלבן שטעטל, ר׳ נפתלי, וואָס האָט אים
אויפגענומען אין זיין היים בסבר פּנים יפות, און פאַרקויפט אַ צענדליק
יונגע אתרוגים־פלאַנצן פאַר אַ געזאַלצענעם פּרייז. עמרם האָט געהאַט
מזל, ער האָט נושא חן געווען ביי ר׳ נפתלי, וואָס האָט אים נאָכן משא
ומתן, פאַרבעטן צו זיך אין דער היים אויף אָוונטעסן און נאַכטלעגער,
אַפילו מיטגענומען מיט זיך אין שול צו מנחה ומעריב.

ביים טיש, נאָכן אָוונטעסן, האָט אים ר׳ נפתלי דערציילט אַ ביסל
היסטאָריע פונעם טייערן, שמעקעדיקן בוים אין א״י, פון וואָס עמרם האָט
פריער גאָר ווייניק געוווּסט. ער האָט אים אויך אָנגעוויזן ווי זיך צו באַגיין
מיט די פלאַנצן און ביימער, אויב זיי וועלן מירצעשעם שלאָגן וואָרצלען
און צונעמען. עמרם האָט זיך דערוווּסט, אַז בעת דער אתרוג פון ארץ
ישראל איז כשר למהדרין ביים גרעסטן טייל פרומע יידן אין לאַנד און
אין חוץ לארץ (נאַטירלעך אויב די פּרי איז אָן אַ פּגם, אָן דעם מינדעסטן
פּינטעלע אויף דער שאָלעכץ, און דער פּיטום איז גאַנץ און נישט באַשעדיקט)
איז דער זעלבער אתרוג פּסול צו בענטשן ביי אַ צווייטן טייל פרומע יידן,
בעיקר ביי די סאַטמאַרער חסידים און זייערס גלייכן. זיי האַלטן נישט

פון דעם א״ידיקן אתרוג, זיי געברויכן בעסער גוייִשע אתרוגים פון איטאַליע, פון קאָרפו, קאַליאַבריע וכדומה. די סאַטמאַרער צדיקים טראָגן אַ שווער האַרץ אויף די ציוניסטן, באַשר זיי רייסן זיך מקדים זיין דעם קץ, זיי האָבן נישט געוואַרט אויף ביאת המשיח און זיך געלאָזט אויפשטעלן אַ ציוניסטישע מלוכה, ווו אַפּיקורסים־מינים, אַלט און יונג, שאַלטן און פאַרוואַלטן מיט אַלץ און מיט אַלעמען, עזות פנימער, וואָס היטן נישט די דיני ישראל, מיידן אויס די הלכה, זיי אַמפּערן זיך מיט די טרייע שומרי החומות, די אמתע גאָטפאַרכטיקע יידן, די נטורי קרתא אין לאַנד פון די אבות. ווי קען מען אַזעטיקע אַפּיקורסים אַנטרויען דאָס האָדעווען די הייליקסטע פרוכט פון די שבע מינים? ווי קען מען בענטשן אויף אַן אתרוג, וואָס טריפהנע הענט, גילוי עריותניקעס האָבן זיך מיט אים פאַרנומען? מחללי שבתניקעס, ווייטע פון גאָט און תורה. ווי קען מען זיי גלויבן, אַז דער אתרוג־בוים איז געוואַקסן בעזרת השם, נישט מחלל צו זיין זיין שטאַם נישט צו גרעפן מיט פרעמדע נצרים, מיט פרעמדע צווייגן, וואָס האָבן נישט מאַנס געווען זיין געטלעכע טבע? — אַזאַ אתרוג איז בפירוש טריף־פסול, אסור בהנאה, ואסור לברכה... בעת עמרם האָט אומשולדיק געפרעגט דעם פרדסן פון בני ברק, אפשר קען ער אים מסביר זיין, פאַרוואָס די נטורי קרתא מיט די סאַטמאַרער פרומע יידן גלויבן מער די גויישע פלאַנטאַטאָרן פון קאָרפו, ווי די יידן פון ישראל? — יענע קענען דאָך חלילה, להכעיס, באשמירן די הייליקע פרוכט מיט חזיר־שמאַלץ, משתין זיין אויפן אתרוג, צעשטעכן דעם פיטום מיט נאָדלען, אויסחוזקן די „ראַביס״?

— בן אדוני — האָט אים ר׳ נפתלי געענטפערט — זיי האַלטן דאָרטן פרומע משגיחים.

— צי נעמטיקן דאָרטן די משגיחים ביי די ביימער? ווי זענען זיי זיך נוהג שבת און יום טוב? — האָט עמרם תמימותדיק ווייטער געפרעגט — צי קומען חלילה נישט גלחים באַשפּרענקלען די פרדסים מיט קלויסטער־וואַסער, בעת זיי נעמען בליען, ווי גויים זענען זיך נוהג?

— לא אדוני, איך בין נישט אַזאַ ידען, איך ווייס נישט — האָט דער פרדסן געענטפערט. נישט צו קוקן אים גלייך אין די אויגן. — איך

ווייס נאָר, אַז ביי די נטורי קרתא און ביי די סאַטמאַרער זענען מיר אויך טריף־פסול, נישט באַגלויבט. איך ווייס, אַז אונדזערע מזרחיסטישע רבנים, אַפילו אגודהניקעס זענען ביי זיי אויך פסול לעדות, וויל זיי האָבן משלים געווען מיט דער יידישער מדינה, זאָל וואַקסן און קוועלן אויף אייביק.

ר׳ נפתלי האָט אים דערציילט, אַז נאָך מיט הונדערט יאָר צוריק, האָט דער שר משה מאָנטעפיאָרע ז״ל, ירום הודו וזכרו, געקויפט אַ פּרדס אין ארץ ישראל, ווו ער האָט געלאָזט פלאַנצן אתרוגים־ביימער. אַ יאָר שפּעטער האָט אַ באַרימטער רב, רבי אליעזר וואַקס זצ״ל, געקויפט קרקע אין חיטין, נישט ווייט פון אייער מושבה, ווו ער האָט געלאָזט פלאַנצן 600 אתרוגים־ביימער. נאָך שפּעטער האָבן יידן געפלאַנצט אַזעלכע ביימער אין חברון, אין ראשון־לציון, אין פתח־תקוה, מקוה ישראל, עקרון, זכרון יעקב, אפילו אין אייער מושבה יסודות. צום שלעכטן מזל זענען די ביימער פאַרדאַרט געוואָרן און אויסגעשטאָרבן.

ער האָט אים אויך דערציילט פון אַ לעבעדיקן יגיע־כפּיימניק, ווער ווייסט, אפשר איינער פון די למד״וואָווניקעס, זאָל מאריך ימים ושנים זיין, וואָס האָט זיין גאַנץ לעבן אין א״י אָפּגעגעבן צו פלאַנצן כשרע אתרוגים־ביימער אין א מושבה נישט ווייט פון חדרה. ער הייסט שרגא, דער ייד איז בשעתו אויסגעפאָרן דאָס גאַנצע לאַנד. מעשה נס האָט ער ערגעץ אין אַן אַראַביש דערפל, אין אַ הויף נישט ווייט פון שכם, געפונען וואַקסן זעקס נאַטירלעכע נישט געגרעפטע אתרוגים־ביימער. נאָך אַ לאַנגער דינגעניש, ממש פאַר גאָלדמינצן, האָט דער ייד מצליח געווען אָפּצוקויפן די זעקס ביימער מיט די וואָרצלען, צוזאַמען מיט דער ערד אַרום זיי. די ביימער האָט ער פאַרזיכטיק אַרויסגעגראָבן, אַרומגעוויקלט מיט נאַסע ראַגאָזשעס, זיי אָנגעלאָדן אויף אייזלען און געבראַכט נישט באַשעדיקטע צו זיך אין דער נחלה. יענע זעקס ביימער זענען די אבות פון אַלע איצטיקע אתרוגים־ביימער אין ארץ ישראל, ווי אָדם און חוה זענען געווען די אבות פון די קדמונים פון אונדזער וועלט.

בעת עמרם האָט זיך צוריקגעקערט אַהיים, האָט אים אַ האַלבע מושבה מקבל פנים געווען, ווער צו באַוווּנדערן זיין עקשנות, און ווער

צוצושאָקלען מיט די קעפּ, אַנצווייזן הינטער זיינע פּלייצעס מיט די פינגער אויף די שטערנס: — „דער מענטש מוז זיין געווירט, משוגע אונדזערע שונאים... אויף אַ בינטל ריטלעך, וואָס ער האָט געבראַכט, צו פּטרן מער ווי אַ וואָך צייט אויף נסיעות מיט אַ מטמון געלט... אַזאַ עקשן אַ ייד"!

***

די יאָרן שטייען נישט אויף אָן אָרט. עמרם איז אַריבער זיינע זעכציק. איצט האָבן זיך געזען ווייניק טונקעלע האָר אין זיין באָרד און ברעמען, זיינע אייניקלעך פּלעגן זיך טוליען צו אים, גלעטן און טענהען: — „הזקן של סבא הפך לבן כשלג על החרמון" — דעם זיידנס באָרד איז ווייס ווי דער שניי אויפן חרמון, דאָס געמלעכע פּלעגן איבער־חזרן די טעכטער, וואָס האָבן ווייניק צייט געהאַט אים צו באַזוכן, מחמת פּאַרנומענקייט אין די אייגענע ווירטשאַפטן. עמרמס אויגן האָבן געגומען פּאַרלירן זייער פריערדיקן אומרו און ער אַליין האָט זיך גענומען איינבייגן ווי דער קאָפּ פון אַן אַלטן ציפּרעסבוים.

דער עלטערער זון מנשה, האָט פאַרענדיקט מיליטער־דינסט און זיך צוריקגעקערט אַהיים אַ דערוואַקסענער מענטש מיט פאַרשאַרענע וואַנצעלעך, אויסגעזען שלאַנקער און שטייף אין גאַנג. דער ייִנגערער זון יאָסקע, האָט בקרוב זיך אויך געדאַרפט מעלדן אין אַ רעקרוטן־פּונקט, נאָכדעם ווי אַ מיליטערישער דאָקטאָר האָט אים פריער אונטערזוכט און באַטירט אויף זיין קאַרטל: — „געזונט — אויסגעצייכנט, סוג „א". יאָסקע האָט פריער געהאַט דורכגעמאַכט די ערשטע איבונגען אין אַ שוץ־איינהייט פון זיין קרייז, ער קען זיך באַגיין מיט לייכטן געווער, ער האָט אויך דורכגעמאַכט כלערליי קורסן מיט איבונגען מיט קוילן־און מינענוואַרפער.

מנשה איז צוריק אַריין אינעם היימישן שפּאַן. ווייל ער האָט פאַרענדיקט מיליטער־דינסט ווי אַ סמל (סערזשאַנט) האָט אים די געגנט־שוץ־לייטונג אָנפאַרטרויט צו קאָמאַנדירן מיט דער אָרטיקער

ציווילער שוץ־איינהייט, וואָס פלעגט חוץ איבונגען אויך אויספירן באַוואָפנטע שמירה־דינסט אין די נעכט, און בעת אויסנאַם־צושטאַנד פאַרנעמען פלעצער ביי די פענצטערלעך פון בונקערס אַרום די מזרח־דיקע גרענעצן פון דער מושבה.

עמרם האָט באַמערקט, ווי מנשה איז לעצטנס שטילער געוואָרן און גייט אַרום אַ פאַרחלומטער — — —

דאָס, וואָס די שכנים מיט די עלטערע קינדער האָבן געוואוסט, האָט נאָך עמרם נישט געוואוסט, ווארעם ער איז געווען צופיל פאַרטאָן אין דער ווירטשאַפט און יעדע פרייע שעה געלאָפן באַדערן אַרום זיינע אתרוגים־ביימער, וואָס האָבן געשלאָגן וואָרצלען, בעת אַ טייל פון זיי האָט נישט משלים געווען מיט דער נייער ערד און געשטאָרבן. עמרם האָט נישט געוואוסט, אַז זיין עלטערער זון שפּאַצירט אין די אָוונטן און פרייע שבתים שעהען מיט תמרן, אַ שכנס טאָכטער, אַ בלאָנד שלאַנק מיידל, מיט אַ געפלאָכטענער קרוין אויפן קאָפּ פון אַ גאָלדענעם צאָפּ. ביידע פלעגן שפּאַצירן אין וייטלעכע מקומות אַרום מושבה, געהאַלטן אַרומגענומען איינער דעם צווייטנס טאַליע. ביידע זענען געווען געזונטע, צייטיקע, נישט פאַרצערטלטע, אויפגעהאָדעוועטע אין היימישער פּראַצע, זיי פלעגן שווייגנדיק שפינען זייערע פּלענער און חלומען פון אַן אייגן ווינקל, פון אַן אייגענער היים, פון אַ חלק פעלד, פון אַן אייגענעם גאָרטן, פון פּרוכטביימער, פון אַ הויף, ווי ביי זייערע עלטערן פול מיט בעלי חי, עופות, קי מיט קעלבלעך, מיט אַ טויבנשלאַק און מיט אַ תות־בוים אין מיטן, פון אַ ווייס הויז באַדעקט מיט קלעטער־פלאַנצן, מיט וויינשטאָקן מיט גרויסע, זאַפטיקע, גרינע בלעטער. זיי פלעגן שמועסן צווישן זיך מיט די אויגן, פולע מיט תמימותדיקער צאַרטער ליבע און יעדן שמועס פאַרענדיקן מיט אַ קוש אין פולע, גליענדיקע ליפּן, רויטע ווי פרישע אַנעמאָנען פאַרטאָג.

תמר פלעגט חלומען ביי איר אַרבעט אין הויף, ביים יעטן אָדער אַרומגראָבן גרינצייג, ביים אַרויסנעמען פולע קוישן אייער פון די היינער־שטייגן, ביז זי פלעגט זיך פאַרגעסן און בלייבן זיצן פאַרטראַכט ביים מיטאָג־טיש מיט אַן אויפגעהויבענעם לעפל איבערן טעלער.

תמרס עלטערן, אַ צווייטער דור מושבניקעס אין יסודות, האָבן יאַ געוווּסט דעם סוד פון דער טאָכטער. לכתחילה האָבן זיי פאַרקוקט דער טאָכטערס ניַיע גענג און צווישן זיך געשוויגן, אָבער בעת זיי האָבן גענומען הערן הינטער די פּלייצעס רייד פון שכנים, האָבן זיי אויך גענומען רעדן צווישן זיך ווי טאַטע־מאַמע. זיי זענען גראָדע געווען צופרידן, אפילו גליקלעך מיט דער מחשבה, צו האָבן אַן איידעם עמרמס זון מנשה, אַ וווילער, געזונטער, אַ שטילער, אַ שטאַלטיקער אַרבעטס־זאַמער בחור מיט „גאָלדענע הענט", אַ צירונג פאַר דער משפחה, ווער רעדט נאָך, אַז מיטן מחותן, עמרם, איז גאָרנישט געווען זיך צו שעמען.

שדכנים זענען נישט בויטיק געווען. עמרם איז אויך געווען צופרידן צו האָבן תמרן פאַר אַ שנור, זי אַריינגענומען אין זיין היים ווי אַן אייגן קינד, צובויען אַ פּאָר צימערן און זאָל זי ווערן באַלעבאָסטע.

איינעם אַ שבת האָט עמרם צונויפגעבראַכט זיינע זין, טעכטער, איידימס מיט די אייניקלעך ביי זיך אין דער היים, מקבל פּנים זיין תמרן מיט אירע עלטערן אויף קידוש. בעת אַלע האָבן זיך אַרומגעזעצט אַרום טיש, באַלאָדן מכל טוב, האָט עמרם מכבד געווען תמר׳ס פאָטער מיט זיין אַלטע זילבערנעם „רביעית"־בעכער, פול מיט וויין, איבער די ראַנדן, ער זאָל מאַכן קידוש.

— — — „בורא פּרי הגפן".

„אמן", האָבן אַלע פייערלעך געענטפערט.

צווישן איין געריכט און צווייטן, בעת די געסט האָבן געזונגען זמירות, און די אייניקלעך האָבן געטומלט, האָט עמרם פאַרקניפּט אַ שמועס מיט תמר׳ס עלטערן וועגן פעלד, פּרוכט, שניט, וועגן זיינע אתרוגים וכדומה, דער שמועס האָט זיך נישט געקלעפּט ביז מען האָט זיך צערעדט וועגן תכלית פון די קינדער.

— ס׳איז נישט קיין סוד, אַז תמר מיט מנשהען „גייען אַרום" אַ לענגערע צייט, ביידע פאַרטראָגן זיך גוט, ביידע גייען אַרום פאַרחלומ־טע, די גאַנצע מושבה רעדט וועגן דעם, בעת מיר שווייגן — האָט עמרם געפּליסטערט תמר׳ס פאָטער אין אויער. — ווען מיין מנשה וואָלט געהאַט אַ מוטער, וואָלט זי שוין לאַנג געכאַפּט אַ שמועס מיט תמרן, —

בעת איך, לאָז אייער פּלוניתטע רעדן מיט איר, איך וועל רעדן מיט מנשהען. ס׳איז שוין צייט. די קינדער קענען זיך פון דער פּריסטער יוגנט, זיי פּאַסן זיך איינער פאַרן צווייטן, זיי האָבן זיך ליב, ביידע וועלן נישט האָבן דעם מוט צו רעדן מיט אונדז, טאָ לאָמיר רעדן מיט זיי — האָט עמרם געזאָגט און געוואָרפן בליקן אויף תמרן מיט מנשהען, וואָס זענען געזעסן פון ווייטן, שטול צו שטול, פאַררויטלטע אין שטילן אומרו.

אַ שבת שפּעטער האָבן תמר׳ס עלטערן פאַרבעטן מנשהען מיט עמרמען אויף שלוש סעודות: — „איר וועט זיין אונדזערע ליבע געסט".

יענעם שבת צו נאַכט נאָך הבדלה, האָט מען אויפגעקאָרקעוועט אַ פּאָר פלעשער אַלטן וויין, אָנגעפּילט פולע גלעזער, צו מאַכן דעם ערשטן לחיים פאַרן געזונט פונעם יונגן פּאָרל. תמר מיט מנשהען זענען געזעסן ווייטער פון טיש אויף אַ סאָפע צוגעטוליעטע, ביי ביידן האָבן שטאַרק געקלאַפּט די הערצער, זיי האָבן געוווּסט אין וואָס דאָ גייט, עס איז זיי נישט געווען שטאַרק באַקוועם, אָבער בלית ברירה האָבן זיי משלים געווען מיט דער אינטימער מסיבה. די קאָלירן האָבן זיך אַלע ווילע געביטן אין זייערע פּנימער...

— לחיים, לחיים! — תמר, מנשה, וואָס זיצט איר ווי פרעמדע מחותנים?

נאָך אַ פּאָר כוסות פונעם שטאַרקן, אַלטן וויין, האָט זיך צוריק איינגעפּעדימט דער נישט פאַרענדיקטער שמועס פון פאַראַכטאָגן שבת, דאָס מאָל האָט מען פריי, אָן הקדמות, גערעדט נאָר פון „תכלית", מען האָט שוין געשמועסט ווי אייגענע, ביז מען האָט זיך אויפגעשטעלט, אַרומגענומען, זיך צעקושט און צוגעצויגן צו זיך דעם זון מיט דער טאָכטער, ביידן ווידער און ווידער געקושט מיט פייכטע אויגן און זיך געווינטשן „מזל טוב, אין אַ גוטער, געבענטשטער שעה, אין געזונט, נחת און שלום".

מירצעשעם, נאָך פאַרן שניט, וועט מען פראַווען די חתונה.

עמרם איז שטאַרק צעחושט געוואָרן בעת ער האָט מיט זיינע ליפּן באַרירט דעם סאַמעט פון זיין מחותנתטעס צעפלאַמטע באַקן, ער האָט זיך דערמאָנט אָן זיין רחלען... נישט געפילט ווי פון זיינע אויגן האָבן

זיך אָראָפּגעקייקלט אַ פּאָר טרערן, וואָס זענען פאַרלוירן געגאַנגען אין זיין באָרד... יענער באַריר מיטן פּנים פון תמר׳ס מוטער איז לאַנג געבליבן אויף זיינע ליפּן.

די חתונה האָט מען געפּראַוועט ל״ג בעומר, ברוב עם. די שמחה איז געווען גרויס, יאָסי צוזאַמען מיט זיינע שוואָגערס האָבן אויסגע־פּוצט אַ פּלאַטפאָרמע מיט גרינע גירלאַנדן און מיט בלומען, צוגעשפּאַנט צו איר אַ טראַקטאָר, וואָס יאָסקע האָט געקערעוועט. דער חתן מיט דער כלה זענען געזעסן פון אויבן אויף באַלנס געפּרעסטע שטרוי צוזאַמען מיט זייערע שושבינים, בחורים מיט מיידלעך, וואָס האָבן געזונגען, באַגלייט מיט אַן אַקאָרדיאָן און פּייקלעך. די פּלאַטפאָרמע איז לאַנגזאַם דורכגעפאָרן די הויפּטגאַס פון דער מושבה, היין און צוריק, ביז זי איז געקומען אין הויף פון תמר׳ס עלטערן. פון יעדן הויף זענען אַרויס מענטשן מיט פּעקעלעך, און מיט בלומען, באַגלייטן די יונגע פּאָר צו דער חופּה.

ווייל מנשה איז געווען דער מפקד פון דער אָרטיקער שוץ־איינהייט, האָט מען די פליושענע חופּה מיט די גאָלדענע פראַנדזן נישט אָנגעהאַנגען אויף שטעקנס, נאָר אויף שפּיץ באַגנעטן אָנגעצויגענע אויף ביקסן. אין פריילעכן טומל האָט מען שלעכט געהערט דעם רב׳ס סידור קדושין, נישט אויסגעהערט די אויסגעציקלטע ברכות פונעם חזן און שמש, אפילו דעם בראַזג פון דעם צעבראָכענעם גלאָז האָבן געהערט נאָר די מחותנים אונטער דער חופּה, איבערגעשריען איינער דעם צווייטן: — „מזל טוב, מזל טוב״!

נאָך דער חופּה האָט מען זיך געלאָזט צו דער סעודה אונטערן פרייען הימל. דער אָוונט איז געווען מילד פול מיט בשמים פון צייטיקער תבואה, פון פרוכטסעדער און פריש געשניטענעם היי. איבערן אויסגע־שטערנטן הימל האָט געקיניגט אַ פולע לבנה. בעת דער עלטערער עולם איז געזעסן אַרום די טישן בגילופין, האָבן יונגוואַרג געטאַנצט מיט התלהבות אַ שטיק אין דער נאַכט אַריין און נישט באַמערקט ווי די לבנה איז פאַרשוווּנדן צוזאַמען מיט זייערע עלטערן און מידע קינדער. זיי האָבן געטאַנצט ביז דער הימל איז געוואָרן בלייך און העגער האָבן געקרייט שחרית.

ביסלעכווייז איז דער הויף לײדיק געוואָרן. תמר מיט מנשהען זענען אַוועק צו זיך אין די צימערן, אויף חנוכת הבית, אין דער צוגעצ־בויטער דירה, וואָס איז געווען ווי צוגעקלעפּט צו עמרמס אַלט הויז, געדעקט מיט רויטע דאַכאָוקעס, אין שאָטן פון אַלטע בוימער אַרום, בעת מעשה, האָבן זיך די מחותנים איבערגעוואָרפן מיט שטיפערישע בליקן, זיך דערמאָנט זייערע חופה־נעכט. יאָסקע מיט זיינע חברים האָבן צונויפגענומען די כלים און שיריים פון די טישן, און צוגעוואָרפן ביינער די הײמישע הינט.

ויהי בוקר.

די יומטובדיקע טעג זענען אַוועק. די מענטשן פון דער מושבה זענען געווען פאַרנומען מיטן שניט און מיט זייערע יונגע און שווער באַלאָדענע פּרוכטביימער. די מזרח־גרענעצן, אין גליל, זענען ווידער געוואָרן אומרויִקע, די שמירה אין די נעכט האָט פאַרצערט אַ סך כוחות, די נאָענטע קיבוצישע ישובים האָבן וואָס ווייטער אַלץ ווייניקער דורכ־געשלאָפן אַ רויִקע נאַכט. פון די סירישע היגלען האָט זיך געשאָטן פייער, וואָס האָט חרוב געמאַכט הייזער, שטאַלן מיט בהמות, פאַרברענט פּרוכט־ביימער און געצונדן צייטיקע תבואה־פעלדער.

די קינדער פלעגן אַלץ אָפטער נעכטיקן אין בונקערס אויף נאַרעס, ווו זייערע מוטערס און פלעגערינס פלעגן זיי איינשלעפערן מיט מעשיות און קינדער־לידער, זיי זענען שוין געווען צוגעוווינט צו די דונערן און רויטע הימלען. די עלטערע קינדער האָבן זיך אויסגעלערנט אונטער־שיידן פון וואָס פאַר אַ כלי משחית דער דונער איז געקומען. אומרויִקע מוטערס פלעגן זאָרגן פאַר זייערע מענער און דערוואַקסענע זין, וואָס וואַכן אין די שוץ־גרובן אַרום די גרענעצן פון זייערע ישובים. מענטשן האָבן זיך אָפּגעוווינט פון שלאָפן אין די נעכט, און באַגינען, זיך געלאָזן צו דער טאָג־טעגלעכער אַרבעט.

יסודות האָט ווי אַלע אַנדערע ישובים באַקומען איר חלק פייער. אין די באַגינענס פלעגן זיי זיך לאָזן זען די שאָדנס פון די נעכט, באַטראַכטן די קראַטערס פון די אויפגעריסענע באָמבעס, מיט די צעוואָר־פענע שפּליטער און נישט אויפגעריסענע גראַנאַטן, צו זען אויף זיי די

אומפאַרשעמטע פאַבריקס־מאַרקעס, מיט אויסגעקריצטע אותיות און נומערן אין רוסיש לשון. דאָ און דאָרטן פלעגן פאַלן קרבנות פון אויסגעפּראַ־צעוועטע יידישע ערד־אַרבעטער, דאָ און דאָרטן איז אַ טראַקטאָר, אַ וואָגן, אַ לאַסט־אויטאָ, אַרויף אויף אַ פאַרבאָרגענער מינע, זיך איבערגעדרייט, אויפגעריסן, און צוגעדריקט אונטער זיך אַ מיט בלוט אָפּגעלאָפּענעם טראַקטאָריסט, אָדער פרידלעכן שאָפער, וואָס פלעגן ליגן מיט געביילטע פויסטן, מיט אָפענע, פאַרגליווערטע אויגן.

קלענערע צה״ל־פּאַטראָלן אין פּאַנצער־וועגענער, אָדער פוסגייער, וואָס האָבן פּאַטרולירט טעג און נעכט אין די וועגן און שטעגן, לענג אויס דער גרענעץ פלעגן נישט זעלטן אַרויף אויף אַן איינגעגראָבענער מינע, נישט זעלטן פליען אין דער לופט.

„לא ינום ולא ישן שומר ישראל", פלעגט עמרם, באַגינען, בלחש, מורמלען ביים מעלקן די קי — „אַ בראָך אויף זיי, אויף די רוצחים"! ער איז איצט געווען באַזאָרגט פאַרן יינגסטן זון, יאָסקע, וואָס איז שוין געווען אין מיליטער און זוען נישט ווען, זיך אַראָפּכאַפּן אַהיים, אויף אַ טאָג, אויף אַ פּאָר שעה, אין אַ משונהדיק געפלעקטן לבוש, מיט אַן עוזי אויפן אַקסל.

תמר איז געווען אין די „הויכע חדשים", מנשה האָט געווירטשאַפט פאַר דרייען, פאַר זיך, פאַר יאָסקען, און פאַר תמרן. יענע נעכט פלעגן זיך ציען ווי אייביקייטן. בעת מנשה פלעגט פאַרזיכטיק גלעטן אירע באַשמעקטע גאָלדענע האָר, אַ קוש טאָן אין שטערן און שטיל, אויף די שפּיץ פינגער, זיך אַרויסגנבענען פון דער היים, פלעגט זי זיך מאַכן שלאָפנדיק, זי פלעגט ליגן מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם און זיך צוהערן ווי ער פאַרקייטלט דאָס טויערל אין דרויסן און זיינע טריט ווערן שטיל. נאָך זיין פאַרשווינדן פלעגט תמר ליגן צוגעשפּיצט צום מינדעסטן שאָרך אין דרויסן, איבערלאָדן מיט אומרו און ציטער, נישט געפילט ווי טרערן קייקלען זיך פון אירע אויגן איבער די שלייפן ביז צום קישן אַראָפּ. בעת ס'קינד אין איר טראַכט פלעגט זיך אַ וואָרף טאָן, פלעגט זי מיט נאָך מער זאָרג טראַכטן: — „ווו איז איצט מנשה"?

בליצן פלעגן אָנזאָגן, אַז אָט, אין אַ רגע אַרום, וועלן די היגלען

פון גולן נעמען דונערן, תמר האָט מער מורא געהאַט פאַר די בליצן ווי פאַרן דונערן, זי פלעגט שנעל אַרויפוואַרפן אויף זיך אַ צוגעגרייטן בגד, זיך זעצן אויפן ראַנד פון בעט און וואַרטן. זי האָט געוווּסט, אַז אָט באַלד וועט דער איינגעבויגענער עמרם פאַרזיכטיק אַ קלאַפּ טאָן אין טיר און פרעגן: — „אפשר מיין קינד זאָל איך דיך באַגלייטן אין מקלט"? בישט איינמאָל, בעת זי פלעגט אויפמאַכן די טיר, פלעגט זי צוזאַמען מיט עמרמען טרעפן איר פאָטער, האַלב אָנגעטאָן, מיט סאַנדאַלן אויף זיינע באָרוועסע פיס, מיט אַ זאָקן־מיץ אויפן קאָפּ. מיט אַ געמאַכטער רויִקייט פלעגט תמר ביידן באַגעגענען און זאָגן: „הכל בסדר, אפשר פאַרבריען אַ קאַווע"? אַלע דריי פלעגן זיך זיצן אויף אַ טרעפּ פון דער טעראַסע, בעת דער הימל פלעגט אויפפלאַמען און דאָס דונערן פלעגט זיך טראָגן און צעשיטן מיט אַ ווידערקול איבערן טאָל פון דער חולה. ווי שטענדיק פלעגט עמרם מורמלען — „די כלבים מאַכן חרוב גדות", גלייכצייטיק פלעגט ער איצט טראַכטן פון ביידע זין; וווּ זענען זיי איצט?

אַזוי פלעגן אַוועק די נעכט, זיך קוים צו דערוואַרטן אויף דער זעקסטער באַגינען שעה, ווען „קול ישראל" פלעגט פון ווייטן ירושלים, אין געציילטע, טרוקענע ווערטער דערציילן וועגן דער נאַכט אין גליל — „ברוך השם, אָן מענטשלעכע קרבנות".

— — — אָט קומט מנשה מיט דער ביקס אויף דער פּלייצע, תמר איז גליקלעך, זי הויבט זיך שווער אויף, נעמט זיך אַרום מיט מנשהען און גייט אין קיך פאַרבריען קאַווע, לאָז ער זיך דערוואַרימען, איידער ער וועט כאַפּן אַ קורצן שלאָף, אָפּט, נישט אויסגעטאָן די קליידער.

נאָך אַ יאָר איז אַוועק. יידן האָבן געפייערט ראש השנה תשכ"ז.

אין מדינת ישראל האָט מען זיך ווי צוגעוווינט צו דער שטענדיקער שפּאַנונג, און צו די טאָג־טעגלעכע ידיעות וועגן שיסערייען און אָנפאַלן, דאָ און דאָרטן אין די צפונדיקע גרענעץ־ישובים. דאָס לעבן האָט גע־שטראָמט ווי שטענדיק, די שפע איז ווי פאַרגליווערט געוואָרן, עס האָט אָנגעקוואָלן אַן אַרבעטסלאָזיקייט אין די שטעט און שטעטלעך, אָבער יום טוב איז יום טוב; פולע קראָמען מיט קונים, פולע גאַסן, ס'איז געווען דער אָנהויב פון ציטרוס־שניט, וואָס האָט געגעבן ברויט פאַר

טויזנטער אַרבעטער אין די מושבות, קיבוצים און פּאַרטן פון ישראל.

ווי שטענדיק, האָט ראש השנה תשכ״ז פול געמאַכט דאָס לאַנד מיט פייערלעכקייט, מיט געדעקטע טישן, מיט בענטשליכט און פינקלדיקע פלעשער וויין. מען האָט זיך באַמיט פאַרגעסן דעם פאַרגאַנגענעם שווערן יאָר, מען האָט זיך געשיקט ווונטש־קאַרטלעך, מען האָט זיך געפרייט מיט געסט פון לאַנד און מיט טוריסטן פון אויסלאַנד. די וועגן פון ישראל זענען געווען איבערלאָדן מיט כלי רכב, ווי שטענדיק אין יום טובדיקע טעג, כאָטש דאָ און דאָרטן פלעגט הילכן אַן אויפרייס און אַ מאַשינ־געווער האָט געשטעפּט. אַלע האָבן גענאָסן פון יום טוב, חוץ די זין אין צה״ל, וואָס זענען געשטאַנען אויף דער וואַך, אומעטום, ווי אין דער וואָכן. אומרו מיט זאָרג האָט שטיל געטליעט אין די הערצער פון זייערע עלטערן און נאָענטע. די מונדירטע זין פון אַלע שוץ־פאָרמאַציעס, צוזאַמען מיט די קיבוצניקעס און יוגנט אין אַלע גרענעץ־ישובים, האָבן אַלעמען פאַרזאָרגט מיט זיכערקייט, מען האָט זיך אויך פאַרלאָזן אויף די רייד פון הויכן מלוכה־מאַן אין ישראל, וואָס האָט געלאָזט הערן אייגענע און פרעמדע, נאָענטע און ווייטע, אַז „דער פּנקס איז אָפן, די האַנט פאַרצייכנט״ — — עס לעבן די קרעפטן, וואָס פירן דעם חשבון אין לאַנד ישראל.

ביי עמרמען, איז יענעם ראש השנה די שטוב פול געווען מיט פרייד. תמר האָט געבוירן אַן אייניקל, אַ מיידעלע, די פרייד האָט פול געמאַכט זיין לייב און לעבן צוזאַמען מיטן הויף, פעלדער, סעדער און באַשמעקטע אתרוגים־ביימער. — „הע״, האָט עמרם שטאָלצירט, בעת ער האָט מיט פאַרגעניגן זיי לייכט אַרומגעפּיאַשעוועט, איצט לאַכט נישט קיינער פון זיין „משוגעת״, פון זיין נישט אויסגעשעפּטער געדולד און אָנסופיקער פּראַצע אַרום די ביימער, וואָס זענען איצט, ראש השנה, געשטאַנען פול צווייגיקע, פול באַבלעטערטע, מיט בכורים: — די ערשטע אתרוגימלעך, וואָס מען קען נאָך נישט געברויכן, זיי זענען נאָך צו קליין. עס איז נישט געווען דער טאָג, וואָס עמרם האָט זיך מיט זיי נישט פאַרנומען, זייער איידעלער דופט האָט דערלאַנגט ביז די אָפענע פענצטער פון זונס צימערן, ווו תמר האָט זיך פאַרנומען מיטן קינד, זיין אייניקל. זיינע אייניקלעך פון די טעכטער האָבן זיך נישט געהאָדעוועט ביי אים,

זיי האָבן געלעבט ווייטער, אין צווייטן עק פון דער מושבה. וויפל יאָרן, ממש אַן אייביקייט, האָט עמרם נישט געהערט אַ שטים פון אַן עופעלע אין זיין שטוב!

בעת ער פלעגט זען ווי מנשה מיט תמרן פאָרען זיך אַרום קינד, פלעגט ער זען זיך אַליין פאָרען ביי זיינע אתרוגים־ביימלעך, באַלד נאָכן פאַרזעצן זיי. עמרם פלעגט זיך שעמען פאַר זיינע זין און שכנים, וואָס פלעגן זיך מאַכן נישט זעענדיק, בעת ער פלעגט אין קאַלטע, ווינטיקע נעכט זיך אַרויסגנבענען פון וואַרעמען בעט, און אין דער פינצטער, זיך לאָזן גיין צו די ביימער זען, צי די ווינטן האָבן נישט צעבראָכן צווייגן, אַראָפּגעפּליקט בלעטער, אָדער חלילה אַרויסגעריסן אַ יונגן בוים. אין יענע נעכט פלעגט ער שטיין ביי די אתרוגים־ביימעלעך איינגעהילט אין אַ דעקע, מיט אַ וואָלענעם שאַל, פאַרבונדן דעם קאָפּ, אַזוי ווי תמר שטייט איצט אין דער שטיל ביי זיין אייניקלס בעטל, איינצוזאַפּן אין זיך, ווי אַ שטילן ניגון, דאָס אָטעמען פון קינד.

— באַרכעשעם, די ביימער באַשטייען די ווינטן, די קעלט האָט זיי נישט פּוגע געווען. — אין דער פינצטער, אין בלאָטיקן באָדן, פלעגט עמרם זיך דורכשפּאַצירן צווישן די שורות, דעם בוים אַ גלעט טאָן, יענעם אַראָפּגעלאָזטן צווייג אונטערשפּאָרן מיט אַ געפאַלענעם שטענגל, דערנאָך בסתר זיך צוריקקערן אַ היים, צו רייבן צווישן די קאַלטע פינגער אַן אַראָפּגעריסן אתרוגים־בלעטל, צולייגן צו דער נאָז, און אַריינאָטעמען דעם ריח.

מחמת כיבוד אב און איינגעבוירענער צוגעבונדנקייט צו אַלץ, וואָס די מאַמע ערד שפּראָצט אַרויס, פלעגט מנשה אויסנוצן יעדע פרייע שעה צו העלפן דעם פאָטער באַדערן אַרום די בוימער, אפילו אין די שבתים, ווען עמרם פלעגט זיך געפינען אין שול און נישט וויסן, וואָס זיין זון טוט איצט.

די צווייגן פון די ביימער פלעגט מען מוזן באַשניידן, זיי זאָלן נישט וואַקסן צו הויך, נאָר אין דער ברייט, צו בלייבן נידעריקע, געדיכט באַבלעטערטע. מען פלעגט זיי מוזן אַרומגראָבן אַרום די וואָרצלען, דערנאָך פלעגט מען מוזן צובינדן מיט ראַגאָזשע־בענדלעך אַ שוואַכע

צוויג צו אַ שטאַרקערער, באַשפּריצן, אָדער באַפּולווערן מיט כעמיקאַלן, וואָס עמרם פלעגט אָנרופן „רפואות״. אין פּראַקטיקע נעכט פלעגט עמרם מיט מנשהען אַרויסגיין אין דרויסן „באַהייצן״ דאָס פּיצל פּרדס, ביידע פלעגן אָנצינדן שייטערלעך פון טרוקענע צווייגן, נאָענט צו די בוימער, אַנצוואַרעמען די לופט אַרום זיי. פלעגט האָגלען, איז באַלד עמרם געווען אויף אַן אָרט, כאַטש נעם און פאַרשטעל די ביימער מיטן אַלטן משפחה־פאַראַסאָל.

בדרך כלל, איז די מאַמע ערד דאַנקבאַר יענע, וואָס גיבן זיך אָפּ מיט איר, מיט זייערע הענט, מיט זייער געזונט און שוויס. די ערד צאָלט צוריק מיט ברכה.

ווי פון אונטער דער ערד אַרויס, האָט זיך אַ שיינעם טאָג באַוויזן, צווישן די ביימער, דער רב פון דער מושבה. עמרם האָט אים מקבל פנים געווען מיט שטוינען:

— ברוך הבא, רבי! ווי קומט איר דאָ? ס'איז ווייטלעך פון דער מושבה, די ערד איז פאַראַקערט, שווער צו גיין מיט שוואַכע פיס אין דינע לעטשלעך.

— „פכע״, ר' עמרם, „פכע״, אדון כספי — איך האָב געהערט פון אייער אייניקל, האָדעווען כשרע אתרוגים, זיי זאָלן זיין ראוי צו מאַכן אַ ברכה אויף זיי, אַ גרויסע מצוה, ר' עמרם, א תענוג אָנצוקוקן די שיינע, איידעלע ביימער, דער ריח פון גן עדן שלאָגט פון זיי, מחיה נפשות, אַ דערקוויקונג פאַר די אויגן, אלא, אלא — — —

— אלא וואָס רבי?

— איך זע די ערשטע פּרוכט, שהחיינו והקימנו, ר' עמרם, איך האָב מיך מטריח געווען כמו בעיני אנצוקוקן גאָטס וווּנדער, און אייך דערמאָנען דעם דין פון „ערלה״, דעם איסור בהנאה פון די ערשטע ביכורים.

— תודה רבה רבי — האָט אים עמרם געענטפערט נישט אָן פאַר־דרוס. — איך ווייס, רבי, די ערשטע ביכורים פון אַלע מיינע פּרוכט־ביימער פלעג איך שטענדיק אַראָפּרייסן און באַגראָבן, קיינמאָל נישט געברויכן, אָבער, רבי, ווי קען מען באַגראָבן אתרוגים? איך וועל זיי אַראָפּנעמען פון די ביימער, קיין סך זענען נישטאָ, געברויכן וועט זיי

קיינער נישט, אָבער אויסלייגן אויף די שאַפעס ביי מיר און ביי מיין זון מנשה מעג מען דאָך? לאָזן זיי באַשמעקן אונדזער היים, איך וועל אייך אויך מכבד זיין אַזאַ פּאָר ביכורים, געניסט פון זייערע בשמים, ס׳איז געזונט, מירצעשעם, איבער אַ יאָר סוכות, ברענג איך אייך אַזאַ מהודר צום בענטשן, כדת וכדין.

פּאַמעלעך האָט זיך דער רב אויסגעדרייט מיטן פּנים צו עמרמען און אים דערלאַנגט זיין פאַרצערטלטע, ווייסע רבנישע האַנט — „לשנה טובה, אַ גוט יאָר, אַ געזונט יאָר, אַ יאָר פון נחת און שלום, אַ כתיבה וחתימה טובה, איר זענט אַ גוטער ייד ר׳ עמרם. מירצעשעם איבעראַיאָר סוכות וועלן מיר בענטשן אין בית הכנסת בפני כל עם ועדה אויף אייערע, ערשטע, כשרע אתרוגים, אַ גוט יאָר״!

— זיינע דאגות וואָלטן אַלע יידן געדאַרפט האָבן — האָט עמרם געזאָגט צו זיך אַליין, באַגלייטנדיק דעם רב מיט די אויגן, ביז ער איז לאַנגזאַם פאַרשוווּנדן אינעם אויסגעטרעטענעם שטעג צווישן די צייטיקע סעדער.

***

ווינטער תשכ״ז, זענען די רעגנס געפאַלן בשפע צו דער צייט. עס האָט כמעט ווי נישט געהאַגלט. דער חולה־טאָל איז געלעגן בלומיק, גרין, אַ יעדער שטיקל קרקע פאַרזייט און פאַרפלאַנצט. ס׳האָט אויסגעזען אויף אַ גוט יאָר. דער פאַרזיי איז פיין אויפגעגאַנגען, דיביימער זענען געשטאַנען אין פולער בליונג, נאָר די רוצחישע הויכן פון גולן האָבן נישט אויפ־געהערט באַשיטן מיט פייער די גרענעץ־ישובים. די סירישע שונאי ישראל האָבן די ראַנדן און היגלען פון די בערג צעשניטן אין טיפע גראָבנס, געפלאַסטערטע מיט בעטאָן. אונטערערדישע טונעלן האָבן פאַרבונדן איין גראָבן מיטן צווייטן צוזאַמען מיט איינגעגראָבענע טאַנקען, און בעטאָנירטע נעסטן מיט בונקערס פאַר כלערליי כלי משחית און אַמוניציע, וואָס האָבן דאָרטן געשטראָמט פון יענער זייט וואָלגע און פון די געווער־אַרסענאַלן פון דער אַלטער שטאָט, ווו עס האָט אַמאָל געלעבט דער מהר״ל.

די סיריער האָבן יעדן היגל פון גולן פאַרוואַנדלט אין אַ פעסטונג; פונוואַנען זיי פלעגן אין די פינצטערע נעכט שיקן רוצחים מיט אויפרייס־לאָדונגען אונטערצוליגן אונטער פאַראייניזאַמטע הייזער און וואַסער־טורעמס אין יידישע גרענעץ־ישובים. די רוצחים פלעגן איינגראָבן מינעס אין פעלדער און וועגן, בעת רעגולירער מיליטער פלעגט אָפט האָגלען מיט טויט און חורבן פון ווייטשיסנדיקע האַרמאַטן. דאָס לאַנגע פוסט און פאַסטע־ווען אין די בונקערס און גראָבנס האָט געררייצט זייערע געמיטער און געבריענט די אויגן צו זען פון אויבן אַראָפּ די בליענדיקע, גרינע, יידישע פעלדער און סעדער, אַקעגן זייערע וויסטע דזשונגלען און דעם שוואַרצן, נאַקעטן באַזאַלט, מיט פיצלעך קרקע, באַדעקטע מיט קוצים ודרדר. זייערע אַראָגאַנטע אָפיצירן און גאָולייטערס האָבן געהעצט די מענטשן, זיי געסמט מיט יידן־שנאה, להשמיד ולהרוג. די אָפיצירן און גאָולייטערס האָבן שטרענג געהיט די דיסטאַנץ צווישן זיך און די זעלנער פון די געדונגענע מאָרד־כנופיהס. יענע האָבן געוווינט אין דער נאָענט, אין גוטע, בייע הייזער, באַזאָרגט מכל טוב, בעת די זעלנער האָבן זיך געוואַלגערט אין די גראָבנס און בונקערס, זיך געשפייזט מיט סאָוויעטישע, אָדער מיט כינעזישע קאָנסערוון, מיט פיטעס, ציבעלעס און שלעכטע אָליוון, צונויפגעשלעפטע פון די נאָענטע קליינע דערפלעך. די אָפיצירן האָבן געגאָסן פון פאַר־נאָגראַפישע זשורנאַלן פולע מיט בילדער פון בויך־טענצערינס, נאַקעטע נקיבות, מיט קאַניבאַלישע קאַריקאַטורן פון יידן, פאַרגעשטעלטע ווי פּראַים, פחדנים און שענדער. די זעלנער האָבן געגאָסן פון שנאת ישראל סם, וואָס האָט נישט אויפגעהערט גרילצן פון קליינע טראַנזיסטערס, מתנות צוגע־שיקטע פון קאָמונאַ־נאַצישע פּאַטריאָטן, וואָס האָבן פאַרבראַכט אין די קלובן, קאָבאַרעטן און באָרדעלן פון דמשק: — „אידבאַך אל יהוד" — שעכט יידן, „אידבאַך יזראיל" — שעכט, פאַרניכטעט ישראל!

האָט זיך דער יידישער גליל צוגעוויינט צום „בדמיך חיי", צו האַלטן קינדער לאַנגע שעהען, אומרויִקע טעג, מיט לאַנגע נעכט אין שעלטערס, וואָס זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין לייען־ווינקעלעך, אין קינדער־גערטנער און ביבליאָטעקן. דער יידישער ערד־אַרבעטער אין גליל מיט דער ביקס אויף דער פלייצע, געפּאַנצערטע טראַקטאָרן, צעלעכערטע

וועגט, אויפגעריסענע הייזער, פאַרברענטע תבואה־פעלדער מיט פרוכט־ביימער, לאַנגע, געדרייטע שוץ־גראַבנס צווישן הייזער, זענען געוואָרן שטיקער פונעם „באַטירלעכן" פייזאַזש. אף על פי כן האָט דאָרטן ס'לעבן געשטראָמט ווי אומעטום: — די שולן זענען געווען פול, די יוגנט איז געוואַקסן, געמאַכט ספאָרט מיט פאַרוויילונגען, זיך געליבט, געפּראַוועט חתונות, געבוירן און געהאָדעוועט קינדער, געזען פילמען מיט טעאַטער פאָרשטעלונגען, באַזוכט אסיפות, פּלאַנירט די אַרבעט, געאַקערט, געזייט און געפלאַנצט, געצאָלט שטייערן: — „בדמיך חיי"!

אַזוי האָט דורכגעמאַכט דער אויבערשטער גליל דעם ווינטער תשכ"ז צוזאַמען מיט דער מושבה יסודות, וווּ עמרם האָט געשעפּט נחת פון זיין ביי אייניקל און עקשנותדיק זיך פאַרנומען מיט זיינע אתרוגים־ביימער, וואָס דאַרפן מירצעשעם, בקרוב, געבן כשרע פרוכט, מהודרים, צו בענטשן דעם קומענדיקן סוכות.

יאָסקע, דער ייִנגערער זון, האָט געדינט אין צה"ל דאָס צווייטע יאָר, ער האָט דערפרייט עמרמען מיט אַ ידיעה, וואָס איז צו אים דער־גאַנגען, אַז מען קלייבט זיך אים איבערפירן אין נח"ל, אין אַ באַזע נישט ווייט פון דער היים, וווּ ער ווערט באַשטימט אַלס מדריך פון מיליטער פליכטיקע בחורים מיט מיידלעך, זיי צו לערנען ווי זיך באַגיין מיט געווער און ווי צו טאָן לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעט. ווער נאָך איז אַזוי געניט איןביידע מלאכות, ווי דער סמל יאָסקע כספּי?

דער פּסח, דאָס יאָר, איז געווען אַן אומעטיקער. די היגלען און בונקערס פון די גולן־הויכן האָבן נישט געהאַלטן פון יידישן פּסח, זיי האָבן געפייערט ווי שטענדיק, ביז יידישע אָדלער האָבן זיי געמוזט באַרויִקן פון דער הויך, פון די הימלען, נאָר די סיריער זענען געלעגן פאַרפעס־טיקטע, טיף איינגעגראָבן אין דער ערד, אַזוי אַז דער קורצער בליץ־פייער פון הימל האָט זיי נישט געקענט באַרויִקן אויף אַ לענגערער צייט.

דעם ביינצנטן יום העצמאות האָט ישראל געפייערט ווי אַלע יאָר, אַ פּאָר טעג שפּעטער. די שפּאַנונג האָט פאַרכאַפּט דאָס גאַנצע לאַנד,

באַבדעם ווי עס האָט זיך אויך גענומען שיטן פייער אויף יידישע גרענעץ־ישובים, אין צווייטן עק לאַנד, אין דרום.

אַ גרויסע מיצרישע יבשה־אַרמאַדע אין אייזערנע וועגענער, מיט אַנצאָליקע כלי זיין, האָט זיך געלאָזט מאַרשירן דורכן מדבר סיני צום יידישן נגב, נאָכדעם ווי זיי האָבן פאַרשפּאַרט דעם טיראַנער איינגוס פאַרן אַריינפאָר פון יידישע שיפן אין ים סוף. עס זענען פאַראומערט געוואָרן די גאַסן פון ישראל, דער ייִנגערער עולם האָט גענומען אויס־רײַנען פון די היימען, דאָס לאַנד האָט גענומען גראָבן שוץ־גראָבנס מיט שעלטער־גריבער, אומעטום אין די הויפן, גאַסן און סקווערן. ביסלעכווייז איז ישראל פאַרטונקלט געוואָרן אין די נעכט, פאַרלאָשן די לאָמפּן אין די גאַסן, פאַרטונקלט דאָס ליכט אין די היימען, פאַרקלעפּט די שויבן מיט פּאַסן פּאַפּיר און לייוונט.

יענע טעג איז מנשה פאַרשוווּנדן פון דער היים. יאָסקע האָט אויפגעהערט שיקן זיינע קורצע בריוועלעך, דער גאַנצער עול פון דער ווירטשאַפט איז געפאַלן אויפן אַלטן עמרם און אויף דער יונגער מוטער תמר. יסודות איז אויך ליידיק געוואָרן, פאַרשוווּנדן דער ייִנגערער עולם, די גאַנצע לאַסט איז געפאַלן אויפן עלטערן דור און אויף די דערוואַקסענע שול־קינדער. די לערן־שעהען זענען פאַרקירצט געוואָרן מחמת די ייִנגערע לערער זענען אויך פאַרשוווּנדן. דאָס יונגוואַרג איז מיטאַמאָל צייטיק געוואָרן, געווירטשאַפט אין די הויפן, פעלדער, סעדער, גערטנער און שטאַלן. זיי האָבן באַשפּייזט און געמאָלקן קי, געזאַמלט אייער פון די הינער־שטייגן, אָפּגעפירט די קאַנען מילך אין מחלבה, אפילו פאַרטיילט די בריוו פון דער פּאָסט און מעשה דער־וואַקסענע געפירט טראַקטאָרן.

שווערע טעג האָבן זיך געצויגן ווי אייביקייטן. די נעכט האָבן איצט געפייערט אָן איבעררייס. ביסלעכווייז, ביסלעכווייז האָבן זיך גענו־מען זאַמלען זעלנער אין גליל, ס׳רוב מיטליאָריקע רעזערוויסטן, אויפ־צושלאָגן געצעלטן אין דער געדיכטעניש אונטער די ביימער, באַזעצט אַלע ליידיקע גראָבנס, און געגראָבן נייע. די זעלנער פלעגט מען זען אין

מושבה נאָר אין די אָונטן, ווען זיי פּלעגן קומען איינציקווייז זיך באַזאָרגן מיט עפּעס נויטיקס און גיך, שטיל פאַרשווינדן אין דער פינצטער.

מוטערס מיט באַבעס האָבן פאַרקוקט אַ פאַרשווונדענע הוז, גאַנצע נעכט געבאַקט געבעקס, געפּאַקט אין פּעקלעך צוזאַמען מיט פּרוכט און אין דער פינצטער שטיל צעטראָגן ווי „שלח־מנות" פאַר די מענטשן אין די געצעלטן אונטער דיביימער, אין די גראַבנס, און צווישן די מאַסקירטע פּאַנצערס און האַרמאַטן. אַנדערע האָבן זייער מוטערלעך גוטס אין פולע קוישן געבראַכט אויפן כביש צוזאַמען מיט געטראַנקען פאַרטיילן פאַר די מענטשן וואָס האָבן זיך געצויגן אין לאַנגע קאַראַוואַנען, ביז זיי פלעגן פאַרשווינדן אין די פעלדער, אין דער געדיכטעניש פון הויכע צייטיקע תבואות און ביימער אין די סעדער.

דריי טעג אין חודש יוני 1967 איז קיין שבת נישט געווען אין ישראל, כאָטש אין די שטעט און שטעטלעך האָט מען געזען, גאַנץ פרי, עלטערע יידן גיין אין די גאַסן, ווער מיט טלית־זעק, ווער מיט טליתים איבער די אַקסלען, זיי זענען געגאַנגען דאַווענען ווי יעדן שבת. דאָס לאַנד האָט געשוויגן אין שטילן פיבער. אומעטום האָט מען געגראָבן, געטראָגן זעקלעך זאַמד, באַריקאַדירט אונטערשטע שטאָקן, ווי שוץ־פּלעצער, קעגן לופטאָנפאַלן.

אין יסודות איז יענעם שבת די שול געשטאַנען אַ ליידיקע, חוץ עטלעכע עלטערע יידן מיטן הינקעדיקן שמש, וואָס האָבן תפילה געטאָן אין איילעניש. בעת עמרם מיט תמרן האָבן זיך פאַרנומען מיט די בעלי־חי אין הויף, איז צום טויערל טומלדיק צוגעפאָרן אַ דזשיפּ, געקערעוועט פון אַ זעלנער. דער דזשיפּ האָט הילכיק אַ קרעכץ געטאָן און געבליבן שטיין, שנעל איז פון אים אַראָפּגעשפּרונגען מנשה אין אַ משונהדיק קאָלירטן לבוש. אין הויכע פאַרשנורעוועטע שיך מיט אַ קאָוובאָי־קאַפּע־ליוש אויפן קאָפּ, פאַרגאַרטלט מיט אַ ברייטן גורט, ווו ס'איז געווען אָנגעהאָנגען אַ גרויסע „באַראַבאַן"־כלי, אַ ברייט מעסער אין אַ שייד, מיט אַ בינאָקל אָנגעהאָנגען איבער דער ברוסט, זיין פּנים איז געווען נישט ראַזירט, די אויגן רויטלעך, די וואָנצעס און ברעמען גרוי פון שטויב. מנשה איז פלינק צוגעלאָפן צו דער צעטומלטער תמר, אַריבער־

געוואָרפן דעם בינאָקל איבער די פּלייצעס און זי אַרומגענומען, ער האָט זי געגלעט און געקושט, איינצוזאַפּן אין זיך דעם ריח פון אירע האָר, דערנאָך האָט ער אַרומגענומען דעם פאָטער, אַ רגע באַהאַלטן דאָס פּנים אין זיין ווייסער באָרד, וואָס האָט אים דערמאָנט אתרוגים־וואָל. דערזוייל האָט תמר געבראַכט דאָס קינד, ער האָט עס אָנגעקוקט, גענומען אויף די הענט, געקושט און געטוליעט צו זיך.

פול מיט די דופטן פון דער היים, געזאָגט שלום, באַגלייט פון די אייגענע ביזן טויערל, איז ער אַרויפגעשפּרונגען אויפן דזשיפּ און פאַרשוווּנדן אין אַ וואָלקן שטויב, איבערגעלאָזט הינטער זיך אַ ריח פון פאַרברענטן בענזין.

נאָכן אָפּטאָן די מלאכה אין הויף, האָט זיך עמרם פאַרנומען מיטן פאַרטיפן אַ שוץ־גרוב און דערנאָך מיט דער הילף פון תמרן, די גרוב איבערגעדעקט מיט ברעטער און בלעכן, אַרויפגעלייגט אויף זיי זעקלעך זאַמד מיט שטיינער.

אין די נעכט פון שבת און זונטיק האָבן די הויכן פון גולן געבליצט און געדונערט ווי אַלע נעכט. מאָנטיק באַגינען האָבן ווייטע און נאָענטע סירענעס געוואָיעט ווי הונגעריקע וועלף, זייער יללה האָט זיך אויסגעמישט מיטן דונער פון האַרמאַטן און קלינגען פון אַליאַרם גלעקער. די הויפן זענען ליידיק געוואָרן, הינט האָבן געבילט און הונגעריקע בהמות, וואָס האָבן נישט באַוויזן קריגן זייער פרישטיק האָבן מיטגעשריען. אַ פּאָר שעה שפּעטער האָבן אַלע ראַדיאָ־אַפּאַראַטן און טראַנזיסטאָרס רוישיק דערציילט, אַז „עס האָט זיך אָנגעהויבן אין ווייטן נגב", שנעל איבערגעחזרט אַ געמיש פון משונהדיקע קאָד־ווערטער מיט ציפערן, ביז עס האָט אַרויסגעהילכט איין איינציקער קלאָרער באַפעל, וואָס האָט ביי אַלעמען פאַרגליווערט די בלוטן:

— „נוע"!

— „זיך רירן"! זיך לאָזן אין גאַנג. מלחמה!

בייטאָג איז שוין דער גאַנצער מזרח־קאַם פון די גולן־בערג געשטאַנען אין רויך און פייער, די ערד האָט געציטערט.

די מחנות זעלנער און רעזערוויסטן מיט אַלע פאַרדעקטע האַר־

מאַטן, כלי רכב און פאַנצער, זענען געבליבן לאַגערן זיך נישט צו רירן פון אָרט, נאָר די פאָדערשטע שוץ־גראַבנס און בונקערס זענען באַזעצט געוואָרן מיט דאָרפישער און קיבוצישער יוגנט, מיט היימישע באַשיצער, בתוכם פאַטערס מיט זין, זיי זענען געשטאַנען מיט געלאַדן, לייכט געווער, אַרויסגעשטעקט צווישן זעקלעך זאַמד און אָנגעוואָרפענע בערג־לעך שוואַרצע באַזאַלט־שטיינער. זייערע יונגע קאָמאַנדירן האָבן נישט אויפגעהערט איבערחזרן: — „נישט שיסן, נישט איין קויל אָן אַ באַפעל״! צווישן דער יוגנט זענען געווען מיידלעך, אפילו עלטערע שול־קינדער מיט ביקסן און פאַטראָנטאַשן, אַלע אין כאַקי לבוש, מיט טעמבעל־היטלען ביז צו די אויגן.

אַזוי איז אָוועק אין פייער דער ערשטער מלחמה מעת לעת אין אויבערשטן גליל. קיינער איז נישט געבליבן אין דער היים, אַלע זענען געזעסן געשפּאַנט, מיט ציטערדיקע הערצער אין שוץ־גריבער און שעלטערס, בעת באָמבעס, גראַנאַטן, מיט שראַפּנעלן זענען אָן אויפ־הער געפאַלן אין די ישובים, געריסן די ערד, געלעכערט ווענט, געצונדן שפּייכלערס, שייערס מיט תבואה, צעשמעטערט דעכער מיט שטאַלן, געמאָרדעט בהמות און עופות, פאַרניכטעט פרוכט־ביימער און פאַרברענט צייטיקע פעלדער, פויגל האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אונטער קאַרניזן, ווו זיי זענען דאָ און דאָרטן צעריסן געוואָרן צוזאַמען מיט די דעכער. פייער־לעשער־מאַשינען, האָבן זיך מיט בראַזג, מיט גלעקערקלאַנג אַריינגעמישט אין דעם ניגון פון טויט און אימה.

דער פייער־פראָנט איז געווען אַ לאַנגער — צעצויגן פון צפון, פון שאר ישוב־דן־גבעת עוז, פון כפר סאַלד—שמיר־גונן, נוטרה—אשמורה ביז יסוד המעלה און חולתא אין דרום, פון דאָרטן צו ראש פינה—גדות—דרדרה—אַלמגור ביזן בנות יעקב בריק. די סירישע פאַרטן מיט די היגלען עזיזת—פּחר, ביז הילאל האָבן געשפּיגן מיט פייער און טויט.

עמרם און תמר מיטן קינד אויף די הענט זענען געזעסן אין זייער צוגעגרייטער שוץ־גרוב, צוגעטוליעט איינער צום צווייטן. דאָס קינד איז נישט געווען הונגעריק און האָט געדרעמלט. אין אַ באַליע קאַלט וואַסער זענען געשטאַנען פלעשער מילך. אין אַ קעסטל איז געלעגן

די נישט פאַרצערטע שבתדיקע חלות מיט פרוכט און שטיקלעך קעז, אין אַ ווינקל גרוב זענען געשטאַנען אַ פּאָר אַלפּיעס מיט טרינק־וואַסער, נאָר וועמען איז געלעגן אין זינען דאָס עסן?

אַזוי זענען פאַרלאָפן 48 שעה אימה מיט שטומע תפילות: — „באַהיט, באַשיץ און באַוואָרן אונדזערע באַשיצער אויף די פראָנטן, באַהיט און באַשיץ זיי, טאַטע פאָטער"! פון דרויסן האָבן זיך געהערט געשרייען מיט געוויין פון צעבלוטיקטע, גוססע בעלי חי, וואָס האָבן געריסן די נערוון. במשך פון די 48 שעה האָט זיך געשאַפן אַזאַ פאַרבינדונג פון שעלטער צו שעלטער, פון גרוב צו גרוב, יונגוואַרג, שול קינדער, האָבן אויסגענוצט רויִקע מינוטן, צו קריכן אויף אַלע פיר, פון הויף צו הויף מיט פעקלעך, פלעשער און זעקלעך. — „אפשר פעלט אייך עפּעס? אפשר בויטיקט איר זיך אין עפּעס"? ווי דער אויבערפלאַך איז געווען פאַרשוומען מיט פייער, אַזוי איז דער אונטערגרונט געלעגן פאַרפלייצט מיט אחוה, פון מענטש צו מענטש, פון האַרץ צו האַרץ.

מען האָט זיך צוגעוווינט ליגן אין גריבער, שעלטערס און בונקערס. מוטערס מיט פלעגערינס האָבן זיך געשפּילט מיט קינדער, זיי אָנגערופן „גבורים", וואָס האָבן נישט מורא פאַר די בום־בום'ס, מען האָט פאַרגעלייענט מעשהלעך, געזונגען לידער, זיך פאַרנומען מיט שפּיל־צייג — „אָן פּחד קינדער, דאָס דערלאַנגען אונדזערע"... ביי אַ סך האָט גענאַגט אַ וואָרעם: — אַט דערציילן די טראַנזיסטאָרן, אַז אונדזערע אַדלער האָבן אין אַ פּאָר שעה באַוויזן פאַרמאַכן די ווערימדיקע מיילער פון דמשק, רבת עמון און קאיר; זייערע פלי־מאַשינען, וואָס האָבן צוגעזאָגט אַ טויט די יידן, ליגן שוין אין אַש און שטויב. אַט עלעקטריזירט אַלעמען אַ ידיעה אַז אַלט־ירושלים, עיר הקודש, איז באַפרייט און אַ שופר שאַלט ביים כותל, צופוסנס דעם הר הבית, ווו אין דער הויך פלאַטערט אַ ווייס־בלויע פאָן... אַז אונדזערע באַשיצער וואַשן די פיס אין סועץ־קאַנאַל און ציילן די מינאַרעטן פון מיצרישע שטעט, וואָס מען זעט מיט נאַקעטע אויגן. יידישע בחורים באָדן זיך אין די וואַסערן פון שאַרם־אַ־שייך און טיראַן. — — — דער שונא איז צעשמעטערט אין יהודה און שומרון. די מערת המכפלה אין חברון מיטן קבר רחל

אמנו אין בית לחם זענען פול מיט יידישע שלאַכטלייט. שומרונים אויפן הר גריזים אין שכם קושן זיך מיט יידישע זעלנער... און ביי אונדז? — „בטחון, בטחון"! האָבן די יינגערע באַרויִקט די עלטערע מענטשן.

אימה, ציטער אויסגעמישט מיט פרייד און צער, האָט געגומען פאַרכלינען די מענטשן אין די גריבער און בונקערס פון גליל, ווו הימל און ערד הערן נישט אויף דונערן און ברענען.

ס'איז אויפגעגאַנגען דער פערטער מלחמה טאָג. אין סיני, שומרון, יהודה און ירושלים עיר הקודש איז „ויכולו" — אַלץ פאַרענדיקט. פון דאָרטן ציִען זיך לאַנגע קאַראַוואַנען מיט טויזנטער געפאַנגענע שונאים אין גייך צוגעגרייטע לאַגערן... אויף יידישע בתי קברות, אין אַלע טיילן לאַנד זענען אויסגעוואַקסן הונדערטער פרישע קברים פון געפאַלענע זין, פון דער תפארת ישראל, די שפּיטעלער זענען פול מיט פאַרוווּנדעטע גבורים. — — — די באַלאַגערטע אין גליל זעען נישט די אָנסופיקע מיליטער־קאַראַוואַנען מיט אייזערנע וועגענער, וואָס ציִען זיך איצט פון דרום קיין צפון, צו פאַרפלייצן אַלע וועגן און שטעגן פון חיפה—טבריה, עכו—צפת צום גליל, צום גולן, אָבער זיי הערן שוין איבער די קעפּ דעם שטורעם פון די אייגענע אָדלער אונטער די אָנגע־הייצטע הימלען, וואָס שטורמען פלי־פעלדער אין בבל און דמשק, מיט די סירישע פעסטונגען אָט דאָ, אויף דער „רמה" אין גולן, אַזוי, ביז עס צעשפּילט זיך די לעצטע פייער־סימפאָניע פון בלוט, גבורה, פון כלי משחית גאָר אין דער נאָענט.

די ערד ציטערט. די לעצטע שלאַכט אין גליל ברענט, בעת אויפן באַרג סיני, ווו משה האָט באַקומען די לוחות־הברית מיטן איינגעשטאַנצטן „לא תרצח", שטייען יידישע שלאַכטלייט, מיט אויפגעריסענע אויגן און קוקן אַראָפּ אונטן, אין מדבר, ווו אהרן הכהן, האָט זיך פאַרוויילט מיטן דור המדבר, צו טאַנצן אַרום אַ גאָלדענעם קאַלב.

שבת פאַרטאָג, זעקס טעג שפּעטער, האָט מען אין גליל זעלטן ווו געהערט אַ שאָס.

פון מזרח זייט, פון הינטער די בערג אַרויס, איז אויפגעגאַנגען אַן

אָנגעגליטע, פייערדיקע זון, וואָס האָט פון אויבן געזען אַ לאַנג אויסגע־צויגן, גוסס שלאַכטפעלד, מיטן מוראדיקן חורבן פון שונא אויף דער „רמה" אין גולן: — הונדערטער צעשמעטערטע, אייזערנע כלי רכב, טאַנקען, האַרמאַטן, מיט אַנדערע כלי משחית, צעוואָרפענע איבער פעלדער און וועגן, פולע מיט צעוואָרפענע טויטע און גוססע זעלנער פון שונא, מיט טויטע און פאַרווונדעטע פון די בעסטע זין פון ישראל, וואָס ווערן איינגעזאַמלט אין אַמבולאַנסן און אין העליקאָפּטערס. פויגל זינגען שירה, ווי אין די גוטע צייטן, זיי קרייזן אין דער לופט, אָן מורא, אַז אַ פייער וועט זיי דאָ מער נישט פאַרלענדן. איבער די דעכער פון דער סירישער שטאָט קונייטרה, פלאַטערן ווייסע פענער פון ליילעכער, שמוציקע העמ־דער און תחתונים, בעת פון אַ הויכן מינאַרעט, שפילט זיך אינעם באַגינען־ווינט אַ גרויסע, ווייס־בלויע פאָן, די פאָן פון מדינת ישראל. אין די גאַסן און געסלעך פון שטאָט זעט מען קוים אַ לעבעדיקן ציווילן מענטשן, מען זעט נאָר צעשראָקענע הינט מיט גאַווער פון די מיילער, מיט פאַרקלעמטע ווידלען צווישן די הינטערשטע פיס, מען טרעפט דאָרטן הונגעריקע קעץ, עופות, פאַרוואָרלאָזטע שעפסן, ציגן מיט דורש־טיקע קי, וואָס פאַרצערן ס'מינדעסטע גרעזל און דאָרן. די זון זעט יידישע בחורים, וואָס האָבן אָנגעשפּאַרט ביז דער שניי־גרענעץ אויפן הויכן באַרג חרמון. די זון זעט מידע, פאַרשוויצטע, פאַרשטויבטע יידישע שלאַכטלייט, פּאַטרולירן געפאַנגענע סירישע זעלנער און אָפיצירן, וואָס האָבן ניינצן יאָר צייט, געזייט טויט מיט חורבן פונעם באַרג אַראָפּ, אויף פרידלעכע, אויסגעפּראַצעוועטע יידישע ישובים אין גליל. די זון זעט דעם חורבן פון גדות, חרובע יידישע הייזער אין ראש פינה, אין יסוד המעלה, מיט אָן אַ צאָל גאַנצע און צעשמעטערטע האַרמאַטן, פּאַנצער, טאַנקען, לייכט און מיטלמעסיק געווער, שטויסן אַמוניציע, אויטאָמאָבילן, באַצייכנטע מיט קירילישע און לאַטיינישע אותיות פון סאָוויעטישע און טשעכישע פאַבריקן.

אַלע גראָבנס, שעלטערס און בונקערס פון גליל, האָבן זיך יענעם, ערשטן נאָך מלחמה שבת אויסגעליידיקט, אַלע האָבן זיך אַרויסגעלאָזט אונטער די באַפרייטע בלויע הימלען. ס'איז זיך שווער צוצוגעוויינען צו דער

ליכט פון דער זון, צו דער שטילקייט און וואָרקען פון די לעבנגעבליבענע טויבן, וואָס האָבן געזוכט שפּייז אין די הויפן. קינדער מיט צעשראָקענע אויגן האָבן זיך געטוליעט צו מוטערס, זיך אָנגעהאַלטן אין זייערע קליי דער: — געענדיקט דער „בום־בום״, מען מעג שוין גיין אַהיים, צונויפ־קלייבן שטיקלעך און גאַנץ געבליבענע שפּילצייג, שטיקלעך אייזן פון שראַפּנעלן, גילזן מיט אויסגעשאָסענע קוילן.

פרעגן קינדער: — „צי מעג מען שוין גיין אין רפת זען וואָס עס מאַכן די קי, „נצה״, „גליה״, און „מאַרטאַ״? און די הינער מיט די גענדז? טאָקע געענדיקט דער בום־בום?״

דעם שבת זענען ווידער נאָר די אַלטע און שוואַכע תושבים פון יסודות געגאַנגען אין שול גומל בענטשן, זאָגן הלל און צעוויינטע מאַכן „אל מלא רחמים״ פאַר די, וואָס האָבן זייערע לעבנס מקריב געווען, מיט זייער בלוט אויסגעווייקט די ערד פון דער „רמה״, כדי מען זאָל קענען אַרויס פון די גריבער צוריק צו זען די שיין פון דער זון. די מיטליאָריקע יידן מיט זייערע פרויען און עלטערע קינדער האָבן זיך קודם כל געלאָזט גיין באַשפּייזן און אָנטרינקען די לעבן געבליבענע בעלי חי און באַלד נאָכדעם, נישט באַטראַכטנדיק די שוועלן פון די הייזער, האָבן זיי זיך געלאָזט אין די פעלדער און סעדער, ווו זיי האָבן געפונען צעטרעטענע און פאַרברענטע, צייטיקע תבואות, אַרויסגעריסענע בוימער, צעבראָכענע צווייגן, אַראָפּגעפאַלענע פרוכט. אומעטום האָבן זיך געוואַלגערט שטיקער אייזן מיט שטאָל, שפּליטער פון באָמבעס. דער באָדן איז געווען פול מיט גרעסערע און קלענערע גריבער. אין אַ טייל גריבער האָבן זיך געזען נישט אויפגעריסענע גראַנאַטן פון סאָוויעטישע הויביצן.

אַ שטייפער האָט עמרם אַרויסגעקלעטערט פונעם שוץ־גראָבן, ער האָט זיך לאַנגזאַם אויסגעגלייכט, אויסגעצויגן די גלידער און אַרומגעקוקט אַרום, גענישטערט מיט די אויגן זיין הויף. תמר האָט אים דערלאַנגט דאָס קינד און גענומען אַרויסלייגן פון גראָבן קישנס, כלים, פלעשער, דעם קעסל און באַליע, דערנאָך איז זי אַליין אַרויסגעקראָכן, פאַרזשמורעט די אויגן, נישט געקענט פאַרטראָגן די בלענדנדיקע ליכט פון דער זון. צוזאַמען מיט עמרמען האָט זי באַטראַכט דעם הויף און איידער וואָס ווען,

אַנגעפּילט די קאַריטעס מיט שפּייז און וואַסער פאַר די הונגעריקע און דורשטיקע בעלי חי. די היימישע הינט זענען איר נאָכגעלאָפן, געשפּרונגען אַרום איר, געלעקט די הענט און פּיס, ווי צו זאָגן: „ברוכים הבאים״... עמרם האָט דערלאַנגט תמרן דאָס קינד און גענומען באַטראַכטן די שטוב, וואָס איז געשטאַנען מיט צעבראָכענע שויבן, מיט שטיקער אַראָפּגעפאַלענעם טינק פון דער נייער דירה, וואָס ער האָט אויסגעבויט פאַר די קינדער, אַ האַלבער דאַך איז געשטאַנען אָן דאַכאָוועס. די דאַכאָוועס, האַלב צעבראָכענע, האָבן זיך געוואַלגערט אַרום הויז. אין די צימערן איז געווען תוהו־ובוהו: צעפליקטע גאַרדינען, ס׳גלאָזוואַרג פונעם בופעט און פון די שאַפעס האָט זיך געוואַלגערט אויף דער ערד געפּלאַצטע, צעבראָכענע, אויפן טיש, אויף די שטולן און בעטן האָבן זיך געוואַלגערט שטיקער טינק, אַראָפּגעפאַלענע פון סופיט, די דילן זענען געווען באַדעקט מיט קאַלך און שטויב, אַלץ האָט אויסגעזען ווי נאָך אַ פּאָגראָם.

עמרם האָט זיך צוגעזעצט אויף אַן אַלטן פאַרשטויבטן פאָטעל, תמר האָט אים ווידער דערלאַנגט דאָס קינד און איז אַריין אין קיך אָנוואַרעמען וואַסער, אָבער די פּלאַטע איז געבליבן קאַלט, זי האָט נישט געוואַרעמט ווייל די עלעקטרישע דראָטן אין דרויסן זענען אַראָפּגעהאָנגען צעריסענע, וואָס טוט מען? דאָס קינד איז ברודיק, צוויי מעת לעת נישט געוואַשן, אַלץ איז געווען ברודיק. וועגן זיך, האָט זי נישט באַוויזן טראַכטן, ביז עס האָט זיך איר אַ ריס געטאָן אין געהירן: — מנשה! ווו איז מנשה? די שטילקייט האָט געדרוישט אין די אויערן, אויס דונערן, אויס שטעפּן, אויס פייפן און הילכן, מען הערט נאָר דאָס פרידלעכע וואַרקען פון טויבן אין די אויפגעריסענע פענצטער.

עפּעס האָט זיך אויך גענומען באַוועגן אין עמרמס געהירן: — מנשה, יאָסקע — — — ווי ערגעץ פון מרחקים געקומען, איז אַריינגעפאַלן תמר׳ס מוטער, אַרויסגעכאַפּט פון עמרמס הענט דאָס קינד און צוגעלאָפן צו תמרן. שלוכצנדיק, מיט פולע אויגן טרערן האָט זי געשטאַמלט: — „באַרכעשעם, באַרכעשעם תמרל, אבי מיר לעבן, מיר, מיר — — — און האָט זיך צעוויינט: „מ׳וועט אַלץ פאַרעכטן, אַלץ, אַלץ וועט גוט ווערן נאָר דערלעבן זען מנשהען, מנשהען״ — — —

ציטער, צער געמישט מיט פרייד איז געקומען ערשט א וואך שפעטער, ווען מנשה איז שטיל אריין אין הויף אין זיינע בגדי מלכות, אזוי ווי ער איז אוועק, נאר אן דער „כלי״ אויפן גורט, אנעם בינאקל אויף דער ברוסט. זיינע אויגן זענען געווען טיף איינגעזונקען אין איינגע־פאלענעם פנים, מיט א סך זילבערנע פעדים אין די פאות אויף די שלייפן און האר אויפן קאפ, מיט א פאר קנייטשן אויפן שטערן, וואס תמר האט נישט געזען איידער מנשה איז אוועק פון דער היים.

נאכן זיך ארומגעמען, נאכן זיך האלדזן און קושן, האלטנדיק זיין טעכטערל צוגעדריקט צו זיך, האט ער זיך געכאפט, אז דער טאטע פעלט.

— ווו איז דער אבא? — האט ער שארף א פרעג געטאן מיט אומרו.

— זארגט נישט פארן אבא, ער איז אין פעלד, זארגט נישט מנשה.

— און יאסי?

איז תמר געבליבן שטיין אן ווערטער מיט אראפגעלאזטע אויגן.

—וואס, וואס שווייגסטו?

— מיר האבן נאך נישט קיין ידיעה פון אים — האט תמר געענט־פערט בלחש.

ערשט א פאר שעה שפעטער האבן די ידיעה געבראכט צוויי בחורים פון חצרים, וואס זענען פארכטיק אריין אין הויף, געגאנגען לאנג־זאם, ווי אויף די שפיץ פינגער.

דער ערשטער האט זיי באמערקט מנשה.

— מה קרה — וואס איז געשען?

— אל דאגה, נישט געזארגט ער לעבט.

יאסי לעבט! האט פרייד פארכלינעט מנשהען. — „יאסי חי״! האט זיך הילכיק ארויסגעריסן פון מנשהעס ברוסט, — „אבא, אבא! תמר, יאסי חי, חי, יאסי לעבט״!

אבער, אנקוקנדיק ביידע בחורים, האט זיך מנשה געכאפט, אז עפעס איז נישט גלאט.

— ווו איז ער?

תמר האָט ביידן פאַרבעטן אין שטוב, זיי געבעטן זיצן אויף דער אַלטער סאָפע. אין דרויסן האָט געברענט אַ חמימה און אין שטוב איז געווען קיל, פון די אויסגעהאַקטן שויבן האָט געבלאָזן אַ ווינטל. נאָך אַ קאַלטן טרונק, וואָס האָט אָפּגעפרישט די געסט, האָט איינער פון זיי שטיל דער־ציילט, נישט צו קוקן מנשהען מיט תמרן גלייך אין די אויגן „אַז ער מיט יאַנקאָן, זיין חבר, וואָס זיצט דאָ מיט אים, געהערן צו די „גולנים", צו דער חטיבת גולני, זיי האָבן צוזאַמען מיט יאָסין אָנטייל גענומען אין דער שלאַכט אויפן פאַחר היגל, נישט ווייט פון גבעת עוז, „היה זה קרב איום ואכזרי, ס'איז געווען אַ שרעקלעך־גרויזאַמע שלאַכט", האָט יאַנקאָ צוגעגעבן, „יאָסי געפינט זיך אין שפּיטאָל אין קרית שמונה".

— פאַרוווּנדעט ?

— כן ער איז פאַרוווּנדעט, סרן מנשה.

די ידיעה האָט זיך גיך פאַרשפּרייט אין די שכנותדיקע הייזער, צער מיט פרייד האָט פאַרכאַפּט די שכנים, וואָס האָבן געקענט יאָסין פון זיין פריסטער יוגנט, דעם פריילעכן, דעם באַליבטסטן זון פון די בני עמרם.

באַלד האָט זיך געפונען אַן אַלטער דזשיפּ, וואָס די שכנים האָבן געבראַכט. נישט צו וויסן ווי אַזוי, און פון וואַנען, בעת די כלי רכב פון יסודות זענען נאָך נישט צוריק געבראַכט געוואָרן פון מיליטער. מנשה האָט אַריינגעזעצט אין דזשיפּ עמרמען, זיך געזעגנט מיט די בחורים. אין געציילטע מינוטן זענען זיי ווי געפלויגן אויפן כביש, וואָס פירט צו קרית שמונה.

נאָך תחנונים, נאָכן דערציילן, אַז דאָ אין שפּיטאָל געפינט זיך זייער זון און ברודער, האָט זיי אַ סאַניטאַר אַריינגעפירט אין אַ בנין אונטער דער ערד, פול מיט שאַרפע ריחות פון דעזינפעקציע מיט רפואות.

אין דער פּאַלאַטע, ווו מען האָט זיי אַריינגעבראַכט, זענען געדיכט געשטאַנען שורות בעטן, ווו עס זענען געלעגן באַנדאַזשירטע בחורים, האַלב נאַקעטע, אָדער צוגעדעקטע מיט ליילעכער. פון סופיט האָבן געלויכטן פאַרטונקלטע לאָמפּן, ביי אַ טייל בעטן זענען געשטאַנען שטאַנדן, פון וועלכע עס זענען אַראָפּגעהאַנגען פלעשער מיט סלאַיקעס פליסיקייטן,

באהעפטע מיט גומענע שלויכן, וואָס האָבן זיך פֿאַרענדיקט אונטער ליי־לעכער, אָדער צוגעבונדן צו הענט און צו נאָזלעכער. פֿון אַ טייל בעטן האָבן אַרויסגעקוקט איינגעגיפּסעוועטע הענט און פֿיס, אַנדערע פֿון זיי אויפֿגעהויבענע אין דער הויך, צוגעבונדן מיט בענדער צום סופיט.

אין אַזאַ בעט האָבן זיי געפֿונען יאָסין אין האַלבן דרימל, איין פֿוס אין גיפּס איז געלעגן הויך אַנגעלעגט אויף צוויי קישנס, דאָס אָרט פֿון דעם צווייטן פֿוס איז געווען ליידיק. זיין ברוסט איז געווען פֿעסט באַנדאַזשירט, דאָס פּנים אויפֿגעלאָפּן מיט פּליאַסטער פֿאַסן אויפֿן שטערן.

יאָסי האָט אויפֿגעמאַכט די אויגן און דערזען זיינע געסט. לאַנגזאַם האָט ער אויסגעדרייט צו זיי דעם קאָפּ און מיט אַ שוואַכן שמייכל שטיל געזאָגט:

— שלום אבא, שלום מנשה. ס׳אַראַ גליק וואָס דו ביסט גאַנץ, מנשה! — נאָכן צוריק אויסגלייכן דעם קאָפּ, האָט ער פּאַמעלעך אויפֿגע־הויבן איין האַנט נאָך דער צווייטער: — זעט,ביידע הענט זענען געבליבן גאַנץ.

טרערן האָבן זיך געקייקלט פֿון עמרמס אויגן, ער האָט געזוכט ווערטער עפּעס צו זאָגן יאָסין און נישט געפֿונען.

— איך האָב מזל, אבא!

זענען עמרם מיט מנשהען געשטאַנען ביי דעם בעט ווי געליימטע, איינגעגראָבן די אויגן אין יאָסיס פּנים, וואָס איז אין די פּאָר וואָכן פֿאַרעלטערט געוואָרן, מיט טונקל בלוילעכע רייפֿן אונטער זיינע האַלב פֿאַרמאַכטע אויגן.

— אל תדאגו לי, כ׳האָב מזל, דער דאָקטאָר זאָגט, אַז עס וועט זיין גוט, איך וועל קענען זיך אַן עצה געבן מיטן טראַקטאָר, מיט איין פֿוס, זע מנשה: — די הענט זענען גאַנץ, אייזן! וואָס מאַכט תמר? דיין טאַכטער איז אויסגעוואַקסן, יאָ מנשה?

דער סאַניטאַר מיט אַ מיידל אין ווייסן, וואָס האָבן זיך באַוויזן אין טיר, האָבן פֿון ווייטן געווונקען מיט די אויגן, אַז דער וויזיט איז געענדיקט, ס׳פּאַלט צו גאָכט.

— שלום יאָסי, שלום — האָבן עמרם מיט מנשהען פאַרזיכטיק געדריקט זיינע וואָרעמע, גאַנצע הענט — שלום!

צער מיט פרייד, פרייד מיט צער.

זענעןביידע אַוועק אויף די שפּיץ פינגער, צעווייטאָגטע, מיט פייכטע אויגן.

***

סיון. תמוז. אב. אלול. תשרי — סוכות תשכ״ח.

יסודות האָט אָפּגעלעבט. די לופט איז פריש, מילד און דורכזיכטיק. דער פאַרשנייטער קאָפּ פון חרמון וואָרעמט זיך אויף דער זון. אויפן חרמון שפּאַנען פּאַטרולן פון צה״ל, וואָס זעען פון וויטן דעם טאָל פון דער חולה אין זיין גאַנצער, גרינער פּראַכט. די „רמה״ פון גולן ליגט רויק. די „רמה״ שווייגט פרידלעך און נעמט מער נישט אָפּ די רו פון די געליטענע, אויסגעפּראַצעוועטע אונטערשטע, יידישע ישובים, וואָס שלאָפן איצט אין די נעכט נישט געשטערט. אויס געוויין פון צעבלוטיקטע בהמות, אויס בליצן, אויס דונערן, אויס פייער און טויט. די יידן אַקערן, זייען און פלאַנצן ווייטער אָן געפּאַנצערטע טראַקטאָרן, אָן ביקסן אויף די פּלייצעס. אומעטום זעט מען אַרומלויפן קינדער, וואָס שפּילן זיך אין „בום־בום״, אין מלחמות, זיי טראָגן שטיקלעך האָלץ — לייסטן, צוגעבונדן צו די אַקסלען מיט שפּאַגאַט. דאָס זענען יידישע קינדער־ביקסן, נישט קיין סאָוויעטישע „קאַלאַטשניקאָוס״, נישט פון טשעכישע אַרסענאַלן. די רעזערוויסטן זענען דעמאָביליזירט, זיי זענען אַזוי פאַרטאָן אין צוריקשטעלן זייערע באַשעדיקטע ווירטשאַפטן, זייערע היימען, פעלדער און פּלאַנטאַציעס, אַז זיי פאַרגעסן דעם נעכטן.

עמרם מיט מנשהען האָבן פון ס׳ניי פּלאַנירט, זוי צוריק גוטמאַכן זייערע צעטרעטענע פעלדער און פון דאָס ניי פאַרפּלאַנצן חרוב געמאַכטע פּרוכט־ביימער. מנשה לאָזט מער נישט דעם טאַטן זיך אַרומדרייען אַליין, אַ פאַרקלעמטן, צווישן זיינע פּאָר לעבן געבליבענע, שמעקעדיקע,

אתרוגים־ביימער. — „זאָרג נישט, אבא, די וואָרצלען פון די ביימער זענען געבליבן גאַנץ, אָט האָבן מיר באַנדאַזשירט צעבראָכענע שטאַמען, וואָס מען קען ראַטעווען, מחיה זיין. אַז די וואָרצלען זיצן פעסט אין דער ערד, וועט די ערד זיי צוריקגעבן די זאַפטן און אויסהיילן די געליטענע שטאַמען. ווּעסט דערלעבן, אַבאַ, נייע בליטן און וווּנדערבאַרע, שיינע אתרוגים. בלית ברירה, וועלן מיר נאָך די ערשטע רעגנס, מוזן גרעפן אַ טייל שטאַמען. די אתרוגים וועלן זיין כשר למהדרין, נאָך אַלץ, וואָס זיי האָבן איבערגעלעבט. די ביימער האָבן, ווי מענטשן אין ישראל, געבראַכט קרבנות. אתרוגים איז אַ יידישע פּרוכט״...

יענעם ערב סוכות, האָט זיך יאָסי, מיט טונקעלע זון־ברילן אויף די אויגן, געוואָרעמט אויף דער זון, אין זיין רעדער־שטול, ביים היימישן שוועל, אַריינגעאָטעמט די מילדע האַרבסטיקע לופט. ער האָט געוואַרט אויף חול המועד, ווען מנשה וועט אים אַוועקפירן אין תל־השומר שפּיטאָל, צופּאַסן אַ פּראָטעזע אויפן ליידיקן אָרט פון דעם פאַרלוירענעם פוס. ביים יונגן יאָסי, האָבן זיך אויך איינגעוועבט זילבערנע פעדים אין דער בלאָנדער טשופּרינע. די סימנים פון די פאַרהיילטע ווונדן אויפן שטערן זענען בלאַס געוואָרן. די ריפּן זענען געבליבן שוואַכע, קוים פאַרהיילטע. תמר האָט זיך פאַרנומען מיט אים, געפּלעגט און געצערטלט מיט ליבשאַפט, מיט גוטע רייד, ווי זי וואָלט באַדינט אַן אייגן קינד. זיינע נאָענטע חברים האָבן אים אָפט באַזוכט, זיך געטיילט מיט יונגע זכרונות, אויסגעמיטן דערמאָנען די „זעקס טעג״, זיי פלעגן אים ברענגען מתנות, פּרוכט, ביכער און זיסוואַרג.

אַרומגערינגלט מיט ליבשאַפט און צערטלעכקייט, האָט זיין פאַר־פרוירן האַרץ געגומען נאָכלאָזן. ער האָט געגומען חלומען פון זיין מיידל, וואָס האָט זיך איצט געפונען אין אַ נאָענטן קיבוץ, און אים אָפט באַזוכט. ווען ביידע פלעגן בלייבן אַליין, פלעגט ער האַלטן אירע הענט אין זיינע, פון וועלכע עס האָט געשטראָמט וואַרעמקייט פון צאַרטער יונגער ליבע, איינער צום צווייטן. ווען זי פלעגט אַוועקגיין, האָט יאָסי געחלומט פונעם טאָג, ווען זיי וועלן זיין צוזאַמען, ווי מנשה מיט תמרן... ביז זיינע מחשבות פלעגן אים אַוועקפירן צום טראַקטאָר, וואָס רוישט

און שטויבט, בעת ער זיצט אויף אים אין פעלד, און ציט די קייט פון אַקעראייזן, פון קולטיוואַטאָר...

אומעטום, אין יסודות, זענען אויסגעוואַקסן סוכות, אין די פראָנטן פון הייזער, אָדער אין די הויפן, וואָס יונגוואַרג האָט אויפגעשטעלט, באַדעקט מיט סכך פון עקאַליפּטוס־צווייגן, און אינעווייניק אויסגעצירט מיט טישטעכער, טעפּיכער, און גירלאַנדן גרינס, דאָס יאָר האָבן געפעלט די עפּל, וואָס פלעגן אַראָפּהענגען פון אויבן, ס׳האָבן ווייניק דערלעבט צייטיק צו ווערן. דעם גרעסטן טייל האָט די מלחמה פאַרלענדט.

אַ פּאָר טעג פאַר סוכות, האָט עמרם געבראַכט אַהיים, אין אַן אויסגעבעטן קוישל, אַ קנאַפּן צענדליק גאָלדענע אתרוגים וואָס ער האָט געפונען אויף די פּאָר לעבן געבליבענע ביימער. לולבים האָבן נישט געפעלט, מען האָט זיי געבראַכט פון די טייטלביימער, פון כנרת, ווידער ערבות מיט הדסים זענען געווען איבער געגנוג אין יסודות.

פון די געבראַכטע אתרוגים, האָט עמרם קוים אויסגעקליבן צוויי שיינע, נישט באַשעדיקטע פּירות, מהודרים, אָן דעם מינדעסטן פּגם. די פּיטומס זענען געווען שטאַרקע, טונקל ברוינע, די איבעריקע זענען געווען פּגומים. פון דעסטוועגן האָט ער זיי פאַרזיכטיק אַרויסגענומען פונעם קוישל, אויסגעלייגט איבערן קאַרניז פון אַלמער, אָנצופילן די שטוב מיט זייערע בשמים.

איין כשרן אתרוג, האָט עמרם געלאָזט פאַר זיך, אים איינגעפּאַקט אין האָליך־וואָל, אין דעם זילבערנעם, אַלטן, ירושה־שקעטל, דעם צווייטן האָט ער אליין מיט ציטעריקע הענט געבראַכט דעם רב, ווי ער האָט אים פאַראַיאָרן צוגעזאָגט.

יסודות לעבט ווייטער און היילט אירע ווונדן.

חיפה, יאַנואַר 1968.

צווי ביסקוויטן

סיון תשכ"ז אין גליל.

דער פערטער טאָג פון דער זעקס־טאָגיקער מלחמה.

די גאַסן פון דער גרענעץ־שטאָט זענען געווען ליידיק. ווען נישט ווען פלעגט מיט שטורעם פאַרביילויפן אַ מאָטאָציקל אָדער אַ דזשיפּ מיט זעלנער אין פאַרשטויבטער משונהדיק געפלעקטער קליידונג, אויף די קעפּ העלמעטן באַצויגענע מיט נעצן. אויף די באַוואָקסענע פּנימער — גרויסע, טונקעלע אויגן־גלעזער. וווּ נישט ווו האָט זיך געשאַרט אַ מענטש צוגעטוליעט צו די ווענט פון די הייזער און אָפּגעטריבן פון זיך אַן עלנטן, הונגעריקן הונט. די הויכן פון גולן האָבן געדונערט און געשפּיגן מיט פייער. די ערד האָט געציטערט, דער דרויסן אָנגעגליט פון חמימה איז געווען פאַרנעפּלט, פון אויבן, פונעם נעפּל, האָט אַרויסגעקוקט אַן אויס־געלאָשענע זון ווי פון אַ פאַרטונקלטער גלאָז אַרויס. יענע טעג האָט די גרענעץ־שטאָט אין גליל געלעבט אונטער דער ערד אין שעלטערס און אין גיך געגראָבענע גראָבנס, ביי די אַריינגאַנגען אין די הייזער, פאַר־שטעלטע און פאַרדעקטע מיט ווענט פון זעק זאַמד.

בעת דאָס דונערן פלעגט ווערן שוואַכער, פלעגן זיך מענטשן אַרויסכאַפּן פון אונטער דער ערד אַרויס, זיך שנעל שלייכן ווי שאָטנס איינצושאַפן שפּייז, בעיקר מילך פאַר קינדער.

אין די שעלטערס אינעם הו־האַ פון די קינדער האָבן פרויען מיט פאַרקלעמטע הערצער נישט אויפגעהערט קנעטן טייג, מישן מעל־צוקער מיט אייער אין שיסלען, זיך מוטיק אַרויפכאַפּן אין קיך פון דער פאַרלאָזענער היים אָפּבאַקן קיכלעך מיט קוכנס פונעם האַלב אויפגע־גאַנגענעם טייג און מיטן נישט אָפּגעקילטן געבעק בחפזונדיק זיך צוריק־

קערן אין שעלטער, כדי אַ ווײַלע שפּעטער ווידער לויפן אין קיך געפינען אַ קוישל, עס אײַנפּאַקן און וואַרטן ביז פאַרנאַכט זיך לאָזן לויפן צוגע־טוליעט צו די ווענט פון די הײַזער צום אונטערערדישן שפּיטאָל, וואָס האָט זיך געפונען אין אַ קעלער־רוים אונטער אַ לאַנגן בנין, ווו עס האָט געווימלט אַ לעבן ווי אין אַ בינשטאָק.

ביים אַרײַנגאַנג פון שפּיטאָל פלעגן אָפּט אָנלויפן אמבולאַנסן מיט דזשיפּן, צו ברענגען רויט פאַרפלעקטע טראָג־בעטלעך מיט פאַרווונדעטע שלאַכטלייט, איבערגעדעקטע ביז די פאַרשטויבטע, באַוואַקסענע פּנימער מיט דעקעס, שטיקער ברעזענט, אָדער מיט בגדים. צופּוסנס פלעגן אַרויסקוקן שווערע זעלנערשע שיך פאַרשמירטע מיט ערד.

אינעם פאָדער־„זאַל" פון שפּיטאָל, צווישן מענטשן אין ווײַסן און כאַקי, האָבן זיך געדרייט מוטערס מיט פרויען פון דער גרענעץ שטאָט, וואָס האָבן מיט פולע הויפּנס געטיילט זייערע קיכלעך, שטיקער קוכן, צוקערלעך, פלעשלעך געטראַנק, פּרוכט וכדומה. זיי האָבן נישט געקענט בלייבן פּאַסיוו, זיי האָבן נישט געקענט דערשטיקן זייער אומרו. פון זייער דמיון זענען אויף קיין איין רגע פאַרשוווּנדן די אייגענע, וואָס געפינען זיך איצט ווער ווייסט אויף וועלכע פראָנטן, — האָבן זיי אין דעם געבראַכטן גוטס אַרײַנגעקנעטן זייער בענקען און ציטער. מיט וואָס האָבן זיי איצט געקענט מער העלפן?

די סבתא סאַלימה, אַן אַלטע אויסגעבויגענע זקנה, אַ קנאָכיקע ווי אַ פייגנבוים, האָט יענע טעג נישט פאַרלאָזן איר צריפל ווו זי האָט געלעבט איינע אַליינעניו. אין צריפל איז געשטאַנען אַ טאַפּטשאַן איבערגעדעקט מיט אַ קאָלירלאָזער דעקע, מיט אַ ראַגאָזשע אויפן דיל, מיט אַ נאַקעט טישל אין אַ ווינקל, ווו ס'האָבן זיך געפונען: אַ קנויט לאָמפּ, אַ פּאָר עמאַלירטע, בלעכענע טעלער מיט צוויי גלעזער. אונטערן טישל איז געשטאַנען אַן עמער האַלב פול מיט לעבלעך וואַסער. יאָ, דאָרטן האָט זיך אַרומגעדרייט נאָך איין איינציק לעבעדיק באַשעפעניש, אַ גרויע קאַץ, וואָס פלעגט בייטאָג זיך רייבן אין אירע פיס, ביינאַכט ליגן אויף דער דעקע אין בעט, זיך וואַרעמען און ברומען. — וואָס? דאָס דונערן? — קוים וואָס זי הערט, זי איז כמעט טויב. די לײַדיקע

גאַסן וואָלטן איר נישט געשטערט, ווען נישט די „סאָסיאַליט", וואָס זי האָט נעכטן געפונען פאַרשלאָסן און נישט געקענט קריגן איר קליינעם וואָכער. וואָס וועט זי עסן? מאָרגן איז ערב שבת, שבת קודש אָן אַ פּיצל חלה, אָן אַ קאַרטאָפל, אָן אַ פּיצל פליש — דאָס איינציקע מאָל אין וואָך, וואָס יאַקוב דער קצב פלעגט איר אַריינשטופּן אין קוישל אָן געצאָלט, וואָס?

פאַר אירע קינדער? — די סבתא סאַלימה זאָרגט נישט פאַר זיי, זי ווייסט נישט ווו זיי זענען, דערפאַר זאָרגט זי פאַר אַלע יידישע קינדער, אַלע זענען איצט אירע זין. מען האָט איר געזאָגט, אַז די כלבים פון דזשעבאַל (באַרג) שיסן טאָג און נאַכט, ס׳איז כאַרב (מלחמה) אויף לעבן און טויט, האָט זי דריי מעת לעת צענדליקער מאָל איבערגעחזרט די פאַר תפילה־ווערטער, וואָס זי האָט געקענט אויף אויסנווייניק, אויס־געוויינט אַלע טרערן פון אירע פאַרנעפּלטע אויגן, הונדערט מאָל איבער־געחזרט „שמע ישראל". יענעם פרייטיק האָט זי זיך אָנגעטאָן, פאַרבונדן דאָס קאָפּ־טיכל ביז די אויגן, גענומען דעם שטעקן און איז ווידער אַוועק צו דער „סאָסיאַליט" (עזרה סאָציאַלית), ס׳איז ערב שבת אפשר איז היינט אָפן, אפשר איז היינט אויך אָפן יאַקוב׳ס יאַטקע?

די גאַסן זענען געווען ליידיק, דאָס האָט זי געזען, דאָס דונערן פון די בערג האָט זי קוים געהערט, די „סאָסיאַליט" מיט דער יאַטקע זענען ווידער געשלאָסן, נאָר מעשה ניסים האָט זי געטראָפן אין גאַס דאָס מיידל פון דאָרטן. דאָס מיידל האָט געשפּאַנט מיט אַ טעקע אין האַנט אַ פאַרשוויצטע, אַ צעפלאַמטע מיט רויטע אויגן, נישט פאַרקעמט ווי שטענדיק.

— סבתא סאַלימה! וואָס טוסטו דאָ אַליין אין גאַס? — כאַטר יאַ אמא — ס׳אַ סכנה, ווו גייסטו?

— ס׳איז ערב סאַבעט (ערב שבת) יאַ עיני, כ׳האָב אַלץ פאַרצערט, יאַ בינטי, מיין טאָכטער.

האָט זיך דאָס מיידל געכאַפּט, אַז די אַלטע ווייסט נישט, אַז דאָס מאָל האָט מען, מחמת סכנה, פאַרטיילט דעם וואָכער נעכטן אָוונט. וואָס קען זי איר איצט העלפן? זי לויפט אין שפּיטאָל מיט אַ פולער טעקע

פאַר די פּראַנט־זעלנער, אויף דעם קען זי נישט מוותר זיין, זי וועט זאָרגן צוריקוועגס עפּעס צונויפּברענגען פאַר דער אַלטער, דערווייל אײדער וואָס ווען, האָט זי איר אַרייגגעשטופּט אין האַנט צוויי ביסקוויטן, איר היינטיקן פרישטיק, און איז פאַרשווונדן.

די סבתא סאַלימה האָט מיט ציטעריקע הענט באַטאַפּט די ביס־קוויטן, זיי איינגעוויקלט אין אַ שטיקל לייוונט, פאַרשטופּט ערגעץ אין בוזים און זיך געלאָזט צוריקגיין, נישט צו הערן נישט דאָס דונערן, נישט דעם רויש פון אַעראָפּלאַנען איבערן קאָפּ, וואָס האָט נישט נאָכ־געלאָזט. אַז זי האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ ווײלע אָפּכאַפּן דעם אָטעם, האָט אַ בראַזג געטאָן פון אַ נאָענט הויז, אַלע שויבן האָבן געפּלאַצט, שטיקער גלאָז האָבן זיך צעשאָטן אַרום און אַרום אויף פּיץ־פּיצלעך, אַ שטיקל גלאָז האָט אַ ריס געטאָן סאַלימאַס פאַרמעטענעם פּנים, ווו עס האָט זיך באַוויזן אַ שנירל בלוט. וואָס די אַלטע האָט אָנגעטאַפּט מיטן האַנט, ס׳האָט נישט ווײ געטאָן, זי האָט נאָר דערפילט ווי אַ שטאַרקע האַנט האָט זי אַ צי געטאָן צו זיך און ביזלעך אַ געשריי געטאָן: — „וואָס טוסטו איצט אין גאַס, סבתא, וואָס טוסטו דאָ״? די האַנט האָט זי אַרייג־געבראַכט אין אַ טומלדיקן שעלטער פול מיט פרויען און קינדער. מען האָט איר דאָרטן געגעבן אַ טרונק, אַ מיידל האָט לייכט אָפּגעווישט דאָס בלוט פון איר פּנים און זיך ווי געבייזערט: — „לאָן הלכת סבתא? ווו האָסטו זיך אַרומגעדרייט אין אַזאַ צייט״?

דאָס מיידל האָט באַשמירט דעם שניט מיט יאָד, „ס׳איז נאָר אַ קראַץ, סבתא, זה כלום, האָסט מזל, וואָס דער שפּליטער האָט דיר נישט אַ שמיר געטאָן די אויגן״!

זי האָט זי אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקל און אַוועק, ווייל זי האָט זיך אויך געקליבן גיין מיט אַ פּעקל אין שפּיטאָל. פאַר אירע אויגן איז געשטאַנען איר נתן, ווו איז ער איצט זי האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן, אַ טרייסל געטאָן איר יונגן קאָפּ, צו באַהאַלטן איר נתן טיף אין האַרצן. יאָ, איר פאָטער איז אויך „דאָרטן״, ווו איז ער איצט איר אבא? איז זי אַרויס מיט אַ פּעקל אין דרויסן, זי קען דאָ נישט בלייבן פּאַסיוו, זי מוז עפּעס אויך טאָן מוז זי — — — זי גייט געבן בלוט, דורכן ראַדיאָ

האָט מען געבעטן בלוט... דער טומל אין שעלטער, די פאַרשטאַרקטע האַרמאַטן־קאַנאָנאַדע מיטן שנײדיקן שטורעם־רויש פון עראָפּלאַנען האָבן פאַרשטאַרקט איר אומרו און דערנענטערט אַלע אירע מחשבות צו יענעם „ערגעץ־ווו", ווו עס געפינען זיך איצט איר נתן, איר פאָטער צוזאַמען מיט אַלע מענער פון די אויסגעליידיקטע הײזער, צו פאַרשטעלן מיט זײערע לײַב און לעבנס דאָס פײַער, וואָס האָט זיך, ווי דער ראַדיאָ דערצײלט, שוין אײַנגעשטעלט אָדער אָפּגעשטעלט ווײַט, זײער ווײַט פון דאַנען, בעת דאָ שטאַרקט זיך דאָס דונערן. די הויכן פון די בערג אין מזרח זענען אײַנגעהילט אין רויך, שטויב און נעפּל. זאָלן זיך דאָרטן געפינען נתן מיטן פאָטער, דאָרטן אין די בערג, אין גיהנום? אין דער לײדיקער גאַס, זיך שאַרנדיק בײַ די ווענט מיטן פּעקל אין האַנט איז איר לײַכטער, זי גײט עפּעס טאָן, זי לויפט געבן איר בלוט, זי וויל, זי מוז אויך העלפן, זי מוז אַוועק פון שעלטער, אַנטלויפן פון זיך אַלײן, זיך צו געפינען נענטער, נענטער צו יענע, וואָס שטײען איצט „דאָרטן".

דערווײַלע איז די סבתא סאַלימה שטיל געזעסן אין אַ ווינקל און געמורמלט: — „שמע ישראל — שמע ישראל", ס'האָבן זיך בײַ איר אָפּגעזוכט עטלעכע פאַרבאָרגענע טרערן, וואָס האָבן זיך אַראָפּגעקײַקלט פון אירע אויגן איבער די פאַרמעטענע באַקן, ביז זײ האָבן דערלאַנגט דעם אָפּגעגעם שניט, ס'האָט איר אַ ברי געטאָן, און זי האָט אַ געשרײַ געטאָן: — „אַללאַ יאַ אַללאַ"!

ווי עס האָט זיך נישט געטומלט אין שעלטער האָט איר געשרײַ צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקײט פון אַ צווײטער סבתא, נישט אַזאַ אַלטע ווי זי. יענע איז געווען אַן אויפגעראַמטע, אַ צוגעלאָזטע, אַזאַ אײנע פון די „שיכנוזים", וואָס איר האַרץ האָט אין דער שטיל געצאַפּלט פאַר צווײ אײניקלעך, וואָס זענען איצט אויך געווען „דאָרטן", האָט זי זיך צוגעזעצט צו סאַלימען און דערזען איר פּנים און פאַרבלוטיקט קלײד, זי האָט אויך באַמערקט דעם אָפּגעגעם שניט און פאַרבראָכן מיט די הענט: — „גוואַלט געשריען, ווו זענען מיר? זעט ווי די אַלטע זעט אויס"!

— מאַלעש, מאַלעש יאַ אחתי, — ס'איז גאָרנישט שוועסטערל, עס טוט מער נישט ווײ, מאַלעש...

די צווייטע סבתא האָט פאַרשטאַנען צו געבן סאַלימען עפּעס צובייסן און גענומען אָפּוואַשן די בלוטפלעקן פון איר קלייד, בעת מעשה, מיט פּשוטע ווערטער, האַלב יידיש, האַלב אַראַביש מיט העברעאיש האָט זי דערציילט פון אַלץ, וואָס דאָ טוט זיך. די סבתא סאַלימה איז געווען גענוג ביים שכל נישט נאָר צו פאַרשטיין, נאָר אויך צו דערפילן, וואָס דאָ פאַרלויפט, ערגעץ אין דער טיף האָט זיך ביי איר אָנגעצונדן אַ שטיק אויסגעלאָשענע מוטערשאַפט: זין, טעכטער, מענער, אייניקלעך, — מלחמה! זי האָט פאַרמאַכט די אויגן זיך צו מיען נישט לאָזן אויסלעשן דעם אָנגעצונדענעם פונק לעבן, נישט איבעררייסן דעם געכאַפּטן פאָדעם.

די צווייטע סבתא האָט געמיינט, אַז סאַלימה איז איינגעשלאָפן, האָט זי זיך אויפגעשטעלט און זיך געלאָזט צו איר פול קוישל אָוועקצוטראָגן אין שפּיטאָל, ווי אַלע האָבן געטאָן, מען דאַרף דאָרטן העלפן, דאָרטן אין גרויסן קעלער, העלפן מאַכן שבת.

דער קעלער איז איצט געווען אָנגעזאַפּט מיט ריחות פון קאַרבאָל מיט יאָד, כלאָראָפאָרם, רפואות און בלוט, מען דאַרף דאָרט ברענגען מוטערלעך האַרץ מיט מוטערלעכע הענט. ס׳דונערט אין דרויסן? — זאָל דונערן.

דאָס שפּיטאָל איז געוואָרן דאָס איינציקע זאַמל אָרט פון דער גרענעץ שטאָט, ווו מען האָט זיך געטראָפן אַ יעדערער מיט זיין „פּעקל״. דער איינציקער טרעפפונקט פון אַלע איצט געליטענע מוטערס, פרויען און בני משפחה פון די דאָרטיקע מאָבילייזירטע.

ערשט פאַרנאַכט האָט מען זיך געכאַפּט אין שעלטער, אַז די סבתא סאַלימה איז פאַרשוווּנדן, ווו זוכט מען זי? אין שעלטער איז געווען שטיל. אין די ווינקלען, אויף ציגל, האָבן געברענט שבת־ליכט, וואָס האָבן געוואָרפן אויף די ווענט לאַנגע, צאַפּלדיקע שאָטנס. עלטערע יידן האָבן זיך צונויפגענומען דבקותדיק מקבל שבת זיין בציבור נישט צו זען די אָנסופיקע בליצן מיט די פלאַמען אויפן באַרג, נישט צו זען דעם בלוטרויטן אָנגעגליטן הימל, זיי האָבן נאָר געהערט דאָס מוראדיקע דונערן — די ערד האָט געציטערט, די ווענט האָבן זיך געבראָקלט, דער סופית האָט געשטויבט, דער קבלת שבת האָט אַלץ פון זיי פאַרטריבן. די יידן

אין שעלטער האָבן זיך איבערגעפּרעגט מיטן מתיקותדיקן קבלת־שבת ניגון: — התעוררי, כי באָ אורך קומי אורי — — —

— לכה דודי לקראת שבת, לכה דודי — — —

— קול אדוני שובר ארזים, וישב אדוני את ארזי הלבנון, וירקידם כמו עגל, לבנון ושריון כמו בן ראמים.

— קול אדוני חוצב להבות אש — די שטים פון גאָט רייסט פלאַמען — לכה דודי, לכה דודי לקראת שבת — — — דער דרויסן איז געוואָרן אַ גיהנום, דאָס איז געווען די לעצטע נאַכט פון דער זעקס טאָגיקער מלחמה, אַ פּאָר שעה פאַרן סוף.

יענעם פּרייטיק צונאַכט זענען אַלע בעטן אין שפּיטאָל אונטער דער ערד געווען פול. דאָ און דאָרטן זענען געהאַנגען אין דער לופטן, איבער די בעטן, צעשמעטערטע הענט און פּיס, דאָ און דאָרטן זענען געהאַנגען פּלעשער מיט סלאַיעס פליסיקייטן, וואָס האָבן דורך גומי שלויכלעך גענערט געניזוקטע גופים, געהאָלפן קלאַפּן אָפּגעשוואַכטע הערצער, גענערט אָדערן מיט געבראַכטן בלוט. מ'האָט קיין קרעכצן נישט געהערט. שוועסטער און דאָקטוירים אין ווייסן האָבן זיך געשלייכט צווישן די בעטן מיט פאַרזאָרגטע פּנימער, מיט רויטע נישט דערשלאָ־פענע אויגן. אין יעדן ליידיקן ווינקל אויף דער ערד, האָט מען אויסגעבעטט בייע געלעגערס, דאָס ליכט איז געווען טונקל, די לופט — שווער־געדיכט. אין דרויסן האָבן נישט אויפגעהערט קומען אַמבולאַנסן מיט דזשיפּן מיט פאַרוואונדעטע זעלנער.

אינעם גרויסן האַרמידער אַרום האָט געהונקען די סבתא סאַלימה מיטן שטעקן אין האַנט, נישט צו פאַרשטיין ווי אַזוי זי האָט דורכגעשפּרייזט דעם לאַנגן וועג פונעם שעלטער ביזן שפּיטאָל. די סבתא סאַלימה האָט זיך אַנגעשטויסן אויף איינער פון די שוועסטער, וואָס איז שטיין געבליבן, זי אַנצוקוקן מיט שטוינען, די אַלטע האָט זיך אַנגעכאַפּט אָן איר פאַרטוך:

— יאַ בינתי, יאַ עיני — מיין טאַכטער, מיין אויג אין קאָפּ, יאַ חביבתי, סטעגלי שוואַי — שטיי אַ ווײַלינקע מיין ליבינקע — — —

איז די שוועסטער געבליבן שטיין מיט אויפגעריסענע אויגן.

די סבתא סאַלימה האָט אַרויסגענומען פון בוזעם אַ שטיקל לייוונט,

עס אָפּגעוויקלט מיט אירע ציטריק־קנאָכיקע פינגער אַרויסגענומען צוויי ביסקוויטן און דערלאַנגט דער שוועסטער איר חלק, איר גאָב אין דער מלחמה.

— כודי יאַ וולאַדי, נעם מיין קינד — פאַר די זעלנער, פאַר אונדזערע זין — נעם מיין טאָכטער.

מער האָט די סבתא סאַלימה נישט געהאַט וואָס צו ברענגען.

פסח — 1968 — תשכ״ח.

שלום בית

אייזיק זמורה איז געזעסן ביי זיין שרייבטיש איבערגעבויגן איבער אַ פּעקל פּאַפּירן פולע מיט ציפערן און זיי אויטאָמאַטיש געבלעטערט. זיין קאָפּ איז געווען ווייט פון די ציפערן, אפילו פון די ראַנד־באַמערקונגען מיט רויטן טינט, וואָס וואַרפן זיך באַזונדערס אין די אויגן.

אייזיק זמורה איז יענעם פרימאָרגן אויפגעשטאַנען, ווי שטענדיק, זעקס אין דער פרי. ער האָט אַרויפגעצויגן די שטאָרז פון די פענצטער, עס האָט אויף אים אַ בלאָז געטאָן אַ קיל ווינטל מיטן דופט פון קוסטעס רויזן, וואָס זיין בן־יחיד, חגי, האָט פאַרפלאַנצט צו זיין 17 יאָריקן געבורטס־טאָג, אינעם טאָג ווען ער האָט פאַרענדיקט די מאַטורע־עקזאַמענעס. פויגל האָבן זיך איבערגעפרעגט צווישן די בלעטער פון צירונגס־ביימער, וואָס זענען געוואַקסן לענג אויס די גרענעצן פון הויף. בינען האָבן זיך געפּאָרעט אין די איבערצייטיקטע בלומען אונטערן פענצטער. דער הימל איז געווען בלוי מיט צעשפּרייטע פּיצלעך ווייסע וואָלקן. די זון איז געשטאַנען פון יענער זייט הויז, איבער די בערג פון גליל, איבערן פאַרשנייטן קאָפּ פון ווייטן חרמון.

נאָכדעם ווי אייזיק זמורה האָט אַריינגעאָטעמט די פרישע לופט, האָט ער אויפגעמאַכט דעם ראַדיאָ, וואָס האָט געהאַלטן אין מיטן זינגען „אדון עולם”, ער האָט פלינק אַראָפּגעוואָרפן די פּידזשאַמע, זיך גענומען אָנטאָן און גרייטן צום ראַזירן, אָבער דער ראַדיאָ האָט איבערגעגעבן די ערשטע אוידיציע ביים, ער האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן און געכאַפּט, אַז דער אומרויִקער נאַכט־שלאָף האָט אים ווי אַוועקגעטראָגן ווייט פון די לעצטע געשפּאַנטע טעג, ווען דאָס לאַנד האָט געפיבערט, ס'איז שוין געוואָרן צוויי וואָכן נאָך דער מאָביליזאַציע, עס האָט אים שאַרף אַ שניט געטאָן

אין געהירן, ער האָט זיך דערמאָנט אַן זיין בן־יחיד, חגי, וואָס האָט געדינט אין צה״ל אַ קנאַפּ יאָר צייט און געפינט זיך איצט ערגעץ אין אַ לאַגער אויף דער דרום־גרענעץ, נאָענט פונעם קיבוץ, וואָס דער ראַדיאָ האָט נאָר וואָס דערמאָנט און דערציילט, אַז מחבלים פון עזה האָבן זיך ביינאַכט אַריינגעגנבעט אין אַ צייטיק תבואה־פעלד, איינגעפלאַנצט אין באָדן מינעס און פאַרשווונדן אין דער פינצטערניש. די קאָמביינען פלעגן יענע טעג נישט אַרויספאָרן גלייך אין פעלד ווי שטענדיק, זיי פלעגן וואַרטן ביז די טאָג־שיכט שומרים מיט זייערע הינט פלעגן דורכמאַרשירן די שטחים, צו דערגיין צי ביינאַכט זענען דאָ נישט געווען „געסט" פון יענער זייט גרענעץ. דאָס מאָל האָבן זיך די הינט געריסן און שטאַרק געבילט: זיי האָבן דערשמעקט פרעמדע ריחות. די שומרים זענען אויפֿ־מערקזאַם, פאָרזיכטיק נאָכגעגאַנגען די הינט און באַמערקט אַ פּאָר ביי אויסגעטרעטענע שטעגן צווישן די תבואות, זיי האָבן זיך באַלד אויסגעלעגט אויף דער ערד, נישט אַריינצופאַלן אין אַ לויערונג. איינער פון זיי איז גיך אַוועק אין קיבוץ צו וויסן געבן, אַז איידער דער קאָמביין מיט די טראַקטאָרן וועלן אַרויס צו דער אַרבעט, זאָל מען אַרויסרופן פונעם נאָענטן לאַגער שוץ־לייט מיט מינען־זוכער, אויספּרובירן די פריש אויסגעטרעטענע שטעגן אינעם תבואה־פעלד אַזוי האָט מען פאַרמיטן אַן אומגליק. די מינען־זוכער האָבן אַנטדעקט מינעס, לייכט פאַרשאָטענע מיט ערד און זאַנגען און זיי באַזייטיקט.

„ברוך השם", האָט אייזיק געזאָגט צו זיך אַליין מיט פאַרלייכטע־רונג, און געטראַכט פון זיין חגי, וואָס האָט זיך משמעות היינט באַגינען אויך געגרייט צו ראַזירן, ביי אַ קליין שפּיגעלע, וואָס ער האָט אַוועקגע־שטעלט אויף אַ פליגל פון אַ דזשיפּ, אָדער האַלב אָפענעם פאַנצער, נאָר אייזיק האָט זיך געקענט פאַרגינען פּטרן אַ האַלבע שעה אויף דער פרימאָרגן טואַלעט, מיט גענוג וואַסער זיך צו וואַשן, בעת חגי האָט פאַר דעם געהאַט געציילטע מינוטן מיט אַן אויסגעטיילטער פּאָרציע וואַסער. אייזיק איז ווי שטענדיק געשלאָפן אויף ווייסע בעטציינג, אויף אַ ווייכן געלעגער, בעת חגי איז יענע נעכט געשלאָפן אין אַ געצעלט, אויף דער ערד, אויף אַ פאַרשטויבטער דעקע אין אַ פאַרשוויצטער, זעלנערשער

קליידונג, מיט א געלאָדענעם אויטאָמאַט ביי דער זייט, און נישט שטענדיק זיך דערלויבט אויסטאָן די שווערע שיך.

עס איז געווען אָנהויב יוני, אין די טעג פון היכן אויסגאַמס־צושטאַנד, וואָס איז אַלעמען פאַרמיאוּסט געוואָרן באַזונדערס די רעזער־וויסטן, וואָס האָבן געלאַגערט ערגעץ ווייט, אין אַן עקאַליפּטוס־וועלדל, זיי האָבן געשמועסט צווישן זיך, אַז זיי פאַרשטייען נישט ווי לאַנג מען וועט זיי דאָ האַלטן צו מאַכן איבונגען, בעת אין זייערע היימען און אַרבעטס פּלעצער נויטיקט מען זיך מער אין זיי, ווי עס מיינען זייערע סערזשאַנטן און לייטענאַנטן, ממה נפשך, — מען קען דאָך מאַכן איבונגען נאָענט צו דער היים...

— „אָהער אָדער אַהין", זיי פאַרשטייען נישט אַזאַ לאַנגן „חול המועד".

שוין א לענגערע צייט ווי ביי איזיקן איז צעשטערט דער שלום־בית מיט זיין פרוי, ניצה, כאָטש ער לעבט מיט איר צוזאַמען זענעןביידע ווייט איינער פון צווייטן; ביידע שלאָפן באַזונדער, זי שלאָפט אַליין אין שלאָפצימער אין דער דאָפּלט־בעט, ער — אויף א סאָפע אין געסטצימער. ביידע מיידן זיך אויס אויף וויפיל עס לאָזט זיך, מעגלעך אַז זיי וואָלטן זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען, נאָר זיי האָבן עס נישט געטאָן מחמת דעם בן־יחיד, וואָס האָט זיך בעת אָנהויב פון דער מחלוקת געגרייט גראָד צו מאַכן מאַטורע, נאָכדעם איז ער צוזאַמען מיט חברים פון דער „תנועה", אַוועק אַרבעטן אויף א שטיקל צייט אין א קיבוץ, גלייכצייטיק דורכגעמאַכט די לעצטע איבונגען, מאַרשן און לאַגערן אין „גדנ"ע" אַזוי ביז מען האָט אים געפאָדערט זיך שטעלן צו רעגולירן דינסט אין צה"ל.

נישט צונויפגערעדט האָבן ביידע, ער און ניצה, נישט געוואָלט אויפרודערן זייער בן־יחיד, וואָס איז געווען געניגג צייטיק צו פאַרשטיין אַז צווישן די עלטערן איז עפּעס נישט אין אָרדנונג. ביידע שווייגן צופיל בעת ער איז אין דער היים, זיי עסן צוזאַמען ביים זעלבן טיש ווו ער רעדט מער ווי זיי ביידע, ער האָט די אויפפירונג געהאַלטן ווי א „מצב רוח", נישט מער. חגי איז געווען צופיל פאַרטאָן אין זיין יונגער, צאַפּלדיקער

סביבה, ער זאָל זיך באַזונדערס איבערנעמען מיט שטימונגען פון די עלטערן. ער האָט נישט באַגריפן ווי אַזוי ער האַלט אויף ביידן צוזאַמען, ווי אַזוי ביידן פאַרקניפּט נאָך אַ פאַדים פון בשותפותדיקער זאָרג און ליבשאַפט צו אים, צו זייער איינציקן זון. זיי האָבן נישט געוואָלט צעשטערן זיין וואַרעמע נעסט.

נאָכדעם ווי חגי איז אַוועק איז די היים געוואָרן ליידיק. ביצה האָט אויפגעהערט וואַרטן אויף אייזיקן ביי די היימישע מאָלצייטן, וואָס האָט אים לכתחילה פאַרדראָסן, אָבער ער איז געווען שטאַרק פאַרטאָן און פאַרדרייט אויף זיין אַרבעטספּלאַץ און נישט געקענט צופיל טראַכטן פון זיין היים, ווו ער מיט ביצהן האָבן שוין געלעבט מער ווי 20 יאָר צוזאַמען. אַז ער פלעגט איצט קומען אַהיים פלעגט ער געפינען דאָס עסן גרייט אויפן טיש, נאָר אָנצוּוואַרעמען און נאָכדעם די ליידיקע כלים אַריינ־ברענגען אין קיך אין וואַש־שיסל, בעת זי פלעגט יעדן פרימאָרגן געפינען אויפן קיך־טיש דאָס קריגל פאַרבריטע קאַווע, וואָס ער פלעגט צוגרייטן ווי שטענדיק, ווייל בעת ער פלעגט אַוועקגיין צו דער אַרבעט פלעגט זי נאָך זיין אין בעט. פאַרן אַוועקגיין פלעגט ער ברענגען פון קלייט די פאָר זעמל, די פלאַש מילך מיט אַנדערע קלייניקייטן, צו פאַרשפּאָרן ביצהן די מלאכה.

ביידע האָבן זיך געפונען אין אַ געשפּאַנטן צושטאַנד, צו וואָס זיי האָבן בלית ברירה משלים געווען.

חגי איז געווען צוגעבונדן צו ביידן און ביידע צו אים, נאָך אַלעמען איז זייער מחלוקת נישט אַרויסגעדרונגען פון שנאה, ס'איז מער געווען אַן עקשנות פון ביידן, וואָס האָט זיך לכתחילה אָנגעהויבן פון אַן אומזיניקער אייפערזוכט פון אייזיקן, דערנאָך מיט אַ קעגנערשאַפט כלפּי איר באַשלוס צו גיין אַרבעטן מחמת איר איינזאַמקייט און ווידערווילן צו דער שטוב־אַרבעט.

וואָס חגי איז עלטער געוואָרן אַלץ ווייניקער איז ער געווען אין דער היים. געקומען פון דער שול, אַ וואָרף געטאָן די טעקע ביכער און ביז אייזיק פלעגט קומען צו מיטאָג, פלעגט ער אַלץ, וואָס ער האָט געהאַט אויפן האַרצן אַפּלאַדן פאַר דער מאַמען, וואָס פלעגט זיך בעת מעשה

פאַרען ביים צוגרייטן דאָס מיטאָג. אַז אייזיק פלעגט קומען אַ מידער, אַ צעטראָגענער מיט דער אָונט־צייטונג אין האַנט, פלעגט ער זעלטן ווען זיך אַריינמישן איבעם נישט פאַרענדיקטן שמועס צווישן מוטער און זון. ער פלעגט זיך זעצן ביים גרייטן טיש, שלינגען דאָס עסן און קוקן אין צייטונג, ווי ער וואָלט ביידן נישט זען. נאָכן עסן פלעגט זיך חגי פאַרקלייבן אין זיין ווינקל מאַכן די לעקציעס און אייזיק פלעגט זיך צושפּאַרן אויף דער סאָפע און איינדרעמלען מיט דער נישט אויסגעלייענטער צייטונג אין האַנט.

ניצה פלעגט צורוימען דעם טיש, וואַשן דאָס געשיר און אַלע ווײַלע ענטפערן חגין אויף דעם, וואָס ער האָט נישט פאַרשטאַנען פון זיינע ביכער און העפטן. בעת חגי איז אַריבער אין זעקסטן קלאַס מיטל־שול, האָט זי מער נישט געקענט ענטפערן אויף זיינע פראַגן, כאָטש זי האָט פאַר דער חתונה געלערנט אין אַ לערער־סעמינאַר אָט די אַלע קעגנ־שטאַנדן, וואָס חגי לערנט איצט: — פיזיק, געאָמעטריע, ענגליש לשון וכדומה, ווי זאָל זי דאָס אַלץ געדענקען ווען זי געברויכט עס נישט אין לעבן קנאַפּע 20 יאָר צייט? אַז די מוטער האָט אים נישט געקענט העלפן, פלעגט ער צונויפנעמען זיינע ביכער און העפטן און זיך לאָזן זוכן הילף ביי שול־חברים, וווּ ער פלעגט בלייבן ביז אָונטברויט. נאָך אָונטברויט פלעגט ער ווידער פאַרשווינדן אין קלוב פון זיין „תנועה".

ניצה פלעגט זיך אָפּפאַרטיקן אין קיך, אַריינבליקן אין דער אָונט־צייטונג, וואָס איז אַרויסגעפאַלן פון אייזיקס האַנט, דערנאָך אים אויפ־וועקן צוריקצוגיין צו דער אַרבעט און בלייבן איינע אַליין.

פאַר דער מחלוקת פלעגט זי נאָכמיטאָג באַגלייטן אַייזיקן ביז זיין ביוראָ, אונטערוועגנס געשמועסט מיט אים וועגן היימישע ענינים, דערנאָך גייך מאַכן קניות און באַזוכן. אייזיק פלעגט זי אויסהערן נישט אויפמערק־זאַם, מחמת זיין קאָפּ איז שטענדיק געווען פאַרנומען מיט זיין אַרבעט: ציפערן, קרעדיטן, הכנסות, הוצאות, וועקסלען, שטייערן, געהאַלטן וכדומה, באַזונדערס פלעגט ער זיין צעשרויפט אין די טעג, בעת ער פלעגט דאַרפן צושטעלן מאַטעריאַלן מיט פלענער די פאַרוואַלטונג פון זיין אַרבעטס־פּלאַץ, וואָס איז נישט געווען קיין פּריוואַטער, נאָר אַ קאָאָפּעראַטיווער

עסק מיט אַ סך אַפּטיילונגען אין לאַנד, מיט אַ פּאָר טויזנט אָנגעשטעלטע, יעדערער מיט זיין „פּעקל", ער איז שטענדיק געווען באַלעסטיקט מיט קאַלקולאַציעס און האַרבע פּראָבלעמען, ווי אַזוי אָפּצוהיטן אַלע פּרטי־פּרטים פון אַ געזעלשאַפטלעכער קאָאָפּעראַציע, וואָס שטייט אויס קאָנקו־רענץ פון פּריוואַטן מסחר און פרייען מאַרק.

נאַטירלעך האָט אייזיק, ווי אַ מנהל, געהאַט זיינע אַמביציעס און פליכטן, וואָס פלעגן אָוועקנעמען זיין אינערלעכע רו, ער האָט נישט געהאַט פּאַר וועמען זיך אַראָפּצורעדן פון האַרצן, מחמת ניצה איז פון דעם אַלעמען געווען ווייט אין דער מענטאַלער מעגלעכקייט תופס צו זיין זיינע פּראָבלעמען און אין דעם אינערלעכן ווילן זיך צו אינטערעסירן מיט זיינע זאָרגן. עס איז איר גענוג געווען די לאַסט פון דער היים, מיט וואָס אייזיק האָט זיך נישט אינטערעסירט, און זיך פאַרלאָזט אויף איר. אַזוי האָבן ביידע מענטשן געלעבט צוזאַמען, אין צוויי באַזונדערע וועלטן מיט איין בשותפותדיקן שלאָפצימער.

דאָס איינציקע וואָס האָט ביידן געהאַלטן צוזאַמענגעשמידט איז געווען די ליבשאַפט און זאָרג פאַרן בן־יחיד, וואָס איז נאַטירלעך מער געווען צוגעבונדן צו איר ווי צו אים, ווייל ער האָט נישט געהאַט גענוג פרייע צייט זיך צו פאַרנעמען מיט אים ווי זי האָט געהאַט. אַז דער זון איז אויסגעוואַקסן און גענומען לעבן אין זיין אייגענער וועלט, האָט ניצה זיך נישט געפונען קיין אָרט, זי איז געבליבן אַליין מיט זיך און נישט געוווסט וואָס צו טאָן מיט איר פרייער צייט אַזוי לאַנג, ביז זי האָט זיך צופעליק געטראָפן אין גאַס מיט אַן אַמאָליקן יוגנט חבר, וואָס איז ביס־לעכווייז געוואָרן ביי איר אַ בן־בית.

דער חבר, חיים שטערן, איז געווען אַ באַנק־אָנגעשטעלטער, אַ חתונה געהאַטער, אַ פאָטער פון צוויי טעכטער, וואָס האָט זיך מיט זייער דערציונג אָפּגעגעבן מער ווי זיין ווייב, לאה, וואָס האָט אויך געאַרבעט אין אַן אַסעקוראַציע־ביוראָ, זי האָט זיך עס געקענט דערלויבן: — מיט איר שטוב־ווירטשאַפט און קינדער האָט זיך פאַרנומען איר מוטער, אַן אלמנה, אַ גוטע סבתא, אויף וועמען מען האָט זיך געקענט פאַרלאָזן אויף אַזויפיל, אַז זי, לאה, האָט זיך געקענט דערלויבן גיין אַרבעטן, צו זיין אַ גאַנצער

קאַכלעפל אין „ועד למען החייל״, גיין אויף זיצונגען אין וויצ״א, העלפן איינאָרדנען באַזאָרן לטובת שוואַכע קינדער וכדומה. לאה האָט געטראָגן אין טאַש אַ שטענדיקן אַבאָנאַמענט אויף קאָנצערטן פונעם סימפאָנישן אָרקעסטער, זיך אַריינגעכאַפּט אין אַ קאַפע, אַ מאָל אַליין, אַ מאָל מיט חיימען, ווי עס האָט זיך געפירט אין דער בעסערער געזעלשאַפט.

אַז חיים שטערן האָט באַמערקט ניצהעס גרוי, אומעטיק לעבן, האָט ער איר געגומען איינרעדן גיין אַרבעטן ווי זיין ווייב טוט, אויב איר איז ניחא, זאָל זי אָננעמען אַרבעט אויף האַלבע טעג.

דאָס וואָס חיים האָט געזען אין ניצהען, האָט אייזיק אויפגעהערט זען נאָך 20 יאָר צוזאַמענלעבן, ווען די יוגנט־ליבע איז שוין לאַנג איבער־געגאַסן אין אַן אינטימער נאָענטקייט צווישן מאַן און ווייב, אין אַ קעגנ־זייטיקער, נאַטירלעכער פריינדשאַפט אָן חלומות, אָן סודות. אין אַזעלכע היימען ווערן די קינדער דער משפחה־צעמענט, דער בשותפותדיקער אינטערעס פון פאָטער און מוטער. די זיכערקייט פון דער גרויער, מאָנאָ־טאָנער האַרמאָניע נעמט בכלל אַוועק די זאָרג צו טראַכטן, אַז נאָך אַלעמען איז יעדער פון ביידן אַ מענטש פאַר זיך, וואָס קען נישט איגנאָרירן די קלענערע און גרעסערע פּערזענלעכע געגוסן און אויסלעבונג יעדערער פאַר זיך אָדער פון ביידן צוזאַמען. אייזיק איז געווען הימל ווייט פון אַזעלכע מחשבות, ביז ער האָט אויפגעהערט צו זען ניצהען ווי אַ מענטשן פאַר זיך, מיט אייגענע פאַרלאַנגען אויסער דעם היימישן לעבן. אייזיק האָט געמיינט אַז ער פירט אויס זיינע משפחה־פליכטן, אין דער היים פעלט גאָרנישט, יעדן חודש גיט ער אַוועק ניצהען זיין גאַנצן געהאַלט און געלאָזן פאַר זיך נאָר טאַשנגעלט אויף פערזענלעכע הוצאות, זיין גאַנצע זאָרג איז געלעגן אין די פּראָבלעמען און קאַלקולאַציעס פון זיין אַרבעטס־פּלאַץ.

ביי יעדער טרעפונג און צוזאַמענזיין מיט ניצהען פלעגט חיים שטערן איגערלעך פלאַטערן. אירע טיפע ביר־פאַרביקע אויגן, איר סובטעל געשטאַלט, די איידעלע שטריכן פון איר פנים פלעגט אים פאַרכאַפּן. ער איז געווען אַ יאָר יינגער פון איר און מען קען נישט זאָגן, אַז ערגעץ הינטערן באַוווסטזיין האָט ער צו איר נישט געגלוסט, ווי אַ מאַן גלוסט

די נאָענטקייט פון אַ שיינער פרוי, אָבער נישט מער און נישט ווייטער. חיים האָט געהאַט זיין פרוי און טעכטער, זיין וואַרעמע היים און אינערלעכע רויִקייט, וואָס איז געווען אַ שלימות אויסער יעדער זייטיקער מחשבה. די שלימות פוגע צו זיין, אַזוי אַז יעדן אויפגעפינקלטן געפיל כלפּי ניצהען, וואָס פלעגט איבערשטייגן די פריינדשאַפט, פלעגט ער באַלד דערשטיקן, און זיך באַנוגנט נאָר מיט איר ליבלעכער, חברשער נאָענטקייט, וואָס זיין ווייב פלעגט די לעצטע צייט, אין אַ געוויסער מאָס אים נישט געבן.

דאָס זעלבע איז געווען מיט ניצהען: — וואָס אייזיק פלעגט דורכ־לאָזן אין איר אויסערלעך פערזענלעכן לעבן פלעגט חיים משלים זיין נישט ווי אַ מאַן, נאָר ווי אַ נאָענטער פריינד, ווי אַ ברודער.

זיכער האָט אייזיק באַמערקט ווי חיים איז געוואָרן אַ צו אָפטער אריינגייער אין זיין שטוב, ווי חיים העלפט זיין זון לייזן זיינע מאַטעמאַטישע שול־אויפגאַבן, ער העלפט אים לערנען ענגליש, ער גייט אַ מאָל מיט ניצהען אויף אַ קורצן שפּאַציר, אויף אַ פאָרשטעלונג, קאָנצערט וכדומה. מיטאַמאָל האָט ניצה ווי אויפגעלעבט, געוואָרן באַרעדעוודיק, אויף וויפל זי האָט געהאַט וואָס צו רעדן, וואָרום אייזיק פלעגט די לעצטע יאָרן ענטפערן אויף אירע פראַגן אָן אויפמערקזאַמקייט מיט אַ האַלב מויל, וואָס פלעגט איר אָנרירן. איצט האָט אייזיק ווידער דערזען ניצהען אַלס פרוי, און גענומען דערשטיקן אין זיך אָן אָנגעקוואָלענע אייפערזוכט כלפּי חיימען, וואָס ער האָט נישט געקענט איינגאַנצן פאַרבאָרגן אין זיינע באַציִונגען צו איר. חיים האָט איר געהאָלפן קריגן אַ האַלבן טאָג אַרבעט אין אַ באַנק, און בעת ניצה האָט עס איבערגעגעבן אייזיקן, האָט ער אָנגעהויבן שווייגן, און גערעדט מיט איר נאָר דאָס נויטיקסטע אין חגיס אָנוועזנהייט. ער האָט אויפגעהערט זיך צולייגן אויף דער סאָפע נאָכמיטאָג און באַלד נאָכן עסן אַוועקגיין פון דער היים. אין די אָוונטן פלעגט ער מיטברענגען מיט זיך אַ פּאַק פּאַפּירן איבער וועלכע ער פלעגט זיצן האַלבע נעכט, כדי נישט צו פאַרלירן אַ וואָרט, ווי ער וואָלט אַלץ מיט אַלעמען איגנאָרירט. ער פלעגט גיין שלאָפן נאָכדעם ווי ניצה איז שוין לאַנג געלעגן אין בעט אַרומגעוויקלט אין אַ באַזונדערער דעק, אין די באַגינענס האָט ער זיך ווייטער געפּירט ווי שטענדיק, זיך אָנגעטאָן, ראַזירט,

פאַרבריט קאַווע, געבראַכט פון קלייט זעמל, מילך מיט אַנדערע קליי־ניקייטן, וואָס ניצה פלעגט לאָזן פאַרשריבן אויף אַ צעטל אויפן קיך־טיש, און אין דער שטיל אַוועקגיין צו דער אַרבעט. ניצה פלעגט קומען פון באַנק פאַר אים, צוגרייטן דעם טיש ווי שטענדיק, אַנוואַרעמען דאָס עסן, וואָס זי פלעגט קאָכן אין אָוונט, כדי חגי זאָל, וואָס וויניקער פילן, וואָס דאָ פאַרלויפט. אין טאָג ווען חגי איז אַוועק צום מיליטערדינסט, האָט אייזיק דעם זעלבן אָוונט געפונען זיין בעטציַיג אויף דער סאָפע אין גאַסטצימער.

בעת חיים האָט דערפילט, וואָס דאָ קומט פאַר האָט ער אָנגעהויבן זעלטענער באַזוכן ניצהען אין דער היים, ביז ער האָט דאָרטן אויפגעהערט אַריינקומען. חיים האָט באַקענט ניצהען מיט זיין פרוי לאה, זי האָט זי פאַרבעטן קומען באַזוכן איר היים. ניצה האָט די איינלאַדונג ווילִיק אָנגע־נומען, לאה פלעגט זי פריינדלעך אויפנעמען, דאָס נעמלעכע איר אַלטע מוטער מיט די טעכטער; נאָך אַ גלעזל טיי פלעגן זיך אַלע דריי לאָזן אויף אַ שפּאַציר צו פאַרמיידן יעדן רמז וועגן ניצהעס ווידעראַנאַנד מיט אייזיקן. חיים האָט איר זיכער וועגן דעם דערציילט, כאָטש ניצה האָט אויסגעמיטן יעדן שמועס וועגן אייזיקן און נאָר געערעדט וועגן איר בן־יחיד חגי.

אייזיק האָט נישט געוווּסט פון ניצהעס באַזוכן אין חיימס היים, די אייפערזוכט האָט נישט נאָכגעלאָזן, אָבער ער האָט עס באַגראָבן אין זיך, און אָפּגעהיט זיין אויסערלעכע אויפפירונג אין דער היים, ער האָט זיך געהיט נישט אַריינצופאַלן אין פרעמדע מיילער, דאָס נעמלעכע ניצה. ביידע האָבן עקשנותדיק געשוויגן, אזוי איז עס אָנגעגאַנגען ביז דער צווייטער העלפט פון חודש מאַי, ערב דער אויסברוך פון דער „זעקס־טעג״ מלחמה, ווען חיים איז ווי אַלע אַנדערע אויך פאַרשוווּנדן פון דער היים און איז אַוועק ערגעץ אין אַ לאַגער אונטער אַליוון־ביימער אין אויבערשטן גליל.

די ערשטע אומרויִקע טעג פלעגט ניצה נאָך דער אַרבעט בלייבן אין דער היים, און זיך פאַרטיפט אין לייענען אַ בוך אין אייזיקס אַנוועזנ־הייט, בעת אין דער אמתן האָט זי זיך נישט געפונען קיין אָרט, זי איז געווען אומרויִק און באַהערשט מיט ציטער און זאָרג פאַר חגין דעם פראָנט־זעלנער און אויך געטראַכט פון חיימען, וואָס האָט איר געפעלט.

ביצה האָט זיך אַ פּאָר מאָל געטראָפן מיט חיימס פרוי, וואָס האָט נישט געהאַט די מינדעסטע ידיעה פון מאַן, זי האָט אָבער געהאַט ווייניק צייט צו טראַכטן, ווייל איצט האָט זי זיך איינגאַנצן אָפּגעגעבן דער אַרבעט אין „ועד למען החייל", זי איז געוואָרן איינע פון די „גוטע טאַנטעס" פון די זעלנער. צוזאַמען מיט איר קרייז פרויען האָט זי געזאַמלט כלערליי קליינע נויטיקייטן מיט „גוטע זאַכן", געפּאַקט אין פּעקלעך, מכבד צו זיין די מאָביליזירטע און רעגולירע זעלנער, זיי מכבד צו זיין אויף די וועגן, פּאָזיציעס און לאַגערן. חיימס פרוי, לאה, האָט זיך באַמיט באַרויִקן מיט דער מחשבה, אַז איר מאַן שטייט נישט פאָר דירעקטע סכנות, מחמת ער איז געווען אַלט פערציק יאָר, אַ רעזערוויסט, זיכער ערגעץ אין אַ פעלד־וואַרשטאַט אָדער אין אַ מיליטערישן דעפּאָ, אַלנפאַלס נישט קיין פראָנט־זעלנער, אַזוי האָט זי געוואָלט זיך פאָרשטעלן, מיט אָט די מחשבות האָט זי זיך אַרומגעטראָגן אין די אומרויִקע טעג ביי איר אַקטיווער טעטיקייט. אין די נעכט פלעגט זי געניסן פון עטלעכע שעה אומרויִקן שלאָף נאָר נאָכן שלינגען שלאָפפּילן. אין דער היים האָט זי אָפּגעהיט איר אויסער־לעכע רויִקייט כלפּי די טעכטער און אַלטער מוטער, וואָס האָט זיך נישט געקענט באַהערשן פון פאַרגיסן טרערן ווי יעדע יידישע מאַמע פון עלטערן דור. חיים איז געווען דער פאָטער פון אירע אייניקלעך, חיים איז איר געווען נישט ווייניקער ווי אַן אייגענער זון, אָט געפינט זיך איצט חיים אין אַ געפערלעך אָרט, אויף דער מלחמה. וויי, וויי איז איר! —
„זאָל אים דער פאָטער אין הימל באַהיטן און באַשיצן צוגלייך מיט אַלע, טייערע יידישע זין פון ערעץ איסראָעל, וואָס זענען אַוועק אויף קידעש האַשעם, זאָל זיין לעכטיקער נאָמען באַווילן אָננעמען אַלע תפילות פון אַלע יידישע מאַמעס, אַז מען זאָל נאָר אָפּקומען מיט שרעק און טרערן, עס זאָל נישט קומען צו קיין שפיכעס דאָמים, דערבאַרעמדיקער טאַטע אין הימל"...
אַזוי האָט די סבתא אויסגעגאָסן איר צעוויטיקט האַרץ עטלעכע מאָל אַ טאָג. די פאַראומערטע אייניקלעך האָבן נאָר פאַרשטאַנען, אַז די סבתא „מתפללת לשלום אַבאַ", בעת איר טאָכטער האָט איר אין דער שטיל מקנא געווען, הלמאי זי קען נישט פאַרלייכטערן איר שווער געמיט ווי איר מוטער, הלמאַי זי קען איר נישט נאָכטאָן און אין די נעכט פאַרטרייבן

איר שרעק און אומרו, זיך אַ ביסל צו באַרויקן, נאָר מיט שלאָפּפּילן.

ניצה האָט אין אירע נאָך מיטאָג שעהען נישט געקענט בלייבן אַליין מיט זיך אין דער היים, ווי קען זי זיך דערלויבן אין אַזאַ צייט גאָרנישט צו טאָן פאַר „דער זאַך", צי איז זי נישט מחויב קומען צו הילף, מיט וואָס זי קען אַזעלכע זין ווי חגי? אַזעלכע גוטע פריינד ווי חיים, אַזעלכע ווי אירע שכנים, אַזעלכע ווי די פקידים פון באַנק ווו זי אַרבעט, וואָס געפינען זיך איצט אויף די פראָנטן, אַלץ איבערגעלאָזט שוין, אָפּגערעדט ווייבער מיט קינדער, וואָס געפינען זיך נישט קיין אָרט אין די ליידיקע הימען, היתכן? וואָס וואָלט געזאָגט חגי ווען ער וואָלט זיך פּלוצים באַוויזן אין דער היים צו טרעפן זי זיצן בטל, אַן איינגעקאָרטשעטע מיט אַנגעוואָרפענע נישט דערלייענטע צייטונגען ביי די פיס, מיט אַ טראַנזיסטער אין שויס — וואָס טוט זיך דאָ מיט איר? האָט זיך ניצה אַ טרייסל געטאָן, אויפגעשטאַנען און אַרויסגעלאָפן אין גאַס, אָן אַ פריערדיקן באַשלוס ווו צו גיין.

אין דרויסן האָט זיך ניצה אַרומגעקוקט און באַמערקט ווי די גאַס איז נישט די זעלביקע ווי נעכטן: — די טראָטוארן האַלב ליידיקע, די שויבן אין די פענצטער און וויטרינעס באַקלעפּט מיט סטענגעס לייוונט אָדער פאַפיר, לאַנגע רייען ביי די אויטאָבוסן־סטאַנציעס, ווארום דאָס רוב אויטאָבוסן זענען מאָביליזירט צוזאַמען מיט די שאָפערן, אויפן כביש איז נישט געווען צו זען די שטענדיקע, געדיכטע באַוועגונג, די שפּייזקלייטן פולע מיט פרויען מיט קוישלעך אין די הענט. ס׳איז דושנע, הייס, דער הימל גרוי, כאָטש עס איז ערשט אָנהויב זומער. אויף שריט און טריט, אויף די ווענט — גרויסע מודעות וועגן פאַרטונקלען דאָס ליכט באַלד נאָך שקיעה, אָנפילן אַלע כלים מיט וואַסער, שנעל צוגרייטן שוץ־גראָבנס אין יענע הויפן, ווו עס זענען נישטאָ קיין שעלטערס, בעת אַן אַליאַרם פון סירענעס קענען אַ לופט־אָנפאַל באַלד זוכן שוץ אין נאָענטע שעלטער, שוץ־גריבער, אפילו אין טרעפּן־צימער.

ניצה האָט די ווערטער געשלונגען ווי הייסע קוילן און אַוועק ווייטער, זיך אָנגעשטויסן אויף עלטערע שול יוגנט, וואָס האָבן אָנגעפילט זעקלעך זאַמד, אָדער דורכגענעצטע פון שווייס געגראָבן שוץ־גריבער אין

דערבייאיקן פּאַרק, ווו זיי האָבן אויפגעריסן גריגע גראָז־טעפּיכער מיט בייטן בלומען און אַלץ אַרום באַשאָטן מיט גרודעס ערד. די קינדער זענען געווען ערנסט, שטיל, עס האָט זיך פון זיי אָפּגעטאָן די לוסט צו שטיפן און טומלען. אין אָנבליק פון די מידע קינדער, וואָס האָבן געאַרבעט און געשוויגן, זענען איר פייכט געוואָרן די אויגן. אַ ביסל ווייטער זענען אירע בליקן געפאַלן אויף אַ שטאַלטיק, יונגע שילערין, וואָס האָט געהאַלטן אָפן אַ זעקל, וואָס אַ ייִנגל האָט מיט אַ רידל אָנגעפילט מיט זאַמד, זי איז געווען חיימס עלטערע טאָכטער, וואָס האָט איר דערמאָנט, אַז זי האָט שוין לאהען נישט געזען עטלעכע טעג. ניצה איז צוגעלאָפן צו דער שילערין, איר אַ קוש געטאָן אין נאַסן שטערן, אַ גלעט געטאָן אירע צע־שויבערטע האָר, אין דער זעלבער צייט האָט זיך איר אויך געוואָלט אַרומנעמען דאָס ייִנגל, וואָס האָט אַרויסגעלאָזן דעם רידל פון די הענט, זי האָט אין אים געוואָלט זען איר חגי, נאָר דאָס ייִנגל האָט זיך פלינק אַרויסגעדרייט פון אירע הענט און געזאָגט: — „עזבי אותי — לאָז מיר צורו", ער האָט אויפגעהויבן דעם רידל און זיך צוריק גענומען צו דער אַרבעט צוזאַמען מיט דער שילערין.

ניצה האָט זיך געלאָזט גיך גיין אין „ועד למען החייל" מיט דער האָפענונג דאָרטן צו געפינען לאהען, חיימס פרוי, זי האָט זי געטראָפן אויפן שוועל ביים אַוועקגיין.

— ניצה, וואָס טוסטו דאָ? האָסטו עפּעס געהערט פון חגין?

— ניין לאה, איך בין געקומען נאָך דיין הילף, העלף מיר עפּעס טאָן ווי דו, איך ווער משוגע — — האָסטו עפּעס געהערט פון חיימען?

— דערווייל נישט.

נישט צו רעדן קיין סך האָט איר לאה געגעבן אַ צעטל מיט אַן אַדרעס, ערגעץ אין אַ ספּאָרט־זאַל, ווו זי האָט געפונען זיצן אויף דער ערד צענדליקער פרויען, קינדער מיט עלטערע מענער, וואָס האָבן גע־פלאָכטן קאָמופליאַזש־נעצן צו פאַרדעקן מלחמה־„כלים", פעלד־ביידלעך, טראַנספּאָרטן וכדומה. די פרויען האָבן פלינק געפלאָכטן, געקניפּט און געקניפּלט שפּאַגאַטן מיט שטריק, די קינדער האָבן צו דעם צוגעבונדן גרינע, גרויע, ברוינע שטיקלעך שטאָף, די מענער האָבן די פאַרטיקע נעצן

געקייקלט אין בוינטן און דערלאַנגט אין דרויסן, ווו זעלנער האָבן זיי אַנגעלאָדן אויף אויטאָמאָבילן און גיך פאַרשוואונדן, מי יודע וווהין.

אַן אינסטרוקטאָר האָט אויפגענומען ניצהען אַן איבעריקע רייד, נישט געלייענט אַפילו לאָהעס צעטל, וואָס זי האָט אים דערלאַנגט, זי צוגעפירט צו אַ קבוצה פרויען און זיי געבעטן זי אויפנעמען און ווייזן די מלאָכה. ניצה האָט זיך גיך אויסגעלערנט פלעכטן און קניפּן און איז געוואָרן איינע פון זיי.

אין די אָוונט־שעהען איז אינעם ספּאָרט־זאַל געקומען אַ צווייטע שיכט פאַרבייטן די פריערדיקע, ווו ניצה האָט זיך געפונען. ניצה האָט זיך אויפגעהויבן, אויסגעגלייכט, אויסגעצויגן אירע שטייפע גלידער, אָפּגעטרייסלט פון זיך דעם שטויב און זייער אַ מידע אַוועק אַהיים דורך שטאָק פינצטערע גאַסן, אָן דעם מינדעסטן שימער ליכט. די גאַסן זענען געווען שטומע, ליידיקע, זעלטן צו באַגעגענען אַ ציווילן פאַרבייגייער חוץ פּאָליציאַנטן אָדער הג״א מענטשן מיט שטאָלענע העלמעטן אויף די קעפּ, מיט זייטן־רענצלעך ערשטע הילף, מיט טאַשן־לעמפּלעך און פייפלעך אין די הענט. די מענטשן האָבן פּאָרוויז געשפּאַנט אין דער שטיל, אַ מאָל שנעל, אויף אַ סעקונדע, אַריינגלייכטן אַ פאַרבייגייער אין פּנים און אַ זאָג געטאָן: — „סליחה״ און ווייטער געגאַנגען.

דאָס איז געווען די ערשטע פון די זעקס מלחמה־נעכט, ווען חוץ קליינע קינדער האָט קיינער נישט געקענט צוטאָן אַן אויג. אין יעדער פּאַרטונקלטער היים האָבן זיך אַלע געהאַלטן צוזאַמען, צוגעשפּיצט אַלע נערוון צו טראַנזיסטאָרן און ראַדיאָ׳ס וואָס האָבן אַן איבעררייס גערוישט, געשפּילט ניגונים מיט געזאַנגען און פּינקטלעך יעדע שעה געבראַכט קאָמוניקאַטן פון די פראָנטן. די קאָמוניקאַטן פלעגן אָנפילן די הערצער מיט ערשטער ניצחון־פרייד אויסגעמישט מיט זאָרג און אויפטרייסלונג פאַר דעם בלוט, וואָס די ערד האָט געמומען איינזאַפּן, לויטער, יונג יידיש בלוט, צוזאַמען מיט אומזיניק פאַרגאָסן בלוט פון שונא׳ס זעלנער, וואָס האָבן נישט געוווּסט, פאַרוואָס מען פירט זיי צום טויט, צו אומקום און שאַנד, וואָס פאַר אַ שלעכטס האָבן זיי געטאָן די יהוד?

בעת דער אַלגעמיינער מאָביליזאַציע איז אייזיק, לויט זיין עלטער,

געווען מחויב זיך שטעלן צום דינסט אין דער לופט־אַפּווער־שוץ פּאַרמאַ־ציע — „הג״א“. נאָר ער איז באַפרייט געוואָרן, ווי אַ לייטער פון אַ גרויסן אַפּראָוויזאַציע־קאָאָפּעראַטיוו, וואָס האָט געטראָגן די פליכט און זאָרג צוצושטעלן שפּייז־פּראָדוקטן פאַר צענדליקער טויזנטער מענטשן אין לאַנד, פאַר די משפחות פון די מאָביליזירטע, פאַר קינדער און עלטערן־היימען, פאַר שפּיטעלער, פאַר אַרבעטער־קיכן אין פאַבריקן און אַרבעטס־פּלעצער. אַזאַ אויפגאַבע איז זייער שווער געוואָרן, נאָכדעם ווי אַ סך אַפּראָוויזאַציע־אַרבעטער זענען אַוועק אויף די פראָנטן, זייערע ערטער האָבן נאָר טיילווייז איבערגענומען וואָלונטירטע פרויען, פּענסיאָנערן און יוגנטלעכע, וואָס האָבן זיך לכתחילה שווער איינגעגעבן ביי אַזאַ אַרבעט. די ציווילע טראַנספּאָרט־מיטלען זענען אויך באַגרענעצט געוואָרן. דאָס פּאַרטיילן שפּייז־פּראָדוקטן אין הונדערטער צעשפּרייטע, גרעסערע און קלענערע ישובים איז יעדן טאָג שווערער געוואָרן כאָטש די לאַנדווירט־שאַפט און שפּייז־אינדוסטריע האָבן נישט אויפגעהערט צושטעלן פּראָדוקטן נישט אויף אַ שעה און די מאַגאַזינען זענען געבליבן אָפן טאָג און נאַכט. די אַפּראָוויזאַציע איז געוואָרן אַ וויכטיקער טייל פון דער מלחמה־אָנשטרענגונג, וואָרום נישט נאָר דער זעלנער „גייט אויפן בויך“, נאָר אויך דער ציוויליסט מיט זיין פרוי און קינדער. גענוג אַמוניציע, גענוג וואָפן האַלטן אויף די מאָראַל פון מיליטער, מינימום שפּייז האַלט אויף, מלחמה־צייט, די מאָראַל פון ציווילן פאָלק, וואָס באַדינט די אַרמיי מיטן פראָנט.

אין יענע ערשטע מלחמה־טעג איז אייזיקס פּריוואַט לעבן אינגאַנצן אַוועק הינטער זיין באַוווסטזיין, ביז צו פאַרגעסן זיין היים. די בערג ציפערן פון זיינע ליגירטע פּאַפּירן זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין ממשות־דיקע ווערטן, אין ברויט, מעל, צוקער, רייז, שפּייז־אייל, קאָנסערוון וכדומה.

ערב מלחמה האָט אייזיק געמוזט אויספּראַלן אַלע טיר און טויערן פון די פולע מאַגאַזינען, וואָס האָבן זיך געפונען אין זיין רשות, אויסליידיקן די זאַפּאַסן זיי צו פאַרטיילן די אָפּטיילונגען פונעם קאָאָפּעראַטיוו, זיי צעשפּרייטן אין פאַרשיידענע ערטער, עס זאָל וואָס ווייניקער בלייבן

אַנגעלאַגערט אויף איין פּלאַץ, כּדי זיי צו פאַרהיטן פון מעגלעכע לופט־אַנפאַלן, אַ פייער זאָל עס נישט פאַרצערן. פאַר אַזאַ אויפגאַבע האָט אייזיק געמוזט איינזאַמלען די פאַרשיידנסטע כּלי־רכב, וואָס איז מעגלעך געווען צו קריגן: — גרעסערע און קלענערע לאַסט־אויטאָמאָבילן, טענדערס, טאַקסיס, וועגענער מיט פּלאַטפאָרמעס געשפּאַנטע מיט פערד און מויל־אייזלען, נישט צו איגנאָרירן דאָס מינדעסטע האַנט־וועגל און אייזל, וואָס קען אויף זיין רוקן טראָגן זעק מיט קעסטלעך אָדער קאַרטאָנען פּראָדוקטן. גאָר שווער איז געווען צו געפינען מענטשן, וואָס זאָלן טאָן די מלאכה, אויפלאָדן, אָפּלאָדן, נאָטירן און פאַרטיילן.

די ערשטע מלחמה־טעג האָבן סיריש־איראַקישע אַעראָפּלאַנען געוואָרפן באָמבעס, דאָ און דאָרטן, אויף שטעט און דאָרפישע ישובים אין ישראל, די מיצרישע אַעראָפּלאַנען האָבן אַזוינס נישט געקענט באַוויזן, ווייל שוין אינעם ערשטן מלחמה־טאָג איז פון זיי געבליבן בערגלעך אַש מיט צעשמעטערטע סקעלעטאָנען. צו הילף די פיינטלעכע אַעראָפּלאַנען האָבן זיך געשטעלט ווייט־שיסנדיקע האַרמאַטן פון קעניגל חוסיינס אַרטילעריע. די סירענעס האָבן געיאָמערט און געפּאָדערט פון די מענטשן געפינען שוץ אין שעלטער און גראָבנס. די אויפרייסן האָבן געטרייסלט ווענט פון בנינים און צעשמעטערט שויבן, חוץ הינט איז קיינער נישט געבליבן אין גאַס, פּאָליציי און הג״א מענטשן האָבן זיך געטוליעט אין די אַריינגענג.

אייזיק האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. נישט אַראָפּ אין שעלטער, ער האָט נאָר אויפגעמאַכט די פענצטער, די שויבן זאָלן נישט צעזעצט ווערן פונעם לופטדרוק, זייערע שפּליטער זאָלן אים נישט טרעפן אין פּנים, נאָכדעם ווי ער האָט זיך דערוווּסט, דורכן אינערלעכן טעלעפאָן, אַז אַלע צימערן פון ביורא זענען ליידיק, האָט ער זיך צוריקגעקערט צום שרייב־טיש, אַ ווײַלע פאַרדעקט מיט די הענט דאָס פּנים מיט אינערלעכן ציטער און געטראַכט פון חגי און ניצהען. ער ווייסט, אַז חגי איז איצט אין פייער אויפן פראָנט, ער ווייסט נישט ווו ניצה געפינט זיך איצט, אין דער היים אָדער אין אַ שעלטער.

דער דרויסן האָט געדונערט, די לופט האָט געציטערט, אייזיק

האָט זיך צונויפגענומען, אָבער עס איז אים שווער געווען צו אַרבעטן, די הענט האָבן אים געציטערט, אומרו האָט געליימט זיין ווילן. אַ קנאַפּע האַלבע שעה שפּעטער האָבן די סירענעס סיגנאַליזירט באַרויִקונג, די סכנה איז פאַרביי. ווען די גאַסן האָבן אָפּגעלעבט, האָט זיך אייזיק דערוווסט אַז די באָמבעס האָבן דאָ און דאָרטן צעשמעטערט שויבן און באַשעדיקט אַ באַלקאָן, נישט מער. דעם שונא איז יאָ געראָטן אויפצורייסן אַ ווינקל אינעם שטאָטישן בית הקברות, ווו די באָמבעס האָבן צעשמעטערט אַ צאָל מצבות. אייזיק האָט זיך געפילט מיד, זייער מיד, די גלידער זענען אים געוואָרן שווער, ער מוז אַלץ איבערלאָזן כאָטש אויף אַ פּאָר שעה, גיין אַהיים זיך אָפּרוען, זיך אויסבאָדן אין קאַלט וואַסער, זיך ראַזירן, די קליידער זענען אים צוגעקלעפּט צום לייב, ער האָט דערפילט אַן אינערלעכן באַדאַרף צו זען ניצהן, אפשר האָט זי אַ וואָרט פון חגין, זיין אייפערזוכט איז אויסגעוועפּט ביז זיך צו שעמען פאַר זיך אַליין, ער מוז גיין, וואָרום ער וועט צוזאַמענברעכן. פון דעסט־וועגן האָט ער זיך באַהערשט און נישט געגאַנגען, ער איז נאָר אַרויס אין טואַלעט צימער, אונטערגעשטעלט דעם קאָפּ אונטערן קראַן איבער אַ וואַש־שיסל און געלאָזט שטראָמען קאַלט וואַסער, וואָס האָט אים אָפּגעפרישט, ער האָט זיך צוריקגעקערט צום שרייב טיש, ווידער גענומען שרייבן צעטלען, בריוו, אָרדערס, דיקטירן טעלעגראַמעס, טעלעפאָנירן ביז די אַרבעט האָט אים צוריק פאַרשלונגען. זיינע נאָענטע מיטהעלפער האָבן זיך געפילט ווי ער און נישט אויסגעזען בעסער פון אים — צעשויבערטע, פאַרשוויצטע, פאַרפלעקטע העמדער, נישט ראַזירטע מיט רויטע אויגן, זייער מידע, וואָס האָבן די לעצטע דריי מעת לעת גאָר ווייניק גענאָסן פון שלאָף און אָפּרו, זיי האָבן געפיבערט צוזאַמען מיט אייזיקן, זייער לייטער, זיי האָבן געטאָן אַלדאָס נויטיקע צו פאַרלירן דעם חשבון פון צייט, זיי זענען נישט קיין יונגע, אין זייער איצטיקער אָנשטרענגונג האָבן זיי געזען פּיקוח נפש.

די פּערטע מלחמה־נאַכט איז אייזיק איינגעשלאָפן איבעם פּאָסטל ביים שרייבטיש, וואָס איז געווען באַלאָדן מיט פּאַפּירן, מיט פאַרטריקנטע שטיקלעך זעמל, האַלבע גלעזער טיי, ליידיקע בלעכלעך פון קאָנסערוון,

גרינצייג מיט איילבערטן. ער איז אַזוי געשלאָפן ביז אַ שפּראָץ אויף טאָג, קיינער האָט אים נישט אויפגעוועקט. בעת ער איז געשלאָפן האָבן זיינע געהילפן, איינציקווייז, געוואַכט ביים טעלעפאָן, איינער האָט אויפגענומען און פאַרצייכנט די מעלדונגען און געשפּרעכן, בעת דער צווייטער האָט הילכיק געשנאָרכט אויפן דיל מיט אַ פּאָר בוכהאַלטעריע־ביכער צוקאָפּנס, מיט אַן אויסגעלאָשענעם טראַנזיסטער ביי דער זייט.

אינעם פערטן מלחמה־טאָג האָט איין נצחון־בשורה געיאָגט די צווייטע, אין די ציַיטונגען האָבן זיך באַוויזן די ערשטע, שוואַרצע רעמלעך מיט נעמען פון געפאַלענע, יונג פאַרשניטענע לעבנס, אויסגעלאָשענע ליכטער פון דער תפארת ישראל.

אייזיק איז די פינפטע מלחמה־נאַכט אויך געשלאָפן אַ פּאָר שעה אויפן דיל ווי זיינע געהילפן האָבן געטאָן. בעת ניצה האָט זיך דערוווּסט דורך איינער פון די פקידות, וואָס האָבן געאַרבעט אין אייזיקס ביורא, ווי ער לעבט די לעצטע טעג, ווי ער זעט אויס נאָכדעם ווי ער האָט אויפגעהערט קומען נעכטיקן אין דער היים, האָט איר פאַרקלעמט דאָס האַרץ, עס האָבן זיך איר געשטעלט טרערן אין די אויגן. באַלד ווי זי איז געקומען אַהיים, האָט זי אָן שהיות איינגעפּאַקט אַ דעקע, אַ קישעלע, מיט נאָך אַ פּאָר קלייניקייטן און אונטערוועגנס צו דער אַרבעט אין ספּאָרט־זאַל, צום אָוונט־שיכט, איבערגעלאָזט דאָס פּעקל דער טעלע־פאָניסטין אין דער אינפאָרמאַציע פון אייזיקס ביורא, עס איבערצוגעבן דעם מנהל מר זמורה. אַזוי איז יענע נאַכט אייזיק געשלאָפן די פּאָר שעה אויף אַ דעק מיט אַ קישעלע צוקאָפּנס און ווי אין אַ חלום אַריינ־געאָטעמט אַ באַקאַנטן ריח, וואָס האָט אים דערמאָנט זיין געלעגער אין דער היים.

פאַרטאָג איז אייזיק אויפגעשטאַנען פון זיין האַרטן געלעגער, ער האָט זיך אויסגעגלייכט, אַלע ביינער האָבן אים ווי געטאָן. די דעק, וואָס האָט אים די נאַכט געדינט ווי אַן אונטערבעט האָט נישט ווייכער געמאַכט די באַלאַטן פון דיל, אָבער די פּאָר שעה מנוחה האָבן אים אָפּגעפרישט און קלאָרער געמאַכט די געדאַנקען. זיינע געהילפן האָבן זיך שוין געוואַשן אינעם טואַלעט־צימער, זיי האָבן אַ הנאה געהאַט

פונעם קאַלטן וואַסער, וואָס האָט געשטראָמט אויף די צעשויבערטע קעפּ. אייזיק האָט זיך געקליבן טאָן דאָס זעלבע, נאָר ער האָט דערהערט אַ נישט געוויינלעכן טומל אין דרויסן און אויפגעמאַכט אַ פענצטער. אין דרויסן איז געשטאַנען אַ מחיהדיקער זומער־באַגינען, אַ פרישׂ ווינטל האָט אים געבלאָזן אין פנים, פון די בלעטערביימער, אויפן ראַנד פון טראָטואַר האָט זיך געטראָגן אַ שעפּטשען פון פייגל. דער הימל איז געווען בלוי אָן אַ פּיצל וואָלקנדל, די געזימסן פון די הייזער זענען געווען באַלויכטן פון דער נישט לאַנג אויפגעגאַנגענער זון, שויבן פון פענצטער האָבן געשימערט און רעפלעקטירט דאָס ליכט ווי בליצן.

דער טומל אין גאַס איז געשטיגן, מענטשן האַלב אָנגעטאָן, אָדער אין נאַכט־לבוש זענען געשטאַנען אויף די טעראַסעס, פון די הייזער זענען אַרויסגעלאָפן קינדער זיך הילכיק איבערצופרעגן: — „הנה, הנה הם באים — אָט, אָט קומען זיי מהר חברה! מהר הם באים — זיי קומען“.

די שויבן האָבן גענומען ציטערן, די פייגל פון די ביימער זענען זיך צעפלויגן צעשראָקענע. פון ווייטן, אין גאַס האָט זיך אויפגעהויבן אַ שטויב ווי אַ דינער נעפּל, פון וואַנען עס האָבן זיך באַוויזן די ערשטע שורות פאַרשטויבטע זעלנער, אין שפּיץ פון אַ לאַנג, צעצויגענעם מיליטער צוג, מי ברכב ומי ברגל, ווער עס איז געפאָרן און ווער עס האָט געשפּאַנט צופוס אין פאַרשוויצטע, גרינלעך־ברוין געפלעקטע קליידער, ווער אין העלמעטן באַדעקטע מיט נעצלעך אויף די קעפּ, ווער אין קאַמופליאַזשירטע טעמבעל־היטלען און ווער אין כאַקי־קאַפּעליושן מיט פאַרבויגענע ראַנדן. פונעם צוג האָט זיך געטראָגן אַ הילכיק געזאַנג:

נאַצער וואַרט אויף ראַבין
אײַ־יאַי־יאַי,
נאַצער וואַרט אויף ראַבין — אײַ־יאַי־יאַי,
זאָל ער וואַרטן זיך נישט רירן
ביז ער וועט אונדזער פּויסט דערשפּירן
אײַ־אײַ, אײַ־יאַי־יאַי.
צוויי מאָל האָט ער שוין געוואַרט — אײַ־יאַי־יאַי,

מיר האָבן אים נישט אָפּגענאַרט — אַי־יאַי־יאַי
נאַצער וואַרט אויף ראַבין — אַי
נאַצער וואַרט אויף ראַבין — אַי־יאַי־יאַי.

דער צוג האָט זיך געצויגן לאַנגזאַם אָן צו זען זיין סוף. פענצטער האָבן אויפגעפּראַלט פון וואַנען מען האָט די זעלנער באַשאָטן מיט בלומען, מיט זיסוואַרג, שאָקאָלאַד און ציגאַרעטן.

לאָז ער שרייען — אַי־יאַי־יאַי,
מיר וועלן קומען פון דאָס ניי
ווי אין שלאַכטן פון סיני,
אַי־יאַי־יאַי
אַי־יאַי־יאַי.
דער טאָג וועט באַלד קומען — אַי־יאַי־יאַי,
זיינע האַרמאַטן וועלן שטומען — אַי־יאַי־יאַי,
ער וועט נאָך שלום בעטן — אַי־יאַי־יאַי.

די זעלנער האָבן געזונגען און די גאַס האָט מיטגעהאַלטן צוצוגעבן:

עם ישראל חי — אַי־יאַי־יאַי,
עם ישראל חי — אַי־
נאַצער וואַרט אויף ראַבין — אַי
אַי־אַי־אַי־יאַי־יאַי!

עס האָבן זיך באַוויזן די „גוטע טאַנטעס" מיט פולע קוישן געטראַנקען, מיט בערג סענדוויטשן און שטיקער לעקעך. די קרעמער האָבן נאָכגעטאָן די „טאַנטעס", אַרויסגעבראַכט פון די פּאַליצעס זייער גוטס צו טיילן די שלאַכטלייט אויף רעכטס און לינקס. מוטערס האָבן זיך געריסן צו די זעלנער זיי אַרומנעמען און קושן, אַלע זענען זייערע קינדער, זייערע זין, וואָס לאָזן זיך איצט צו הילף דעם ווייטן גליל, פון דרום קיין צפון, אין די הויכן פון גולן, וווּ די שלאַכט האָט זיך ערשט צעפלאַקערט, נאָכדעם ווי די זעלנער האָבן שוין זייער „מלאָכה" פאַרענדיקט אויף די הייסע זאַמדן פון סיני, אין די בערג און טאָלן, אין די פעלדער, שטעט און דערפער פון יהודה און שומרון, און אין ירושלים — עיר הבירה, די גאַנצע, די אייביקע שטאָט פון פאָלק ישראל.

די מחנה שפּאַנט. עס ציטערט די ערד. די אייזערנע פּאַנצער צערייבן דעם ברוק. עס ציען פול געפּראָפּטע אויטאָבוסן אויסגעשמירטע מיט ליים, אַפילו אויף זייערע דעכער זיצן זעלנער, וואָס האַלטן מיצרישע און ירדנישע פאַנען אין די הענט, אין פראַנט, אויף ראַדיאַטאָרן פון דזשיפּן מיט קוילנוואַרפער און קאָמאַנדקאַרן הענגען צוגעבונדענע פאַר־טרעטן פון נאַצערן, פון קעניגל חוסיין, פון מצרישע גענערעלער, זיי הענגען פאַרקערט, מיט די קעפּ אַראָפּ...

דאָס געזאַנג הילכט, עס ציען זיך שווערע טאַנקען מיט זעלנער אויף זיי, מיט זעלנער פון ביידע זייטן צופוס, וואָס זינגען דאָס ליד פון „שאַרם־אַ־שייך”:

גרויס איז די נאַכט, וואָס שמייכלט צו דיר
פאַרטאָג געקומען זענען מיר —
קיין שאַרם־אַ־שייך.
מיר זענען געקומען צום איינגוס פון ים,
דאָס צווייטע מאָל צו דיר געקומען
ביסט אין אונדזערע הערצער פאַרשפונען.
שאַרם־אַ־שייך — שאַרם־אַ־שייך.
צוריק געקומען צו טיראַן און סנפּיר
צו דיר, צו דיר
מיטן ליד פון ים און פון זאַלץ,
שאַרם־אַ־שייך — שאַרם־אַ־שייך.

דער עולם אין גאַס כאַפּט אויף די שטורעם־ניגונים און זינגט מיט. פאַטערס־זעלנער־רעזערוויסטן נעמען אַרויף קינדער צו זיך אויף די כלי־רכב, גלעטן זיי, דריקן צו זיך און טיילן זיך מיט די זיסוואַרג, וואָס זיי האָבן באַקומען. די גליקלעכסטע פון די קינדער זענען געווען יענע, וואָס האָבן באַוויזן אַרויפקלעטערן אויף טאַנקען ביז צו די אָפענע טורעם־לעך, פון וועלכע עס האָבן אַרויסגעקוקט שטרענגע פּנימער מיט שוואַרצע ברילן אויף די אויגן, און אַ שמייכל אויף די ליפּן. די טאַנקיסטן האָבן געטראָגן שווערע העלמעטן מיט לעדערנע אויערן־דעקלעך, זייערע פּנימער

האָבן אויסגעזען ווי פון קופּער־גוס, געבראָטענע אין מדבר־זון, מיט צעאַקערטע קנייטשן פון זאַמד־ווינטן.

גייט אויף קאַיאַר אויפן ברעג פון קאַראַלן
לידער פון פישער, לידער פון שיפן שאַלן,
מיר׳ן געבראַכט דייך עבר צוריק.
שאַרם־אַ־שייך — שאַרם־אַ־שייך.
דער אָוונט וועט דיר ברענגען אַ חלום,
אַן אָנזאָג פון האָפנונג און שלום.
שאַרם־אַ־שייך — שאַרם־אַ־שייך.

אין אָנבליק פון דעם יונגוואַרג האָבן אָפּגעלאָזן זייערע הערצער, די פנימער זענען געוואָרן מילד, זיי האָבן געבעטן די פּאָליציאַנטן צורו לאָזן די קינדער — לאָזן זיי קלעטערן. די טאַנקיסטן האָבן זיי געהאַלטן אַרומגענומען, זיי זאָלן זיך חלילה נישט אַראָפּגליטשן. די טאַנקען האָבן זיך באַוועגט לאַנגזאַם, אַלע ווילן זיך אָפּגעשטעלט ווייל די גאַס איז געוואָרן פאַרשטאָפּט. אַז דער טאַנק איז שטיין געבליבן, זענען די קינדער געוואָרן דרייסטער, גענומען באַטאַפּן די העלמעטן, באַרירן די לאַנגע רערן, וואָס שטאַרצן אַרויס פון די דריי־טורעמלעך, רערן, וואָס זענען ערשט נעכטן פאַרטאָג געווען הייס, אָנגעגליט. יענע טאַנקיסטן און פוס־גייער, וואָס זענען געקומען פון ירושלים, האָבן צוגעברומט זייער ביגון, די „גבעת התחמושת", ווו עס האָט זיך אָפּגעשפּילט אַ שווערע, בלוטיקע שלאַכט:

עמוד השחר עוד לא קם, — איידער דאָס ליכט האָט קאַיאַר געזען,
חצי פלוגה שכבה בדם — אַ האַלבער באַטאַליאָן איז געלעגן אין בלוט
אַך אנו היינו כבר שם — אָבער מיר זענען שוין דאָרטן געווען.
אויף דער גבעת התחמושת.
צווישן שטעכעדיקע דראָט, מינעס, בעטאָן און קושאַרן,
האָבן מיר געלאָזט בלייבן די סאַניטאַרן,
מיר די רעזערווו, מיט געשפּאַנטע נערוון,
זענען געלאָפן צו דער גבעת התחמושת.
מיר זענען אַראָפּ אין די קאַנאַלן

צו די שטערן און שטעגן,
נישט צו פרעגן, ווו עס פירן די וועגן
צו דער גבעת תחמושת.
ווער עס איז געגאַנגען דער ערשטער
— דער איז געפאַלן,
אַ סך מזל דאַרף מען האָבן
אויף דער גבעת התחמושת.

אייזיק האָט אַלץ געהערט און געזען דורכן פענצטער. ס׳האַרץ האָט אים געפויקט, די ליפן האָבן זיך באַוועגט ווי ער וואָלט תפילה געטאָן און בעת דעם צוג האָט געשלאָסן אַ צעצויגענע ליניע אַמבולאַנסן מיט טראָג־בעטלעך אויף די דעכער האָט אים פאַרכאַפּט דער אָטעם, די אויגן האָבן זיך פאַרנעפּלט און אין די אויערן האָט אים געקלונגען אַ ניגון פון אַ ליד, וואָס חגי פלעגט די לעצטע צייט זינגען אין דער שטיל אין דער היים:

דער, וואָס איז אַוועק וועט זיך קיינמאָל נישט צוריקקערן.
דער, וואָס איז אַוועק איז אים געבליבן דער חלום.
דער, וואָס האָט געקעמפט וועט נישט פאַרגעסן פאַרוואָס
ער האָט געקעמפט,
דער, וואָס איז אַוועק וועט קיינמאָל מער נישט חלומען.
— — — — — — — — — — — — —

נאָך ברענען די בערג אין פייער פון זריחות,
פאַרנאַכט בלאָזט נאָך אַ ווינט פון ים.
טויזנט בלומען דערפרייען נאָך הערצער מיט זייער בליונג.
דער, וואָס איז אַוועק וועט עס קיינמאָל מער נישט זען...

דער פינפטער מלחמה־טאָג איז אויסגעפאַלן פרייטיק. לאה איז געזעסן אין דער ביוראָ פון „ועד למען החייל" און שטיל געשמועסט מיט ניצהען, וואָס האָט מער נישט געהאַט וואָס צו טאָן אינעם ספּאָרט־זאַל, עס זענען מער נישט נויטיק געווען קאָמופליאַזש־נעצן, די מלחמה האָט געהאַלטן ביים אויסלעשן. אינעם גרויסן שלל, וואָס צה״ל האָט געפונען אין די מצרישע לאַגערן אין מדבר סיני, האָבן אַזעלכע נעצן נישט געפעלט. לאה האָט גערעדט און נערוועז געבראָכן די פינגער. מיט

אַ פאַרכאַפּטן אָטעם האָט זי נעכטן אויך באַגלייט אין גאַס דעם מיליטער־רישן צוג צוזאַמען מיט די „גוטע־טאַנטעס“, זי איז געלאָפן פון איין גרופּע זעלנער צו דער צווייטער פאַרטיילן פּעקלעך, ס׳האַרץ האָט איר געצאַפּלט, זי האָט אויסגעקוקט חיימען, אפשר איז ער אויך צווישן זיי, זי האָט אויסגעקוקט באַקאַנטע פּנימער, וואָס קענען חיימען. פאַר דער גאַנצער צייט האָט זי באַקומען פון אים איין קורץ בריוועלע, אַז זי זאָל נישט זאָרגן פאַר אים, ער איז געזונט און געפינט זיך „ערגעצווו“ אין אַ סאַניטאַרן־איינהייט, דאָס איז אַלץ. לאה האָט נישט געוווּסט, אַז פאַר חיימען וועט זיך די מלחמה פאַרענדיקן ערשט מאָרגן, דעם זעקסטן טאָג, אין די הויכן פון גולן, ווו די נעכטיקע מחנה האָט זיך געצויגן. די זעלנער האָבן איר געזאָגט, אַז זיי פאָרן „ערגעץ“ אין צפון, „וווהין“ איז געווען אַ מלחמה־סוד פון זייערע קאָמאַנדירן. בעת זי פלעגט זיך ווענדן צו אַן אָפיציר, וואָס זי האָט געהאַלטן פאַר אַן „אַלץ־ווייסער“ האָט ער איר פריינדלעך געענטפערט: — „איך ווייס נישט, גברת, זייט רויק, איך בין אויך אַ פאָטער פון קינדער“ אָדער: — „זייט רויק, זעסט דאָך, גברת, די מלחמה לעשט אויס, דיין מאַן וועט זיך בקרוב צוריק־קערן געזונטערהייט אין דער היים“.

לאה האָט יענעם טאָג נישט געוווּסט, אַז חיים איז אויפן פייער־פראָנט אין די הויכן פון גולן, אויף דער „רמה“, ווען זי זעט אים, וואָלט זי אים באַלד נישט דערקענט און נישט געגלויבט, צו וואָס ער איז פעיק: ער, דער שטענדיק אויפגעלייגטער, אויפגערוימטער חיים, וואָס האָט קפּדנותדיק אָפּגעהיט זיין לבוש און אויסערלעכן אויסזען, איז שוין דריי טעג נישט ראַזירט, זיין פּנים איז געווען באַוואַקסן, פאַר־שטויבט, אָפּגעבריט פון דער זון, די הויט פון שטערן האָט זיך געשיילט, דער בליק שטרענג. אויפן קאָפּ אַ שטאָלענער העלמעט, ווי ביי אַלע פראָנט־זעלנער, מיט רימענדלעך צוגעפעסטיקט צו די קינביינער, זיין קאָמופליאַזשירטע קליידונג — דורכגעווייקט פון שווייס אויסגעמישט מיט שטויב, אפילו דער אָרעמבאַנד מיטן רויטן מגן דוד איז אויך געווען אויסגעשמירט מיט פייכטער ערד. חיים האָט נישט געטראָגן קיין געווער, אָרום זיין גורט זענען געהאַנגען אַ פּאָר פעלד־פלעשער מיט

וואַסער, דער זייטן־זעקל — פול מיט באַנדאַזשן, וואַטע, פלעשלעך מיט קעסטלעך רפואות, הילצערנע שפּאַכטלען וכדומה. אַזוי האָבן אויך אויס־געזען זיינע צוויי חברים, וואָס האָבן צוזאַמען געטראָגן אַ טראָג־בעטל, אַ פאַרפלעקטס מיט בלוט. חיים האָט יענע טעג געלעבט אין אַ טראַנס, נישט צו טראַכטן פון זיך, נישט פון „יענער וועלט" אין שטאָט, אפילו נישט פון זיין היים, אַלע זיינע חושים און מחשבות זענען געווען צוגע־שפּיצט צום פראָנט, צו די בונקערס און טראַנשייען אַרומגעפלאָכטענע מיט שטעכעדיקע דראָט, צו די מסוכנע מינען־פעלדער, ווו זיי פלעגן דאַרפן דורכקריכן אויף אַלע פיר בעת האַרמאַטן האָבן געדונערט, גראַנאַטן האָבן געפייפט און אויפגעריסן, שראַפּנעלן האָבן געפּלאַצט איבער די קעפּ, אַעראָפּלאַנען האָבן ווי פיילן פון בויגנס מיט שטורעם גענידערט און אין וואָלקנס שטויב מיט פלאַמען, בליץ שנעל, מיט יללות צוריק געשטיגן אין דער הויך, דאָס אַלץ איז געווען באַגלייט מיט אַ אָנסופיקן שטעפּן פון מאַשין־געווער. דער שטח איז געווען אַ גיהנום איינגעהילט אין רויך און פלאַמען. ווו חיים האָט געוואָרפן די אויגן האָט ער אומע־טום, אינעם גיהנום, געזען די שלאַכטלייט פון צה"ל, אויף פּאַנצער, טאַנקען, אויף דזשיפּן און צופּוס, אַלץ האָט זיך געריסן פאָרויס מיט פייער אינעם פייער. יעדער פעלדז, יעדער גראָבן און בערגל ערד, יעדער בוים און קוסט האָט געדינט די זעלנער ווי אַ דעקונג, זיי זענען געלעגן אויסגעצויגן, פלאַך צוגעשמידט צו דער ערד און געשפּיגן מיט פייער, מיט פלאַמען, געשליידערט האַנט־גראַנאַטן, אויפגעשפּרונגען, געלאָפן אַ פּאָר מעטער פאָרויס און זיך צוריקגעוואָרפן אויף דער ערד. הינטער זיי האָבן געפייערט האַרמאַטן מיט קוילן־וואַרפער אויף די כוחות פונעם שונא, וואָס איז געלעגן אין גוט צוגעגרייטע פון יאָרן לאַנג מאַסקירטע טראַנשייען און בונקערס מיט דיקע ווענט פון אייזן־בעטאָן, איינגעבויטע אין פעלדזיקע שיפועים, מעכטיקע פעסטונגען, מינירטע אַרום און אַרום אונטער אָן־צאָליקע קנוילן שטעכעדיקע דראָט.

חיימס געהער האָט זיך גיך צוגעוויינט אויסטיילן אַ לעצטן געשריי פון אַ געפאַלענעם, אָדער דאָס קרעכצן פון פאַרוואונדעטע, וואָס מען דאַרף וואָס גיכער געבן ערשטע הילף אונטערן פייער, זיין בלוט זאָל נישט

אויסרינען, ווי עס האָט אים געזאָגט אַ יונגער זעלנער מיט שפּליטער אין ביידע פּיס: — „הדם הוא הנפש".

ער איז געלאָפן, זיך געוואָרפן אויף דער ערד, זיך צוריקגעהויבן, ווידער געפאַלן, געקראָכן אויפן בויך אונטערן פייער, ער איז אַריבער־געשפּרונגען גראָבנס, די מענטשן מיט די טראָג־בעטלעך צוזאַמען מיט אים, און אַז די טראָג־בעטלעך זענען געווען פאַרנומען, פלעגט חיים נישט איין פאַרוווּנדעטן טראָגן אויף זיינע אַקסל און פּלייצעס צום באַגעסטן פראָנט־דאָקטאָר, געפילט אויף זיין לייב די קלעפּיקע וואַרעמ־קייט פון זייער בלוט, וואָס פלעגט זיך אויסמישן מיט זיין שווייס... חיים האָט פאַרגעסן פון שלאָף, נישט פאַרטראָגן דאָס עסן, חוץ דאָס ביסל וואַרעם וואַסער צום לעשן דעם ברענענדיקן דורשט, נישט שטענדיק זיך פאַרגינען אויסליידיקן זיין פעלד־פלאַש, וואָס איז נויטיקער געווען פאַר אַנדערע, פאַר פאַרוווּנדעטע שלאַכט־לייט, אַרויסגעבראַכטע פון פייער, וואָס האָבן נישט ווייט פון פראָנט געוואַרט אויף אַמבולאַנסן, העליקאָפּטערס, אַפילו דזשיפּן. לאָה האָט פון דעם אַלץ דעמאָלט גאָרנישט געוווּסט.

ניצה האָט זיך געטוליעט צו איר און געשוויגן. ניצה האָט זיך יאָ פאַרגעשטעלט ווו חגי געפינט זיך איצט, עס איז איר געווען אַלץ איינס אויף וועלכן פראָנט, דער באַגריף פראָנט איז גענוג געווען צו האַלטן איר צאַפּלדיק, צעוויטיקט האַרץ אין צוואַנגען, צו האָבן פאַר די אויגן אַ מוראַדיק גיהנום, אַזאַ, וואָס זי פלעגט זען אין מלחמה־פילמען. ניצה האָט דעמאָלט אפילו נישט געקענט חלומען, אַז איר בן־יחיד וועט אַזוינס דאַרפן דורכמאַכן.

ניצה איז יענעם טאָג אויך געשטאַנען אין גאַס, אויפן ראַנד פון אַ טראָטואַר, ווען פאַר אירע אויגן האָט זיך געצויגן דער מיליטער־צוג. ווי אַנדערע מוטערס האָט זי שטום אַריינגעקוקט אין אַ סך צעפלאַמטע, יונגע פּנימער, זייער געזאַנג האָט איר געדונערט אין די אויערן. חגי איז נישט געווען צווישן זיי. זי איז געבליבן אין גאַס אַ לענגערע צייט, ביז דער לעצטער אויטאָ פונעם צוג איז פאַרשוווּנדן, דערנאָך האָט זיך זיך צוריקגעקערט אין איר ליידיקער היים און זיך געוואָרפן אויף דער סאָפע.

שבת, נאָך מיטאָג, דעם זעקסטן טאָג פון דער מלחמה, איז אַלץ געווען אויס, טויט שטיל אויף אַלע פראָנטן.

ויהי אור! שוין פרייטיק צו נאַכט איז אין ישראל געוואָרן ליכטיק, אויס פאַרטונקלונג, ס׳איז פאַרביי די סכנה פון לופט־אָנפאַלן. אין טויזנטער היימען איז מען געזעסן ביי די טישן ביי אָנגעצונדענע שבת־ליכט און אויסגעשוויגן ציטער פאַר זיך, פאַר פאָטער, פאַר מענער און ברידער, ווער עס וועט זיך בקרוב צוריקקערן און ווער...

חיים האָט זיך צוריקגעקערט אַ וואָך שפּעטער, ער איז געקומען אין כאַקי־קליידונג נישט צו זיין מאָס, אַלץ איז געהאַנגען אויף אים. ער איז געקומען אַ ריינער, אַרומראַזירט מיט אַ פּאָר קנייטשן אויפן שטערן, מיט רעדער אונטער די אויגן. די קוילן האָבן אים אויסגעמיטן, ער איז צוריקגעקומען גאַנץ אָבער מיט באַנדאַזשירטע הענט, צעשניטענע פון דערנער, פון שטעכעדיקע דראָט און קאַנטן פון שטיינער, הענט מיט אייטער־געשווירלעך פון פאַרשטאָכענע דערנער.

חיים איז געקומען אין אָוונט, אָן ווערטער אַרומגענומען לאהען מיט די טעכטער, זיי האָבן אים געקושט, געדריקט צו זיך — אַזאַ גליק! די איינציקע, וואָס האָט זיך נישט באַהערשט און געוויינט אויפן קול איז געווען לאהעס מוטער, זי האָט געטאָן אַ נדר, אַז מירצעשעם, חיים וועט זיך צוריקקערן, וועט זי אויפמאַכן איר פאַרבאָרגן קניפּל און טיילן צדקה מיט אָפענע הענט.

חגי איז געקומען צוויי וואָכן שפּעטער אויף צען טעג אָפּרו, ער איז געקומען פון ווייט, פון זייער ווייט אין סיני, פון בונקערס ביי די ברעגעס פונעם סועץ־קאַנאַל, פון וואַנען ער האָט געזען הייזער, בוימער, פאַבריק־קוימענס מיט הויכע מינאַרעטן פון אַ גרעסערער מיצרישער שטאָט, פון יענער זייט קאַנאַל. חגי האָט נאָך נישט פאַרענדיקט זיין דינסט, ער איז געקומען אַ פאַרמיטאָג אין דער היים דער מוטער גלייך אין די אָרעמס, בעת אייזיק איז נאָך געזעסן אין ביוראָ ביים שרייבטיש.

ניצה האָט אים געהאַלטן פעסט ארומגענומען, געקושט, נישט אַראָפּגענומען פון אים אירע פייכטע אויגן, זי האָט אים פאַרזיכטיק באַטאַפּט, צו זיין זיכער אַז דאָס איז טאַקע חגי, אַז ער איז גאַנץ און

טראָגט נישט קיין באַנדאַזשן, וואָרום ער האָט געשוויגן ווי חיים, ער האָט זיך נאָר געטוליעט צו איר, צערטלעך געגלעט איר פּנים און האָר אויפן קאָפּ, אַריינגעאָטעמט איר דופט.

חגי איז אַוועק פון דער היים אַ קינד און צוריקגעקומען אַ צײַטיקער, פאַרהאַרטעוועטער מאַן, מיט אַ קורץ געשאָרענעם קאָפּ, מיט טיפע, טיפע אויגן פולע מיט ווונדער, ער האָט זיך אַרומגעקוקט לכתחילה נישט צו גלויבן אַז ער איז אין דער היים, וואָס האָט אויסגעזען ביי, משונהדיק שטיל, ליכטיק און זויבער, ווי ער וואָלט זי געזען צום ערשטן מאָל, צייט ער האָט זי פאַרלאָזן מיט אַ קנאַפּן יאָר צוריק, ווען ער איז אַוועק צום רעגולערן מיליטער דינסט.

גוטע שכנים זענען געלאָפן אָנזאָגן אייזיקן די בשורה, אַנדערע האָבן אים טעלעפאָנירט, עס האָט זיך אייזיקן נישט געגלויבט אַז דאָס איז וואָר, נאָר אַז די ידיעה האָט זיך איבערגעחזרט עטלעכע מאָל, האָט ער זיך אויפגעשטעלט, גענומען פינטלען מיט די אויגן, וואָס זענען פייכט געוואָרן, זיך אָנגעלענט מיט ביידע הענט אָן טיש.

אייזיק האָט געפיבערט, זיין צימער איז פול געוואָרן מיט מיטאַרבעטער, וואָס זענען געקומען אים באַגריסן און דריקן זיינע ציטערנדיקע הענט, ביז איינער פון זיי האָט אים גענומען אונטערן אָרעם, אַראָפּגעפירט אין גאַס און געהאָלפן אַריין אין אַ טעקסי צו באַגלייטן אַ היים.

יענע נאַכט זענען ביידע, ניצה מיט אייזיקן, צוריק געווען צוזאַמען אין זייער שלאָפצימער, ניצה איז געלעגן מיט פאַרמאַכטע אויגן און שטיל געאָטעמט, בעת אייזיק איז געזעסן אויפן ראַנד פון בעט און איר געקושט די הענט.

חיפה, 25.10.68

באַמערקונג

1) דאָס ליד „שאַרם־אַ־שייך" איז געשריבן פונעם העברעישן דיכטער עטינגער.

2) די געבראַכטע אויסצוגן פון „גבעת התחמושת" זענען פונעם ליד פון העברעישן דיכטער י. טהר־לב.

3) דאָס ליד „נאַצער וואָרט אויף ראַבין" איז געשריבן פונעם העברעישן דיכטער חיים חפר.

4) די דערמאָנטע לידער זענען איבערזעצט אין יידיש דורכן מחבר פון דער דערציילונג.

דער קאָמאַנדאָ אבראמינא

ביים דרומדיקן טויער פון פּאָרט אין דער כרמל־שטאָט איז די גאַס שטענדיק פול מיט אויטאָס, וואָס פירן אַריין און אַרויס פון די פּאָרט־מאַגאַזינען כלערליי פּראַכט, קאַסטנס, זעקס, אײַזן, האָלץ, מאַשינען, ליפטן, באַלן און וואָס נישט? לענג אויס דער ראַמפּע וויגן זיך אינעם מוטנעם וואַסער גרעסערע און קלענערע פּראַכט־און פּאַסאַזשירן־שיפן, אינערלעכע נאַוויגאַציע־פּאָליציי און פּאַטראָל־שיפלעך, פּייערלעשער־שיג־לעך צוגעבונדענע מיט נאַסע, גראָבע שטריק צו פּאַראַסטע איינגעמוי־ערטע, אייזערנע ביקעס מיט רונדע קעפּ ווי ריזנשוואָמען.

פון יענער זייט ראַמפּע, איבערן וואַסער, שטייען נאָך שיפן צוגע־בונדענע צום וועלן־ברעכער, וואָס צוימט אָפּ דעם שטח פון פּאָרט פונעם אָפענעם ים. דער ים פירט אַן אָנסופיקע מלחמה מיטן וועלן־ברעכער, וואָס האָט אָפּגעצוימט אַ שטיק פון זיין רחבות, די וועלן הערן נישט אויף שטורעמען זיינע גרויסע פעלזן, אָבער ער לאָזט זיך נישט. די פעלזן רירן זיך נישט פון אָרט, כאָטש זיי ווערן צייטנווייז פאַרכלי־נעט, פאַרשוומען פון ווילדע שוימיקע כוואַליעס, וואָס דרינגען אַריין אין דער מינדעסטער שפּאַרע, רייסן זיך אַריבער דער וואַנט, מישן זיך אויס מיט די וואַסערן פון פּאָרט און נעמען שליידערן די קלענערע שיפלעך פונעם ברעג ווי שפּילצייג.

צום וועלן־ברעכער זענען צוגעבונדן נאָך שיפן מיט שיפלעך פון טונקל גרויען קאָליר מיט נומערן אויף די זייטן, מיט ראַדאַרן און האַרמאַטן אויף די דעקן, דאָס זענען די ים־„כלים״ פונעם שוץ־פלאָט פון ישראל.

צווישן די גרויסע שוץ־שיפן זעט זיך צייטנווייז אַ לאַנגער, שטומער לויתן מיט אַ צילינדער אופן רוקן — אַן אונטערוואַסערשיף, זי ליגט רויק ווי זי וואָלט זיך וואַרעמען אויף דער זון.

אין אַ באַזונדערן ווינקל פון פּאָרט, פון יענער זייט וועלן־ברעכער אין אָפענעם ים, וויגן זיך גרויסע און קלענערע טאַנקערס, וואָס קומען אָפּלאָדן רויען אייל און אויפלאָדן ראַפינירטן נעפט מיט בענזין. די טאַנ־קערס האָבן פלאַכע דעקן, די קאַפּיטאַן־בריקן, די קוימענס, די מאַטראָסן־קאַבינעס מיט דער גאַנצער מאַשינעריע געפינען זיך אין די עקן פון די שיפן. זיי זענען פאַראַנקערט אין גרונט, אַרום זיי זעט מען זעלטן פליען מעוון, די פייגל פאַרטראָגן נישט דעם ריח פון נעפט און פון רויען אייל.

דער רחבותדיקער שטח פון פּאָרט לעבט זיין צאַפּלדיק לעבן טאָג און נאַכט. צווישן די בנינים און מאַגאַזינען באַוועגן זיך אויטאָמאָבילן, טראַקטאָרן מיט צוגעשרויפטע גאָפּל־הויבערס, וואָס לאָדן אָפּ און לאָדן אויף באַן־וואַגאָנען מיט אויטאָפּלאַטפאָרמעס מיט קאַרטאָנען און קעסט־לעך ציטרוס־פּרוכט, וואָס באַשמעקן דעם אַרום מיט דופטן פון צייטיקע פּרדסים. די פּרוכט־לאַדונגען ווערן דערלאַנגט גלייך אויף שיפן, אָדער אויף לאַנטשן (שלעפּ־שיפלעך) צוגעבונדענע צו דער ראַמפּע, זיי זאָלן עס צופירן צו יענע שיפן, וואָס שטיין ווייטער ביים וועלן־ברעכער פון יענער זייט וואַסער. די באַלאָדענע לאַנטשן מאַנעווורירן פלינק צווישן אַנצאָליקע מאַונעס (באַרזשעס) שפּאַציר־און פישער־שיפלעך. לאָקאָמאָטיוון פּרעגן זיך איבער מיט שיפס־סירענעס. ווינטשן (הויב־קראַנען) לאָזן אַראָפּ אָדער שעפּן אַרויס פאַרשיידענע לאָדונגען פון די אינגעווייִדן פון שיפן.

פּאַסאַזשיר־שיפן שטייען צוגעבונדן צו דער ראַמפּע מיט אָפענע בייכער, פון וועלכע עס רעדלען זיך באַלאָדענע קאָנווייערס מיט וואַליזעס און פּעק באַקלעפּטע מיט קאָלירטע עטיקעטן פון פאַרשיידענע טיילן וועלט. איבער די קאָנווייערס, אויף הענגטרעפּ גייען אַראָפּ און אַרויף פּאַסאַזשירן עולים, צעחושטע, פאַרשוויצטע, אין קאַפּעליושלעך און בערעטן, פאָכען מיט הענט און טיכלעך צו קרובים, וואָס וואַרטן זיי אָפּ. אַרום יעדער שיף קרייזן טשאַטעס ווייסע מעוועס, זוכן געניסן פונעם קיכן־אָפּפאַל, וואָס פאַלט אין וואַסער, ווי לויט אַ הסכם טיילן זיי זיך מיטן שלל

מיט די פיש: — די מעווען כאַפּן אַלץ, וואָס שווימט אויפן אויבערפלאַך פון וואַסער בעת די פיש גענישן פון דעם געזונקענעם אין דער טיף.

כאָטש אַלץ איז מעכאַניזירט אין פּאָרט, געפינען זיך אויף שריט און טריט לעבעדיקע מענטשן, וואָס לענקען דעם האַרמידער און קערעווען מיט די גרויסע און קליינע מאַשינען און מיט די אויטאָס: — מאַשיניסטן, שאָפערן אין קאָמבינעזאָנען מיט פאַרפעצטע היטלען אויף די קעפּ, מענטשן מיט בלעכן פאַרב און פענדזלען. מאַטראָסן, ים־אָפיצערן און קאַפּיטאַנען אין אוניפאָרמען מיט אַקסל־בענדער לויט זייערע ראַנגען, אין היטלען מיט קאָקאַרדעס באַזוימטע מיט גאַלונען, גאָלדענע קנעפּ און גאָלדענע טאַשמעס אַרום די מאַנזשעטן פון די מונדירן. פאַרשמייעטע צאָל־באַאַמטע, פּאָליציאַנטן, נאַוויגאַטאָרן, עקספּעדיטאָרן אין קאַפּעליוש־לעך שטענדיק אַן אַ זייט אויף די קעפּ, פּקידים־מענער און פרויען מיט טעקעס און פּאַפּירן, שמעקנדיקע „קבלת פנים" מיידלעך מיט פריזורי פון דער לעצטער מאָדע, שטענדיק פריינדלעך און שמייכלענדיק. בייגע־ריקע טוריסטן. פאַררייסענע, אויסלענדישע ים־לייט. אומעטום אין יעדן ווינקל געפינען זיך טרעגער מיט וועגעלעך אָדער מיט בינטלעך שטריק פאַרוואָרפן איבער אַקסל, שטענדיק גרייט דיך צו באַדינען.

אָט דער מענטשלעכער בינשטאָק איז אין שטענדיקער באַוועגונג בישט זעלטן אויך ביינאַכט, ווען טוריסטן רוען זיך אויס אין האָטעלן אויפן כרמל, ווער עס זופּט לאַנגזאַם אַן „עספּרעסאָ", ווער אַ וויסקי מיט סאָדע און ווער עס זיצט אין ווייכע פאָטעלן מיט צייטונגען און זשורנאַלן, ווער עס קוקט אַראָפּ פון פענצטער און וועראַנדעס אויף דער אונטערשטעטער שטאָט און באַלויכטענעם פּאָרט, וואָס גליען מיט אָנצאָליקע ליכטער. זיי זעען דאָס, וואָס דער דיכטער פון דער כרמל שטאָט האָט באַזונגען: „שטערן פון אויבן, שטערן פון אונטן" — — — „אַך, איסראַעל, איסראַעל! סאָטש אַ ביוטי — אַזאַ פראַכט".

דער פענסיאָנער אַבראַמינאָ סאַבאַ, דער „סאַלאָניקער", זעט גאָר־בישט פון דעם אַלעמען כאָטש ער לעבט מיטן האַרמידער פון פּאָרט, אָטעמט מיט דער זאַלציקער לופט אויסגעמישט מיט ריחות פון ים, טראָן, פאַרב, ברען־שטאָף און פיש, ער אָטעמט מיט אָט דער לופט אפילו

אין שלאָף, אויף זיין געלעגער, אין אַ צימערל, אין דער אונטערשטער שטאָט, ווו ער האַלט זיך אויף ביי אַ טאָכטער, חלילה נישט אויף „לחם של חסד״, נייך, ער גיט איר אַוועק דריי פערטל פון זיין פענסיע מיטן „ביטוח־לאומי״, דאָס רעשט איז פאַר אים איבערגענוג פאַר זיינע עולם־הזהדיקע געגוסן, וואָרום וויפיל דאַרף ער? — עס קלעקט אויף אַ גלעזל ראַקי (אַראַק), אויף אַ קופל ביר מיט אַ פאָר איילבערטן, מיט אַ פענעך קאַשקאַוואַל־קעז, מיט טיטון פאַר דער ליולקע, וואָס ער לאָזט נישט אַרויס פון מויל זי זאָל נישט אויסלעשן, שטענדיק גליען, ביז ער לייגט זיך שלאָפן.

כאָטש עס איז געווען סוף חשון, טונקל, פאַרוואָלקנט, בעת דאָס ליכט מיטאָג־צייט זעט אויס ווי פאַרנאַכט, אָן אַ פיצל זון און עס האָבן געבלאָזן פייכטע, מערבדיקע ווינטן, האָט דער פאָרט געראַשט ווי שטענדיק, עס האָט זיך נאָר געענדערט דאָס אויסזען פון די מענטשן, וואָס האָבן איצט געטראָגן סוועטערס מיט שאַלן אונטער וואַרעמע רעק. די מענטשן פונעם אַדמיניסטראַטיוון שטאָם האָבן געטראָגן פילצענע היט, די טראַקטאָריסטן און שאָפערן בייטן נישט זייערע פאַרפעצטע היטלען, בעת די טרעגערס ציען ווינטער־צייט אַריבער די קעפ מיט וואָלענע זאָקן־מיצן ביז די העלדזער, אַרויסצוווייזן נאָר די פנימער. עס איז געווען קאַלט און בעת דער אַרבעט האָט איצט די אונטערשטע קליידונג איינגעזאַפּט זייער שוויס.

דאָס ווייס־לבוש ביי די מאַטראָסן און אָפיצערן פאַרביטן ווינטער־צייט קליידער פון גראַנאַטענעם געוואַנט, די שטאַלטיקע מיידלעך טראָגן ענג געפּאַסטע קאָסטיומען, ציען איבער דעם נאַקעטן רייץ פון זייערע פיס מיטן דינסטן ניילאָן פון לייבקאָליר.

אַבראַמינאָ סאַבאָ איז אויך געוואָרן ווינטערדיק: — פונעם זומער איז אים נאָר געבליבן אויפן קאָפּ דאָס אַלטע קאָלירלאָזע היטל. ער האָט געטראָגן האַלבע שטיוועלעך, ווו עס זענען געווען פאַרשטעקט די מאַנקעטן פון אָפּגעריבענע קאָרדעראָ־הויזן — אַ שווערן, גרויען סוועטער ביזן האַלדז, מיט אַ נישט פאַרקנעפּלטן לעדערנעם ראָק, די ליולקע צווישן די ציין האָט געראויכערט מיט איר העל בלוילעכן רויכל, וואָס

האָט פאַרנעפּלט זיין פאַרהאַרטעוועט פּנים מיט דער פליישיקער נאָז, גרויע וואַנצעלעך און לעבעדיקע, טונקל־גרויע אויגן באַשיצטע מיט געדיכטע, שווערע ברעמען. בעת אַבראַמינאַ פלעגט פאַרשאַרצן דעם סוועטער, צו זוכן דעם טאַשן־זייגער, פלעגט מען זען ווי זיין אונטערלייב איז אַרומגעוויקלט, פעסט פאַרגאַרטלט מיט אַ ברייטן טוכענעם גורט. דער גורט דינט אים אויך ווי אַ מקום פאַרן אַלטן ציבעלע־זייגער צוגעצעפּט צו אַ פאַרשוואַרצט, זילבערן קייטל, פאַר אַ צינדער און פאַר אַ צווייִשאַרפיקן מעסער אין אַ שייד, וואָס דינט אים ווי אַ וועלקצייג פאַר יעדן באַדאַרף: — ווי אַ דלאָט אויפצומאַכן אַ קעסטל, ווי אַ קרייצער אויפצוקאָרקעווען אַ פלאַש משקה, ווי אַ מעסער צו שניידן ברויט, האַרטן וווּרשט — אויפצומאַכן קאָנסערוון פּושקעס, ווי אַ שרויפנציער, אפילו אַרומצושניידן די שוואַרצע ראַנדן פון די נעגל וכדומה. אין אומרויִקע צייטן בעת די ענגלענדער האָבן נאָך באַלעבאַטעוועט אין פּאַרט, פלעגט ער דאָס מעסער טראָגן פון אויבן, איבערן גורט, ווי אַ זעלנער טראָגט אַ באַגנעט. יענע צייטן פלעגן אַנדערע יידישע פּאָרט־אַרבעטער טראָגן איבער די לענדן שווערע שרויפן־שליסלען, דלאָטעס, פאַרשאַרפטע אייזנס „אויפצומאַכן קאַסטנס” פאַר די צאַל־באַאַמטע מיט נאָך „עפּעס”, טיף פאַררוקט אונטער די הויזן־גאַרטלען אויפן נאַקעטן לייב.

„יענץ” האָבן זיי געהאַלטן פאַרשטעקט מחמת „אַן עין הרע”, זעלטן עס אַרויסגעטראָגן פון פּאָרט, ווייל ביים טויער פלעגט מען זיי אָפּט באַטאַפּן.

ווער האָט אין פּאָרט נישט געקענט דעם אַלטן חבריקאַ אַבראַמינאַ, דעם „סאַלאָניקער”? — פונעם דירעקטאָר ביזן לעצטן שומר, פּאָליציאַנטן, בלערליי שיפס־קאַפּיטאַנען, וואָס פלעגן צוזאַמען מיטן „גוט מאָרגן” אים מכבד זיין מיט אַ ציגאַר אָדער מיט אַ הויפן שמעקעדיקן טאַבאַק, עקספּעדיטאָרן, פּקידים, אפילו ביוראָ־מיידלעך, וואָס פלעגן מחמת גוט־מוטיקער ליצנות נישט איינמאָל אים באַשפּרענקלען דעם פּנים מיט אָדעקאָלאָן: — „אַבראַמינאַ! תסגור את עיניך היפות — פאַרמאַך דיינע שיינע אויגן” — ער פלעגט זיי פּאַטערלעך פאָלגן און מיט הנאה אַריינאָטעמען די בשמים ריחות בעת די מיידלעך פלעגן פריילעכע אַנטלויפן,

וויסנדיק, אַז ער וועט זיי ענטפערן מיט אַ שטראָם ביטערן ליולקע־רויך אין די געשמינקטע, יונגע פּנימער.

דאָס איז געזאָגט געוואָרן אין אַבראַמינאַס עלטערע יאָרן ווען ער פלעגט גאַנצע טעג פאַרברענגען אין פּאָרט, כאָטש ער איז שוין געווען פּענסיאָנירט. וואָרום וואָס פאַר אַ לעבן קען ער האָבן מחוץ דעם פּאָרט? — ביי דעם שעז־בעז ברעטל אין אַ קאַפע־הויז, ווו די לופט איז געדיכט, אָנגערויכערט, דורכגענומען מיט ריחות פון ביר, געשמאָרט פליש און קאַווע? אַזוינס איז נישט פאַר זיינע לונגען און נישט פאַר זיין געמיט, נאָכן אָפּלעבן אַ גאַנצן לעבן אין די פּאָרטן פון סאַלאָניקי און פון דער כרמל־שטאָט אין ישראל.

„סאַלאָניק — סאַלאָניק”! דער גרויסער רחבותדיקער גריכישער פּאָרט, ווו שיפן שווימען אַריין און אַרויס אין עגייאישן ים, סאַלאָניקער פּאָרט מיטן באַזונדערן שטח אין רשות פון די יוגאָסלאַוון, וואָס זענען נישט געווען באַליבט נישט ביי די גריכישע, נישט ביי די טערקישע ים־אַרבעטער און שיפסלייט — „עד, סאַלאָניק — סאַלאָניק”!

אין רעגנדיקע, קאַלטע ווינטערטעג, אין אַ ווינקל פון אַ מאַגאַזין אָדער אונטער אַ ברעזענט אין אַ ליידיקן לאַסט־אויטאָ, ביי אַ בלעך גליאיקע קוילן צו וואַרימען מגושמדיקע, אייזערנע הענט, פלעגן אַרום פייער זיצן אין אַ קרייז פּאָרט־אַרבעטער, צווישן זיי אַבראַמינאָ, וואָס פלעגט מיט אַ שפּיץ מעסער אויסשאָבן פון זיין ליולקע דאָס אַש פונעם פאַרברענטן טאַבאַק, זי אָנפילן פון ס׳ביי, מיט די נאַקעטע פינגער שנעל אַרויפלייגן פון אויבן אַן אָנגעגליטע קויל, אַ ווילע פּיפּקען און רויכערן, נאָכדעם מיט זיין הייזעריקלעכער שטים איבערדערציילן וועגן די פּעק טאַבאַק, קאַטאַן, זעק געווירצן, קרופּאָנעס לעדער, פעסלעך איילבערטן, קעסטלעך קאָנסערוון, צוקער וכדומה, וואָס זיינע פּליצעס האָבן אַ מאָל איבערגעטראָגן איידער ער איז געוואָרן אַ קאָמאַנדאָ, איידער ער האָט איבערגענומען די אומנות פון זיין פאָטער אין סאַלאָניקער פּאָרט.

בעת זיין פאָטער פלעגט זיין גוט אויפגעלייגט פלעגט ער דערציילן מעשיות פון פאַרגאַנגענע צייטן. ער דערמאָנט זיך זיין דערציילן וועגן

ריזיקע שריפות אין סאַלאָניק אין יאָר 1890 און אין יאָר 1917, וואָס ער אַליין געדענקט נאָך, ווען 50 טויזנט יידן זענען געבליבן אָן אַ דאַך. די גריכן האָבן אַוועקגענומען סאַלאָניקי פון די טערקן אין 1912, פון די 160 טויזנט תושבים זענען די העלפט געווען מאחינו בני ישראל. שבתים און ימים טובים איז דאָרטן דער פאָרט געלעגן געליימט, ווייל דער גרעסטער טייל אַרבעטער זענען געווען יידן. אין סאַלאָניק איז דער ועד הקהלה הקדושה פון די ספרדישע יידן געווען ווי אַ רעגירונג אַזוי לאַנג, ביז די גריכן צוזאַמען מיט די טערקן האָבן גענומען די יידן דערגיין די יאָרן, אַרויסנעמען פון זייערע הענט דעם מסחר, די מלאָכה און פאַבריקאַציעס, בעת פריער זענען די טערקן געווען גוט צו יידן און די יידישע רבנים האָבן געגאָסן די זעלבע רעכט ווי די גריכישע גלחים, וואָס פלעגן קריצן מיט די ציין און שוויגן.

— — — סאַלאָניקי מיט אירע תלמידי חכמים, ישיבות, חדרים, יידישע ביבליאָטעקן, יידישע דרוקערייען און בתי כנסת ווי פּאַלאַצן!

שפּעטער האָבן די טערקן געקריצט מיט די ציין, ווייל די גריכן זענען דאָרטן געוואָרן די באַלעבאַטים, — דאָרטן אין דער טערקישער סאַלאָניק, ווו ס׳איז געבוירן געוואָרן זייער גבור, דער גענעראַל אַתאַ טורק.

שפּעט האַרבסט פלעגט דער דרויסן ווערן טונקל אין מיטן טאָג ווי פאַרנאַכט. דונערן פלעגן זיך קייקלען ווי אייזערנע וועגענער אויף שפּיציקע שטיינער, פייערדיקע בליצן פלעגן אויסלעשן אין צעשטורעמטן ים, שיפן פלעגן זיך וויגן אינעם שוימיקן וואַסער ווי שפּילצייג און זיך רייסן פון אַנקער. רעגנס פלעגן שטעהן לאַנג פויקן אין די דעכער פון מאַגאַזינען און אויף ברעזענטן פון לאַסט־אויטאָמאָבילן. אין אַזעלכע שעהען פלעגן זיך פאַרט־מענטשן טוליען איינער צום צווייטן, אויסגעזעצט אין אַ קרייז, אַרום בלעכן האַלב אויסגעלאָשענע קוילן, גישט איבערצורייסן דאָס רויכערן, נישט אַרויסנעמען פון די מיילער די ליולקעס מיט די ציגאַרעטן אַזוי לאַנג, ביז דער חלל אונטערן ברעזענט פלעגט ווערן געדיכט ווי אין אַ וואָלקן. אַבראַמיגאַ האָט געהאַט אַ צוואַנג, וואָס ער אַליין האָט אויסגעפּראַוועט פון באַנד־אייזן, מיט וואָס ער

פלעגט רודערן אין די הייסע קוילן, זיי איבערדרייען, אַרויסוואַרפן דאָס איבערגעברענטע און צושיטן נייע שטיקלעך. דער ווינט האָט געריסן און געיאָמערט, דער דרויסן איז געווען ליידיק נישט צו זען אַ מענטש. אונטער די קאַרניזן פון די מאַגאַזינען האָבן געברומט נאַסע טויבן. מעווס פלעגן זיך דראַפּען אָן די ווענט, זיך פאַרקלייבן אויף באַלקנס אין מאַגאַזינען אָדער זיך אויסבאַהאַלטן אויף דעקן פון שיפן אין פאַלדן פון זעגלען. אין אַזעלכע טעג פלעגט שווער זיין צו ברענגען אַלעמען וואַרעמס פון די היימען, אָבער עס האָבן זיך געפונען זין, טעכטער און יונגע ווייבער, וואָס פלעגן פון זעק מאַכן קאַפּישאָנען איבער די קעפּ, ווי עס טראָגן די עולים פון מאַראָקאָ, זיי פלעגן אָנטאָן גומענע שטיוול און אַזוי פּיטש־נאַסע ברענגען פולע טעפּ מיט מענאַשקעס אכילה. נישט ווּיסנדיק ווי אַזוי און פון וואַנען פלעגן זיך באַווייזן אַ פּאָר גרעסערע, עמאַלירטע שיסלען ווו מען פלעגט אַריינגיסן אַלץ, וואָס עס איז געווען אין די טעפּ און מענאַשקעס — זופּ מיט פאַסאָליעס, אַרבעס מיט קוסקוסו, שטיקלעך פליש, גרינצייג, קניידלעך און רייז. די פולע שיסלען פלעגט מען אַרויפשטעלן אָנוואַרעמען אויף די הייסע קוילן. אין די טעקעס און זייטן־זעקלעך האָבן זיך געפונען שיריים פון פרישטיק — שטיקער ברויט מיט פּיטעס, וואָס מען האָט צונויפגעבראַכט אויף אַ זעקל, אַזוי איז געוואָרן אַ בשותפותדיקער מיטאָג — מעדני מלכים... די מענטשן האָבן געריסן שטיקער ברויט אָדער פּיטע, געטונקט אין די שיסלען, געקייט בקול רם, געזופּט מיט הנאה, פאַרביסן מיט שטיקלעך פליש, אַרויס־געפּישטע מיט די הענט פון די כלים. די זשעדנערע פון זיי פלעגן נאָכן עסן אויסווישן די שיסלען מיט פאַרבליבענע שטיקלעך ברויט און פאַר־רויכערן, עס האָט נאָר געפעלט אַ „דעסערטאָ" — אַ טעפּעלע שטאַרקע קאַווע, ווי די ותיקים פלעגן זאָגן: — „לקינוח סעודה".

זאַטע, נאָך דער סעודה, פלעגט מען אַ ווײַלע שווייגן און פּרובירן כאַפּן אַ דרעמל אַזוי זיצנדיק, נאָר עס פלעגט זיך נישט לאָזן און אַבראַ־מינאָ פלעגט ממשיך זיין זיין דערציילן אין זיין אייגענער שפּראַך — שפּאַניאָליש, לשון קודש, באַווירצט מיט גריכישע, אַראַבישע, אפילו מיט ווערטער פונעם ענגלישן סלענג.

— סי, סי, יא נאָס (מענטשן) פאַרצערט די קאָמידאָ (שפּייז) און איר פאַפּט ? וואָס וועט איר טאָן אין אָונט נאָכן אויפפרעסן די פידייאָ (לאָקשן) נאָ, ניק, ס׳איז נישט וויכטיק, זאָלן אייערע נשים זאָרגן.

— אָן גראָבע רייד האָמברע (מענטש), אָן רכילות אבראַמינאָ — פלעגן אים שטאָרכן מיט די עלנבויגנס די, וואָס זענען געזעסן נאָענט צו אים. — פאַרגעס נישט אַז דאָ זיצט מיט אונדז יונגוואַרג, וואָס האָט געבראַכט דאָס עסן, פאַרקניפּ די צונג.

— סי, סי, ג׳רעכט, פּוסטע רייד, זייט מיר מוחל. סי, סי : — אין דער ערשטער וועלט מלחמה איז סאַלאָניק געווען פול מיט זעלנער און שיפן אייגענע — גריכישע, שיפן פון די אנגליז (ענגלישע) פראַנצויזישע, שפּעטער סוף מלחמה אויך אַמעריקאַנאָס. שיפן־קאָלאָסן, וואָס אַן אויג האָט נישט געזען ! פריגאַטעס, קרייצערס, דעסטראָיערס אפילו סאַבמאַרינס, זיי האָבן מלחמה געהאַלטן מיט די אַלעמאַנאָס (דייטשן) ימח שמם, מיט די איטאַליאַנאָס. אונדזעריקע האָבן פאַר זיי געאַרבעט ווי פערד, פאַרגעסן ווען ס׳איז טאָג און ווען ס׳איז נאַכט. אונדז, די פּאָרט־אַרבעטער האָט נישט געפעלט קיין שפּייז, וואָס איז דעמאָלט, מלחמה־צייט, געווען וויניק אין שטאָט. דאָס, וואָס די אַמעריקאַנאָס פלעגן יעדן טאָג אַרייַנוואַרפן אין ים פאַר די פיש, וואָלט מען געקענט באַשפּייזן האַלב סאַלאָניק. נאָך דער מלחמה ביז 1920 איז נאָך אַלץ געווען צו פאַרליידן, באַר יענץ יאָר האָט מען גענומען אויסבייטן גריכן פון דער טערקיי אויף טערקן פון גריכנלאַנד, דאָ האָט זיך עס אָנגעהויבן : די בייזע גריכן, וואָס זענען געקומען פון טערקיי קיין סאַלאָניק, האָבן גענומען פאַרטרייבן די יידן פון זייער אַרבעט און פרנסות. צוזאַמען מיט זייערע בעבעכעס האָבן זיי מיטגעבראַכט אַ סך שנאָה צו אונדז יידן, ווי מיר וואָלטן נישט געלעבט אין סאַלאָניק דורות לאַנג. — סי, סי, זיי האָבן זיך איינגערעדט אַז די כודייאָס (יידן) האָבן אַלץ פאַרכאַפּט. מיר האָבן זיך מיט זיי געאַמפּערט, אַרומגעריסן. די גריכן פון סאַלאָניק האָבן אַלץ פאַרקוקט און געהאָלפן זייערע הערמאַנאָס (ברידער), די צוריקגעקערטע פון טערקיי. עס איז אונדז ענג געוואָרן דאָס לעבן. אַ סך יידן האָבן פאַרלוירן זייער ברויט און פאַרלאָזן סאַלאָניק. די צרות האָבן זיך געשלעפּט ביז 1931. בעת

מיר זענען געווען ביי דער אַרבעט אין פּאַרט, האָבן גריכן פּאַגראָמירט יידישע היימען און געשעפטן, געראַבעוועט און געמאָרדעט. ווען מיר האָבן זיך דערוווּסט אין פּאַרט, וואָס עס קומט פאָר אין שטאָט און זיך געלאָזט צו הילף איז שוין געווען נאָך אַלעמען. כוליגאַנעס האָבן פאַרשפּאַרט די וועגן, וואָס מיר האָבן געמוזט דורכברעכן, דאָס האָט געגומען צייט, די פּאָליציי איז ווי אין וואַסער אַריין, זיי האָבן נישט ליב געהאַט זיך טרעפן אויג אויף אויג מיט סאַלאָניקער פּאָרט־אַרבעטער.

נאָכן פּאָגראָם האָט מען זיך געלאָזט נאָך הילף צו די ציעניסטן. די ציעניסטן האָבן געהאָלפן אַ סך משפחות אַרויספאָרן קיין ארץ ישראל, נאָך אַלעמען זענען „כל ישראל חברים״.

אין יענער צייט איז צו אונדז געקומען דער סעקרעטאַריאַ פון די חיפער יידישע אַבערעראָס (אַרבעטער). ער האָט צו אונדז געטענהעט אַזוי צו זאָגן: — „איי אַמיגאָס (חברים), וואָס דאַרפט איר דאָ זיצן און נישט וויסן, וואָס דער מאָרגן וועט ברענגען, קומט צו אונדז אין ארץ ישראל, קומט אַלע מיט אייערע משפחות, מיר פאַרזיכערן אייך אַלעמען אַרבעט אין חיפער פּאָרט, איר וועט לעבן מיט אונדז, איר וועט געפינען אַ היים, קומט״!

— — — אָט זיצן מיר דאָ איצט צוזאַמען ווי אַמיגאָס, ווי אַבערעראָס אין אייגן לאַנד און וואַרטן איבער דעם רעגן, סי, סי, היינט וועט איר שוין נישט נעכטיקן אין דער היים, איר וועט מוזן אַרבעטן אַ גאַנצע נאַכט אָנצוויאָגן, וואָס איר האָט פאַרפעלט פאַרן טאָג מחמת די רעגנס. פון מערב־זייט זעען זיך שוין שטיקער בלויער הימל, דורך די וואָלקנס ברעכן זיך דורך שטראַלן, די מעוועס פוצן די פעדערן, די זון וועט גיין שלאָפן אַ טרוקענע. סי, סי, אַמיגאָס.

די עליה פון די סאַלאָניקער פּאָרט־אַרבעטער קיין ארץ ישראל איז גאָרנישט געווען לייכט און פשוט. די בריטן האָבן געקוקט קרום אויף אַזאַ עליה, זיי האָבן נישט געוואָלט געבן די נויטיקע סערטיפיקאַטן אַריינצופאָרן אין לאַנד. אין דער בריטישער אַדמיניסטראַציע פון פּאַלעסטיין האָבן נישט געפעלט אָפענע און מאַסקירטע קעגנער פון ציוניזם און עליה, זיי האָבן געוווּסט ווו און ווען אונטערצוזאָגן די אַראַבישע שונאי ישראל,

ווי אויפצוהויבן אַ טומל מיט פּראָוואָקאַציעס קעגן יידן, זיי האָבן געהאָלפן די שונאים פון ארץ ישראל אין די הויכע פענצטער, אין לאָנדאָן, צו שטערן און האַמעווען די קליינע, לעגאַלע עליה. פון דער צווייטער זייט, נישט געקוקט אויף דער אָנגעקוואָלענער ציוניסטישער באַוועגונג אין גריכנלאַנד איז גאָרנישט לייכט געווען צו באַוועגן דאָרטיקע יידן עולה צו זיין קיין ארץ ישראל, ווייל זיי האָבן געשלאָגן טיפע וואָרצלען אין זייערע ווינ־ערטער במשך פון אַ סך דורות, זייט דער רוימישער אימפּע־ריע, וואָרום עס איז באַוווסט, אַז שוין דער אַפּאָסטאָל פּאַולוס איז דאָרטן געקומען פּרובירן באַקערן יידן צו דער תורה פון דעם מאַן פון נצרת.

אבראַמינאָ סאַבאָ האָט געשטאַמט פון אַן אַלטער, פאַרוואָרצלטער, יידישער משפחה אין סאַלאָניקי. אַבראַמינאַ האָט דערציילט, ווי אַלס יינגל פלעגט ער ברענגען עסן זיין פאָטער, דאַווידאָ, אין סאַלאָניקער פּאָרט, ווו ער האָט געאַרבעט אַלס קאָמאַנדאָ* אויף שיפן. דאַווידאָ איז געווען אַ ייד, אַ דעמב, אַבראַמינאָ געדענקט אים ווי ער פלעגט שטיין אויפן דעק פון שיף מיט צעשפּרייטע פיס, אַרומגעגאָרטלט מיט אַ רויטן, טוכענעם גורט, מיט אַ ליולקע אין מויל און מיט די הענט דיריגירן ווינטשן, וואָס פלעגן דערלאַנגען אָדער צונעמען בערג פּראַכט. דאַווידאָ האָט אויסגעזען ווי אַ לעבעדיקער טייל פון דער שיף, ער איז געווען אַ ייד מיט ברייטע פּלייצעס, מיט אייזערנע הענט, אַ פּאָרט־אַרבעטער, וואָס האָט זיך בישט געבויטיקט אין אַ זייגער. דער חשבון פון זיין צייט איז געווען פאַרבונדן מיט די לאָדונגען, נישט וויכטיק — בייטאָג אָדער ביינאַכט, נישט זעלטן געבליבן אויף די שיפן אַ רונדן מעת לעת אָן איבעררייס, ער פלעגט אָפּהיטן נאָר איין שעה אַ וואָך: פרייטיק 12 אַזייגער, ווען די דעק פון „זיין" שיף האָט געמוזט זיין ריין, אָפּגעראָמט פון יעדער לאָדונג מחמת ערב שבת. אַזוי האָבן זיך געפירט אַלע יידישע פּאָרט־מענטשן אין סאַלאָניק ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען זיי האָבן זיך אַליין מתיר געווען

---

* „קאָמאַנדאָ" הייסט דער אָנפירער פון אַ קבוצה טרעגער, וואָס קערעוועט מיט האַנט־באַוועגונג זייער אויפלאָדן און אָפּלאָדן פּראַכט, בעת ער שטייט אויפן דעק פון שיף אונטער די הויב־קראַנען, (ווינטשן).

צו אַרבעטן אפילו שבת מחמת פיקוח נפש. מלחמה־צייט איז נישטאָ קיין אַנדערע ברירה, וואָרום יעדער פאַרשפּעטיקטע לאָדונג, קען קאָסטן ווער ווייסט וויפיל מענטשלעכע לעבנס!

אַ גאַנצע וואָך פלעגט דאַווידאָ נישט האָבן קיין צייט זיך צו פאַרנעמען מיט דער היים און משפחה. דאַווידאָ איז געווען אַ שווייגער, שטרענג צו די אַרומיקע ווי צו זיך אַליין, פון דעסטוועגן האָט מען אים ליב געהאַט און געשעצט אומעטום: — אין פּאָרט, אין זיין סביבה און אין בית הכנסת, ווו ער פלעגט נישט פאַרפעלן קומען דאַוונען שבת און יום טוב. אין בית הכנסת האָט ער געהאַט אַן אייגענע „שטאָט", אַ ירושה פון זיין פאָטער.

די מוטער, די הויכע, שלאַנקע ראַכעלאַ, געדענקט אַבראַמינאָ זייער ווייניק, זי איז פרי געשטאָרבן נאָך אַן אָפּעראַציע אין בויך, איבער־געלאָזט צוויי זין מיט אַ טאָכטער, וואָס די באָבע לאָה האָט געהאָדעוועט. די באָבע לאָה האָט געלעבט צוזאַמען מיט זיי, זי איז געשטאָרבן אַן אַלטע אין מיטן די דרייסיקער יאָרן. דאַווידאָ האָט מער נישט חתונה געהאַט, ער האָט לאַנג געטרויערט נאָך זיין ראַכעלאַ און געלעבט מיט איר זכרון. די טאָכטער האָט יונג און גוט חתונה געהאַט מיט אַ בחור פון די פּאָרט־אַרבעטער, פונעם טאַטנס שניט. דער עלטערער זון, אַבראַ־מינאָס ברודער, איז ערגעץ פאַרשוווּנדן אויף אַ פרעמדער שיף, ער איז מגולגל געוואָרן אין בראַזיל, פון וואַנען ער פלעגט אַ פּאָר מאָל אַ יאָר שיקן קליינע טשעקן מיט קאָלירטע ווונטש־קאַרטן יעדן ראש השנה.

דאַווידאָ איז געבליבן מיט זיין זון אבראַמינאָ, די היים איז מיטאַמאָל געוואָרן גרויס און ליידיק. די טאָכטער פלעגט זיך אַריינכאַפּן אַ פּאָר מאָל אַ וואָך צורוימען, אָפּהיטן דעם אַלטן סדר, אָפּשטויבן די פּאָר מאַסיווע מעבל שטיק, וואָס האָלץ־ווערים האָבן געפרעסן פון אינעווייניק.

דאַווידאָס היים האָט געלעבט נאָר שבת און יום טוב, ווען עס פלעגן קומען די טאָכטער, דער איידעם מיט די אייניקלעך, וואָס פלעגן זיך אַרומרייסן פאַרן זכות צו זיצן ביים אַבועלאָ (זיידע) אויפן שויס און שעפּן פון זיינע קעשענעס פריער צוגעגרייטע צוקערלעך, ביס מיט קערע־לעך. זיי פלעגן איבערשלאָגן איינער דעם צווייטן ביים דערציילן אים

אַלע מעשׂיות פון דער וואָך, פון דער שול און גאַס. דער שווייגער דאַווידאַ פלעגט שטראַלן פון נחת און דערוואַרעמען זיין פאַרפרוירן האַרץ. שבת צו נאַכט פלעגט ער אָנצינדן די געפלאָכטענע הבדלה ליכט, אָנגיסן אַ רביעית־בעכער מיט וויין, די קינדער און אייניקלעך זענען געשטאַנען אַרום אים: — „בורא פרי הגפן" אמן.

— „בורא מיני בשמים". אָמן.

— „בורא מאורי האש". אָמן.

יעדער גיט אַ שמעק פון דעם בשמים־ביקסל, אַ זופּ פונעם זיסן זויין, דאַווידאַ זינגט מיט זיין האַרבן לשון קודש:

— „המבדיל", — — „יום פנה כצל תומר" — — „חלפה עונת מנוחתי" — — — דער שאָטן פון פלאַם פון דער הבדלה־ליכט האָט אויפגעהערט שפּרינגען אויף די ווענט, די ריגלען פון גיהנום ווערן אויפגעריגלט, אַ נייע וואָך קומט אָן:

— „שבוע טוב, שבוע טוב — אַ גוטע וואָך".

נאָך הבדלה לאָזט זיך אַבראַמינאַ צו זיינע אַמיגאָס אין קאַפע־הויז טרינקען אַ גלאָז ביר, פאַרבייסן מיט געזאַלצענע קערעלעך און שפּילן אין ביינער. אמת, צייטנווייז פלעגט ער זיך אַריינכאַפּן אין מועדון פון דער ציוניסטישער יוגנט, איינדרימלען בעת אַ רעדע און זיך צוריק אויפכאַפּן ביים זינגען און טאַנצן. ער איז געוועז מיד, זייער מיד נאָך אַ וואָך באַדינען דעם שטרענגן טאַטן אויפן דעק פון דער שיף, די שבת מנוחה איז אים געווען צו ווייניק. קרובים פלעגן אים רעדן שידוכים, ער האָט נישט געענטפערט, כאָטש ביי די טענץ מיט מיידלעך, אין מועדון, האָבן זיינע בלוטן געזידט, דער טאַטע פלעגט גאַרנישט זאָגן די שדכנים, אַזוי ביז זיין עליה קיין ארץ ישראל, ווען ער האָט צום ערשטן מאָל אין זיין דרייסיק־סטנעם לעבן געקושט דעם טאַטנס שטעכעדיקע באַקן און באַמערקט אַ פּאָר טרערן, וואָס האָבן זיך אַראָפּגעקייקלט פון זיינע אויגן אינעם שטעגעלע ביי דער נאָז און פאַרשוווּנדן אין די וואָנצעס.

עס האָט זיך אָנגערוקט די צווייטע וועלט־מלחמה. ארץ ישראל האָט געפיבערט אין אָנגסטן נאָך עטלעכע יאָר פריער. יענע צייט, נאָך שווערע אַרבעטס־טעג, פלעגט אַבראַמינאַ גיין אויף נאַכט־שמירה אין אַלטן מרכז

מסחרי ביי דער גרענעץ פונעם פאָרט. עס פלעגט זיך טרעפן, אַז אבראַמינאָ מיט זיינע חברים פלעגן נישט איינמאָל וואַרפן די אַרבעט צו שפּאַנען אין די ערשטע שורות פון שטורמישע, אָפט בלוטיקע גאַסן־דעמאָנסטראַציעס קעגן בריטישן „ווייס־בוך", וואָס האָט זיך פאַרמאָסטן שלייפן אַ תליה־שטריק אויפן האַלדז פונעם יידישן ישוב אין ארץ־ישראל. אַבראַמינאָ האָט וויניק געלייענט צייטונגען אָבער ער פלעגט זעלטן פאַרפעלן הערן דעם „קול ירושלים", ער האָט זיך אויסגעלערנט פאַרשטיין דאָס נישט דערזאָגטע אין ראַדיאָ, וואָרום יעדע אוידיציע פלעגט פריער צענזורירט ווערן פון דער בריטישער צענזור.

נאָכן אויסברוך פון דער מלחמה פלעגן אַריינשווימען וויניקע, ציווילע שיפן. פּאַסאַזשיר־שיפן זענען בכלל פאַרשווונדן פון די וואַסערן פונעם פאָרט, דערפאַר האָבן דאָרטן געאַנקערט אַ סך מיליטערישע טראַנספּאָרט־און קריגס־שיפן. הויך אין די הימלען, אַרום פאָרט, פלעגן זיך יענע צייטן שפּילן מיט דער זון גרויסע, ציגאַרן־פאָרמיקע, זילבערנע באַלאָנען צו באַשיצן דעם שטח פון לופט־אָנפאַלן. איטאַליענישע, אַ מאָל דייטשישע אַעראָפּלאַנען פלעגן אויסנוצן די פינצטערע נעכט צו זייען טויט מיט צעשטערונג אין די שטחים פון חיפה און עמק זבולון, דאָס זענען געווען נעכט פון אימה, פון ריזיקע שריפות אין די נעפט־שטחים, וואָס פלעגן פלאַקערן, אָן איבעררייס גאַנצע מעת־לעתן. פייער־צונגען פלעגן זיך רייסן אין דער הויך צו די אָנגעהייצטע, צונטער־רויטע הימלען. די פלאַמען מיט זייער גרויליקער רויטקייט שאַפן אַן אַטמאָספער פון לא יום ולא לילה. בייטאָג פלעגן וואָלקנס רויך פאַרשטעלן די שיין פון דער זון. די פייערן פלעגן מאַכן חוזק פון דער האַרבער פאַרטונקלונג, בעת עס איז ביינאַכט, געווען פאַרווערט אָנצינדן אין דרויסן אַ שוועבעלע צו פאַררויכערן אַ ציגאַרעט... די אַליאַרם־סירענעס פלעגן יאָמערן צוזאַמען מיט די פייערלעשער־אויטאָמאָבילן, וואָס האָבן קיינמאָל נישט באַהערשט די שריפות אין די באָמבאַרדירטע נעפט רעזערוואַרן. זעניט־האַרמאַטן פלעגן דונערן, די אַרטילעריע פון קריגס־שיפן פלעגן לעכערן די נאַכט־הימלען מיט שלאַנגען פאָספאָריזירנדיקע קוילן. אפילו אין יענע פייער־נעכט האָט דער פאָרט נישט גערוט, דער פאָרט האָט געפיבערט און געאַרבעט ווי שלום־

צייט. אַבראַמינאַ מיט אַ שטאָלענעם שוץ־העלמעט אויפן קאָפּ, פּלעגט נישט פאַרלאָזן די דעקן פון די שיפן, ער האָט געאַרבעט, אָפט דאָרט געבליבן גאַנצע מעת־לעתן, נישט באַזוכט די היים.

עס האָט זיך אָפּגעשטעלט די פּאָסט־פאַרבינדונג מיט יענער זייט ים, נאָר אַבראַמינאַ פלעגט נאָך ווען נישט ווען באַקומען צעטעלעך דורך מאַטראָסן, געשריבענע מיט גרויסע לאַדינאָ־ווערטער — גרוסן פון פאָטער, ביז דאָס האָט זיך אויך אָפּגעשטעלט, איבערגעריסן די לעצטע פעדים מיט דער געוועזענער היים. אַ טיפע זאָרג האָט אים באַאומרויִקט פאַרן גורל פון זיין משפחה, ער האָט זיך דערפילט עלנט. אין זיינע מחשבות איז סאָלאָניקי פאַרשלייערט געוואָרן מיט אַ נעפּל.

אין אַ פרייען אָוונט, בעת אבראַמינאַ האָט שפּאַצירט מיט דער סעניאָריטאַ רעזשין, אַ פאַרזעסענע טאָכטער פון אַ וויטן קרוב, האָבן זיך צעיאָמערט די סירענעס, זעניט־האַרמאַטן מיט אַנדערע כלי משחית פון קריגס־שיפן און פון דער יבשה האָט גענומען דונערן און שליידערן קנוילן פייער אין דער הויך ווו פראָזשעקטאָרן־שטראַלן האָבן אונטערן שווארצן הימל געשפּינט אַ נעץ, צו כאַפּן דעם שונאס עראָפּלאַנען אין שניט־פונקטן, ווי צילן — האָט אַבראַמינאַ אַ כאַפּ געטאָן די סעניאָריטאַ רעזשין אין זיינע שטאַרקע אָרעמס און אַריינגעלאָפן אין אַ נאָענטן לופט־שוץ־שעלטער, ווו עס איז געווען פינצטער און טוכלע.

רעזשין האָט געפלאַטערט אין זיינע אָרעמס ווי אַ געפאַנגענע שוואַלב, זי האָט געפיבערט פון שרעק און אומרו, בעת אבראַמינאַ איז שיכור געוואָרן פון איר מיידלש דופט ביז צו פאַרגעסן די אימה פון דרויסן. נאָכן צוגעוויינען זיך צו דער פינצטערניש, האָט ער זיך אַנגע־שטויסן אָן אַ פולן זאַק, ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן זאַק, געהאַלטן די סעניאָריטאַ צוגעדריקט צו זיך, געציטערט ער זאָל איר חלילה נישט ווײַ טאָן מיט זיין מגושמדיקייט, וואָרום רעזשין איז געווען אַ צאַרטע, אַן איידעלע, אַ שלאַנקע, כאָטש מען האָט איר גערופן די „פאַרזעסענע“, די „דרייסיקער“. פאַרוואָס זי האָט נישט חתונה געהאַט באַצייטנס ווי אַלע מיידלעך פון איר שטאַנד — איז געווען איר סוד, אפשר אויך דער סוד פון איר מוטער. זי האָט בשעתו נישט געוואָלט חתונה האָבן מיט אַ בחור,

וואָס האָט זי געוואָלט, און דער בחור, וואָס זי האָט געוואָלט, האָט חתונה געהאַט איידער זיי האָבן זיך דערגעענטערט. אין איר היים האָט רעגירט די מוטער, ברכה, אַן אָפּשטאַמיקע פון אַ מיוחסדיקער משפחה יורדים, אַ יחסנטע, וואָס האָט אין איר היים געלייענט פראַנצויזישע ראָמאַנען און צום סוף חתונה געהאַט אָן אַ ליבע, נישט אַזוי ווי עס איז געווען געשריבן אין די ביכער.

אבראַמינאַ סאַבאַ איז אויך נישט געווען פון די יונגע — וואָסערע 6—5 יאָר עלטער פון איר, ער איז חלילה נישט געווען קיין תם און האָט נישט איינמאָל פאַרבראַכט, אין דער אונטערשטער שטאָט, מיט „ביליקע" מיידלעך. מיט אַזאַ אַריסטאָקראַטיש מיידל ווי רעזשין, האָט ער זיך אַזוי נאָענט געטראָפן צום ערשטן מאָל אין לעבן, נישט געטראַכט פון איר עלטער, וואָס איז אויסערלעך געווען שווער צו שאַצן.

בעת רעזשין האָט זיך געהאַט באַרויִקט האָט זיך דערהערט אַ מוראַ־דיקער אויפרייס אין דער נאָענט, אַזש דער שעלטער האָט זיך אַ וואַקל געטאָן, זי האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן און פאַרשלייפט אירע הענט אַרום אבראַמינאַס האַלדז, זיך פעסט צוגעדריקט צו אים. אבראַמינאַ איז באַ־הערשט געוואָרן פון אַן אינערלעכער מתיקות און האָט צוגעפּרעסט זיינע ליפּן צו איר שמעקנדיקן קאָפּ, באַלד חרטה געהאַט, טאָמער חלילה טוט ער עס קעגן איר ווילן, אָבער ווען זי האָט גענומען פליסטערן זיין נאָמען, האָט ער ריזיקירט און באַדעקט איר סאַמעטענעם, קילן פּנים מיט קושן — זי האָט געענטפערט.

אַ פּאָר חדשים שפּעטער האָבןביידע חתונה געהאַט און גענומען בויען אַ נעסט.

רעזשינס עלטערן זענען פאַר דער עליה געווען פאַרבונדן מיטן סאַלאָניקער פּאָרט. איר פאָטער איז געווען אַן עקספּעדיטאָר. נאָכן עולה זיין, האָט ער זיך פאַרנומען מיט דעם זעלבן אין חיפהער פּאָרט. אַבראַמינאַ פלעגט זיך זעלטן טרעפן מיט זיי, חוץ אַ שבת אָדער יום טוב, ווען דער עקספּעדיטאָר, זשאַקאָ נחום, פלעגט אים, ווי אַ קרוב פאַרבעטן אויף קידוש. דאָס פאַרבעטן אים אויף קידוש פלעגט קומען נאָך אַ שמועס צווישן זשאַקאָן מיט זיין פרוי ברכה, עס איז איר נישט אַנגעגאַנגען די קרובהשאַפט

מיט דער משפחה פון דאַווידאַ סאַבאַ, ס׳האָט פּוגע געווען איר יחוס, וואָס האָט פאַרלוירן זיין ווערט, נאָכדעם ווי אירע עלטערן זענען געוואָרן רויִנירט נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. אירע עלטערן זענען געבליבן מיט גאָרנישט און נישט געקענט קומען צו זיך, מחמת דער פאָטער איז פון צרות קראַנק געוואָרן, באַקומען אַ האַרץ־אַטאַק, וואָס האָט פאַר־מינערט זיינע כוחות און ווילן זיך צוריקצושטעלן אויף די פיס.

כאָטש ברכה איז מיידלוויַיז נישט געווען פון די גרויסע שיינהייטן, פלעגן זיך אַרום איר אַרומדרייען בחורים פון בעסערע משפחות, וואָס האָבן נישט אַזוי געקוקט אויף איר אינטעליגענץ און עלעגאַנץ, ווי אויף איר יחוס און נדן. שפּעטער, אַז איר משפחה איז געוואָרן בין היורדים, זענען די בחורים איינציקוויַיז נעלם געוואָרן, געבליבן איז נאָר זשאַקאָ נחום, אויף וועמען זי פלעגט זיך פריער וויַיניק אומקוקן.

ברכה׳ס עלטערן האָבן גענומען מקרב זיין זשאַקאָן, ער איז ביי זיי געוואָרן אַן אָנגעלייגטער גאַסט, אַ בן בית, באַזונדערס ביים שבת־טיש. זשאַקאָ איז געווען אַ געדולדיקער צוהערער פון איר פאָטערס אָנסופיקע דערציילונגען וועגן „אַמאָליקע ציַיטן" און וועגן דער יחוס־קייט פון זיין וויַיבס מוטער, עליה השלום, וואָס האָט זיך געקייטלט אַזש פון דער „דאָמנע" סעקטע פון די שבתי צביאַיניקעס. כאָטש אַ סך פון דער „דאָמנע"־סעקטע האָבן זיך אָפּגעקערט פונעם יידישן גלויבן, זענען ברכהס אָבות געבליבן טרייע יידן, כדת משה וישראל. דאָס איינציקע, וואָס ברכהס באָבע פלעגט נישט מותר זיין, איז אַרויסגיין יעדן פריַיטיק פאַרנאַכט צום ברעג ים, צוזאַמען מיט נאָך נשים, אויסקוקן דעם צוריקקער פון משיח, שבתי צבי, וואָס דאַרף נאָך אַ מאָל נתגלה ווערן אַן ערב שבת פאַר ליכט־בענטשן.

אַ שבת נאָך מיטאָג, ווען ברכהס עלטערן זענען אַוועק פון טיש זיך אָפּרוען, האָבן זיך ברכה מיט זשאַקאָן פאַרקליבן אין אַ ווינקל פון דער אַלטע סאָפע, אין סאַלאָן. אַזוי זיצנדיק צוגעטוליעט האָט איר זשאַקאָ גענומען דערציילן וועגן משיח שבתי צבי, וואָס האָט זי פאַראינ־טערעסירט; כאָטש איר באָבע פלעגט גיין אים אָפּוואַרטן אַלע פריַיטיק פאַרנאַכט ביים ברעג ים פון סאַלאָניקי, האָט זי וויַיניק געוווּסט פון אים,

ווייל איר פּאָטער פלעגט נאָר רעדן וועגן דער „דאָמנע", וואָס האָט בשעתו געהאַט אַ גרויסע השפּעה אויף די יידן פון גריכנלאַנד. ער פלעגט אויך דערציילן פון דער יונג־טערקישער רעוואָלוציע אין 1908, וואָס יידישע בחורים פון סאַלאָניקי האָבן געשטיצט.

זשאַקאָ איז אַליין עקזאַלטירט געוואָרן פון זיין דערציילונג און נישט באַמערקט ווי עס פאַלט צו נאַכט, ווי ער האַלט ברכהן צוגעטוליעט צו זיך, ווי זי דרעמלט אַ פאַררויטלטע...

בעת ביידע האָבן דערהערט דעם פּאָטער הוסטן אינעם דערבייאיקן צימער, האָט אים ברכה, אויף די שפּיץ פינגער, אַרויסבאַגלייט אין דרויסן, געבעטן, ער זאָל זי אָפּטער באַזוכן, זי וויל הערן דעם סוף פון דער אינטערעסאַנטער „היסטאָריע".

אַ ווייטערדיקן שבת זענען די מחיצות צווישן ביידן פאַרשוווּנדן, מען האָט אים אויפגענומען מיט מער צוגעלאָזטקייט, פריינדלעכער ווי פריער. דער פּאָטער האָט גערעדט ווי שטענדיק, ער האָט זיך באַקלאָגט אויף די שלעכטע צייטן, בעת ברכה איז געזעסן ביים טיש אַ שווייגנדיקע און געוואָרפן אויף אים אַלכסונדיקע בליקן.

נאָך מיטאָג, נאָכן צורוימען דעם טיש פלעגן די „אַלטע" אַוועק צו זיך אין צימער זיך אָפּרוען ווי שטענדיק, בעת ברכה מיט זשאַקאָן פלעגן זיך ווידער פאַרקלייבן אויף דער סאָפע, דאָס מאָל האָט זשאַקאָ דערציילט דעם סוף פון דער איבערגעריסענער שבתי צבי „היסטאָריע"...

נאָכן ענדיקן דערציילן זענען ביידע אַ ווײַלע געבליבן זיצן שטיל. דאָס מאָל האָבן זיי נישט געוואַרט אויף דער שבתדיקער דעמערונג. זשאַקאָ איז געוואָרן דרייסט, ער האָט אַרומגענומען ברכהן, צוגעדריקט צו זיך און געקושט, זי האָט אים געענטפערט מיט אַ קוש אין שטערן. זיי האָבן זיך שטיל אויפגעהויבן און אַרויס פון דער היים אויף אַ פאַרנאַכטיקן שפּאַציר ביים ברעג ים. די לופט איז געווען מחיהדיק קיל. דער ים האָט געקייקלט שוימיקע וועלן און געוואַשן דעם ברעג. די זון איז שוין געווען העט ווייט אין מערב. פון ווייטן האָבן געזונגען סירענעס פון שיפן.

נאָך דער חתונה האָבן ביידע פאַרלאָזן סאַלאָניקי, עולה געווען קיין ארץ ישראל און זיך באַזעצט אין דער אונטערשטער כרמל־שטאָט, אין

דער געגנט פון פאַרט, צו אַטעמען ים־לופט, וואָס האָט זיי דערמאָנט די געוועזענע היים. דאָרטן איז געבוירן געוואָרן זייער בת־יחידה רעזשין־רבקה, אַ נאָמען נאָך ברכהעס באָבע, וואָס פלעגט אַלע פרייטיק פאַרנאַכט אַרויסגיין ביים ברעג ים אָפּוואַרטן דעם פאַרשוווּנדענעם משיח שבתי צבי, וואָס האָט זיך נישט באַוויזן ביזן היינטיקן טאָג.

**
*

ווען די צווייטע וועלט־מלחמה האָט זיך געענדיקט, האָט דער רב פון דער סאַלאָניקער עדה אין דער כרמל־שטאָט אַלעמען איינגעזאַמלט אין שול, ווו ער האָט איבערגעגעבן די אָנגעקליבענע חורבן־ידיעות פון די יידן אין סאַלאָניקי. אין די פינצטערע נאַצי־יאָרן, בעת די דייטשן האָבן פאַרנומען די שטאָט אין 1941, האָבן דאָרטן געלעבט 46 טויזנט יידן, כמעט אַ דריטל פון אַלע יידישע תושבים אין גריכנלאַנד. ביז 1942 איז נאָך געווען צו פאַרליידן, כאָטש הונגער און מגיפות האָבן פאַרשניטן טויזנטער פון זיי. אין 1942 האָבן די דייטשן פאַרשפּאַרט אין אַ געטאָ 43 טויזנט יידן, פונעם געטאָ האָט מען זיי אָפּגעשיקט קיין אוישוויץ און טרעבלינקע, ווו מען האָט זיי פאַרפּייניקט און אומגעבראַכט צוזאַמען מיט נאָך יידן פון אַנדערע לענדער... אין שול האָבן געברענט ליכט, וואָס האָבן געטריפט צוזאַמען מיט די טרערן פון די אָנוועזנדיקע, די פלעמלעך פון די ליכט האָבן פאַרשפּרייט שאָטנדלעך אויף די ווענט, וואָס האָבן געפלאַטערט ווי נשמות... די טויטע שטילקייט האָט צעבראָכן דאָס שלוכצן מיט אַ שטאַרק געוויין פון די פרויען אין דער עזרת נשים.

אבראַמינאָ האָט יענעם טאָג געאַרבעט אויף אַ שיף. בעת ער האָט זיך שפּעט, נאָך חצות, צוריקגעקערט אַהיים האָט ער געפונען זיין רעזשין וואַך, אַ פאַראומערטע מיט רויטע אויגן. זי האָט אים דערציילט, אַז איר פאָטער איז געווען אין שול און זיך צוריקגעקערט מיט אַ קריעה־שניט אין לאַץ, ער האָט צוגערופן די מוטער און מיט אַ מעסער איינגעשניטן איר בלוזע. ביידע האָבן זיך געזעצט אויף דער ערד און שטיל געוויינט. רעזשין האָט אים איבערגעגעבן אַלץ, וואָס דער אַבאַ האָט געהערט אין שול

און געבעטן זאָגן, ער זאָל מאָרגן באַגינען זיין גרייט צו זיין מיט אים אין שול זאָגן קדיש, וואָרום זיין פאָטער, דאַווידאָ, זיין שוועסטער, שוואָגער מיט די קינדער האָבן די דייטשן אויך אַוועקגעשיקט קיין אוישוויץ, אַלע זענען אומגעקומען.

נאָך אַזאַ בשורה איז אבראַמינאָ געבליבן שטיין אַ געליימטער, טרערן האָבן זיך געקייקלט פון זיינע אויגן, בלחש האָט ער געמורמלט: — „פּאַדרי מיאָ (טאַטע מיינער), קינדערלעך טייערע, ווו איז גאָט"? די הענט זענען אים געבליבן הענגען, דער קאָפּ אַראָפּגעלאָזן, רעזשין האָט זיך דערשראָקן, עס האָט זיך איר געדוכט, אַז ער פאַלט אַנידער. האָט זי אים אַרומגענומען, צוגעדריקט איר קאָפּ צו זיין ברוסט און זיך שטיל צעוויינט, זיין צער איז געוואָרן איר צער, כאָטש זי האָט נישט געקענט נישט דאַווידאָן, נישט זיינע קינדער און אייניקלעך, ווי זי האָט נישט געקענט די משפחות און עלטערן פון אירע עלטערן, איצט זענען איר אַלע געוואָרן נאָענט, ווי זי וואָלט געלעבט אין זייער מחיצה מי יודע ווי לאַנג, זיי זענען פון דעם זעלבן בלוט און פלייש פון אירע עלטערן און עלטערנס עלטערן, פון אַבראַמינאָס משפחה, פון איר אַבראַמינאָ, דאָס גרויס מגושמדיק קינד. רעזשין האָט אים צוגעפירט צו דער סאָפע, אַוועקגעזעצט, געגלעט זיינע הענט, זיין שטערן, זיינע האָר, ווי איר מוטער האָט געטאָן מיט איר פאָטער זשאַקאָ ווען ער איז צוריק־געקומען פון שול.

אַבראַמינאָ האָט זיך יענע נאַכט נישט אויסגעטאָן און אַזוי געבליבן זיצן ביז טאָג, ביז ער איז אַוועק צום שוּער נישט געוואַשן, אַפילו נישט אַ זופּ געטאָן פונעם טעפּעלע קאַווע, וואָס רעזשין האָט אים דערלאַנגט.

אבראַמינאָ האָט נישט גענאָסן פון לאַנגע יאָרן גליק. אַ יאָר נאָך דער חתונה, האָט רעזשין געבוירן זייער איינציק קינד, דאָס טעכטערל ראַכעלאַ, וואָס האָט פול געמאַכט די וואָרעמע היים מיט פרייד, נחת און גליק קנאַפּע זיבן יאָר צייט. איין מאָל איז רעזשין נישט געקומען, ווי שטענדיק, אָפּנעמען ראַכעלאַן פון שולע. אַן עלטערע שילערין, אַ טאָכטער פון אַ שכן, האָט זי מיטגענומען אַהיים, ווו זיי האָבן געפונען רעזשין אַ פאַרחלשטע. זי האָט שווער געאָטעמט, נישט גערעדט אַ וואָרט. די קינדער האָבן זיך דערשראָקן, ראַכעלאַ האָט זיך צעוויינט. די שילערין האָט געבראַכט איר מוטער, בעת

אַ צווייטע שכנטע האָט געבראַכט אַ דאָקטאָר, וואָס האָט פעסטגעשטעלט, אַז רעזשין האָט אַ האַרץ־אַטאַק. רעזשין איז געלעגן אַ פּאָר וואָכן אין אַ שפּיטאָל ווו זי איז אויסגעגאַנגען שטיל ווי אַ ליכט, בעת אירע עלטערן זענען געזעסן ביי איר בעט. קיינער האָט נישט געטראַכט, אַז דער סוף וועט קומען אַזוי גיך, וואָרום דער דאָקטאָר האָט די לעצטע טעג געמערקט אַ בעסערונג, אפילו פאַראָרדנט אָפּנעמען פון איר דעם זויערשטאָף, וואָס האָט פאַרלייכטערט דאָס אָטעמען. דער דאָקטאָר האָט געמונטערט די קראַנקע, באַרויקט אירע עלטערן מיט אַבראַמינאָן, ער דאַרף נישט זאָרגן, ער מעג גיין אַרבעטן.

אַז אַבראַמינאָ איז בהלהדיק געקומען צולויפן אין שפּיטאָל איז אים אַקעגן געקומען דער דאָקטאָר, שטיין געבליבן פּנים אל פּנים, אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ און אָן ווערטער אויסגעשפּרייט די הענט — — — אַבראַמינאָ האָט פאַרשטאַנען אַז ס׳איז שוין נאָך אַלעמען, ער האָט זיך נישט געקענט פאָרשטעלן צו געפינען זיין רעזשין אָן אויסגעלאָשענע, אויף אַ טיש, אין אַ זייטיקן צימער, איבערגעדעקט מיט אַ ווייסן לאַקן איבערן קאָפּ.

אויף מאָרגן האָבן די ותיקים אין פּאַרט ווייניק גערעדט צווישן זיך, זיי האָבן זיך באַמיט ווי נישט איז צונויפשטעלן עטלעכע „הענט״* פון יינגערע אַרבעטער, וואָס זענען נישט געווען נאָענט פאַרבונדן מיט אַבראַמינאָ ווי זיי, זיי, די „הענט״ זאָלן זיי פאַרטרעטן בעת דער לויה פון רעזשין, וואָס איז פאַרגעקומען מיטאָג־צייט.

אַבראַמינאָ מיט רעזשינס עלטערן זענען געווען דערשיטערט, באַטויבט פונעם אומגליק, זיי האָבן אויטאָמאַטיש געענטפערט אויף די האַנט־דרוקן און אַרומאַרמונגען פון די נאָענטע, זיי האָבן נישט געוויינט, דער צער האָט פאַרשטיינערט זייערע הערצער, זיי האָבן געקוקט אין חלל מיט פאַרשטאַרטע אויגן, בעת די שכנטעס האָבן געריסן וועלטן, געוויינט אויפן קול און זיך געקלאַפּט מיט די פויסטן אין די קעפּ: — „אַזאַ יונגע, אַזאַ איידעלע, אַזאַ צאַרטע שיינע בלום״...

פאַרזונקען אין צער האָבן אַבראַמינאָ מיט רעזשינס עלטערן זיך

* אַ „האַנט״ אויף פאַרט־לשון מיינט אַ קבוצה אַרבעטער, וואָס פירן אויס צוזאַמען אַ באַשטימטע פונקציע.

נישט אומגעקוקט אויף דער לויה, וואָס איז אַרויס פון שטאָטישן טויטן־הויז, זיי האָבן נישט געוווסט פונעם ויכוח צווישן די פּאַרט־אַרבעטער מיט דער חברה־קדישא, וואָס האָבן זיך געאיילט, געוואָלט כאַפּ־לאַפּ אַריינברענגען דעם אָרון אינעם מתים־אויטאָ און זיך לאָזן גיך צום בית־הקברות. ניין! אבראַמינאָס אַמיגאָס האָבן אַזוינס נישט צוגעלאָזט, זיי וועלן דעם אָרון מיט דער איידעלער רעזשין טראָגן אויף די הענט, ווי ווייט עס וועט זיך לאָזן, זיי האָבן זייערס אויסגעפירט: — פאָרויס איז געגאַנגען דער רב פון דער סאַלאָניקער עדה צוזאַמען מיטן חזן, זיי האָבן געזאָגט מיט זייער ניגון „יושב בסתר", הינטער זיי האָבן פיר מאַן געטראָגן אויסגעצויגן אַ שוואַרצן פּרוכת אַרומגעזוימט מיט פראַנדזן, מיט אַ ווייסן מגן דוד אין מיטן, הינטערן פּרוכת האָט מען געטראָגן בלומען קרענץ פון „ועד העובדים", פון דער פּאַרט־לייטונג, פון דער שול ווו ראַכעלאַ האָט געלערנט און פון דעם „אירגון יוצאי סאַלאָניק", הינטער די קרענץ האָבן זעקס פּאַרט־מענטשן געטראָגן אויף די אַקסל דעם אָרון, היטערן אָרון זענען אין אַ שורה געגאַנגען אַבראַמינאָ מיט דעם טעכטערל מיט זיין שווער און שוויגער, נאָך זיי האָט זיך געצויגן די לויה: — שורות, שורות פּאַרט־מענטשן מיט סאַלאָניקער יידן ווי אויסגעשטעלטע דעמבעס; ווי עס פירט זיך ביי די ספרדים, זענען די מערסטע פרויען געגאַנגען צוזאַמען.

***

נאָך רעזשינס טויט איז אבראַמינאָס טעכטערל אַריבער ווינען צו אירע עלטערן. עטלעכע חדשים שפּעטער האָט זיך דאָרטן טיר ביי טיר באַפרייט אַ קליינע דירה, ווו אבראַמינאָ האָט זיך איבערגעצויגן און אָנגעהויבן אַ ניי לעבן פון אַן אַלמן.

עס האָבן זיך אָנגעהויבן די אומרוען מיטן באַפרייונגס־קריג, ווען די כרמל־שטאָט איז חדשים לאַנג געלעגן אונטער פייער, באַזונדערס די אונטערשטע שטאָט, ווו עס האָבן געלעבט יידן מיט אַראַבער צוזאַמען. אין די מלחמה־טעג האָבן דאָרטן דאָס רוב יידן זיך געהאַלטן צוזאַמען

אין עטלעכע קוואַרטאַלן, וואָס זענען באַלאַגערט געוואָרן פון געהעצטע אַראַבישע כנופיות, געשיצטע פון ענגלענדער און פון דער בריטיש־אַראַבישער פּאָליציי. עס האָבן זיך געשאַפן שמאָלע צוגענג צו יענע יידישע קוואַרטאַלן, וואָס זענען באַוואַכט און באַשיצט געוואָרן פון דער „הגנה" און „פּלמ"ח", אַלט און יונג, סטודענטן פון דער פּאָליטעכנישער הויכשול, געוועזענע זעלנער פון דער יידישער בריגאַדע און פון אַנדערע פאָרמאַציעס אין דער בריטישער אַרמיי מלחמה־צייט, אַרבעטער און בירגער, יידן פון אַ גאַנץ יאָר, וואָס האָבן זיך געקענט באַגיין מיט געווער.

דער צוטריט צו די באַלאַגערטע יידן איז געוואָרן שווערער פון טאָג צו טאָג. בלוט האָט זיך געגאָסן. מען איז צו זיי געפאָרן אין געפּאַנצערטע אויטאָס, אָדער זיך דורכגעשמוגלט אין די נעכט, דורך הויפן, איבער ווענט און דעכער. אין פּאָרט האָט געהערשט די אייזערנע פויסט פון דער בריטישער מאַכט, און פאַרזיכערט דעם אַריין און אַרויספאָר פון זייערע שיפן, וואָפן, אַמוניציע און אַפּראָוויזאַציע.

אין פּאָרט האָבן אַלע יאָרן געאַרבעט יידן מיט אַראַבער צוזאַמען. בעת דעם באַפרייונגס־קריג האָט זיך צווישן זיי געשאַפן אַ מחיצה פון שינאה און אומצוטרוי. דורך כלערליי וועגן, אומוועגן און המצאות זענען אין פּאָרט געשאַפן געוואָרן גוט צוגעגרייטע יידישע שוץ־קעמערלעך באַוואָפנטע מיט „קאַלט" און „וואַרעם" געווער, צו פאַרטיידיקן די, וואָס זענען געשטאַנען אין סכנה, מען האָט זיך געמוזט באַוואָרענען און היטן סיי פון די ענגלענדער, סיי פון די אַראַבער.

פאַר אַבראַמינאָ און זיינס גלייכן איז דער פּאָרט געווען אַ צווייטע היים, וואָס מען האָט געמוזט אָפּהיטן און באַשיצן. דער פּאָרט איז דאָך אויך געווען כמעט דער איינציקער טויער פון ארץ ישראל. נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה ביזן באַפרייונגס־קריג איז דער פּאָרט נישט איינמאָל פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ בלוטיק שלאַכטפעלד מיט מע־פּילים — יידישע פּליטי חרב, וואָס בריטישע קריגסשיפן, מיט דער הילף פון אַעראָפּלאַנען פלעגן פאַרכאַפּן אין ים און אַריינשלעפּן אין פּאָרט. אין דרויסן פלעגן שטורעמען דעמאָנסטראַציעס צו הילף די

מעפּילים, וואָס פלעגן זיך ראַנגלען מיט פּאַרווילדעוועטע, בריטישע פּאַראַ־שוטיסטן, אויסגעשולטע צו כאַפּן יידישע פּליטי חרב פון נאַצישע קאַצעטן, זיי האָבן זיך געראַנגלט מיט ציין און נעגל, מיט נאַקעטע הענט קעגן געווער מיט גאַז, וואָס די בריטן פלעגן אָנווענדן ביים אַראָפּשלעפּן זיי פון די פאַרכאַפּטע חורבה־שיפן. די פּאַראַשוטיסטן פלעגן מערדערלעך שלאָגן די שוצלאָזע מעפּילים, געשלעפּט פרויען פאַר די האָר איבערן ברוק, זיי אַרויפגעבריינגט אויף צוגעגרייטע תפיסה־שיפן און אַרויסגע־פירט אין אַ גרויסן בריטישן קאַצעט אויפן אינדזל ציפּערן. אין די באַטאַליעס איז נישט איין יידישער בחור אָדער מיידל געפאַלן טויט אין פּאָרט, אָדער אויסערן פּאָרט.

אבראַמינאָ איז יענע צייט איינער פון די „הגנה"־מענטשן אין פּאָרט, וואָס האָט מיט געשפּאַנטע נערוון און מיט איבערמענטשלעכע, אינערלעכע קרעפטן נישט פאַרלאָזן זיין באַשטימט אָרט, טעג ווי נעכט, איינגעזאַפּט אין זיך געגוג יסורים. מיט געביילטע פויסטן און פאַרקריצטע ציין פלעגן די „הגנה"־גרופּן מיט די יידישע פּאָרט־אַרבעטער זען פון וויטן די מערדערישע אכזריות כלפּי געראַטעוועטע, אַנטרונענע, שארית הפליטה פון די היטלעריסטישע קאַצעטן. נאָר אייזערנע דיסציפּלין מיט קלאָרן צילבאַוווסטזיין האָבן פּאַרמיטן בלוטיקע צוזאַמענשטויסן צווישן דער פּאָרט־„הגנה" מיט דער ברוטאַלער בריטישער קריגס־מאַשין. מען האָט געמוזט אָפּהיטן יעדעס ווינקל, נישט צעטרענצלען דעם קליינעם יידישן כח, זיך נישט לאָזן פּראָוואָצירן, וואָרום יענע טעג איז שוין נישט מעגלעך געווען אַריינברענגען אין פּאָרט פאַרשטאַרקונג פון דרויסן דורך נייע יידישע אַרבעטס־קרעפטן, אַזוי לאַנג, ביז די פאָן פון דער אויפגעגאַנגענער מדינת ישראל, האָט גענומען פלאַטערן איבער דער באַפּרייטער כרמל־שטאָט, אַ טאָג פאַר פּסח 1948, און אַ פּאָר חדשים שפּעטער, אויף די מאַסטן פונעם גרעסטן פּאָרט אין ישראל, וואָס איז אינגאַנצן אַריבער אין יידישע הענט, נאָכדעם ווי די לעצטע בריטישע קריגס־שיף, האָט פאַרלאָזן דאָס לאַנד און די וואַסערן פון מדינת ישראל.

יענעם מילדן זומערטאָג, ווען עס איז אַרויפגעצויגן געוואָרן די מדינה־פאָן פון ישראל אויפן העכסטן מאסט פון פּאָרט, האָט זיך אבראַ־

מינאַ געפונען צוזאַמען מיט אַלע פּאָרט־אַרבעטער אויף דער ראַמפּע ביים ברעג ים, אַלע האָבן מיט פרייד און התלהבות געזונגען „התקוה", אפילו ביי יענע פאַרהאַרטעוועטע ים־לייט זענען די אויגן געוואָרן פייכט. בעת זיי האָבן צום ערשטן מאָל דערזען באַוואָפנטע יידישע פלאָט־גרופּן, געקליידט אין ווייסע אוניפאָרמען, מאַרשירן עפנטלעך ביים ברעג ים איבערצונעמען אַלע שמירה־פּאָזיציעס, פאַרלאָזענע פון די אויסגערוי־בערטע בריטן. איבער די קעפּ האָבן געדרוישט און געקרייזט יידישע עראָפּלאַנען, וואָס האָבן פון אויבן געשאָטן זיסוואַרג פאַר קינדער, וואָס איז אויך געפאַלן אין פּאָרט און אין ים אַריין. אבראַמינאַ האָט אָנגעקליבן צוקערלעך פאַר זיין טאָכטער, ראַכעלאַ, וואָס איז געוואַקסן בדמותה פון איר מוטער רעזשין. זיינע נאָענטע חברים, די בחורים, האָבן מיט זייערע חלקים זיסוואַרג אָנגעפילט זיינע קעשענעס. דאָס, וואָס זיינע אַרבעטס־חברים האָבן נישט געזען אויף רעזשינס לויה, האָבן זיי געזען איצט: — טרערן האָבן זיך געקייקלט פון אַבראַמינאָס אויגן.

גראָד איצט, בעת די „התקוה" האָט געהילכט, האָבן זיך אַבראַ־מינאָ מיט זיינע מענטשן דערמאָנט אַזאַ געזאַנג, וואָס האָט זיך ביי זיי אַרויסגעריסן ממעמקים אין איינער אַ פינצטערער נאַכט, ווען זיי האָבן אָפּגעלאָדן אַ שיף אונטער אַ בריטישער, באַוואָפנטער שמירה פון ים און יבשה. יענעם טאָג האָבן די בריטן אַריינגעשלעפּט אויפן בוקסיר אַ פול געלאָדענע חורבה־שיף מעפּילים, וואָס זיי האָבן געפאַנגען אין ים. נאָכמיטאָג האָבן די גאַסן געשטורעמט מיט צאָרנדיקע דעמאָנסטראַנטן, וואָס האָבן פּרובירט זיך אַריינרייסן אין פּאָרט, נאָר אַקעגן זיי זענען געשטאַנען אָפּטיילונגען פאַראַשוטיסטן מיט געלאָדענע אויטאָמאַטן און מאַשינגעווער. אבראַמינאַ ווי אַ קאָמאַנדאָ אויפן דעק פון אַ שיף האָט געצוימט זיינע סאַוואַרן*, אויף אַ רגע נישט אָפּטרעטן פון די ערטער, אַזוי איז געווען דער באַפעל פון דער „הגנה": — נישט וואַרפן די אַרבעט, ווייל די בריטן וועלן באַלד איבערגעבן זייערע פלעצער אַראַ־

---

* „סאַוואַרן" — הייסן די פּאָרט־אַרבעטער, וואָס אַרבעטן אין די פּראַכט־קאַמערן פון שיפן.

בישע שונאים, וואָס האָבן אויסגעקוקט, באַלד צו פאַרכאַפּן יעדן פאַר־לאָזנעם יידישן אַרבעטס־פּלאַץ אין פּאָרט.

נאָכט איז צוגעפאַלן, מיטאַמאָל האָבן זיך צעפלאַקערט הונדערטער שייטערס לענג אויס דעם ראַנד פון כרמל, זייערע פלאַמען האָבן זיך געריסן אין דער הויך און געצונדן די הימלען. די שייטערס האָבן צוגעגרייט און אָנגעצונדן יידישע יוגנטלעכע צו דערמונטערן די פאַר־שפּאַרטע, געפאַנגענע מעפּילים אויף דער חורבה־שיף, וואָס האָט גע־אַנקערט אין פּאָרט צווישן בריטישע קריגס־שיפן. די פלאַמען פון די שייטערס האָבן סיגנאַליזירט צו די מעפּילים, אַז די יידן פון ארץ־ישראל זענען מיט זיי. די מעפּילים האָבן עס דערזען, פאַרשטאַנען, און געענט־פערט מיט „התקוה״, וואָס האָט פול געמאַכט דעם חלל פון פּאָרט. אבראַ־מינאָ מיט די „הענט״ זענען שטאַרק עמאָציאָנירט געוואָרן און האָבן מיטגעזונגען. בעת מעשה האָט אַבראַמינאָ מיט שטאָלץ געטראַכט, אַז זיין ראַכעלאַ האָט זיכער צוגעטראָגן איר חלק צווייגן מיט האָלץ אָנצו־צינדן די פייערן אויפן כרמל, צו באַלייכטן דעם וועג צו גאולה.

אין שיין פון די ווייטע פייערן אויף די ראַנדן פון אליהו הנביא׳ס באַרג, זענען יענע נאַכט גרינג געוואָרן די קאַסטנס מיט די זעק אויף די פּלייצעס פון די יידישע אַרבעטער אין פּאָרט פון דער כרמל־שטאָט אין ארץ ישראל.

**
*

אין זעקסטן יאָר פון מדינת ישראל זענען געשטאָרבן רעזשינס עלטערן. פריער איז אַוועק זשאַקאָ נאָך אַ בלוט־אויסגוס אין קאָפּ. ברכה איז פאַרצערט געוואָרן פון צער, נישט געפונען קיין טרייסט אפילו אין אייניקל, ראַכעלאַ, וואָס איז אויסגעוואַקסן און האָט געלעבט איר אייגן לעבן צווישן דער יוגנט, דאָס מיידל פלעגט פאַרברענגען אירע אָוונטן אויסער דער היים, אינעם מועדון פון „הנוער העובד״. זי האָט זייער ליב געהאַט דעם סבא זשאַקאָ און אַ סך געוויינט נאָך זיין טויט, דעם סבאָ פלעגט זי קענען אַלץ פאַרטרויען, דער סבאָ פלעגט נישט אויפהערן

דערציילן זיינע מעשיות פון דער וויטער סאַלאָניק, בעת די סבתאַ, ברכה, פלעגט מער שווייגן ווי רעדן. איצט פלעגט זי ביי יעדער געלעגנהייט זיך טוליען צום אַבאַ, אַבראַמינאַ, וואָס פלעגט אַלץ אויסהערן און געזאָגט: — „סי, סי", — גלעטן אירע האָר און באַזאָרגן מכל טוב. ראַכעלאַ איז געווען זיין שטאָלץ, זיין אַנהאַלט אין זיין איינזאַמקייט. ברכה איז געוואָרן אַפּאַטיש, זי האָט אויפגעהערט באַזוכן זשאַקאָס קבר, אין שטוב פלעגט זי אַלץ טאָן אָן ווילן, ביז איינעם אַן אָוונט, אַ פּאָר טעג פאַר זשאַקאָס יאָרצייט, האָט אבראַמינאַ זי געפונען זיצן אַ געליימטע מיט גלעזערנע אויגן און אַן אויסגעקרימט מויל. אבראַמינאַ האָט געבראַכט אַ דאָקטאָר, וואָס האָט זי באַטראַכט, געדרייט אַהער און אַהין, פאַרשריבן רפואות און צוגעזאָגט קומען נאָכאַמאָל מאָרגן גאַנץ פרי.

פאַרטאָג איז זי אויסגעלאָשן געוואָרן און נישט פאַרלאָרן אַ קרעכץ.

אַ פּאָר יאָר שפּעטער האָט ראַכעלאַ חתונה געהאַט מיט אַ בחור, וואָס איז געווען אַ בן בית אין איר היים, זייט ביידע האָבן געלערנט אין דער זעלבער שולע, אין זעלבן קלאַס, ביידע האָבן אָפּט געמאַכט צוזאַמען די לעקציעס. דער בחור האָט געהייסן ישי זרמי, אַ זון פון אַ צאַל־באַאַמטן אין פּאָרט, נאָר ער איז געווען פון די אשכנזים. מען קען נישט זאָגן, אַז זיינע עלטערן זענען געווען גליקלעך פון שידוך, כאָטש אין זייערע חלוצישע יאָרן זענען ביידע געווען ציוניסטן־סאָציאַליסטן, וואָס האָבן געקעמפט פאַר: — „פרייהייט, גלייכהייט, עליה, אַ טעריטאָריעלן צענטער אין א"י" וכדומה.

ישיס פאָטער האָט אין יענע יאָרן אויך געקעמפט פאַר „כיבוש עבודה" און „כיבוש הים", קודם כל אין פּאָרט. אויף די אסיפות האָט ער נישט אויפגעהערט פאָדערן מאָביליזירן נייע עולים, חלוצים, צו פאַרנעמען העכערע שטאַפּלען אין דער „ווירטשאַפט און עקאָנאָמיק", וואָס איז פאַר אַ נאָרמאַל פאָלק אַזוי וויכטיק ווי ערד־אַרבעט, קיבוצים וכדומה. אומר ועושה: — ער האָט געוואָרפן זיין „בנין"־אַרבעט, אויפגעהערט מישן און דערלאַנגען בעטאָן אויף רושטאָוואַניעס און איז אַוועק אויף עבודת פרך אין פּאָרט, ביי פשוטער טרעגעריי, ווייל אויף די שיפן האָבן געאַרבעט ווייניק יידן. קיינער וועט היינט נישט גלויבן, אַז מר זרמי,

דער העכערער צאָל־באַאַמטער אין בלויען מונדיר, מיט די עפּאָלעטן מיט אַ קאָקאַרדע אין היטל און מיט גאָלדענע גאַלון־שטרייפן אַרום די מאַזשעטן פונעם מונדיר, איז דאָ אין פּאַרט געווען אַ פּשוטער טרעגער, אַרומגעגאַנגען אָפּגעריסן, אין אַ פאַרשוויצט פאַרפלעקט כאַקי־העמדל, מיט שווערע זעלנערשע שיך און וויקל־שנורן אויף די פיס. קיינער וועט נישט גלויבן, אַז זיינע אָפּגעהיטע, פּקידישע הענט זענען אַ מאָל געווען פאַרגרעבט מיט מאָזאָליעס, מיט שוואַרצע „טרויער"־ראַנדן אויף די נעגל און זיינע אַקסל מיט די פּלייצעס האָבן אַריבערגעשלעפּט אָן אַ צאָל קלעצער, ברעטער, אייזערנע באַלקנס, קאַסטנס און וואָס נישט? געצאָלט האָט מען פאַר דער שווערער אַרבעט די העלפט, וואָס ער האָט פאַרדינט אויף „בנין" און כדי צו קענען צאָלן דירה־געלט און איינקויפן דאָס נויטיקסטע פאַר דער היים, פלעגט זיין ווייב, די חברטע שפרה, מוזן גיין יעדן פאַרמיטאָג אַרבעטן „משק־בית" (הויזווירטשאַפט). בעת מען האָט זיך דערוווּסט אין איר היימיש שטעטל, ערגעץ אויף די קרעסן, אַז שפרה די „ריסטאָקראַטקע" אַרבעט אין פּאַלעסטינע ווי אַ „דינסטמויד", וואַשט פרעמדע וועש, שייערט טעפּ, שווענקט דילן — איז געוואָרן חושך. היתכן? איר מוטער האָט געוויינט, דער פאָטער, נחמיה, דער מעל־סוחר, האָט איר געשריבן האַרבע בריוו און געפאָדערט, אַז זי מיטן מאַן זאָלן זיך באַלד צוריקקערן אַ היים; — „אַזאַ בושה וועט אונדז פירן אין קבר — צו זיין אַליין אַ דינסטמויד, און לעבן מיט אַ מאַן אַ טרעגער. פאַר אַזאַ תכלית האָבן מיר דיך געדאַרפט בילדעווען אין אַ גימנאַזיע און לערנען שפּילן פּיאַנע"!?

די תשעה באָב־בריוו פלעגן ביידע לייענען אין די אָוונטן, נאָך דער אַרבעט, ביי אַ גלעזל טיי, ביידע פלעגן שטיל אָפּזיפצן און פּרובירן באַרויקן און אויפקלערן די עלטערן אין זייערע תשובה־בריוו, „באשר דאָ איז נישט דער גלות, דאָ איז ארץ ישראל, ווו מיר בויען אַ יידישע מלוכה אָן שבת גויים, העבודה היא חיינו"!

בעת עס איז געבוירן געוואָרן זייער ערשט קינד, האָט זרמי געמוזט זיך צוריקקערן צו דער בעסער באַצאָלטער בוי־אַרבעט און נאָכדעם, ווי ער איז געבריכט געוואָרן — זיך לאָזן פּקידעווען. אַ שיינע

פּאָר יאָר, ביז מען האָט זוכה געווען די יידישע מדינה, ווו זרמי טראָגט אַ מונדיר, געניסט פון כבוד מיט אַ פיינעם געהאַלט, בעת שפרה איז בתעלה געוואָרן לעילאַ ולעילא: — אַ שיינע, אייגענע דירה אין אַ שיכון, פיינע קליידונג, אָנדוליאַציע, פנים־מאַסאַזשן, מאַניקיור, פעדיקיור און אין די פרייע אָוונט כאַפּט מען אַריין אַ פּאָקער, אויב מען גייט נישט ערגעץ אין אַ קינאָ, טעאַטער אָדער קאָנצערט. אַלץ איז געגאַנגען גוט און ווויל, ווען נישט די מעשה מיטן זון, ישי, וואָס קלייבט זיך ווערן אַן אַדוואָקאַט, און שלעפּט זיך גאָר אַרום מיט אַ מיידל, אַ טאָכטער פון אַ טרעגער, אַ גראָבן יונג... מיט אַזאַ מיידל קלייבט ער זיך חתונה האָבן — אַ שגעון איז אים באַפאַלן!

זרמי איז אויך נישט געווען צופרידן מיט אַזאַ שידוך, כאָטש בסתרי לבבות האָט נאָך אין אים געטליעט אַ פונק פונעם חלוצישן עבר, וואָס לאָזט זיך נישט אינגאַנצן אויסלעשן, ער האָט נישט אויפגעהערט צאָלן פּאַרטיי־ און הסתדרות־שטייער און כאַפּט זיך אַמאָל אַריין אין אַ זאַל הערן אַ רעפעראַט פון אַ גדול בישראל. זרמי קען דאָס מיידל, אַ פיין, איידל קינד, וואָס פלעגט באַזוכן זיין היים. אַלס שילערין פלעגט זי קומען צוזאַמען מיט ישי, בעטן ער זאָל זיי העלפן לייזן אַ פסוק אַלגעברע, אָדער אַ געאָמעטרישע טעאָרעמע, וואָס איז אים נאָך געבליבן אין זכרון פון די שול־יאָרן. בעת שפרה פלעגט אים צום ווייפלטן מאָל אויסלייגן אירע טענות, פלעגט ער איר שאַרף אָפּהאַקן:

— שפרה! דערמאָן זיך ווי דיין מאַן איז געווען אַ טרעגער אין פּאָרט, דערמאָן זיך די באַליעס וועש, טעפּ און דילן, וואָס דו האָסט געוואַשן און געשייערט ביי פרעמדע, דערמאָן זיך!

אבראַמינאַ איז אויך נישט געווען מרוצה מיטן שידוך כאָטש עס האָט אים אימפּאָנירט צו קריגן אַ מחותן, דעם מפקח המכס, אדון זרמי. אים איז נאָר שווער געווען צו פאַרדייען אַן אשכנזי אין דער משפחה, אַ פאַרצערטלטן בחור מיט „ווייסע הענטלעך", אַן דער האַרבער מענלעכ־קייט פון זיין סאַלאָניקער, ספרדישן שטאַם, אַ בחור, וואָס קען נישט לייטיש אַראָפּשלינגען אַ קעלישעק ראַקי (אַראַק), שוין אָפּגערעדט פון

אַ קופּל ביר, זיך נישט צו פֿאַרקרימען און פֿאַרהוסטן, דאָס זאָל זיין אַ ריכטיקער מאַנסביל?

זיין חברה פֿלעגט אים קיבעצן, זיי פֿלעגן אים הייסן אָנטאָן גאָלדענע ברילן, זיך איינשאַפֿן ליאַק־לעטשלעך, אויסלערנען שפּילן פּאָקער און אויסבייטן זיין לעדערן היטל אויף אַזאַ קאַפּעליושל — „אַ ליאַ פֿרענד־זשע" (איירָאָפּייאישן) — „פּכע אַבראַמינאָ, וועסט זיך נאָך שעמען מיט אונדז נאָכדעם, ווי די סעניאָריטאַ ראַכעלאַ וועט ווערן אַ גראַנד־דאַמע, פּכע חבריקאָ"... דאָס אַלץ פֿלעגט געזאָגט ווערן גוטמוטיק, סתם ליצנות־דיק. אַבראַמינאָ פֿלעגט שווייגן, מיטלאַכן מיט דער חברה, אָנשטאָפּן אַ ליולקע פֿרישן טאַבאַק, און צוריק קערעווען די לאָדונגען פֿונעם ווינטש אין דער אינגעווייד פֿון דער שיף, ווי נישט אים מיינט מען עס.

ראַכעלאַ האָט געמאַכט אַ סוף צו זיינע ספֿיקות און שטילן פֿאַרדרוס. איינעם אַן אָוונט האָט זי זיך פֿאַרקליבן אויף זיין שויס, ווי אַ מאָל אין איר קינדהייט, זי האָט אים אַרומגענומען, געקושט דאָס פּנים און מיט איר קאָם צוגעקעמט זיינע צעשויבערטע האָר, זי האָט זיך צוגע־דריקט צו זיין ברייטער ברוסט און גענומען שטאַמלען:

— אַבאַ, זיי נישט ברוגז, ישי האָט דיך ליב ווייל ער האָט מיך ליב, ער איז אַ גוטער בחור, די אמא האָט אים אויך ליב געהאַט, ישי האָט ליב אַזוינע מענטשן ווי דו, ער פֿאַרטראַגט נישט די דרכים, נישט די אָנגעבלאָזענע רייד פֿון זיין אמא, ווייסט וואָס ער זאָגט? — מיר וועלן דינגען אַ גרעסערע דירה ווו מיר וועלן דיר אָפּגעבן אַ באַזונדערן צימער דו זאָלסט נישט בלייבן אַליין, מיר וועלן לעבן צוזאַמען ווי ביז איצט, ער איז אַ גוטער, איז ער.

לכתחילה האָט אַבראַמינאָ געשוויגן, נאָכער האָט ער זי אַרומ־גענומען מיט זיינע שטאַרקע הענט, איינגעגראָבן זיין פּנים אין איר באַשמעקטן קאָפּ, אירע שטילע, צאַרטע רייד האָבן געווירקט, זיין האַרץ האָט געצאַפּלט מיט ליבשאַפֿט.

— זאָל זיין ווי דו ווילסט — האָט ער שטיל געענטפֿערט — „סי, סי, ראַכעלאַ".

לאַנגזאַם איז זי אַראָפּ פון זיין שויס אים צו פאַרבעטן צום אָוונט־עסן: — „ביסט אודאי הונגעריק, אבא".

בלית ברירה האָבן ישיס עלטערן אויך נאָכגעגעבן. ביידע האָבן חתונה געהאַט אָן טומל. די חופּה האָט מען געשטעלט ביים רב אויפן דאַך — די מסיבה ביי די זרמיס אין שטוב, פאַרבעטן נאָר משפּחה. אבראַמינאַ האָט נישט געהאַט קיין נאָענטע קרובים, אַזוי אַז ער איז געקומען אויף דער שמחה נאָר מיט צוויי שושבינים, פון זיינע נאָענטסטע ידידים, וואָס זענען געזעסן ביים טיש צוזאַמען מיט אים ווי אויף שפּיל־קעס כאָטש זרמי האָט זיי פריינדלעך אויפגענומען, זיי האָבן זיך נישט געפילט פריי אין אַ סביבה, וואָס איז זיי געווען פרעמד. די זרמיס זענען געווען צופרידן מיט דער שטילער, היימישער מסיבה, ביידן איז אַראָפּ אַ שטיין פון הארצן, ווייל זיי האָבן געציטערט פאַר אַ חתונה מיטן אָנטייל פונעם „גאַנצן פאַרט".

אבראַמינאַ האָט נישט פאַרגעסן זיינע גוטע ברידער. אויף מאָרגן נאָך דער חופּה, האָט ער זיי פאַרבעטן אין זיין שטאַם־קאַפע, ווו ביר מיט ראַקי האָט זיך געגאָסן ווי וואַסער. די חברה זענען נישט געקומען מיט ליידיקן, יעדערער האָט עפּעס מיטגעבראַכט, וואָס זיי האָבן באַצייטן איינגעשאַפן פון די שיף קאַפּיטעריעס. צו זייער איבערראַשונג זענען געקומען אויף דער שמחה די סעניאָריטאַ ראַכעלאַ מיטן צוקונפטיקן אַדוואָקאַט — איר מאַן ישי זרמי. מען האָט זיי מקבל פּנים געווען מיט הילכיקע „בראַוו"־אויסרופן און אָוועקגעזעצט אויבנאָן ביים טיש. די חברה האָבן אויך צוגעטראָגן אַ בשותפותדיקן דרשה־געשאַנק, אַ ראַדיאָ־אַפּאַראַט, וואָס זיי האָבן איינגעהאַנדלט אויף אַן „אָוקציאָן" אויספאַרקויף פון קאָנפיסקירטע שמוגל־אַרטיקלען, וואָס דער צאָל־אַמט ליציטירט אַלע פאַר חדשים. פאַר דער ליציטאַציע, האָבן די חברה אָנגעזאָגט די שטענ־דיקע מציאות־איינקויפער אין צאָל־אַמט, אַז דאָס מאָל זאָלן זיי נישט וואָגן שרויפן די פּרייזן אויפן ראַדיאָ־אַפּאַראַט, וואָס זיי גייען קויפן אַ מתנה פאַר די ליבע קינדער פון אַבראַמינאַ, זייער קאָמאַנדאַ אויף די שיפן.

מען קען נישט זאָגן, אַז די באַציונגען צווישן ביידע משפּחות, נאָך

דער חתונה, זענען געווען ווי עס דאַרף צו זיין, בעת זרמי פלעגט זיך, דינסטלעך, טרעפן מיט אבראַמינאַ אין פאַרט, פלעגט זיך זייער שמועס אויסדריקן אין געציילטע פסוקים: — „מה שלומך? וואָס מאַכן די קינדער? — שלום אבראַמינאַ: — שלום אַדון זרמי".

די גברת שפרה זרמי פלעגט זיך זעלטן טרעפן מיט אבראַמינאַ, זי פלעגט זיך באַמיען באַזוכן דאָס יונגע פאָרל אין זייער דירה אין די פאַרמיטאָגן בעת אבראַמינאַ פלעגט זיין ביי דער אַרבעט, זי האָט זיך געבלאָזן, אָפּגעקומען מיט עצות ווי צו פירן די שטוב־ווירטשאַפט און אָוועקגיין מיט אַ קאַלטן „שלום". דאָס יונגע פאָרל פלעגט אויך אָפּ־שטאַטן קורצע באַזוכן ביי די עלטערן, ווו ראַכעלאַ האָט זיך געפילט נישט באַקוועם. זי וואָלט אויף דעם מותר געווען, נאָר זי האָט נישט געוואָלט מצער זיין ישי, ער זאָל מותר זיין אויף כיבוד אב ואם.

***

אין די געשפּאַנטע סיני־טעג, האַרבסט 1956, איז דאָס לעבן אין פאָרט נישט געווען ווי שטענדיק, כאָטש די לופט אין פאָרט איז געווען דורכגעזאַפּט מיט די דופטן פון טויזנטער קעסטלעך ציטרוס־פּרוכט, וואָס ישראל האָט אייליק עקספּאָרטירט, זיי זאָלן צו דער צייט אָנקומען אין אויסלאַנד, כדי נישט צו פאַרשפּעטיקן די ניטל־טעג, ווען גאָלדענע מאַראַנצן באַצירן, יענעם יום טוב, די יאָלקעס מיט די טישן אין די קריסטלעכע היימען. אין די האַרבסט־חדשים ברענט די אַרבעט אין פאַרט, וואָס ציט זיך אַ רונדן מעת לעת, אָן איבעררייס, אין דריי שיכטן. די קאָמאַנדאָס, די „הענט", די סאַוואַרן מיט די פּרוכט־קאָנטראָליאָרן פאַלן פון די פיס, עס איז הויך־סעזאָן.

אין די חדשים אָקטאָבער, נאָוועמבער יענעם יאָר, זענען אין פאָרט אַריינגעשוווּמען חוץ לײַדיקע שיפן אָפּצונעמען די פּרוכט, אויך גרויסע, פול געלאָדענע פראַכט־שיפן, וואָס האָבן צוזאַמען מיט זייערע לאַדונגען אויך געבראַכט סודות מיט אומרו. מען האָט זיך נישט גערעכנט מיט דער

ענגשאַפט און פּאַר יענע שיפן אָפּגעטיילט באַזונדערע אַנקער־פּלעצער ביי דער ראַמפּע. יענע שיפן פלעגט מען אויסליידיקן בעיקר אין די נעכט און די לאָדונגען גלייך פון שיף אַרויפברענגען אויף שווערע לאַסט־אויטאָ־מאָבילן מיט טריילערס און פּלאַטפאָרמעס, און אין באַן־וואַגאָנען.

יענע נעכט האָט דער קאָמאַנדאָ אבראַמינאָ געקיניגט אַרום די קרעכצנדיקע ווינטשן, וואָס פלעגן אויפהויבן און אַראָפּלאָזן ריזיקע קאַסטנס ווי שפּילצייג, אָן דער מינדעסטער תקלה. אבראַמינאָ פלעגט אפשר צוויי מאָל אַ וואָך נעכטיקן אין דער היים ער זאָל נישט בלייבן אָן כּוח. בייטאָג האָט ער זיך פאַרנומען מיט די פּרוכט־לאָדונגען, אין די נעכט — ביים אָפּלאָדן די ריזיקע קאַסטנס, ער פלעגט שטיין ביי די קאַבעלן פון די הויב־קראַנען, זיי קערעווען ווי אַ דיריגענט אַן אָרקעס־טער, אָדער ווי אַ פּאַרקער־פּאָליציאַנט די גאַסן־באַוועגונג אין אַ גרויס־שטאָט. די מאַשיניסטן, אין די קאַבינקעס, אין דער הויך, אויף די איי־זערנע אָרעמס פון די קראַנען פלעגן נישט טאָרן, נישט אויף אַ רגע, אַראָפּנעמען די אויגן פון די ריטמישע באַוועגונגען פונעם קאָמאַנדאָס הענט, וואָס פלעגט דיריגירן: — רעכטס, לינקס, גיכער, לאַנגזאַמער, העכער, נידעריקער, — סטאָפּ! די לאָדונגען פלעגן זיך אַ צאַפּל טאָן אויף די פּלאַטפאָרמעס און בלייבן שטיין. באַלד פלעגן טרעגער פאַר־פעסטיקן יעדע באַלאָדענע פּלאַטפאָרמע מיט שטריק און קייטן, עס אָפּשיקן און אָנהויבן די זעלבע מלאָכה אַרום אַ נייער לאָדונג.

אין די קאַסטנס זענען געווען איינגעפּאַקט שוץ־„כלים" פון פאַר־שיידענע גרויסן און קאַליברען. בעת אַבראַמינאָ האָט דערזען דעם ערשטן „איינגעפּאַקטן" טאַנק האָט ער געגלעט די ברעטער, זיין חברה איז צוגעפאַלן קושן דעם קאַלטן שטאָל... יעדערער פון זיי האָט געוווּסט, אַז די מאָביליזירטע זין פון ישראל קוקן אויס אָט די „כלים", זיי נויטיקן זיך אין דעם אויסצוראָטן דעם פיינטלעכן טעראָר, אָפּשטעלן די רציחות פון פרידלעכע יידן. דער טעראָר האָט זיך יענע חדשים געשפּרייט ווי אַ מגפה אין די ראַנד־שטחים אין די פינצטערע נעכט, זיך נישט אָפּגע־שטעלט אפילו צו מאָרדן עופעלעך ביי דער מוטערס ברוסט, קינדער אין שולעס, אַלט און יונג אָן אַ פאַרוואָס. האָט צו זיי געזאָגט איינער פון

די, וואָס איז געקומען אַפּנעמען די לאָדונגען: — „עיפנו להורגים״, מיר זענען מיד פון די רוצחים.

אבראַמינאָ מיט די מענטשן פון פּאָרט וועלן קיינמאָל נישט פאַרגעסן איינע פון יענע פינצטערע נעכט, ווען פון ים האָבן מיטאַמאָל בליצן געגומען שניידן די לופט, באַגלייט מיט דונערן פון האַרמאַטן. זיי האָבן נישט באַוויזן זיך אומקוקן, ווי גראַנאַטן האָבן גענומען פאַלן נישט ווייט אין וואַסער, אויפגעהויבן פאָנטאַנען, נישט ווייט פון די מאַגאַזינען און אינעם שטח פונעם רונדן ים־איינגוס אין עמק זבולון, ביז ווייט אין צפון, פון יענער זייט עכו.

רויטע, גרינע און ווייסע ראַקעטן זענען געפלויגן אין הימל, ביז עס האָט זיך דערהערט דער רויש פון אַעראָפּלאַנען מיט יידישע אָדלער, ביז די בערג־„כלים״ האָבן גענומען ענטפערן מיטן זעלבן דונער־ניגון. עס האָט נישט לאַנג געדויערט און עס איז געוואָרן שטיל.

די פּאָרט־מענטשן האָבן אויפגעהערט פיבערן, געטראַכט מיט פאַרלייכטערונג: „באָרכעשעם, איצט זענען זייערע היימען אויסער דער סכנה, ס׳איז שטיל געוואָרן״. זיי האָבן מיט מער אימפעט באַנייט די אַרבעט, וואָס איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן בעת די אויפרייסן. דער לייכט־טורעם אויפן כרמל, איבער אליהו הנביאס הייל, האָט צוריק גענומען בעזימען דעם ים מיט סנאָפּעס ליכט.

באַגינען. די מזרח־הימלען האָבן גענומען גליען. אַ גרויסע פייערדיקע זון איז לאַנגזאַם אַפּירגעשווומען פון ים אַרויס, אָנגעצונדן די שויבן פון די הייזער אויפן שפּוע פון כרמל און געבראַכט ישראל אַ נייעם טאָג, אַ טאָג פון אַ נישט געוויינלעכער געשעעניש אין פּאָרט: — שלעפּשיפלעך האָבן אַריינגעפירט אַ געפאַנגענע, מצרישע קריגס־שיף. עס האָט זיך אַנטפּלעקט אַן אויסטערלישע זעונג: — אַ מצרישע קריגס־שיף צוגאַסט אין אַ פּאָרט פון ישראל מלחמה־צייט! — אויף איר עק, ביים אַנקער, איז אַנשטאָט די מצרישע פאָן געווען צוגעבונדן אַ בעזים, אַרום בעזים האָבן געקרייזט ווייסע מעוועס. לענג אויס, אין פראָנט פון דעק שטייט אַ שורה מצרישע מאַטראָסן מיט אויפגעהויבענע הענט, פאַרלייגטע איבער די קעפּ. וועד פון זיי שטייט אין נאַסע, צעקנאָדערטע בגדים

און ציטערט פון שרעק און קעלט, ווער אין אונטערוועש, ווער האַלב באַקעט נאָר אין תחתונים צו פאַרדעקן די ערוה. אַזוי האָבן אויסגעזען יענע, וואָס האָבן בסך הכל מיט אַ פּאָר שעה צוריק באַמבאַרדירט דאָס זעלבע אָרט, זיך געאײַלט צו וויסן געבן קאַיר, אַז די שטאָט, ווו זיי געפינען זיך איצט שטייט שוין אין פלאַמען.

אַ יונגער, ייִדישער נאַוויגאַטאָר האָט געקערעוועט די שטאָלענע נבלה, וואָס האָט געראַיכערט און געשלאָגן מיט דאַמף, אַ שטאָלענע נבלה מיט צעשמעטערטע האַרמאַטן, ראַדאַרן און אײַזערנע מאַסטן, וואָס האָבן אַרויסגעקוקט פון צווישן חורבות פונעם אויבערשטן דעק, פון וועלכן ייִדישע מאַטראָסן האָבן געשליידערט קנוילן גראָבע שטריק, ווי אָפּגע־בונדענע, באַפרייטע שלאַנגען צו דערלאַנגען דעם ברעג, וואָס פלינקע יבשה־אַרבעטער האָבן אויפגעכאַפּט. די שלעפּ־שיפלעך האָבן זיך דער־ווייטערט פון דער שיף, וואָס מען האָט צוגעבונדן צו ביקעס פון דער ראַמפּע.

אויף שטריק־לייטער האָבן די געפאַנגענע איינציקווייז פאַרלאָזן זייער שיף, געוואָרפן בליקן אויפן אויסגעמאָלטן נאָמען אויפן פאָדערשטן באָרט: — „איברהים אל אוול״, (איבראהים דער ערשטער). צווישן צווי שפּאַליערן באַוואָפנטע שוץ־לייט פון ישראל האָבן די געפאַנגענע געשפּאַנט צו אַ נייער היים, אין ביידלעך אַרומגעגאַרטלטע מיט שטעכעדיק דראָט, ווו זיי האָבן געפייערט דעם „חנוכת הבית״ פון אַ געפאַנגענלאַגער.

אַרבעטער מיט נישט אויסגעשלאָפענע, רויטע אויגן פון דער נאַכט־שיכט אין פּאָרט, האָבן זיך באַגעגנט מיט דער ערשטער טאָג־שיכט, וואָס איז געקומען זיי פאַרבייטן. האָבן נישט געגלויבט זייערע אויגן, ווען זיי האָבן אָנגעקוקט, צום ערשטן מאָל אין לעבן, „געסט״ אין אַזאַ קלאָגעדיקן הילוך. אייניקע האָבן אינסטינקטיוו גענומען פּאַטשן מיט די הענט צו שרייען: — „כל הכבוד לחיל הים הישראלי״, אַנדערע האָבן געשפּיגן מיט צאָרן אַזוי, ביז אבראַמינאַ איז אָנגעקומען מיט זיין נאַכטשיכט. וואָס האָט אויך אַ ווײַלע אָנגעקוקט די געפאַנגענע און באַלד גענומען איינשטילן די נייגעריקע.

אבראַמינאַ האָט זיך געבייזערט: — „שעמט זיך, וואָס זענען זיי

שולדיק? מען האָט זיי געשיקט מלחמה האַלטן, זענען זיי געגאַנגען ווי זעלנער. — חברה! גייט צו אייער אַרבעט, לאָזט זיי צורו, איצט זענען זיי אונדזערע „געסט״, אָפּגעפליקטע הינער, אַ רחמנות״, זיינע רייד האָבן געווירקט, דער עולם האָט זיך באַרוּיקט און גענומען וואַרפן ציגאַ־רעטן פאַר די געפאַנגענע.

אַן עלטערער פּאַרט־פּאָליציאַנט האָט צונויפגעקליבן די אַראָפּ־געפאַלענע ציגאַרעטן, זיי צעטיילט די געפאַנגענע און געזאָגט: — „יידישע גזלנים״.

יענע טעג האָט געלאָזט דאָס אייז צווישן אבראַמינאָ און די זרמיס,ביידע משפחות האָבן געלעבט אין שפּאַנונג און ציטער פאַר ישי, וואָס איז ווי אַלע פון זיין עלטער מאָביליזירט געוואָרן אין צה״ל. דעם „צו־תנועה״ (מאָביליזאַציע־רוף) האָט ער באַקומען מיט אַ וואָך צוריק אין מיטן נאַכט. נאָכן פאַרברענגען אַ וואָך צייט אינעם זאַמלפּונקט, איז ער באַפרייט געוואָרן אויף אַ מעת לעת, ביז צו מאָרגנס פאַרטאָג ווען עס האָבן אים באַגלייט צו דער באַן די בלאַסע ראַכעלאַ מיטן שוויי־גנדיקן אבראַמינאָ. ביים וואָקזאַל, צווישן עולם, האָבן זיי געטראָפן ישיס עלטערן, די זרמיס. גברת שפרה איז נישט געלעגן אין זינען צו פוצן ס׳פּנים, האָט זי אויסגעזען שטאַרק פאַרעלטערט, בעת זרמי אַליין איז געווען פריש ראַזירט, שטייף, אין פולן אוניפאָרם ווי שטענדיק ביי דער אַרבעט. דער צוג איז אָנגעלאָפן און געבליבן שטיין מיט אַ קרעכץ. אָן ווערטער האָבן די באַגלייטער זיך געזעגנט מיט די זין, וואָס זענען געשטאַנען מיט זייערע מיליטער־זעקלעך איבערן אַקסל. זיי האָבן זיך געמאַכט זאָרגלאָז, געררויכערט, געשמועסט, אַריינגעטאָטעמט די דופטן פון דער היים, זיי האָבן געדריקט די הענט און זיך אַרומגענומען מיט די באָענטע, געקושט די פייכטע באַקן פון מוטערס און שוועסטער, די פאָטערס און ייִנגערע ברידער האָבן געווייטיקט און שטאָלצירט מיט זייערע זין, זיי שטאַרק געדריקט צו זיך און געקושט אין ביידע באַקן, ווי מענער פירן זיך. נאָך אַ שאַרפן ברום פונעם לאָקאָמאָטיוו איז די פּלאַטפאָרמע ליידיק געוואָרן, די מאָביליזירטע האָבן זיך געשפּאַרט אין די וואַגאָנעס דורך טיר און פענצטער ביז זיי זענען פאַרשוווּנדן מיטן צוג,

איבערגעלאָזן אַליין זייערע פּאַראומערטע בני בית, וואָס זענען שטיין געבליבן אָן ווערטער ביז דער צוג איז פאַרשוווּנדן ווייט, ווייט אינעם האָריזאָנט, איבערגעלאָזן קנײלכלעך ווייסן רויך אונטער די בלויע באַגי־נען־הימלען.

ראַכעלאַ איז געשטאַנען צווישן איר פּאַטער, וואָס האָט זי געהאַלטן פאַר אַ האַנט, ווי אַ מאָל קינדווייז און צווישן ישיס עלטערן. שטיל האָבן זיי זיך געזעגנט, דאָס מאָל, זיך אָנגעקוקט מיט נאָענטקייט, מיט אַ ביסל תמימות, עס האָט זיי איצט פאַרבונדן אַ פאָדעם פון בשותפותדיקן אומרו, דאָס אייז האָט געפּלאַצט, זייערע מחשבות זענען געווען פאַרנומען מיט דער זעלבער זאָרג: — גאָט זאָל באַהיטן און באַשיצן ישי׳ען, לאָמיר דערלעבן אים מקבל פּנים זיין צוריק אין דער היים אַ לעבעדיקן און געזונטן.

זייט יענעם באַגינען זענען אַוועק געשפּאַנטע טעג און וואָכן, ווען זרמי פלעגט קומען צו אבראַמינאַ אויף די שיפן, אָדער אבראַמינאַ צו אים אין ביוראָ: — „שלום! עפּעס נייס? אַ וואָרט פון ישי? — לײדער, שלום״!

ענדלעך איז אָנגעקומען אַ קורץ בריוועלע, אָן אַ מאַרקע, אַ ברײ־וועלע מיטן ריח פון ווייטן מדבר סיני, אין אַ גרויען קאָנווערט, מיט אַ דרייעקיקן שטעמפּל, מיט אַ נומער אין מיטן: — „ראַכעלאַ, אמא, אבאים (פּאַטערס)! הכל בסדר, בריא ושלם. להתראות בקרוב, חיבוקים ונשיקות. שלכם ישי.״ דאָס איז אַלץ.

צייט ישי איז אַוועק, פלעגט ראַכעלאַ אָפט באַזוכן זיינע עלטערן. שבת פלעגט מיט איר מיטגיין דער אַבאַ אבראַמינאַ, איבערגעבליבן ביי די מחותנים ביז אָוונט; אַלע רייד און שמועסן האָבן זיך געדרייט אַרום ישי, ביז ער איז אין אַ שיינעם טאָג, פּלוצעם, צוריקגעקומען אַהיים מיט אַ באַנדאַזשירטער האַנט אין גיפּס. נישט געפערלעך, ער האָט די האַנט צעבראָכן און געכאַפּט אַ לייכטע מאַרך־דערשיטערונג בעתן אויסשפּיר־דינסט, ווען דער האַלב אָפענער קייטן־פּאַנצער, ווו ער איז געזעסן מיט נאָך פיר שלאַכטלייט איז אַרויף אויף אַ מינע און זיך איבערגעדרייט.

צוויי שלאַכט חברים זענען אָפּגעקומען מיט טרוקענע קלעפּ און אויסער־לעכע וווּנדן, פון די אַנדערע דריי איז געבליבן לעבן ישי אַליין.

***

קנאַפּע עלף יאָר זענען אַוועק. ראַכעלאַ האָט געהאָדעוועט צוויי קינדער, אַ מיידעלע רעזשין־רבקה, אַ נאָמען נאָך איר מוטער און אַ זונעלע חיימל, אין זכות פון זיין פאָטער, וואָס איז אַ לעבעדיקער צוריקגעקומען פון מדבר סיני: — חי וקיים. ישי אַרבעט איצט אויך אין פּאַרט, ווו עס אַרבעטן זיין פאָטער זרמי און דער מחותן אבראַמינאַ, ער אַרבעט אַלס יוריסט־קאָנסול אין דער פאַרוואַלטונג. ישי ליידט פון דער האַנט, וואָס איז באַשעדיקט געוואָרן אין סיני, אין דער מלחמה פון 1956. די ביינער האָבן זיך נישט גוט צונויפגעוואַקסן. כאָטש עס זענען שוין אַוועק קנאַפּע עלף יאָר ליידט ער פון ווייטאָגן, זומער אין די גרויסע היצן און ווינטער אין די נאַסע וועטערן, אָבער די האַנט שטערט אים נישט צו דער אַרבעט.

אבראַמינאַ האָט געשעפּט נחת פון די אייניקלעך. וואָס ער האָט נאָר געקענט פלעגט ער ברענגען אַהיים, זיינע באַקאַנטע שיפס־קאַפּי־טאַנאָס האָבן געוווּסט ביי יעדער געלעגנהייט, ביי יעדער קרוז אים ברענגען פון ווייטע לענדער, כל־ערליי שפּילצייג מיט זיסוואַרג פאַר די „ביעטס" — די אייניקלעך, די „גראַנד־טשילדרען" פון גוטן, אַלטן באַקאַנטן, איסראַעלישן קאָמאַנדאַ, מיסטער אבראַמינאַ, וואָס פלעגט „וואָנ־דערפול", פּינקטלעך, אָן איבעריקע רייד, אויספירן זיין אַרבעט אויף זייערע שיפן, זיי פלעגן אים אויך מכבד זיין מיט אַ גוטן ציגאַר, און טאַבאַק פאַר דער „פּייפ". די, וואָס האָבן זיך שטענדיק געטראָפן מיט אים אין פּאַרט, במשך פון יאָרן, האָבן נישט געמערקט ווי זיינע ברעמען און וואָנצעס האָבן פאַרלוירן זייער קאָליר. אַזוי ווי ער פלעגט שטענדיק טראָגן זיין אַלט, אָפּגעבליאַקעוועט, לעדערן היטל, האָט מען נאָר געקענט מערקן ווי זיינע פאות זענען געוואָרן רייניער זילבער, און די קנייטשן

אויף זיין פאַרהאַרטעוועט פּנים האָבן זיך פאַרטיפט, דערפאַר, האָבן זיינע טונקל־גרויע אויגן נישט פאַרלוירן זייער גלאַנץ און לעבעדיקייט.

די לעצטע צייט האָט אַבראַמינאָ דערפילט ווי די גלידער ווערן אים שווער, די קני טוען ווי ווען ער שטייט אויף פון שלאָף, דאָס בעמלעכע די הענט, וואָס קערעוועון מער נישט די וויגטשן מיט דער זעלבער לייכטקייט ווי פריער, ער האָט זיך אַ ביסל צוגעבויגן, דער טראָט איז געוואָרן לאַנגזאַמער, די ציין ברוין פונעם טאַבאַק, צוליב דעם וואָס ער פלעגט נישט אַרויסלאָזן די ליולקע פון מויל חוץ שבת. דעם מחותן האָט ער איינמאָל געזאָגט: — „ער פאַרשטייט נישט, אַ גאַנצע וואָך וואָלט ער אָנעם טאַבאַק נישט אויסגעהאַלטן, בעת שבת, אַ רונדן מעת לעת רויכערט ער נישט, אַזוי ווי זיין פאָטער דאַווידאָ האָט זיך געפירט, און עס אַרט אים נישט, עס שטערט אים נישט, מיט וואָס זאָל מען דאָס דערקלערן״ ?

אַז אבראַמינאָ האָט אַריבערגעשפּאַנט זיינע 65 יאָר, האָט אים דער מנהל פון פּאָרט פאַרבעטן צו זיך, פריינדלעך געהייסן זיך זעצן אינעם לעדערנעם פאָטעל פון יענער זייט טיש, געבעטן אַריינלייגן די ליולקע אין אַש־בעכער און אים מכבד געווען מיט אַ שמעקעדיקן ציגאַר. אַבראַמינאָ האָט זיך נישט געפילט היימלעך אינעם קאַבינעט פון מנהל, וואָס איז געווען געראַם, גרויס, מיט פענצטער אַרום און אַרום כדי צו זען אַלץ, וואָס עס פאַרלויפט אין פּאָרט ביז ווייט אויפן ים. אבראַמינאָ האָט אויס־געטאָן זיין אַלט היטל, עס אַוועקגעלייגט אויף די קני, דאָ האָט דער מנהל צום ערשטן מאָל דערזען זיינע זילבערנע האָר. דער מנהל האָט זיך אויך נישט געפילט באַקוועם, ביז ער האָט אָנגעהויבן רעדן און נישט געקוקט אבראַמינאָן אין די אויגן.

— כן ידידי אבראַמינאָ, מיר קענען זיך שוין אַ סך יאָרן, מיר האָבן דורכגעמאַכט גוטע און שווערע צייטן, און נישט באַמערקט ווי די צייט אַנטלויפט. — אַט זעסטו ווי איך זיץ איצט ביים זעלבן טיש, ווו אַן ענגלענדער איז געזעסן, געדענקסט ? מיר האָבן דערלעבט אונדזער איי־גענע מדינה.

דער מנהל האָט גערעדט האַלבע ווערטער, וואָס האָבן גענומען

באַאומרו:קן אַבראַמינאָן, וואָס האָט דאָ אינעם רחבותדיקן קאַבינעט געבראַכט מיט זיך דעם ריח פון שיפן, פון ים, טראָן מיט מאַשינען־אייל. אברהַמינאָ האָט גענומען דרייען אין די הענט זיין אַלט היטל, געפּיפּקעט דעם אויסגעלאָשענעם ציגאַר, און אויך נישט געקוקט דעם מנהל אין די אויגן ביז עס האָבן גענומען פאַלן ווערטער, וואָס זענען אים געפאַלן ווי שטיינער אין קאָפּ.

— כן אבראַמינאָ, מיר ווערן אַלט, דער ממונה אויפן פּערסאָנאַל האָט מיר געבראַכט אַ בריוו פון דער צענטראַלע אין ירושלים, אַז דו דאַרפסט אַרויס אויף פּענסיע, ווי עס ווערט געזאָגט: „דור הולך ודור בא“, דער תקש״יר (זאַמלונג פון פּראַצעדוראַלע תקנות וועגן רעגירונגס אַנגעשטעלטע) זאָגט, אַז אַ רעגירונגס־אַרבעטער ווערט אַלט 65 יאָר מוז ער גיין. — ברוך השם, אבראַמינאָ, ביסט פאַרזאָרגט מיט אַ גוטער פּענסיע, מיט בטוח לאומי, מיט כבוד און נחת פון דיינע קינדער און אייניקלעך, וועסט זיך אויסרוען און געניסן פון דיינע עלטער־יאָרן, ביז 120, מירצעשעם.

דער מנהל האָט נאָך עפּעס געזאָגט, אָבער אַבראַמינאָ האָט זיך נישט איינגעהערט, עס האָט זיך אים געדוכט אַז אין דרויסן איז געוואָרן טונקל, ער האָט געוואָלט וואָס גיכער אַוועקגיין, נאָר, ס׳איז אים געווען שווער זיך אויפצוהויבן פונעם טיפן ווייכן פאָטעל, איז ער געבליבן זיצן אָן ווערטער, ביז ער האָט דערפילט אַז דער מנהל שטייט הינטער זיינע פּלייצעס.

דעם מנהל איז גאָרנישט לייכט געווען זיך צו שיידן מיט אַזאַ געניטן קאָמאַנדאָ, וואָס ער קען נאָך פון די ענגלישע צייטן, וועלכער איז קיינמאָל פון קיינעם נישט געוואָרן אָנגעקלאָגט, ער האָט זיין אַרבעט אויסגעפירט טריי, מיט לייב און לעבן, בשלימות. — — — „אָט“, האָט דער מנהל אַ טראַכט געטאָן — „אָט רוקט זיך אויך אָן מיין צייט צו פאַרלאָזן דעם פּאָסטן, אין אַ יאָר אַרום וועל איך זיך פילן ווי ער“. מיט אַן אָנגעקוואָלן האַרץ, מיט פריינדשאַפט האָט ער גענומען אבראַמינאָן אונטערן אָרעם, אים געהאָלפן אויפשטיין און באַגלייט צו דער טיר.

ווי אבראַמינאָ איז געווען נידערשלאָגן און צעחושט האָט ער

געפילט דעם לייכטן ציטער פון מנהלס האַנט, ער האָט מעכאַניש אַרויס־גענומען דעם אויסגעלאָשענעם ציגאַר פון מויל, אַריינגעלייגט אין קעשענע און צוריק אַריינגעשטופּט די ליולקע צווישן די ציין, געזאָגט „שלום״ און איז אַרויס מיט שטרויכלדיקע טריט אין דרויסן, צוריק צו דער אַרבעט אויפן דעק פון אַ שיף.

דער טאָג האָט זיך געצויגן אָן אַ סוף, די אַרבעט איז געווען אינערט אָנעם שטענדיקן, איבערלעבכן ווילן, דאָס מאָל איז ער אַוועק פריער אַהיים, נישט דער זעלביקער ווי ער איז געקומען צו דער אַרבעט. אין דער היים איז ער אריין שטיל און זיך אַוועקגעזעצט אויף זיין שטענדיקן אָרט. די אייניקלעך האָבן זיך באַלד פאַרקליבן דעם סבא אויף די קני צו נישטערן אין זיינע קעשענעס און פרעגן: — „סבא, וואָס האָסטו אונדז געבראַכט״? דאָס מאָל זענען זיינע קעשענעס געווען ליידיק. חוץ אַ שטיק אויסגעלאָשענעם ציגאַר, האָבן די קינדער גאָרנישט אַרויסגעפישט. אבראַמינאַ האָט די קינדער צוגעטוליעט צו זיך, געגלעט די קעפּלעך, און גאָרנישט געזאָגט. ראַכעלאַ האָט זיך דערשראָקן ווען זי האָט דערזען זיין מעמד, זי איז צוגעגאַנגען צו אים און ער האָט איר אין אָפּגעהאַקטע ווערטער דערציילט, וואָס דער מנהל פון פּאָרט האָט אים היינט צווויסן געגעבן. אירע אויגן זענען געוואָרן פייכט, נאָר זי האָט נישט באַוויזן זיך געבנוג אַריינטראַכטן צו באַגרייפן, וואָס פאַר איר פאָטער מיינט פאַרלאָזן דעם פּאָרט, די שיפן, זיינע חברים וכדומה.

אבראַמינאַ האָט נאָך געאַרבעט אַ פּאָר חדשים, ער האָט זיך איבערוועלטיקט נאָכן מאַכן אַ חשבון הנפש. עס איז אים שווער געווען צו באַנעמען, אַז אַנדערש קען נישט זיין, אפילו ווען זיין שכל הישר האָט אים געזאָגט אַז אויפרעגונג, געפילן, מיט זכות אָבות וועלן גאָרנישט העלפן, ס׳איז אים שווער געווען משלים צו זיין, אַז די עלטער קריכט אַריין אין די גלידער, אַז עס איז אים שווער איינצושלאָפן און נאָך שווערער אויפצושטיין, אָבער שווערער פון אַלץ זענען איצט געווען די באַדויערונגס־בליקן פון זיינע חברים, פון די שיפּס־מענטשן, באַאַמטע און שטענדיקע אַריינגייער אין פּאָרט, ער האָט אַלעמען געקענט, אַלע האָבן אים געקענט ווי אַ טייל פונעם לעבעדיקן פּייזאַזש — פון די ים־

אַרבעטער. דער פּאָרט איז צייט זיין פריסטער יוגנט געווען זיין צווייטע היים, — מיטאַמאָל אַלץ איבערלאָזן, אַוועקגיין, און אַ יונגער צוציק וועט זיך שטעלן קערעווען די לאָדונגען ביי די ווינטשן.

אַבראַמינאָ איז קיינמאָל נישט געווען באַרעדעוודיק, איצט איז ער אינגאַנצן אַנטשוויגן געוואָרן.

דער ועד הפּועלים צוזאַמען מיט דער פאַרוואַלטונג פון פּאָרט האָבן צוגעגרייט פאַר אים אַ געזעגענונגס־אָוונט אויפן דעק פון אַן איטאַליענישער שיף, וואָס אבראַמינאָס אַלטער באַקאַנטער קאַפּיטאַנאָ לײדי באַריטשעלי האָט צוגעשטעלט, בתנאי אַז אַלע שאַרפע געטראַנקען זאָלן זיין אויף זיין חשבון, ער וואָלט אויך צוגעשטעלט דעם צובייס, נאָר ער קען זיינע יידישע קליענטן, ער איז מותר אויף דעם מחמת כשרות; — אַ וויפיל צרות קאַפּיטאַנאָ באַריטשעלי איז אויסגעשטאַנען פון די ראַביים מיט די כשרות, בעת ער האָט נאַוויגירט אַ פּאַסאַזשיר־שיף. די כשרות איז געווען איינע פון די סיבות, וואָס ער איז אַריבער אויף אַ פראַכט־שיף, ווו עס איז נישטאָ קיין ראַביי. לײדי באַריטשעלי איז נישט קיין יונגער מאַן, ער שווימט שוין איבער ימים אַרום 40 יאָר, ער ווייסט פון מוסולמענער, פון אינדוסן וכדומה, וואָס עסן נישט קיין פּאָרק (חזיר) אָדער רינדפלייש, אָבער ער פאַרשטייט נישט ביזן היינטיקן טאָג, וואָס ווילן די יידן מיט זייער כשרות, צי קען מען נישט זיין אַ גלויביקער ייד, אויב מען טרינקט אַ קאַווּעלע מיט אַ לעפעלע מילך נאָך אַ גוטן סטייק אָדער שניצל? וואָס האָט צו טאָן גלויבן מיט צווייערליי געשיר, „מילכיקע" און „פליישיקע", בעת דאָס געשיר ווערט באַלד נאָך יעדער מאָלצייט רייך געוואַשן און דעסטילירט אין הייסן דאַמף. ווער זאָל זיי פאַרשטיין די פרומע יידן?

בעת דער געזעגענונג האָט מען נישט וויניק געטרונקען און אויסדערציילט אַלע שבחים פון פּענסיאָנער אבראַמינאָ. מען האָט אים געגעבן מתנות; אַ גאָלדענעם האַנט־זייגער מיט אַ טראַנזיסטאָר. די פריינדשאַפט און וואַרעמקייט פון עולם האָט אים עמאָציאָנירט, נאָר דרינן האָט אים אַ ברי געטאָן, ווען זיין ממלא מקום, דער יונגער קאָמאַנדאָ יאָסקע, וואָס אין די לעצטע צייט געווען זיין געהילף, זיין „רעכטע האַנט", האָט אַ באַטרונקענער עפּעס אויך געזאָגט צו זיין שבח, אבראַמינאָן האָט נישט אַזוי

פאַרדראָסן, וואָס אַ יונגערמאַן נעמט איבער זיין אָרט, ווי עס האָט אים געקרענקט און געעגבערט די מחשבה, אַז מיט זיין אַוועקגיין פון פּאָרט רייסט איבער זיין משפּחה איר צובונד צום ים, זיין אָרט נעמט נישט איבער נישט קיין זון, נישט קיין קרוב, אפילו נישט קיין סאַלאָניקער, נאָר עפּעס אַן אשכנזי, וואָס טראַכט מער פון זייגער, ווי פון דער אַרבעט אויפן דעק פון שיף. בעת ער האָט שפּעטער זיין פאַרדרוס אָנפאַרטרויט זיין מחותן, זרמי, האָט ער אים אָנגעקוקט און געזאָגט:

— אַבראַמינאָ, אַבראַמינאָ, וואָס רעדסטו? יאָסקע איז אַ ייד ווי דו, היינט רייסן זיך נישט די זין איבערצונעמען די שווערע פאַך פון זייערע פאָטערס. נישטאָ מער קיין יידן אין סאַלאָניקי, וואָס זאָלן עולה זיין קיין ישראל.

נאָכן שמועס האָבןביידע באַטריבט אַראָפּגעלאָזן די אויגן, צו טראַכטן דאָס זעלבע: — ביידנס משפּחות זענען דאָרטן אַוועק מיטן זעלבן נאַצישן פייער; ספרדיש בלוט, אשכנזיש בלוט — דאָס זעלבע יידיש בלוט.

***

לאַנגע חדשים נאָכן אויפהערן אַרבעטן, האָט אברהמינאָ נישט געקענט זיך אָפּגעוווינען אויפצושטיין פאַרטאָג ווי שטענדיק, אויסטרינקען דאָס טעפּעלע שטאַרקע קאַווע און אויף די שפּיץ פינגער זיך אַרויסשלייכן פון דער היים און לויפן אין פּאָרט, ווי דער עול וואָלט ווייטער געליגן אויף זיינע פּלייצעס. ערשט אין פּאָרט פלעגט ער זיך כאַפּן, אַז ער האָט זיינס פאַרענדיקט. אויף די שיפן ביי די ווינטשן זענען געשטאַנען אַלטע, באַקאַנטע קאָמאַנדאָס, וואָס האָבן ריטמיש באַוועגט די הענט ווי סעמאַ־פאָרן. די טראַקטאָרן מיט די גאָפּלען זענען פלינק געלאָפן מיט האַרמידער הין און צוריק צו וואַגאָנעס און לאַסט־אויטאָמאָבילן אָנלאָדן און אָפּלאָדן פראַכט, פון זייערע אייזערנע געדערים האָט געשלאָגן אַ בלוילעכער רויך. טרעגערס האָבן זיך איבערגעפרעגט אויף הויכע טענער. פקידים האָבן אַרומגעשמייעט מיט פּעק פּאַפּירן און געשוואָלענע טעקעס אין די הענט. שיפן האָבן געברומט באַקאַנטע ניגונים. אומעטום האָבן זיך אַרומגע־

דרייט רייזנדער און נייע עולים מיט קינדער, וואָס זענען געזעסן אויף פּעק און וואַליזעס. אַ פאַרביטערטער האָט זיך אַרומגעדרייט צווישן עולם אבראַמינאַ, ער האָט אויסגעמיטן דעם פּאַסאַזשירן־סאַלאָן און איז אַוועק אין שטח ווו עס האָבן געאַנקערט פראַכט־שיפן. לכתחילה האָבן אים אומעטום אַלע פריינדלעך באַגעגנט מיט גוטע אויגן, ווי אַן אייגענעם, אָבער ביסלעכווייז האָט ער זיך דאָ דערפילט פרעמד, איבעריק. מען האָט אים אָנגעהויבן פאַרקוקן, צוואַרפן אַ קאַלטן, טרוקענעם „שלום״ און איילִיק פאַרבייגיין. צאַל־באַאַמטע, עקספּעדיטאָרן, און פּאָרט־פּאָליציאַנטן האָבן בכלל אים אויפגעהערט דערקענען, ווי ער וואָלט זיין נאָר אַ שאָטן, ביז איינמאָל האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף אַ יונגן פּאָליציאַנט, וואָס האָט אים האַרב אַ פרעג געטאָן: — „וואָס טוסטו דאָ אדוני? ווו איז דיין איינ־טריט־דערלויבעניש? וואָס פּלאָנטערסטו זיך צווישן די פיס? במחילה, טראָג זיך אָפּ פון דאַנען״...

די ווערטער האָבן אים געקלאַפּט אין קאָפּ ווי האַמערס: — „טראָג זיך אָפּ פון דאַנען״, האָט אבראַמינאַ איבערגעחזרט, — „קאָמאַנדאַ, סבא אבראַמינאַ, טראָג זיך אָפּ פון דיין פּאָרט, ווו עס ליגט דיין לעבן״! נאָר די אַלטע חברים האָבן אים ווייטער באַגעגנט מיט כבוד, מיט אַ גוט וואָרט, מכבד געווען מיט אַ הויפן טאַבאַק, בעת די קורצע איבעררייסן — אים משתף זיין אין די מאָלצייטן און געדולדיק אויסהערן זיינע באַמערקונגען, עצות און זכרונות. זיי פלעגן אָנפילן זיינע קעשענעס מיט וואָס עס האָט זיך געלאָזט, פאַר זיי איז נאָך אבראַמינאַ געווען אַן אַמיגאָ, פאַר זיי האָט נאָך אבראַמינאַ געלעבט, באַזונדערס פאַר די עלטערע, וואָס האָבן אין זיין איצטיקן מצב געזען זייער נאָענטע צוקונפט, דאָס נעמלעכע דער מנהל פון פּאָרט, וואָס פלעגט אים באַגעגענען פריינדלעך, קלאַפּן אין פּלייצע, אַריינשטופּן אַ פּאָר ציגאַרן אין האַנט און ביים „שלום״ צוגעבן, אַז ער קען שטענדיק געניסן אַ טרונק אין דער קאַפעטעריע פון פּאָרט, אויף זיין חשבון. עס פלעגט אים נאָר פאַרדריסן, בעת דער מנהל פלעגט אים זאָגן: — „היט זיך אבראַמינאַ, היט זיך, חביבי, די טראַקטאָרן זאָלן דיר נישט פוגע זיין, היט זיך אבראַמינאַ״! אבראַמינאַ זאָל זיך היטן פאַר די טראַקטאָרן, ווי ער וואָלט דאָ צווישן זיי נישט אָפּגעלעבט זיינע בעסטע

יאָרן — „אפשר זאָל עס זיין אַ רמז ער זאָל זיך דאָ בכלל, וואָס ווייניקער אַרומדרייען״ ?

דעם לעצטן קלאַפּ האָט אבראַמינאַ באַקומען ערב די געשפּאַנטע „זעקס־טעג״, ווען דער פּאַרט האָט זיך גענומען אויסליידיקן פונעם יינגערן עולם, וואָס פלעגן פריער שטיל פאַרלאָזן זייערע היימען אין די בעכט, נאָך דעם איבערלאָזן די אַרבעט אין די מאַגאַזינען און אויף די שיפן אין מיטן העלן טאָג. יענע טעג פלעגט דער ראַדיאָ נישט אויפהערן רעדן, זינגען און שפּילן כלערליי ניגונים, מיטאַמאָל פלעגט זיך אַלץ אָפּהאַקן און עס פלעגט זיך דערהערן: — „הקשיבו, הערט, הערט — אַלע פון דער „רויטער קו״ זאָלן זיך באַלד לאָזן צום „גאָלדענעם טויער״, הקשיבו, הקשיבו״! דאָס וואָרט „רויטע קו״ מיטן צוגאָב „גאָלדענער טויער״, פלעגט בליץ שנעל גיין פון מיילער צו אויערן, מענטשן פלעגן אַלץ איבערלאָזן און גיך פאַרשווינדן פון פּאָרט. ס׳פלעגט ווערן נישט הימלעך און ליידיקער אין די מאַגאַזינען און ביוראָען פון פּאָרט, אין פאַרשיידענע ווינקלען פלעגן זיך אָנזאַמלען אויסגעלאָשענע טראַקטאָרן אָן מענטשן.

אַבראַמינאַ האָט דעמאָלט געהערט, אַז מען רופט נישט מיליטער־פליכטיקע מענטשן זיך איינשפּאַנען צו הילף אין פּאָרט, ס׳איז אויסנאַמס צושטאַנד, עס פעלן הענט צו דער אַרבעט. אבראַמינאַ איז געווען פון די ערשטע, וואָס האָבן געבראַכט זייערע הענט מיט זייערע לייב און לעבנס פאַר דער מלחמה־אָנשטרענגונג, אָבער בעת דער מאָביליזיר־פקיד האָט אָנגעקוקט זיין פנים און זילבערנע האָר, אַריינגעבליקט אין זיין אידענט־יפיקאַציע־ביכל, האָט ער געזאָגט קאַלט ווי אַ גזלן: — „תודה, אַ דאַנק אַדוני פאַר דיין גוטן ווילן, האָסט שוין דיין חלק געגעבן דער מדינה״ און שוין געבלעטערט אַ צווייט ביכל, פון אַ מענטשן, וואָס איז געשטאַנען אין דער רייע הינטער אבראַמינאָס פּלייצעס.

לאַנגזאַם, לאַנגזאַם האָט אבראַמינאַ פאַרלאָזן יענעם שרייבטיש אין ביוראָ, מיט אַ שווער געמיט און שווינדל אין קאָפּ איז ער אַוועק, זיך נישט אומגעקוקט, אפילו נישט געזאָגט „שלום״ צו די וועכטער ביים טויער, ער איז אַוועק אַהיים, וואָס ער האָט געפונען אַ ליידיקע. די

טאָכטער האָט וואָלונטירט צו אַרבעטן אין אַ שפּיטאָל, דער איידים — אין הג"א, אין ציווילן לופט־שוץ דינסט, צו מאַכן שמירה ביי אַליאַרם סירענעס און טעלעפאָן, דאָס עלטערע אייניקל איז אויך נישט געווען, ער האָט צוזאַמען מיט קינדער פון זיין שול־קלאַס פאַרטיילט בריוו, זיי האָבן פאַרטרעטן מאָביליזירטע בריווטרעגער, דאָס יינגסטע אייניקל האָט זיך געפונען ביי דער סבתא שפרה.

איז אבראַמינאָ אַוועק אין זיין שטאַם־קאַפע, ווו ער האָט געפונען דעם אַריינגאַנג באַריקאַדירט מיט זעקלעך זאַמד און די וויטרינעס שויבן באַקלעפּט מיט שטריפן לייוונט. אין קאַפע איז געווען טונקל, ליידיק און אומעטיק. אבראַמינאָ האָט זיך פאַרקליבן אין אַ ווינקל, ביי זיין שטענדיק טישל, באַשטעלט אַ פלעשל אַראַק מיט אַ קופל וואַסער צוצומישן צום שאַרפן געטראַנק, ביז עס ווערט ווייס ווי מילך, און גענומען טרינקען גלעזל נאָך גלעזל, ווי ס'וואָלט געווען וואַסער.

אַ פּאָר שעה שפּעטער האָט שוין אבראַמינאָ געשוועבט אין דער ווייטער סאַלאָניק, ווו ער האָט ווי פון אַ נעפּל אַרויס געזען זיין פאָטער, דאָווידאָ, דעם קאַמאַנדאָ, ווי ער שטייט אויפן דעק פון אַ שיף, מיט אויס־געשפּרייטע הענט אויפן ראַנד פון אַן אָפענעם קעלער־מאַגאַזין. פון דאָרטן האָט ער זיך אַריבערגעטראָגן צום ברעג ים, ווו יידישע באָבעס מיט שטערן־טיכלעך אויף די קעפּ, האַלטן די הענט צוגעלייגט צו די שטערנס און קוקן אויס דעם משיח שבתי צבי, וואָס דאַרף זיך באַווייזן — — — פאַרנאַכט האָט אים זיין איידעם ישי אָפּגעזוכט און געבראַכט אַ היים.

זייט יענע טעג האָט אבראַמינאָ אויפגעהערט אַריינקומען אין פּאָרט, ער האָט געפונען אַ ניי אָרט ביים דרום־טויער, אָפּצוזיצן די ליידיקע טעג דאָרטן, ווו עס שטייען צוויי רעדערדיקע וועגלעך, אַרויסצופירן קלענערע פּעק מיט קעסטלעך פון פּאָרט. דאָרטן געפינען זיך שטענדיק טרעגערס מיט זעקלעך אויף די פּלייצעס ווי וועסטן, וואָס זענען אויבן ביים קאַרק אויסגעבעטע מיט פאַקעלעס ווי לענגלעכע קישעלעך.

ווינטער צייט ברענט דאָרטן, אָן איבעררייס, אַ פייער אין אַ ליידיק אַספאַלט פּעסל, ווו די מענטשן פון די וועגעלעך וואַרעמען זייערע מגושמ־דיקע הענט, רויבערן, שפּייען, וואַרפן זיך איבער מיט ווערטלעך און

וויצן, בעת אבראַמינאָ, אַן איינגעבויגענער, אַ שווייגנדיקער, אין זײַן אַלטן, לעדערנעם ראָק און פּאַרפּלעקט היטל, מיט דער ליולקע אין מויל, האַלט אונטער דאָס פּייער עס זאָל נישט אויסלעשן.

חיפה, סעפּטעמבער, 1968

איז מאַטיע געפאָרן קיין ירושלים...

מאַטיע, אַזוי האָט ער געהייסן. זיין פאַמיליע־נאָמען האָבן ווייניקע געוווּסט. די וואָס האָבן יאָ געוווּסט זיין פאַמיליע־נאָמען האָבן אים נישט געברויכט. — מאַטיע איז געווען גענוג אפילו צו חתמענען פאַפּירן מיט צעטעלעך, וואָס דאַרף מען מער?

בדרך כלל איז מאַטיע געווען אַ שווייגער, נאָר אין נויטיקע פאַלן פלעגט ער זיך באַגיין מיט אַ באַשרענקטער צאָל איינזילביקע ווערטער, ווי — יאָ, ניין, גוט, שלעכט וכדומה, זעלטן ווען פלעגט ער זיך מיט עמעצן אַריינלאָזן אין אַ קורצן שמועס. ער האָט נישט געוואָלט רעדן.

קינדער האָבן אים גערופן „שתקן" — שווייגער, בעת פרעמדע מענטשן האָבן געמיינט, אַז „שתקן" איז זיין פאַמיליע־נאָמען.

אין זיין געוועזענער היים האָט מאַטיע נישט באַוויזן חתונה האָבן, וואָרום אין דער צייט ווען ער וואָלט געקענט חתונה האָבן האָט דאַמאָלסט געברענט די צווייטע וועלט־מלחמה, אירע פלאַמען האָבן נישט אויסגע־מיטן זיין היים — אַ שטעטל אין טראַנסילוואַניע, ערגעץ אין די מזרחדיקע קאַרפּאַטן, אין אַ געגנט פון פרוכטבאַרע פעלדער, גרינע וועלדער און טייכן, וואָס האָבן זיך אַריינגעגאָסן אין דונאַי.

אין דעם שטעטל האָבן דורות לאַנג געלעבט הונדערטער יידישע משפחות צווישן רומעניער און מאַדיאַרן. די יידן האָבן דאָרטן געצויגן חיונה ווי אַלע יידן — פון קליין־מסחר און מלאכה. זייערע צרות האָבן זיך אָנגעהויבן באַלד נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה ווען די געגנט איז אַריבער פון אונגאַרן צו רומעניע. די מאַדיאַרן האָבן די יידן געהאַלטן פאַר פאַררעטער, ווייל זיי האָבן משלים געווען מיט דער רומענישער

מאַכט, בעת די רומענער האָבן זיי געהאַלטן פאַר טריי געבליבענע אונגאַ־רישע פּאַטריאָטן, אַזוי אַז נגישות, שנאת ישראל מיט פּאָגראָמען האָבן דאָרטן יידן געגאָסן פוןביידע צדדים. ביים אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, איז אַ טייל פון יענער געגנט צוריק אַריבער צו אונגאַרן נאָר נאָך דער מלחמה איז זי ווידער אַריבער צו רומעניע. דעמאָלט האָבן נישט די מאַדיאַרן, נישט די רומענער געקענט באַשולדיקן די יידן אין פאַרראַט, ווייל זיי זענען דאָרטן מער נישט געווען. דער גרעסטער טייל יידן זענען אומגעבראַכט געוואָרן, וויניקע האָבן זיך געראַטעוועט ווי פּליטים אָדער זענען געבליבן אין באַהעלטענישן ביי גוטע פויערן, אין פאַרוואָרפענע, ווייטע דערפער אין די בערג ווו זיי זענען געוואָרן אויס־גענוצט ווי אומזיסטע קנעכט פאַר יעדער עבודת פרך.

מאָטיעס עלטערן און צוויי ברידער מיט אַ שוועסטער זענען דער־מאָרדעט געוואָרן אָנהויב דעם דריטן מלחמה־יאָר, בעת ער מיט אַן עלטערן ברודער האָבן זיך געראַטעוועט, ווייל גראָד יענע טעג האָט מען זיי, צוזאַמען מיט נאָך געכאַפּטע יידן, פאַרשיקט אין אַ לאַגער, אין אַ וואַלד, צו האַקןביימער.

אין יענעם לאַגער, אין אַ באַזונדערער אָפּצוימונג פון פאַרקאַנעס, געדיכט אַרומגעפלאָכטענע מיט שטעכעדיק דראָט, האָבן זיך אויך געפונען געפאַנגענע רויט־אַרמייער, וואָס מען פלעגט אַרויספירן ארומהאַקן די צווייגן פון די אויסגעהאַקטע ביימער, אָפּזעגן די שפּיצן און פאַרוואַנדלען אין קלעצער. די געפאַנגענע זעלנער פלעגן אויך אָפּטאָן אַלע אַרבעטן אינעם לאַגער און באַדינען די שומרים — עלטערע רומענישע רעזער־וויסטן, מיט יינגערע אָנטרייבער. אָפּגעשוואַכטע, פאַרהונגערטע, פאַר־פייניקטע, פלעגן יעדן טאָג עטלעכע פון זיי פאַלן ביי דער אַרבעט און נישט באַקומען די מינדעסטע הילף. פלעגן זיי בלייבן ליגן אין גסיסה און אויסגיין. אויב די גסיסה האָט זיך פאַרצויגן ביז סוף טאָג, פלעגט מען זיי פאַרענדיקן מיט אַ קויל אין קאָפּ און באַגראָבן אין דער נאָענט, און נישט געלאָזט אַ סימן אויף זייערע קברים.

אינעם לאַגער, צוזאַמען מיט די יידן, האָבן זיך אויך געפונען פאַרזינדיקטע רומעניער, שטאָטישע אָדער סתם געכאַפּטע פויערן, אַזוי,

אַז די יידן האָבן זיך דאָרטן געפונען אין טאָפּלטער געפאַנגענשאַפט און טאָפּלטן פּיין — ביי די שומרים און ביי די פויערן...

מאָטיעס עלטערער ברודער איז דערהרגעט געוואָרן אין וואַלד. אויף אים איז אַרויפגעפאַלן אַן אונטערגעהאַקטער בוים, מען האָט אים מקבר געווען אויף אַן אָרט. מאָטיע האָט זיך פון דעם דערוווּסט אַ פּאָר טעג שפּעטער, ווייל ער האָט געאַרבעט אין אַן אַנדער שטח און זיך געפונען אין אַן אַנדער טייל פונעם לאַגער. אַזוינס פלעגט פּאַסירן זייער אָפט, נישט געלאָזן קיין רושם אויף דער באַוואַכונג — „אַ עברי, אַ ייד ווייניקער". דער איינציקער חסד פון די וועכטער איז געווען דאָס צולאָזן יידן מקבר זיין זייערע מתים, מיטן יידישן דומנעאָ (גאָט) דאַרף מען נישט איינרייסן... מיט דער קבורה פון יידן פלעגט זיך פאַרנעמען ברוך, אַ געכאַפּטער חברה־קדישא ייד פון יענעם שטעטל, אַ גברן, וואָס גויים האָבן געפונען באַהאַלטן אונטערן טהרה־טיש פון בית עולם, געבראַכט צופירן אַ צעשלאָגענעם אויפן זאַמל־פּלאַץ, פון וואַנען מען האָט אים געבראַכט אין וואַלד־לאַגער. ברוך האָט אַלעמען געקענט פון זיין עדה און נאָך אַ קבורה פלעגט ער טאָן אַלץ צו געפינען אַ נאָענטן אָדער וויטן קרוב פון טויטן, אים איבערצוגעבן די בשורה. אַזוי האָט זיך מאָטיע דערוווּסט וועגן סוף פון זיין ברודער. בעת מאָטיע איז געשטאַנען אין דער רייע מיט אַ בלעכל ביי דער קיך צו קריגן זיין טעגלעך זופּ מיטן שטיקל פאַרדאַרט ברויט, האָט ער דערפילט אַ לייכטן קלאַפּ אין פּלייצע און דערהערט ברוך'ס שטים:

— מאָטיע דריי זיך נישט אום, איך מוז דיר דערציילן, אַז מיט צוויי טעג צוריק האָב איך דיין ברודער געבראַכט צו קבורה, כ'האָב באַוויזן אַרויסרייסן צוויי קנעפּ פון זיין ראָק, וואָס איך וועל דיר געבן לזכרון — רייס קריעה, האַלט זיך אין די הענט, זאָג מיר נאָך — „ד' נתן, ד' לקח, יהי שם ד' מבורך".

מאָטיע האָט זיך אַ וואַקל געטאָן, אָבער ער איז באַלד געקומען צו זיך און דערהערט ווייטער ברוך'ס שטים:

— זאָג מאָטיע: — ברוך אתה ד' אלהינו מלך העולם אשר יצר אתכם בדין, וזן וכלכל אתכם בדין, ויודע מספר כלכם בדין, ועתיד להחזיר

ולהחיות אתכם בדין, ברוך אתה ד׳ מחיה המתים — — — יתגדל וית־קדש״ — — —

מאַטיע האָט אײנגאַנצן געציטערט, באַוועגט מיט די ליפּן און אויפגעהערט הערן ברוך׳ס שטים, ווײל די שורה האָט אים צוגעשטופּט צום קעסל, אויטאָמאַטיש האָט ער אויסגעשטעקט דאָס בלעכל, עס צוגע־נומען אַ האַלב פולע מיטן שטיקל ברויט, און מיט אַ צווייטער שורה, אָוועקגעשטופּט געוואָרן צוריק צום לאַגער אויף נאַכטלעגער.

אין געציילטע ווערטער האָט ער אַלץ דערציילט זײַן שכן אויף דער פּריטשע, ווען ער האָט אָפּגעגעבן זײַן זופּ, דאָס שטיקל ברויט פאַררוקט אין אַ קעשענע אויף מאָרגן. ער האָט גאָרנישט געקענט טאָן חוץ זיך וואַרפן אַ גאַנצע נאַכט אויפן שטרוי־זאַק פון איין זײַט אויף דער צווייטער און אַ צעבראָכענער, מאָרגן פאַרטאָג ווייטער גיין האַקן ביימער אין וואַלד. דער טויט איז יענע צייט געווען אַלעמען נאָענט און קיינעם נישט איבעררעשט.

אין וואַלד האָט זיך מאַטיע באַפריינדעט מיט אַ פויער פון אַ נאָענטן דאָרף, ווען מען האָט געכאַפּט אונטערוועגנס צו דעם שטעטל מיט אַ פּאָר זעקלעך שפּײַז, באַהאַלטן אין זײַן וועגל, אין שטרוי, וואָס ער האָט געפירט אויפן מאַרק. די זעלנער, וואָס האָבן אים פאַרנומען נאָכן געפינען די מציאה, האָבן אים גוט אָנגעבראָכן די ביינער, צוגענומען דאָס פערד מיטן וועגל, געבראַכט אַ צעבלוטיקן אין אַ קאַזאַרמע מיט פאַרבונדענע הענט, און פון דאָרטן אַרײַנגעוואָרפן אין וואַלד־לאַגער אפילו נישט געפרעגט ווער ער איז און פון וואַנען ער קומט. מאַטיע האָט געאַרבעט צוזאַמען מיט אים. ער איז געווען אַ פשוטער גוטער מענטש — יאַנעל האָט ער געהייסן, אַ מיטליאָריקער פויער אָן חכמות, שטענדיק הונגעריק אָבער פול מיט המצאות, ווי צו כאַפּן אַ העזל, אַ פויגל, נאָך אַ רעגן געפינען שוואָמען, וואָס האָבן געוואַקסן צוגעדעקטע מיט נאָדלען אָראָפּ־געפאַלענע פון ביימער, וואָס אויגן פון אַ שטאָטישע מענטשן פלעגן נישט זען. די שוואָמען פלעגט ער שלינגען רויע און מכבד געווען מאַטיען, וואָס האָט זיך אויסגעלערנט אים נאָכטאָן, יאַנעל האָט אים אויך אויס־געלערנט דערקענען גראָז מיט בלעטער, וואָס מען קען קייען און שלינגען

ווי שוואַמען, אָבער ער פּלעגט זיך קיינמאָל נישט צורירן צו אַ שטיקל האַלב געבאַקן העזל, וואָס ער פּלעגט אים ברענגען איינגעפּאַקט אין אַ טיכל, באַהאַלטן אין בוזים פון זיין סערמיגע. מאַטיע האָט געהיט כשרות אפילו אין יענעם גיהנום, ווי ער האָט אָפּגעהיט יעדן טאָג נישט צו פאַרפעלן שטיקער פון דאַווענען, וואָס איז אים געבליבן אין זכרון. ער האָט אויך געדענקט פּסוקים פון קדיש, וואָס ער פּלעגט ווען זאָגן נאָך זיין ברודער און נישט געזאָגט, ווייל ער האָט נישט געוווסט דעם גורל פון זיינע עלטערן, שוועסטער און יינגערן ברודער, פאַר אים האָבן זיי נאָך געלעבט. דאַווענען פלעגט ער בלחש, ביי דער אַרבעט. די וועכטער האָבן געמיינט, אַז ער רעדט צו זיך אַליין און נישט צום יידישן גאָט, אַנישט וואָלטן זיי אים אויסגעהאַקט די ציין.

מאַטיע האָט במחשבה געטראַכט פון זיין היים, געהאַט אַ פּיצל האָפענונג, אַז די מלחמה וועט זיך ענדיקן און ער וועט זיך צוריקקערן דאָרטן, פון וואַנען מען האָט אים פאַרשלעפּט.

יאַנעל איז געווען זיכער, אַז אין אַ שיינעם טאָג וועט מען אים באַפרייען. אמת, ער האָט שטאַרק געבענקט נאָך זיין ווייב און קינדער, אָבער ער האָט פאַר זיי נישט צופיל געזאָרגט ווייל ער האָט געוווסט, אַז זיי זענען געבליבן אין דאָרף, אין זיין ווירטשאַפט, צווישן אייגענע, אַלע מחותנים ווייטע און נאָענטע קרובים, וואָס פלעגן זיך אויסהעלפן אין אַ עת צרה. יאַנעל האָט געהאַט זיין הויף, זיינע עופות, חזירים, אַ פערד, אַ פּאָר מילך־קי מיט אַ שטיק אַקער־פעלד, אַ שטיקל גאָרטן מיט פלוימען, עפּלביימער און גרינצייג. ער האָט נישט געקענט לייענען און שרייבן, נאַטירלעך איז ער ווי אַלע פון זיינס גלייכן געווען אַ גלויביקער קריסט, וואָס פלעגט יעדן זונטיק און חגא גיין אין קלויסטער, קניען, אויסהערן דעם פּאַפּ, וואַרפן צלמים איבערן לייב, ווי אַלע פלעגן טאָן. יאַנעל האָט ליב געהאַט אַ שטאַרקן טרונק בראָנפן, אַ גוטן ביסן געזאַלצן חזיר־פלייש מיט כריין, פאַרצערט מיט אַ שטיק שוואַרץ ברויט, וואָס וואָלט אין שטאָט קלעקן פאַר אַ משפחה אויף אַ גאַנצן טאָג.

יאַנעל האָט נישט באַנומען הלמאי מען האָט אים פאַרשלעפּט אויף קאַטאָרגע־אַרבעט דאָ אין וואַלד, ער האָט נישט געוווסט דעם מיין פון

„שוואַרצן מאַרק״, וואָרום זיינע פּראָדוקטן האָט ער געשאַפן מיט ביטערן שווייס און זיי געמוזט פירן פאַרקויפן אין שטאָט, כדי פאַר דעם אָפּגעלייזטן געלט זיך איינשאַפן דאָס נויטיקע פאַר דער היים. — מלחמה? וואָס גייט עס אים אָן, כאָטש מיט 25 יאָר צוריק איז ער אויך געווען אַ זעלנער און זיין חלק געגעבן דער מלוכה. עס איז אים אויך נישט אָנגעגאַנגען ווער איז די מאַכט — אַ רומענישע, אַ מאַדיאַרישע אָדער אומגעקערט. אין זיין דאָרף איז די מאַכט געלעגן ביים סאָלטיס, וואָס איז געווען און געבליבן אַ רומענער, ווידער די פאַרהאַסטע מוכסים זענען די זעלבע הויטשינדער, נישט וויכטיק ווער זיי זענען — רומענער אָדער מאַדיאַרן. אַזוי אַז דאָס איינציקע, וואָס יאָנעל האָט געטראַכט און געפּלאַנעוועט איז געווען, ווי טראָגט מען זיך אָפּ, ווי אַנטלויפט מען פון דאַנען וואָס פריער, נישט געכאַפּט צו ווערן נאָכאַמאָל אָן אַ פערד און וואָגן, וואָס מען האָט שוין במילא צוגערויבט פון אים ווי כופר נפש. ווער מען אים כאַפּן נאָך אַמאָל, האָט ער געטראַכט, און ער ווערט נישט האָבן מיט וואָס צו פאַרגיטיקן די כאַפּערס, וועלן זיי אים ממיתן...

מאָטיע האָט עס געוווסט, יאָנעל האָט אים אַלץ אָנפאַרטרויט און צוגעזאָגט אים מיטנעמען מיט זיך אין זיין דאָרף, ווו ער וועט אים אויסבאַהאַלטן ביז ער וועט זיך קענען צוריקקערן אַ היים. מאָטיען האָט אַזאַ בריחה געלאָקט, כאָטש ער האָט נישט שטאַרק געגלויבט אין דעם, האָט ער געשוויגן און נאָר צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, וואָס יאָנעל האָט אויסגעטייטשט ווי הסכמה צו זיין פּלאַן.

כאָטש יאָנעל האָט יעדן טאָג נישט געדאַוונט בלחש צו זיין דומנעזאָו (גאָט), נישט געטראַכט פון אים, אפילו אויפגעהערט זיך צלימען, האָט ער אים געהאָלפן אַנטלויפן, מיטגעשלעפּט מיט זיך זיין גוטן, יידישן פריינד מאָטיע. זיין קריסטלעכער גאָט האָט אים געהאָלפן מיט אַ גרויסער שריפה אין וואַלד, וואָס האָט לכתחילה אָנגעוואָרפן אויף אים אַזאַ שרעק, אַז ער האָט אינסטינקטיוו גענומען זיך צלימען. די שריפה איז אויסגעבראָכן ביינאַכט, ווען אַלע אין לאַגער זענען געלעגן פאַרשפּאַרטע, אין די באַראַקן, אויף די פּריטשעס.

פריער האָבן זיך דערהערט שאָסן פון די וואַך־טורעמס אַרום די

אָפּצוימונגען פונעם לאַגער, נאָכער האָבן זיך צעוואָיעט אַליאַרם־סירענעס, פון אַלע זייטן האָבן די פּאַטרולן גענומען פייפן, ס׳האָבן זיך דערהערט געשרייען מיט אַ טופּען פון פיס, דורך די שייבלעך פון די פענצטערלעך, אין די באַראַקן, האָט גענומען אַריינשלאָגן אַ רויטע ליכט. די טירן האָבן זיך אויפגעריסן און עס האָבן זיך דערהערט שאַרפע באַפעלן:

— אויפשטיין — אינטשענדיו, אינטשענדיו — אַ שריפה!

— גיך אויפשטיין.

— אַרויס אין דרויסן — מאַרש צום אַפּעל!

— יעדערער צו זיין בריגאַדע.

צעטומלטע האָבן אַלע בהלהדיק זיך געלאָזט אין דרויסן צו פאַר־ענדיקן פאַרקנעפּלען די בגדים אין געלויף.

דער דרויסן איז פול געווען מיט אימה — איינגעהילט אין אַן אויסטעליש, רויטער ליכט. נישט ווייט, אַרום און אַרום האָבן געשלאָגן צום הימל פלאַמען, רויך מיט פונקען. די וואָלקנס האָבן אויסגעזען ווי וואַטע געטונקטע אין בלוט, קראָען מיט אַנדערע פויגל האָבן טשאַטעסוויז, מיט קולי קולות געקרייזט איבער די דעכער. פון ריסן צווישן די רויטע וואָלקנס, האָט זיך אַלע ווײַלע געוויזן די לבנה, וואָס האָט מיט אַ קאַלט, גזלניש פנים אַראָפּגעקוקט און געחוזקט.

דער וואַלד האָט געברענט.

דערווײַלע האָט איין טייל פון דער וואַך געשאַפן אַ קייט אַרום פאַרשפּאַרטן טייל פון די געפאַנגענע רויט־אַרמייער, וואָס מען האָט פאַרווערט פאַרלאָזן די באַראַקן קיינער זאָל נישט אַנטלויפן אין דער בהלה. זיי צו האַלטן אין שרעק — האָבן די פּאַטרולן געשאָסן אין דער לופט, בעת די איבעריקע וואַך־לייט האָבן זיך פאַרנומען מיט באַשטאַטן די ציווילע געפאַנגענע מיט לאָפּעטעס, קירקעס, העק, פּיאַשן, אפילו מיט דרענגער און בעזימס, אַלעמען צו טרייבן צום הויפּטטויער, פון דאַרטן זיך צו לאָזן צוימען דעם פייער דורך אָפּרייניקן ברייטע גאַרטלען באַוואַק־סענעם שטח אַרום און אַרום, אויסהאַקן קוסטעס, בוימלעך, און איינלעגן הויכע סאָסנעס, וואָרום לעשן די שריפה איז געווען אומזיניק, איבער די

קרעפּטן פון די לאַגער־מענטשן, וואָס מען האָט אָנגעטריבן מיט געשרייען, מיט קלעפּ פון קאָנטשיקעס און קאָלבן פון ביקסן.

דאָס פּייער האָט געבושעוועט מיט אַ קנאַקעריי און שטורעם, די בהלה איז געווען גרויס, קיינעם פון דער וואַך איז פריער נישט איינגעפאַלן, אַז אַזוינס קען געשען, דעריבער איז פון פריער גאָרנישט געווען צוגעגרייט צו אַזאַ פּאַסירונג.

נאָר איינער איז געבליבן נישט צעטומלט, יאַנעל, וואָס האָט אַ שלעפּ געטאָן מאַטיען פאַרן האַנט, גיך פאַרשווונדן מיט אים אין טומל ערגעץ אַן אַ זייט. יאַנעל האָט אים געהאַלטן פאַרן האַנט ווי אַ געהאָרכזאַם קינד. מאַטיע האָט פון גאָרנישט געטראַכט און אינסטינקטיוו מיטגעלאָפן נישט צו וויסן ווו זיי זענען געלאָפן, אַזוי לאַנג ביז זיי האָבן דערגרייכט אַ שטעג, וואָס האָט געפירט צו די בערג. יאַנעל האָט אים אָפּגעלאָזן די האַנט, זיך עטלעכע מאָל געצלימט און סאָפּנדיק געזאָגט: — „שרעק זיך נישט, עברי, איצט ווייס איך ווו מיר זענען, לאָמיר אַ ווײַלע זיך אָפּרוען און ווייטער גיין ביז די זון וועט אויפגיין״.

דאָס פּייער איז איצט געווען ווייט הינטער זיי, זיי זענען מער נישט געלאָפן, נאָר שנעל געגאַנגען מיט די לעצטע כוחות, ביז זיי זענען געקומען צו אַ געדיכטעניש פון קוסטעס שוין באַרג אַרויף, ווו זיי זענען אַריינגעקראָכן אויף אַלע פיר און זיך אַוועקגעלייגט, טויט מידע, אויף דער פייכטער ערד, זיך צוגעטוליעט איינער צום צווייטן זיך צו דערוואַרעמען, וואָרום די לופט איז געווען קיל, האַרבסטיק פייכט.

אַזוי זענען ביידע געשלאָפן אַ פּאָר שעה. דער ערשטער האָט זיך אויפגעכאַפּט יאַנעל, ער האָט מאַטיען נישט אויפגעוועקט, פאָרזיכטיק־שטיל זיך אַרויסגעשאַרט פון די קוסטעס, זיך געשטעלט אויף די פיס, אויסגעגלייכט, זיך אַרומגעקוקט, גאָרנישט געזען אַרום, חוץ געדיכטן וואַלד אין אַ ים פייכטן גרינס. יאַנעל האָט זיך אַ ווײַלע אַרומגעדרייט אין דער נאָענט און צוריקגעקערט צו מאַטיען, ווען ער האָט געטראָפן זיצן אַ דערשראָקענעם אַ שטאַמלענדיקן בלחש צו זיך אַליין, מאַטיע האָט געדאַוונט, אָבער, אַז ער האָט דערזען יאַנעלן האָט ער זיך אויפגעשטעלט

מלא שמחה, טרערן האָבן אים אַרויסגעשלאָגן פון די אויגן — אָט איז ער נישט אליין, יאַנעל האָט אים נישט פאַרלאָזן.

ס'איז געוואָרן טאָג, עס האָבן זיך געהערט קולות פון פייגל און רויש פוןביימער. דער הימל איז געווען פאַרכמאַרעט, דער דרויסן פאַרנעפּלט.ביידע האָבן אַריינגעאָטעמט די וואַלדלופט, וואָס איז געווען דורכגענומען מיטן ריח פון שריפה. נאָך אַ ווײַלע שווייגן, האָט יאַנעל קראַצנדיק דעם קאָפּ, געפרעגט מאָטיען צי ער איז גרייט גיין מיט אים באַרג אַרויף ביז ער וועט זיך קענען אָריענטירן ווו זיך ווייטער צו לאָזן, וואָרום אין בהלהדיקן געלויף האָט ער פאַרלוירן די ריכטונג. זיכער איז מאָטיע מיטגעגאַנגען — יאַנעל פאָרויס מיט צוגעשפּיצטע אויערן — מאָטיע נאָך אים. ביידע האָבן זיך געדראַפּעט באַרג אַרויף, אָפּט געלעקט דעם שווערן טוי פון די קוסטעס און נידעריקע צווייגן, וואָס האָט אָפּגעפרישט און געלאָשן דעם דורשט. צו זייער מזל האָבן דאָ נישט געפעלט קיין שוועמלעך, גוטע צום עסן, וואָס מאָטיע איז שוין געווען געוויינט שלינגען רויערהייט, אַזוי האָבן זיי נישט פאַרלוירן די כוחות. ווען זיי האָבן דערגרייכט אַ פּלאַטאָ מיט צעוואָרפענע, הויכע ביימער, האָט זיך די זון געפונען איבער זייערע קעפּ. נאָכן אָפּרוען אַ ווײַלע האָט יאַנעל אַרויפגעקלעטערט אויף אַ בוים, זיך אַרומגעקוקט אַרום און אַראָפּגעקלעטערט, מיט שמחה האָט ער אַרומגענומען מאָטיען און געזאָגט, אַז זיי האָבן נישט געבלאָנדזשעט, ער קען די געגנט, אין זיינע יונגע יאָרן פלעגט ער זומערצייט אַרויסגיין פון דאָרף אויף עטלעכע מעת־לעת, צוזאַמען מיט נאָך יונגען ווי ער — פּאַשען בהמות, ער האָט פון ווייטן דערקענט אַ חורבה אין אַ טאָל, ווו זיי פלעגן נעכטיקן. נישט ווייט פון דער חורבה שלאָגט אַ קוואַל, ער האָפט אין אַ קנאַפּן מעת־לעת צו דערגרייכן זיין דאָרף, אויב זיי וועלן אויף קיינעם זיך נישט אָנשטויסן, פאַר די וואַלד־שומרים האָט ער נישט מורא, פאַרקערט, זיי וועלן העלפן, זיין משפחה איז גוט באַקאַנט אין דער געגנט. די שומרים האָבן פיינט די כאַפּערס מיט די פּאָליציי נישט ווייניקער פון אים, זייער פליכט איז — היטן דעם וואַלד, מער גייט זיי נישט אָן.

עס האָט געדויערט ווייניקער ווי אַ מעת־לעת ביז זיי האָבן פון

ווייטן דערזען דעם שפּיץ צלם פונעם דאָרפישן קלויסטער, ווו מען האָט אַ מאָל טובל געווען יאַנעלן, ווו איצט לעבט זיין משפחה.ביידע האָבן זיך אָפּגעשטעלט. יאַנעל האָט נישט געוואָלט מען זאָל זיי טרעפן צוזאַמען אַריינגייין אין דאָרף, אין מיטן העלן טאָג, ווער ווייסט, מען קען זיך אָנשטויסן אָן פּרעמדע, בייזע אויגן. מחמת פאַרזיכט האָבן ביידע באַשלאָסן נאָך אַ ווײַלע גיין פּאַרזיס, זיך אויסבאַהאַלטן און ערשט אין אָוונט, אין דער פינצטער, אַריין אין דאָרף.

יאַנעל האָט געהאַלטן וואָרט, ער האָט מאָטיען אויסבאַהאַלטן אין זיין היים וואָסערע 18 חדשים צייט. מאָטיע איז געווען אַ בלאָנדער, ער האָט פאַרלאָזן אַ באָרד און אין אַלטע, צעקנאָדערטע, פויערשע בגדים, אַ מתנה פון יאַנעלן, האָט ער אויסגעזען ווי אַן אמתער פויער.

מאָטיע האָט אָפּגעטאָן די שווערסטע אַרבעטן אין הויף, אין פעלד, אפילו געפּאַשעט חזירים. געגעכטיקט האָט ער אין אַ ווינקל שייער, וואָס יאַנעל האָט פאַר אים אָפּגעצוימט מיט קעסטלעך און באַלגס שטרוי. ווינטער איז ער געשלאָפן אין יאַנעלס שטוב, אויף אַ זאַק שטרוי, אויף דער ערד, איינגעדעקט אין שמאַטעס און מיט זיין אַלטן מאַנטל. געגעסן האָט ער, בדרך כלל, טרוקנס — ברויט מיט פאַרזיסט וואַסער, וואָס האָט געהייסן „טיי", ער האָט זיך באַמיט, אויף וויפיל ס'איז געווען מעגלעך, אויסמיידן טרפות, נאָר זיך צופיל נישט צו וואַרפן אין די אויגן מיט זיין אָפּגעהיטקייט, האָט ער זיך מתיר געווען געברויכן אַ שטיקל קעז, אַ טעפּל מילך, איינגעלייגט קרויט, אַ געזייערטע קאַווענע, פּאַפּשוי און כדומה.

לויט זיין טבע האָט מאָטיע ווייניק גערעדט און אויסגעמיטן אַרויסגיין פון זיינע דלת אמות. מען האָט זיך צוגעוויינט צו אים און צו זיינע געגנג, אים געהאַלטן פאַר אַ צעדרייטן תם פון אַ ווייטן דאָרף, פאַר אַזאַ סעזאָן־באַטראַק, וואָס איז געבליבן שטעקן ביי יאַנעלן ווי אַ בויטיקע האַנט, וואָס פאָדערט גאָרנישט, און האַלט זיך אויף נאָר פאַרן עסן מיט אַ דאַך איבערן קאָפּ.

חוץ יאַנעלן מיט זיין בריהש ווייב האָט קיינער אין דאָרף נישט געוווסט, אַז מאָטיע איז אַ עבריי (ייד), ביז ער איז אין אַ שיינעם טאָג

פאַרשווונדן, בעת ער האָט געפירט פון פעלד אַ קעלבל פאַר אַ שטריק צוגעבונדן צו איר האַלדז.

אַ דייטשישער פּאַטרול, וואָס האָט זיך אָן אים אָנגעשטויסן, איז אויסן געווען דאָס קעלבל, נישט אים, נאָר מאָטיע, אַ צעטומלטער, האָט אינסטינקטיוו זיך קעגנגעשטעלט, נישט געוואָלט אַרויסלאָזן די שטריק פון האַנט, נישט אָפּגעבן דאָס קעלבל, ער האָט נישט באַוויזן זיך כאַפּן, אַז דאָ גייט אין זיין לעבן, אפשר אויך אין לעבן פון זיין ווילטעטער. עס איז געווען צו שפּעט, ער האָט אויפגעהערט טראַכטן, ווייל ער איז שוין געלעגן אַ צעמימיתטער אין אַ טראַנספּאָרט־אויטאָ צווישן קעסטלעך מיט בלעכן, ער איז געלעגן צוזאַמען מיט דעם קעלבל, וואָס די זעלנער האָבן מיט אַ באַגנעט איבערגעשניטן איר האַלדז, זיי האָבן אים געבונדן די הענט מיט דער זעלבער שטריק, וואָס ער האָט פריער געפירט דאָס קעלבל און אַריינגעוואָרפן אינעם אויטאָ מיטן פּנים אַראָפּ אויסגעשמירט אין קלעפּיקן, וואַרעמען בלוט פון דעם קעלבל. מאָטיעס פּנים איז געווען אויפגעלאָפן, פאַרשוואָלן, די באָרד — אַ רויט שטיק קאַלטון, די אויגן האָט מען בכלל נישט אַרויסגעזען.

אַ פּאָר שעה שפּעטער, ווען די דייטשן האָבן זיך אָפּגעשטעלט אַנפילן דעם טאַנקער מיט בענזין און דערזען מאָטיעס מעמד, זענען זיי געווען זיכער אַז ער איז טויט, האָבן זיי אים אַראָפּגעשלעפּט פון אויטאָ, אַריינגעוואָרפן אין אַ גראָבן ביים וועג און זיך גיך אָפּגעטראָגן.

מאָטיע ווייסט נישט, ווי אַזוי און ווען ער האָט אויפגעמאַכט די אויגן ערגעץ אין אַ לאַגער, ווו ער איז געלעגן אין אַ באַראַק אויף אַ פּריטשע און אַ ייד ווי ער, האָט זיך מיט אים פאַרנומען, ביז ער האָט אויפגעמאַכט די אויגן, ביסלעכווייז, זיך דערמאָנט נאָר, ווי די דייטשן האָבן אים געכאַפּט מיט יאָנעלס קאַלב, מער האָט ער נישט געדענקט. ער געדענקט נאָר ווי דער ייד האָט אים געזאָגט, אַז דאָרפישע גויים האָבן אים דאָ געבראַכט ווען ער האָט „געפּאָכעט מיט דער נשמה״. צו זיין גוטן מזל איז ער אַריינגעפאַלן אין אַ לאַגער צווישן יידן, וואָס האָבן אים אָנשטאָט אַריינוואַרפן צווישן מתים, אַריינגעגנבעט אין זייער באַראַק באַכדעם, ווי ביים אַראָפּנעמען פון אים די שמוציקע, פאַרבלוטיקטע קליי־

דער, האָבן זיי באַמערקט זיין יידישן סימן. דאָרטן איז נישט געווען קיין טויטן־לאַגער, נאָר אַזאַ פּרוזדור צום גיהנום, ווו מען האָט אָפּגעקליבן געכאַפּטע מענטשן, אַממיינסטן יידן, ווען אָפּצושיקן אין פאַרמאַכטע פראַכט־וואַגאָנעס, ערגעץ ווייט — למות, און ווען צו טראַנספּאָרטירן אויף עבודת פרך, אין אַ קאַצעט, אין דייטשן־לאַנד, לאַנגזאַם אומצוקומען, נאָכן אויסנוצן זיין לעצטן טראָפּן כח פאַר דער מלחמה־מאַשין.

מאַטיעס ווונדן זענען געווען אויבערפלעכלעכע, דאָס זעלבע די קלעפּ, וואָס האָבן אים אינערלעך נישט שטאַרק באַשעדיקט, נאָר גורם געווען אַ לייכטע מאַרך דערשיטערונג, דעריבער איז ער גיך געקומען צו זיך און זיך געשטעלט אויף די פיס.

דער לאַגער איז נישט געווען קיין דייטשישער, עס האָבן אים אָנגעפירט און באַוואַכט רומענער, וואָס זענען געווען ווייט פון סיסטעמאַטישער אדמיניסטראַציע און חיהשער אכזריות. אין דער פאַרוואַלטונג און באַוואַכונג זענען געווען ווייניק פראָפעסיאָנעלע תפיסהניקעס אָדער פּאָליציאַנטן, דאָס רוב פון זיי זענען געווען מיטליאָריקע רעזערוויסטן וואָס פלעגן מער פאַרקוקן, ווי דערזען. האָבן זיך דאָרטן יידן ווי נישט איז אַן עצה געגעבן מיט הילף פון דרויסן, אַזוי, אַז עס האָבן זיך געפונען צעקנאָדערטע בגדים מיט אַ פּאָר אַלטע שטיוול פאַר מאַטיען, ער זאָל זיך קענען אַרומדרייען אין לאַגער ביי פאַרשיידענע אַרבעטן, ביז מען האָט אים מיט נאָך אַ פּאַרטיע יידן טראַנספּאָרטירט אין אַ קאַצעט אין דייטשלאַנד, ווו זיין גורל איז געווען דער זעלביקער, ווי פון די איבעריקע, ביז פון אים איז געבליבן הויט און ביינער, געוואָרן פאַרנעפּלט, נישט געפילט מער קיין הונגער, און ווען נישט אַ טיפוס־מגיפה, וואָס האָט זיך סוף־מלחמה פאַרשפּרייט אין יענעם קאַצעט, וואָלט ער פאַרענדיקט אין אַ קרעמאַטאָריע אַלס „מוזלמענער". די טיפוס־קרענק האָט געראַטעוועט זיין לעבן, מאַטיע ווייס נישט אין וועמענס זכות ער איז ניצול געוואָרן, ער ווייס נאָר, אַז ער איז גאָט זיין לעבן שולדיק און צאָלט דערפאַר צוריק, זיין ליכטיקן נאָמען, מיט תשובה, מיט תפילה דריי מאָל אַ טאָג.

דער נס פון מאַטיעס רעטונג ווייזן נאָר אַ פּאָר זעלנער, יידן־אַלמונים

פון דער אַמעריקאַנער אַרמיי, וואָס האָבן אים געפונען ווי אַ בינטל ביינער אין שמאַטעס, אַ פאַרגעסענעם, אין אַ ווינקל אויף אַ פריטשע אין אַ באַ־פרייטן קאַצעט. יענע יידישע זעלנער געדענקען אים זיכער נישט, וואָרום ער איז ביי זיי נישט געווען דער איינציקער, וואָס זיי האָבן אַרויסגעראַ־טעוועט פון יענעם עיפּוש, אין די לעצטע שעהען פאַר זייער סוף, ס'איז געווען אַ מזל־זאַך, אַ גליקלעכע צופעליקייט, אַ וואָרע תחית המתים.

נאָכן פאַרברענגען אַ פּאָר חדשים אין אַ לאַגער־שפּיטאָל איז מאָטיע געזונט געוואָרן. פונעם לאַגער־שפּיטאָל האָבן אים ווידער אַרויס־געפירט זעלנער — זעלנער פון דער יידישער בריגאַדע פון ארץ ישראל, וואָס האָבן אים געבראַכט ערגעץ אין אַן איטאַליענישער שטאָט, ביים ברעג ים פון וואַנען ער איז צוזאַמען מיט מעפּילים, אין אַ קליינער חורבה־שיף, עולה געווען קיין ארץ ישראל. די שיף מיט די געליטענע יידן האָט אין אַ האַרבסטיקער, שטורמישער נאַכט געאַנקערט ביי אַ ברעג אין שומרון. יידישע בחורים ווי דעמבעס, האָבן זיי אַראָפּגעטראָגן אויף דער יבשה, אויף זייערע פּלייצעס, געשפּאַנט ביז דער ברוסט אין שוימיקן וואַסער. איבער זאַמדן האָט מען זיי צוגעפירט צו אַ וואַרעמען, ליכטיקן קיבוץ, געביטן די קליידער, געגעבן עסן, טרינקען, בעטן מיט דעקעס.

די ענגלענדער האָבן די שיף פאַרזען, פאַרשפּעטיקט, און זי געפונען אַ ליידיקע און זייער צאָרן אויסגעלאָזט צו אַן אַנדער קיבוץ אין דער נאָענט, וואָס זיי האָבן פאַגראַמירט און פאַרשלעפּט מיט זיך אַ פּאָר צענדליק אומשולדיקע, יונגע מענער און פרויען, וואָס האָבן זיך געווערט מיט ציין און נעגל, נאָר עם ישראל חי, חי־חי וקיים — — —

מאָטיע איז פאַרבליבן אין יענעם קיבוץ, וואָס איז פאַר אים געווען ווי אַ גן עדן, ער איז דעמאָלט אַלט געווען 30 יאָר, ער האָט זיך גיך צוגעפּאַסט צו די מענטשן און צו יעדער אַרבעט, וואָס ער האָט אויס־געפירט בלב ונפש. אויסגעזען האָט ער אַ סך עלטער, ווי ער איז געווען, אין קאַצעט זענען אים אויסגעקראָכן זיינע געדיכטע, בלאָנדע האָר, דער נאַקעטער קאָפּ איז אים נישט געווען ניחא, האָט ער שטענדיק געטראָגן אַ היטל, וואָס האָט אויך פאַרדעקט די פאַרהיילטע שניטן, אויבן, אויפן שטערן. די קיבוצניקעס האָבן געמיינט, אַז ער טראָגט דאָס היטל

מחמת פרומקייט, ווייל זיי האָבן באַמערקט, ווי ער היט אָפּ צו דאַווענען דריי מאָל אַ טאָג, זיי האָבן אים גאַרנישט געפרעגט, איינגעשאַפן אַ פּאָר תפילין און געזאָרגט ער זאָל זיין וואָרעמס קריגן פון דער קליינער, כשרער עלטערן־קיך, זיי האָבן נאָר געוווּסט, אַז ער איז אַ בחור, אַ נישט חתונה געהאַטער, אַן אָפּשטאַמיקער פון אַן אומגעבראַכטער, יידישער משפחה אין טראַנסילוואַניע.

מאָטיע האָט פאַרשוויגן זיין עבר, און אין דער שטיל נישט אויפגעהערט טראַכטן און וויטאָקן פון דעם אַלץ, וואָס ער האָט פאַרלוירן, ער האָט געלעבט מיט זיין איינגעבוירענער אמונה, געירשנט פון דער געוועזענער היים. זיכער האָבן זיך דאָ נישט אַלע אויסגעלעבט אין אמונה ווי ער, אָבער ער האָט זיי אַלץ פאַרגעבן און נישט אויפגעהערט באַוווּנדערן זייער מסירת נפש און אהבת ישראל, וואָס ער האָט דאָ געטראָפן ביים ברענגען און אויפנעמען יידן פון דער שארית הפליטה, ער האָט אויך נישט אויפגעהערט באַוווּנדערן די מידה פון „ואהבתה את רעך כמוך" אינעם קיבוץ, ווו ער געניסט פון אַלץ, ווי ער וואָלט געווען איינער פון די ראשונים און נישט אַ „נייער עולה", וואָס האָט אַלץ געפונען פאַרטיק און גרייט.

מאָטיע פאַרגעסט נישט זיין פאָטערס זאָגן: — „זאָל מען נישט געפּרוווט ווערן צו וואָס מען קען געוויינט ווערן", ער איז געפּרוּווט און געוויינט געוואָרן מער צו שלעכטס, ווי צו גוטס. דאָ איז אים גוט און ווייל: ער איז אין ארץ ישראל, ווו ער האָט נאָך נישט באַוויזן אַלץ זען, זיין אינערלעכע שטרעבונג איז געווען און געבליבן — זוכה זיין זען מיט די אייגענע אויגן ירושלים עיר הקודש, וואָס איז צייט זיינע פריסטע קינדעריאָרן, פאַר אים און פאַר זיין היים געווען אַ חלום, אַ טיפער אויסדרוק פון אמונה — אָט איז ער אַזוי נאָענט פון ירושלים מיטן הר ציון, מגדל דוד, מיטן כותל המערבי און הר הבית. ווי דערלעבט מען דאָרטן קומען, אַלץ זען מיט די אייגענע אויגן? ווען ער קלייבט זיך פאָרן מאַכט זיך אַן אַנדער פאַרדרייעניש, אָפּצולייגן די נסיעה אויף אַן אַנדער צייט.

אין זיין געוועזענער היים האָט מאָטיע גאָר ווייניק געוווּסט פון ספרי חולין, ער מיט זיין היימישער סביבה האָבן זיך גייסטיק גענערט

מיט די פּלאָים פון חומש און תנ"ך, מיט די רייד פון די נביאים, מעשיות ומופתים, מיט מעשים טובים פון רביים און גוטע יידן, וואָס פלעגן איבער־געגעבן ווערן פון מויל צו מויל. מאָטיעס משפחה זענען געווען פשוטע יידן אָן חכמות — כולו אמונה אין בעסערע צייטן, וואָס וועלן קומען נאָך ביאַת המשיח, נאָך דער מלחמה פון גוג ומגוג, וואָס, האָט זיך אָפּגעהאַקט אין 1918 און באַנייט אין 1940...

מאָטיע איז געווען פאַרזונקען אין זיך און צופיל פאַרנומען מיט דער אַרבעט אין דער ווירטשאַפט, מיט אַלע נייקייטן און נייע דרכים, וואָס ער האָט געטראָפן אין קיבוץ. מילא, טראַקטאָרן, קאָמביינען, פאַרזיי־מאַשינען, וואָס האָבן נישט צו טאָן מיטן בעל חי, אָבער מעלק־מאַשינען? דאָס איז פאַר אים געווען עפּעס, וואָס איז שווער צו באַנעמען... דאָס איינציקע, וואָס האָט אים אין אַ געוויסער מאָס שאָקירט, איז געווען די גלייכגילטיקייט פון די קיבוץ־מענטשן צו אמונה. אין זיין פאַרבאָר־גענעם טרויער, אין זיין עצבות, האָט ער שווער באַגריפן די לעבנס־פרייד פון דער א"י יוגנט, וואָס ער האָט געזען דורך דער פּריזמע פונעם קיבוץ, זייער פרייקייט, געזאַנגען, טענץ, שטיפערייען, זייערע שבתדיקע שפּאַצירן, טעאַטער, קינאָ, ספּאָרט, מוזיק און וואָס נישט? נאָר ביסלעכווייז איז ער געקומען צום אויספיר, אַז זייער אמונה דריקט זיך אויס אין אהבת ישראל, וואָס ער האָט דערפילט מיט לייב און לעבן זייט ער האָט זיך באַגעגנט מיט די א"י זעלנער פון דער „בריגאַדע", ווען ער האָט געמיינט, אַז אָט, אָט, האָבן זיך אָנגערוקט די ימי המשיח.

מאָטיע פאַרגעסט קיינמאָל נישט, אַז נאָכדעם ווי די „אַמעריקאַנער" האָבן אים געבראַכט פון קאַצעט אינעם לאַגער־שפּיטאָל האָט ער מער נישט געוואָלט לעבן, ער איז געווען איבערזעטיקט מיט יסורים, ער האָט פון אַלץ רעזיגנירט, ער דערמאָנט זיך, ווי דעמאָלט האָט אין זיין זכרון אויפ־געבליצט אַ פּסוק, וואָס זיין רבי האָט אים פאַרטייטשט אין חדר: — „בעל כרחך אתה חי ובעל כרחך אתה מת", האָט ער געטראַכט: — וואָס פאַר אַ זין האָט פאַר אים דער צווייטער טייל פון פּסוק? — ער וויל מער נישט לעבן, הלמאי אַלץ אָנהויבן פון דאָס ניי אין אַ וועלט פון יסורים, פון אַזויפיל רשעות ער האָט דאָך אַלץ מיט אַלעמען פאַרלוירן און לעבט

בעל כרחך — ער וויל שטאַרבן אָנעם „בעל כרחך", ער וויל שטאַרבן פון אייגענעם ווילן.

פון דעסטוועגן האָבן זיך יענע שוואַרצע מחשבות געגומען אויסלאָזן, ווען ער האָט אויף זיין שטערן דערפילט אַ וואַרעמע, צאַרטע האַנט פון אַ יונגער קראַנקן־שוועסטער, וואָס איז פאַר זיינע האַלב־אָפענע אויגן אַפירגעשוועמען ווי אַ ווייסער מלאך, און זיינע אויערן האָבן דערהערט אירע שטילע ווערטער אין אַ געבראָכענעם יידיש:

— „דו מענטש זיין געזונט, וועל, איי עם, — איך אַ דזשואיש גערל, אַ נערס, איך אַ יידיש מיידל, יעס, אַ נערס, דו זיין געזונט" — — —

מאָטיען האָט זיך געדוכט, אַז דאָס איז אַ חלום, אפשר איז ער שוין דאָרטן, אויפן עולם האמת אָבער דאָס מיידל האָט אים נישט אָפגע־לאָזן, זי האָט ווייטער גערעדט, וואָס ער האָט נישט פאַרשטאַנען, זי האָט אים מיט אַ נאַס האַנטוכל געווישט דאָס פנים, דעם האַלדז, די הענט, איינגעגעבן רפואות, זיך נישט געמיאוסט מיט זיין קראַנקן גוף, געשפייזט מיט לעפעלעך מילך ווי אַ מוטער שפייזט אַ קליין קינד. זיין פאַרפרוירן האַרץ האָט גענומען לאָזן, שטאַרקער קלאַפּן, אַ פּאָר טרערן האָבן זיך אַראָפּגעקייקלט פון זיינע אויגן איבער די שלייפן אויף דעם ווייסן קישן צוקאָפּנס — — — אַזוי האָט ער זיך געשטאַרקט און געבעסערט פון טאָג צו טאָג. די מרה שחורה איז אויסגערונען, ער וואָלט זיין גליקלעך, ווען ער האָט די דרייסטקייט אַ קוש טאָן כאָטש אַ שפּיץ פינגער פון דער ווייסער, מיידלשער האַנט, וואָס גלעט אים מיט אַזויפיל צאַרטקייט און רחמים.

אין אַ שיינעם טאָג איז דאָס מיידל פאַרשוווּנדן, איר געשטאַלט איז געבליבן אין זיין דמיון אַ לאַנגע, לאַנגע צייט. מען האָט אים דערציילט, אַז זי האָט פאַרענדיקט איר דינסט און צוריקגעפאָרן אַהיים, אין יענער זייט גרויסן אָקעאַן, אַן אָונט פאַרן אָפּפאָרן האָט זי געוואָלט זיך געזעגענען מיט אים, נאָר ער איז געשלאָפן, דאָס מיידל איז אַרויס פון דער פּאַלאַטע אויף די שפּיץ פינגער און בלחש געפאָכעט צו אַלעמען מיטן האַנט: — „ביי־ביי, גוד לאַק — אַ גוטן מזל אייך אַלעמען — אַלע איר זיין געזונט".

מאָטיע דערמאָנט זיך עס ווי אַ חלום, ווי אַ לאַנג פאַרגאַנגענע,

פאַרנעפּלטע זעונג, וואָס לאָזט זיך נישט אויסמעקן פון זיינע פינצטערע זכרונות.

ווי מאַטיע איז איינגעוואַקסן געוואָרן אינעם קיבוצישן בינשטאָק פאַר די קנאַפּע 20 יאָר, איז ער געבליבן לעבן פאַר זיך, איינער אַליין; — מעגלעך, ווען אַ פרוי וואָלט זיך צו אים דערנענטערט אין די ערשטע יאָרן פון זיין עליה אין קיבוץ, אים צוגעטוליעט צו זיך, וואָלט זיך זיין לעבן אַנדערש אויסגעלאָזן, וואָרום ער אַליין האָט צו דעם נישט געהאַט גענוג דרייסטקייט, נישט גענוג ווילן, ער האָט זיך באַגנוגנט מיט זיין איינזאַמקייט און איז געווען צופרידן, וואָס קיינער שטערט נישט זיין פערזענלעכע רו, מען לאָזט אים זיך אויסלעבן ווי ער וויל — אָן זאָרגן.

אין דער צייט, וואָס ער האָט געלעבט ביי יאָנעלן האָט ער ליב באַקומען שטומע באַשעפענישן, פאַר וועלכע ער האָט זיך נישט געדאַרפט היטן, דאָס פערד, די קו, דאָס קעלבל, אפילו דער היימישער הונט זענען געוואָרן זיינע פריינד. בעת ער פלעגט זיי פאַשען אָדער אָנטרינקען, האָבן זיי אים אָנגעקוקט מיט מילדע אויגן, ווי זיי וואָלטן אים פאַרשטאַנען און מיטגעפילט. ווען ער פלעגט שפּאַנען דאָס פערד אָדער רייניקן די קו, פלעגן זיי אים אָפּט אַ לעק טאָן די הענט, דאָס פנים, ווי זיי וואָלטן אים געקושט. דער הונט פלעגט אים באַגלייטן אין פעלד, זיך רייבן אָן זיינע פיס און אַרומטאַנצן אַרום אים. ביי יאָנעלן האָט ער נאָר פיינט געהאַט די מיאוסע חזרים, וואָס זייער מינדעסטער באַריר פלעגט אים אויפּ־גרוילן מיט עקל, אפשר האָט אים דער הונט פאַרשטאַנען, ווייל ער, דער הונט, פלעגט זיי היטן אין דרויסן נישט צו לאָזן עובר גבול זיין פרעמדן פעלד, אַזוי אַז מאַטיע האָט געקענט אויסמיידן די ברואים אויף וויפיל עס האָט זיך נאָר געלאָזט.

אין קיבוץ האָט ער צוריק געפונען שטומע באַשעפענישן, נאָר מחמת אינערלעכן סדר פון פאַרטיילן די אַרבעטס־קרעפטן, האָט מען גראָד אים אויסגעלערנט זיך באַגיין מיט אַ טראַקטאָר און פירן אָן אויטאָמאָביל. לכתחילה האָט עס אים פאַרדראָסן, ער האָט זייער געוואָלט זיך פאַרנעמען מיט בהמות, נאָר בלית ברירה האָט ער מיט דעם משלים געווען, פאַר־שטאַנען, אַז ער איז נוציק ביי די מאַשינען, וואָס מען מוז אויך באַדינען

און זיין אַרבעט שטעלט צופרידן די קיבוץ־מענטשן, וואָס זענען אים גיך געוואָרן חברים, נאָענטע, ווי אייגענע ברידער. נאָך אַלעמען האָט אים קיינער נישט געשטערט אין זיין פרייער צייט זיך אַרומדרייען אין רפת ביי קי, אָדער אין סטאַייניע ביי פערד און מויל־אייזלען. מאָטיע האָט נישט פאַרטראָגן די מויל־אייזלען מחמת זייער אַפּאַטיע און קאַלטע, אויס־דרוקלאָזע אויגן, דערפאַר האָט ער שעהען לאַנג געקענט זיך פאַרנעמען מיט קעלבלעך, וואָס זענען אים געווען ליב ווי קינדער.

בדרך כלל איז נישט געווען די אַרבעט, וואָס איז מאָטיען געווען שווער, ער האָט זיך מיט אַלץ אַן עצה געגעבן. ווינטער, ווען עס רעגנט, ווען די פעלדער זענען בלאָטיק און פאַרשווומען און די טראַקטאָרן בלייבן אין גאַראַזש, פירט ער באַגינען אַוועק פּראָדוקטן אין שטאָט, אליין געווען דער שאָפער און טרעגער. אַליין אָפּלאָדן פולע קעסטלעך און אָנלאָדן ליידיקע — אַן אַרבעט, וואָס אַנדערע טוען אָן חשק — טוט ער וויליק. ווען ער קערט זיך צוריק אַהיים, באַוויזט ער זיך נישט אָפּרוען, ווי איר געפינט אים שוין אין אַ שפּייכלער, אין אַ רפת, אָדער אין גאַראַזש ביים רייניקן אַ טראַקטאָר, יעדע אַרבעט איז אים ניחא — אפילו אין קיך, ביים העלפן שווענקען בערג כלים, אָדער אין עס־זאַל פאַרטיילן שפּייז. איר געפינט אים אַ מאָל אין דער וועשעריי, סטאָלעריי, ביים פאַרריכטן אַ וואַסער־רער אָדער אַ פאַרהאַקטן שלאָס. זומער, אין די שבתים און פאַרנאַכטן, זעט איר אים אָפט צווישן די קינדער, זיך קייקלען מיט זיי אויפן גראָז, ווו ער פלעגט פאַרברענגען פרייַדיקע שעהען ביז פינצטער. אַזוי איז מאָטיע געוואָרן אַ נאַטירלעכער טייל פונעם מענטשלעכן פּייזאַזש אין קיבוץ.

דער קאַצעט האָט מאָטיען נישט באַפרייט אַן קערפּערלעכע מיחו־שים, ער פלעגט אָפט ליידן פון קאָפּווייטאָג, רעוומאַטיזם און פיבער, וואָס ער פלעגט פאַרבאָרגן, ער פלעגט זיך ראַנגלען מיט ווייטאָגן און זיי בייקומען, אָבער נישט שטענדיק זיי איבערוועלטיקן, בלית ברירה געמוזט בלייבן אַ פּאָר טעג אין בעט, צייטנווייז, אפילו געגאַנגען צו אַ דאָקטאָר.

בעת דעם באַפרייונגס־קריג זענען זיינע מיחושים נישט געבליבן פאַרבאָרגן פון די דאָקטוירים אינעם מאָביליזאַציע־אַמט. זיי האָבן אים

באַפרייט פון מיליטער־דינסט נישט געקוקט אויף זיינע פּראָטעסטן — „באַשר ער איז געזונט ווי אַ דעמב און וויל גיין אויפן פראָנט צוגלייך מיט אַלע יידישע זין אין ישראל", אין קיבוץ האָט מען אים געטרייסט, אויסגעלערנט זיך באַגיין מיט לייכט געווער צו גיין אויף שמירה און דורכמאַכן אַלע נויטיקע, אָרטיקע איבונגען צוגלייך מיט אַלעמען אין דער „הגנה מרחבית".

כאָטש מאָטיע איז שוין אַריין אין די פופציקער, האָט ער זיך נישט געקענט באַרויקן, בעת די זעקס טעג מלחמה, הלמאי מען האָט אים געלאָזן אין דער היים. אין מזכירות האָט ער געטענהעט, אַז — „אָט ווייס ער ווי זיך צו באַגיין מיט אַ ביקס, מיט אַ סטען, ער איז אַ גע־ניטער טראַקטאָריסט, אַ שאָפער, הלמאי זאָל ער נישט גיין אויף קידוש העם, באַדינען צה״ל און צוטראָגן זיין חלק ווי אַלע"? די תשובה איז געווען אַ פאַרשטענדלעכע:

— יאָ חביבי, חבר מאָטיע, וואָס פאַר אַ שטות דו רעדסט? זעסטו נישט ווי דער קיבוץ האָט זיך אויסגעליידיקט? זעסטו נישט ווי די גאַנצע יוגנט איז אַוועק אין צה״ל? — זאָל דער משק בלייבן פאַרוואָרלאָזט מיט אַלץ מיט אַלעמען, מיט די קינדער, מיט די בעלי־חי, מיט די פעל־דער, גערטנער און פלאַנטאַציעס — ווער וועט פאַרטיידיקן דעם משק? ווער וועט באַשפייזן צה״ל מיטן שטאָטישן הינטערלאַנד? מאָטי, מאָטי! — מיר אַלע עלטערע, זענען איצט אויך זעלנער, אויב דיר איז ניחא — העלף די הג״א, שעלטערס האָבן מיר געבויט צוזאַמען מיט דיר טעג און נעכט, הלואי זאָל מען זיי נישט דאַרפן, אויב חלילה יאָ, ווער וועט זיי באַדינען און באַוואַכן? די פייערלעשער פון קיבוץ (הלואי זאָל מען זיי נישט דאַרפן) נויטיקן זיך אויך אין הענט, און ווער וועט באַגינען אַוועק־פירן די פּראָדוקטן אין שטאָט, ווער?

מאָטיע האָט אַלץ פאַרשטאַנען, ער איז נישט געווען צופרידן מיט זייער פסקנות, און איז אַוועק צוריק צו דער אַרבעט מיט אַ שווער געמיט.

אַ פּאָר וואָכן נאָך די „זעקס טעג" איז געקומען מאָטיעס גרויסער

טאָג: — אַ פֿאַרנאַכט האָט מען אים גערופֿן אין מזכירות און אַזוי געזאָגט:

— חבר מאָטיע, פֿון די רשימות זעען מיר, אַז דו נוצסט כמעט נישט אויס דיין יערלעכן חופש (אורלויב), צו דיין רשות שטייען קנאַפּע דריי חדשים פריייע צייט. באַרעכשעם, מאָטיע, אונדזער קיבוץ האָט געהאַט מזל, אין די „זעקס טעג״ זענען אונדזערע זין און טעכטער אַרויס בשלום פֿונעם פייער, אונדזער משק איז געבליבן גאַנץ, אונדזער משק בליט, זבכן מאָטיע איצט קענסטו נעמען אַ 10—15 טעג חופש און מיטן ערשטן טיול (שפּאַציר) אַרויספֿאָרן קיין ירושלים און אַנדערשוווּ, ווו נאָר דיין האַרץ גלוסט, שוין צייט דו זאָלסט זען דאָס לאַנד ישראל, וואָס איז איצט געוואָרן גרויס, שוין צייט.

„ירושלים״! פֿון רעדן ביז פֿאָרן איז געווען געגוג ווייט, יעדער טאָג אַן אַנדער פֿאַרדרייעניש, אָבער דער מזכיר האָט געטאָן זיינס, ער האָט געמאַכט מאָטיעס חשבון, אפֿילו אים דערלאַנגט אין האַנט 5 צען פֿונטיקע אַסיגנאַציעס אויף הוצאות הדרך, די מחסנאית (מאַגאַזינערין) האָט אים ארויסגעגעבן וועש, אַ פּאָר שפּאָגל־נייע שיך, הויזן מיט אַ בלוזע מיט אַנדערע קליינע נויטיקייטן. מאָטיע האָט אפֿילו צוגעגרייט זיין זייטן־זעקל, אַנצופּילן מיט אַלדאָס נויטיקע אויף דער נסיעה, אָבער יעדן אָוונט האָט זיין נאָמען נישט געפֿעלט אין דער אַרויסגעהאָנגענער רשימה פֿונעם „סידור העבודה״ אויף מאָרגן. ווי זיין טבע, האָט מאָטיע געשוויגן, כאָטש עס האָט אים געקרענקט און שטאַרק פֿאַרדראָסן, אַזוי לאַנג ביז אַ צופֿעליקע באַגעגעניש מיטן מזכיר אין הויף פֿון קיבוץ.

— בוקר טוב — אַ גוטן פרימאָרגן מאָטיע, ווי איז געווען דער שפּאַציר?

מאָטיע האָט אים אָנגעקוקט, געקראַצט דעם קאָפּ, און קוקנדיק אָן אַ זייט שטיל געענטפֿערט:

— נאָך נישט געפֿאָרן, חיים.

— נאָך נישט געפֿאָרן אויפֿן טיול?

— ניין חיים.

— טאָ וואָס שווייגסטו?

— צו וואָס שרייען, חיים, אויף וועמען שרייען?

אויף מאָרגן נאָכן געשפּרעך האָט מען מאָטיען ווידער גערופן אין מזכּירות, ווו חיים האָט פייערלעך דערקלערט, אַז היות ווי דער גזבר (קאַסירער) פאָרט מאָרגן קיין ירושלים דערליידיקן ענינים פון קיבוץ — „וועסטו פאָרן מיט אים און מיט נאָך צוויי חברים, וואָס האָבן באַקומען חופש. איר וועט פאָרן מיטן דזשיפּ פון משק, אויסצונוצן די נסיעה צו זען אַ שטיק ארץ ישראל, וואָס קיינער פון אייך האָט נאָך נישט געזען. איך האָב גערעדט מיטן גזבר, אים געבעטן איר זאָלט „אַריינכאַפּן" און פאָרן דורך טול כּרם קיין שכם און פון דאָרטן קיין ירושלים, אָבער דער גזבר האָט מיך פאַרלאַנג נישט אָנגענומען, ווייל ער מוז פריער עפּעס דערליידיקן אין תל אביב, וועט איר מוזן פאָרן מיטן אַלטן וועג, פריער קיין תל אביב און פון דאָרטן דורך לוד—רמלה און שער־הגיא, דרך צלחה — אַ גוטע רייזע, מאָטיע!"

יענעם אָוונט האָט מאָטיעס נאָמען געפעלט אין דער רשימה פון „סידור עבודה".

אויף מאָרגן, אַ שפּראָץ אויף טאָג, ווען אַלץ איז נאָך געווען באַדעקט מיט אַ שווערן, זומערדיקן טוי, האָבן זיך מאָטיע מיטן גזבר מיט די אַנדערע צוויי „טוריסטן" געהאַצקעט אויפן דזשיפּ פון קיבוץ, דורך אַ פעלד־וועג, צום כּביש פון שרון, וואָס פירט קיין תל אביב.

אין פראָנט פונעם דזשיפּ זענען געזעסן מאָטיע מיטן גזבר, וואָס האָט געפירט די מאַשין. דער גזבר האָט די גאַנצע צייט געלויבט דעם מאָטאָר, וואָס האָט געזונגען ווי אַ מזמור און איינער, וואָס איז געזעסן הינטער אים האָט געזאָגט:

— וואָס וווּנדערסטו זיך? מאָטיע האָט נעכטן ביז חצות געאַרבעט ביי דער „כּלי", ער האָט געפּוצט, געווישט און אויספּרובירט יעדעס רעדל, יעדעס שרייפל, אַלדאָס נויטיקע געשמירט מיט אייל און גריז, נאָכער דעם „דרויסן" פונעם דזשיפּ גערייניקט, געוואַשן, אפילו די רעדער. דער דזשיפּ זעט דאָך איצט אויס ווי אַ נייער, ווי אַ צאַצקע, ווי אַן אַלט מיידל נאָר וואָס פון אַ שיינהייט־סאַלאָן, וואָס וווּנדערסטו זיך אַזוי? — אמת, מאָטיע?

מאַטיע איז געווען שטאַרק עמאָציאָנירט, איבערלאָדן מיט גליק־זעליקייט, דאָס איז געווען דער ערשטער שפּאַציר אין זיין לעבן לשם געַנוס, פריי פון זאָרג און עול. מאַטיע איז געזעסן מיט אַ צאַפּלדיק האַרץ, עפּעס אַ קליינקייט? — ער פאָרט דאָך קיין ירושלים עיר הקודש, ירושלים דער דמיון, דער חלום פון זיין פריסטער יוגנט, דאָס ערשטע, וואָס ער וועט דאָרטן טאָן איז גיין — לויפן צום כותל, צודריקן דעם פּנים צו די שטיינער, וואָס ער וועט זען און דערפילן אויף דער וואָר, ער וועט פאַר די שטיינער אויסשווייגן זיין לאַנגן, לאַנגן, ווייטן גאַנג — פון דעם שטעטל אין טראַנסילוואַניע, פון דער פאַרברענטער היים, דורך וועגן און שטעגן, וועלדער און בערג, פייער און בלוט, קאַצעטן און פּיין, פון דעם גוטן יאָנעלס חזרים ביז די פריטשעס פונעם טויטן־לאַגער אין דייטשן־לאַנד — דאָס יידישע מיידל פון אַמעריקע — דער ווייסער מלאך, די יידישע זעלנער פון דער בריגאַדע, דאָס חורבה־שיפל אויפן שטורמישן ים, די פּלייצעס פון אַ בחור ווי אַ דעמב, וואָס האָט אים געטראָגן, ווי אַ זאַק ביינער אין וואַסער איבער דער ברוסט, ביזן קיבוץ — — —

— — — ירושלים — דאָס אַלץ האָט אים פאַרכלינעט, איין פּאַסירונג אויסגעמישט מיט דער צווייטער, אַזוי ביז אַ שפּרונג, אַ צאַפּל, דער דזשיפּ איז שטיין געבליבן אין תל אביב.

תל אביב איז נישט געווען קיין נייס פאַר מאַטיען, אָבער וואָס פאַר אַ תל אביב? — דער טומלדיקער, „שמעקעדיקער" מאַרק מיט די מאַגאַזינען פון „תנובה", ווו ער פלעגט אָפּלאָדן פונעם קיבוצישן אויטאָ דאָס גוטס פון משק, זיך מחיה זיין מיט אַ געפעפערטן פאַליאַפעל און אַ קופּל גזוז, צוריק אָנלאָדן דעם אויטאָ מיט ליידיקע קעסטלעך און אין איילעניש זיך ווידער לאָזן אַהיים — אין קיבוץ, נישט צו פאַרלירן אַן איבעריקע רגע צייט, וואָרום דאָרטן, אין דער היים, האָט אויף אים געוואַרט אַ לאַנגער טאָג אַרבעט.

אָט איצט, בעת דער גזבר דרייט זיך אַרום ערגעץ אין קאָרידאָרן פון די מוסדות, שפּאַצירט מאַטיע מיט זיינע חברים אין ווייסע, זוניקע גאַסן פולע מיט מענטשן, ווו דער וואָכעדיקער טאָג זעט אויס ווי שבת אָדער יום טוב, מוטערס מיט קינדער פאַר די הענטלעך אָדער אין וועג־

געלעך, קאַפּע־הייזער מיט טישלעך אין גאַס אונטערן פרייען הימל באַזעצט מיט בחורים, מיט מיידלעך, מיט סתם מענטשן, רויִקע, לאַכעדיקע, ווי נעמען זיי אַזויפיל פרייע צייט? ווען אַרבעטן זיי? אוניפאָרמירטע מיידלעך — פּאָליציאַנטקעס לענקען דעם פאַרקער אין די באַלאַדענע גאַסן. אומעטום בוימער, גרינס, גערטלעך, הייזער — פּאַלאַצן, מיט קלענערע הייזלעך, גרויע ווי אין זיין היים־שטעטל. ראַדיאָ־מוזיק הילכט פון אָפענע פענצטער אַרויס, מען באַגעגנט וועגעלעך מיט פרוכט, מיט קלייניקייטן און שפּילצייג, קיאָסקן מיט געטראַנקען מיט כלערליי מינים שאָקאָלאַד, זיסוואַרג, ציגאַרעטן, קיאָסקן מיט צייטונגען און זשורנאַלן מיט לייכטער ליטעראַטור אין אַלע אייראָפּעיִשע שפּראַכן, גרויסע בוכהאַנדלונגען, טומלדיקע יונגוואַרג און באַיאָרנטע מענטשן לויפן אַרום, רופן אויס נעמען פון פרישע אָוונט־צייטונגען, שוין אין די פאַרמיטאָג שעהען... און וואָס פאַר אַ שפע אין די וויטרינעס?!

זיי האָבן זיך אָפּגערעדט טרעפן ביים „המשביר”־בנין, דער צענטראַלער איינקויף־פּלאַץ פון די קיבוצים, ווו זיי האָבן איבערגעלאָזט דעם דזשיפּ. דער בנין זעט אויס ווי אַ ריזן־מאַגאַזין, ערגעץ אין אַ פּאַרט, ווו די טירן שטייען אָפן אויפצונעמען און אַרויסצולאָזן, פון זון פאַרברוינטע קיבוצניקעס מיט טעקעס אָדער מיט זייטן־זעקלעך אין פאַרשוויצטע, צעכראסטעטע, אָפענע העמדער, יינגערע מענטשן מיט טשופּרינעס און עלטערע, אויסגעפּראַצעוועטע ערד־אַרבעטער מיט זילבערנע פּאות אונטער קאַסקעטן — מיט צעאַקערטע ברוינע פּנימער, יינגערע און מיטליאָריקע קיבוצניצעס מיט פּעקלעך און נעצן־קוישלעך, די גאַס אַרום איז געווען איבערגעלאָדן מיט באַוועגונג, וואָס האָט געשטראָמט קיין יפו און פון יפו קיין תל אביב.

נאָכן פאַרברענגען סתם אַזוי אַ פּאָר שעה אין די גאַסן און אָנקוקן אַלע פּלאַצים פון דער גרעסטער יידישער שטאָט, האָבן זיי זיך צוריקגעקערט דורך דער נחלת בנימין גאַס צום דזשיפּ. אָנגעהויבן פונעם מערבדיקן ווינקל אַלענבי, זעט אויס די נחלת בנימין גאַס מיט די אָנצאָליקע קראָמען, ווי אַיין אָנסופיקע אויסשטעלונג פון סחורות מכל המינים, אָבער אַ שטיקל וויטער, ווו עס שניידן זיך די יהודה הלוי און הערצל

גאַסן, פאַלן זיי אַריין אין גאַר אַן אַנדער וועלט, וואָס איז אויסגעפּילט מיט אַרבעט און פּראַצע, מיט אַן אַ צאָל וואַרשטאַטן, פאַבריקלעך, סקלאַדעס, מען זעט נאָר אַרבעטער און באַלמעלאָכעס אין פאַרפלעקטע־פאַרטוכער און קאָמבינעזאָנען, אויסגעשמירטע אין אייל און פאַרב, געמישט מיט שווייס. זעלטן ווען איז דאָרטן צו טרעפן יענעם שבת־יומטובדיקן עולם, וואָס זיי האָבן פריער געטראָפן אין די צפונדיקע, ווייסע, זוניקע גאַסן. דאָ זענען די הייזער קליינע, גרויע, אַלטע, אויסערלעך פאַרנאַכלעסיקטע, פול מיט רויש פון מאַשינען, מיט סימפאָניע פון פּראַצע, אינגאַנצן אַן אַנדער וועלט!

אין דער אמתן האָבן זיך דאָ געפּילט מאָטיע מיט זיינע חברים היימישער און בעסער, ווי צווישן די קאַפּע־הייזער מיט די ליידיקגייער, עס האָט זיך זיי געדוכט, אַז זיי שפּאַנען צווישן די גאַראַזשן און וואַר־שטאַטן פון זייער קיבוץ ווו אַלץ איז געלאַסענער און רויִקער, אפילו די זעלבע זעגן, די דרילן, די טאַקטרייען און האַמערס פון קיבוץ, זענען שטילער ווי יענע, אין דער אויבערשטער נחלת בנימין גאַס פון תל אביב.

„די „זעקס טעג״ זענען נאָך געלעגן אויף די ווענט פון דער שטאָט: — טרויער־פּלאַקאַטן אין שוואַרצע ראַמען, וואָס דערמאָנען געפאַלענע יוגנט פון דער תפארת ישראל, געפאַלענע אין סיני און יהודה, אין ירושלים, גולן און שומרון — אין עלטער פון 19, 20, 25 יאָר, אָפּיצערן מיט זעלנער פון צה״ל, פוסגייער, פאַראַשוטיסטן, טאַנקיסטן וכדומה, זייערע יונג פאַרשניטענע לעבנס הערן נישט אויף אַראָפּצושרייען פון די שטומע ווענט, בלוט, וואָס קאָכט אין הערצער, ווי דאָס בלוט פון אַמאָליקן זכריה הנביא אויף די ברוק־שטיינער פון ירושלים. מאָטיען האָט מען נישט געקענט אָפּרייסן פון די שוואַרצע ראַמען אויף די ווענט, פאַר זיינע אויגן איז אָפּירגעשוומען דער צעדריקטער קערפּער פון זיין ברודער, ווי ער ליגט אונטער אַ בוים אין טראַנסילוואַנישן וואַלד, אין זיינע אויערן וויינט די שטים פון ברוכן, דעם חברה קדישא־ייד פון זיין שטעטל, וואָס שטאַמלט הינטער זיינע פּלייצעס: — „ועתיד להחיות אתכן בדין״...

ביים דזשיפּ האָט שוין געוואַרט אויף זיי דער גזבר, ער איז געווען אין אַ שלעכטער שטימונג — מיט „ברכות״ און מיט טענות אויפן חשבון

פון די שטאַטישע פּקידים אין געוויסע מוסדות, וואָס האָבן נישט דער־ליידיקט זיינע עניינים, — „זיי האָבן שטענדיק צייט, זיי האָבן נאָר מורא די טיי זאָל זיך נישט אָפּקילן" — האָט ער שטיל געברומט צו זיך און צו זיי.

— איך בין נערוועז — האָט ער געזאָגט — ביז ירושלים וועסטו, מאָטיע, מיך פאַרבייטן, דו וועסט פירן דעם דזשיפּ.

אַזוי איז געווען.

שווייגנדיק, האָט מאָטיע געפירט דעם דזשיפּ, אויסערלעך נישט אַרויסגעוויזן זיין אינערלעכע שפּאַנונג. מחמת אחריות פאַר די מענטשן, וואָס זענען מיטגעפאָרן, האָט מאָטיע זיך נישט פאַרגונען כאַפּן אַ קוק פון ביידע זייטן וועג, באַזונדערס פונעם שער הגאַי, פאַרויס צו ירושלים, ווו זיי זענען געפאָרן צווישן הויכע, באַוואַלדיקטע בערג, ווו די לופט איז געווען דורכגעזאַפּט מיטן דופט פון יונגע נאָדלביימער, ער האָט נאָר אַ פּאָר מאָל זיך אָפּגעשטעלט באַקוקן סקעלעטן פון צעשאָסענע, אויפ־געריסענע, לייכטע פאַנצער־אויטאָמאָבילן פון פּלמ"ח, וואָס האָבן אינעם באַפרייונגס־קריג נישט איינמאָל דורכגעבראָכן פאַרשפּאַרונגען־באַריקאַדעס פון גרויסע שטיינער, וואָס באַוואָפנטע, אַראַבישע כנופיות פלעגן אַראָפּ־קייקלען פון די בערג. פאַר יעדן דורכברוך האָט דער פּלמ"ח געצאָלט מיט קרבנות. די רעשטן פון די פאַנצער ווערן אָפּגעהיט ווי נאַציאָנאַלע דענק־מעלער, וואָס ווערן באַצירט מיט בלומען און קרענץ אין דער צייט פון די יערלעכע „יום העצמאות"־פייערונגען.

וואָס מער זיי האָבן זיך דערנענטערט צו ירושלים, אַלץ מער איז מאָטיע געוואָרן אומרויקער. נישט איינמאָל האָט אים דעם גזבר אויפ־מערקזאַם געמאַכט, נישט איבערצוטרייבן די שנעלקייט און קוקן פאַרויס מיט „אָפענע אויגן". אַזוי זענען זיי אַריבערגעפאָרן די סערפּענטינעס פון מוצא, ווו דער כביש האָט זיך גערונדיקט אַרום אַ באַרג, ווייטער געשטיגן אין דער הויך. דער כביש האָט זיך דאָרטן געצויגן אויפן ראַנד פון אַ תהום און פון ווייטן, ווי פון אַ נעפּל אַרויס האָט זיך גענומען אַנטפּלעקן אַ טייל פון דער פאַנאָראַמע פון ירושלים.

מאָטיע האָט זיך נישט געקענט באַהערשן, אויף איין אויגנבליקטל

האָט ער אַרויסגעלאָזן דאָס רעדל, אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט, אויס־צורופן אין התפּעלות איין איינציק וואָרט: — ירושלים!

בעת ער האָט באַלד צוריקגעכאַפּט דעם רעדל אין די הענט, איז שוין געווען צו שפּעט: — ווי פון אונטער דער ערד אַרויס האָט זיך באַוויזן אַ טאַקסי אין פולן שוווּנג. ביי די קיבוצניקעס איז פאַרגליווערט געוואָרן דאָס בלוט.

וועלנדיק אויסמיידן אַ צוזאַמענשטויס, האָט מאָטיע שאַרף אַ דריי געטאָן דאָס רעדל אויף לינקס, אין דער ריכטונג פון תהום, די לופט האָט דורכגעשניטן אַ יאָמערדיק סקריפּ פון די ברעמזן, פון דעם אָקעגנדיקן אויטאָמאָביל, בעת דער דזשיפּ איז געשפּרונגען אין זיג־זאַגן איבער קוסטעס און פעלדזן אויפן שפּוע צום תהום אַראָפּ, פּלוצים געבליבן שטיין, ווי אַ גאַלאָפּירנדיק פערד, מיט די הינטערשטע רעדער אַרויף, זיך אָנגעשלאָגן אָן אַ שטאַם פון אַ טרוקענעם בוים.

צוויי פון די פיר קיבוצניקעס זענען אַרויסגעשליידערט געוואָרן אין דרויסן, אַריינגעפאַלן צווישן קוסטעס, זיי זענען אָפּגעקומען מיט אויסערלעכע וווּנדן, בעת מאָטיען מיטן גזבר האָט מען געפונען אינעם פאָדערשטן טייל פון דזשיפּ.

מאָטיע איז געלעגן מיטן פּנים אַרויף, מיט אָפענע פאַרגליווערטע אויגן, מיט אַן איינגעבראָכענעם רוקן איבער דער אייזערנער ראַם פון געזעס, בלוט האָט געריזלט פון זיין מויל און גערונען אַראָפּ איבער זיין ווייס העמד, אויפן קאָפּ פון גזבר, וואָס איז געלעגן מיטן פּנים אַראָפּ, איינגעגראָבן אין מאָטיעס שויס.

אַן אַמבולאַנס האָט די פאַרוווּנדעטע געבראַכט אין אַ שפּיטאַל, ווו זיי זענען במשך פון אַ פּאָר וואָכן געגעזן געוואָרן און זיך צוריקגעקערט אַהיים.

מאָטיע איז געבליבן אויף אייביק אין ירושלים, איינגעזאַמלט אין דער ערד פון „הר המנוחות".

חיפה, דעצעמבער, 1968

רמי האָט געשוואָרן

אָשר האָט יענע נאַכט נישט געקענט צוטאָן אַן אויג, ער האָט זיך געדרייט אויפֿן געלעגער פֿון איין זייט אויף דער צווייטער, זיך נישט געפֿונען קיין אָרט. דער דמיון האָט אים נישט צורו געלאָזן, ער האָט זיך באַמיט צו האַלטן פֿאַרמאַכט די אויגן, אויפֿהערן טראַכטן, אפֿשר וועט אים די מידקייט, נאָך אַ לאַנגן טאָג אַרבעט, איבערוועלטיקן און ער וועט איינשלאָפֿן, כאָטש אויף אַ פּאָר שעה ביז פֿאַרטאָג, אָבער עס האָט זיך נישט געלאָזט.

עס איז שוין געווען ווייט נאָך חצות. אין גאַס איז געווען רויִק. דאָס גרויסע, בשותּפֿותדיקע הויז אין שיכון, וווּ ער לעבט, איז געשלאָפֿן, ס'האָט זיך נאָר געהערט אַ קינד וויינען אַ פּאָר מינוט ביז עס האָט זיך באַרויִקט און שטיל געוואָרן. ווי צו להכעיס האָט אַ קאָטער אויסגעקליבן דווקא די נאַכט זיך צו דערקלערן אין ליבע זיין שכנס קאַץ, וואָס האָט זיך פֿאַרקליבן אויף אַ נידעריקן צווייג פֿון אַ בוים, אין הויף, נאָענט צו אָשרס פֿענצטער, דער קאָטער האָט אויסגעדריקט זיין ליבע און לוסט דורך אַ קעצישער סערענאַדע, די קאַץ האָט אים געענטפֿערט אויף איר שטייגער, אַראָפּגעשפּרונגען פֿון צווייג און אַנטלאָפֿן. דער קאָטער האָט זי נאָכגעיאָגט, ביידע זענען פֿאַרשוווּנדן און שאַ־שטיל.

פֿון וויטן האָט געררוישט דער ים, עס האָט זיך געהערט שווער פּאַלן אַן אַנקער פֿון אַ שיף, די סירענע האָט אַ ווײַלע געברומט און פֿאַרשטומט. די לבֿנה האָט גענומען אַריינלייכטן אין אָשרס שלאָפֿצימער דורך די שטאַכעטן פֿון דער פֿענצטער־רולעטע, די שטאַכעטן האָבן צע־שניטן די בלאַסע ליכט אויף דער וואַנט אין גלייכע שטרייפֿן, מיט גלייכע אָפּשטאַנדן, ווי זיי וואָלטן געווען געענוי, גלייך אויסגעמאָסטן

לויט אַ מאַסשטאַב. אָשר דרייט זיך איבער מיטן פּנים צו דער וואַנט, מאַכט אויף אַ רגע די אויגן און שליסט זיי צוריק, ער וויל נישט זען די ליכט־שטרייפן, זיי שטערן אים, ווי זיי וואָלטן זיך מיט אים גערייצט. אָשר כאַפּט זיך, אַז דאָס צווייטע האַלבע בעט איז ליידיק, ער וווּנדערט זיך אַ ווײַלע, — ווו איז רחל? — יאָ, ער דערמאַנט זיך, אַז די נאַכט איז זי געבליבן נעכטיקן ביי דער טאָכטער, זיין בכורה, זי איז די לעצטע טעג נישט מיט אַלעמען. דער איידעם געפינט זיך ערגעץ ווייט פון דער היים, מען האָט אים גערופן אין צה״ל אויף 21 טעג איבונגען, ער וועט זיך צוריקקערן ערשט אויף שבת, און אָשר האָט אַ נייע סיבה צו טראַכטן. די מעשה מיטן איידעם פאַרדריסט אים, מיט אַ 10 חדשים צוריק האָט ער זיך צוריקגעקערט בשלום פון די „זעקס טעג״, און אָט ווידער איבונגען. די „זעקס טעג״ האָט ביי אים געדויערט אַ חודש צייט. דער איידעם איז אַ אינסטאַליאַטאָר, זיין וואַרשטאַטל האָט ער געמוזט לאָזן אין די הענט פון אַ געזעל, וואָס פליאַדערט מער אַרום, ווי ער אַרבעט, אַ וואַרשטאַט אָן אַ באַלעבאָס...

דרייען זיך איצט אָשרס מחשבות אַרום איידעם, אַ ווילער, אַ שטי־לער אַרבעטסזאַמער מענטש, אַ טרייער מאַן פון זיין טאָכטער און אַ גוטער פאָטער פון זיינע אייניקלעך — צוויי פּרעכטיקע מיידלעך, וואָס ער האָט ליב אהבת נפש, שוין אָפּגערעדט פון זיין ווייב, די סבתא רחל, וואָס גיט זיי אָפּ אַ סך פון איר צייט.

זיינע געדאַנקען שפּרינגען אַריבער צו זיין מיזיניק, רמי, וואָס איז אין דער אמתן די סיבה פון דער שלאָפלאָזער נאַכט, דאָס איז נישט די ערשטע און נישט די לעצטע נאַכט, וואָס לאָזט נישט שלאָפן, נישט אים, נישט רחלען, וואָס פעלט איצט אין דער צווייטער העלפט פון דער בעט.

רמי דינט שוין אַ קנאַפּ יאָר אין צה״ל, בסך הכל איז ער נישט אַלט קיין פולע ניינצן יאָר. צו זיבעצן האָט ער געענדיקט אַ מיטל־שול, באַקומען אַ מאַטורע־צייגניש מיט גוטע מיינונגען. ער מיט רחלען האָבן געטראַכט, אַז רמי וועט ממשיך זיין דאָס לערנען אין דער טעכ־נישער הויך־שול. מחמת די גוטע מיינונגען אין דער מאַטורע־צייגניש,

וועט ער נישט האָבן קיין שוועריקייטן דאָרטן אָנגענומען צו ווערן. רמי האָט אַ גוטן קאָפּ מיט גאָלדענע הענט. ער חלומט פון עלעקטראָניק, זיין גימנאַזיע־דירעקטאָר האָט צוגעזאָגט אויספועלן פאַר אים אַ סטיפּענ־דיע, אָבער רמי האָט זיך באַקלערט, אַז ער האָט צייט, ער וויל פריער גיין אַרבעטן אַ יאָר צייט, אָנקלייבן אַ ביסל געלט, ער ווייסט ווי דער פאָטער אַרבעט שווער צו פאַרדינען אויף דער באַשיידענער, היימישער אויס־קונפט, נאָכדעם וועט ער זיך שטעלן צו דינסט אין צה״ל, ווו, ווי ער גלויבט, וועט מען אים דערמעגלעכן דינען און לערנען אין דער „עתודה״, (העכערע בילדונג אויפן חשבון פון צה״ל, בתנאי, אַז נאָכן ענדיקן דאָס רעגולערע דינסט, וועט ער בלייבן נאָך אַ פּאָר יאָר דינען אין „צבא קבע״), אָבער עס האָט זיך אויסגעלאָזט אַנדערש, ווי ער מיט רחלען האָבן געוואָלט. בלית ברירה האָבן זיי משלים געווען מיט רמיס ווילן.

— גיי זיי אַ חכם און פאַרשטיי די היינטיקע יוגנט — האָט ער זיך אויסגעטענהעט מיט רחלען נישט אָן ביטערניש.

אָשר וואַרפט זיך אויפן געלעגער און טראַכט ווייטער, אַז אָט דערנענטערט ער זיך צו זעכציק, ער ווערט אַלט, ער אַרבעט שוין אַ פּאָר צענדליק יאָר, ווי אַ מעטאַל־טאָקער, אויף אַ באַשטענדיקן אַרבעטס־פּלאַץ, אין אַן אייזן־גיסעריי פאַבריק. באַרכעשעם, אויפגעשטעלט אַ באַשיידענע, וואַרעמע היים, אויפגעהאָדעוועט קינדער, ברויט פעלט נישט, אפילו אויסגעצאָלט די קליינע דירה, ווו ער לעבט איצט. אמת, רחל האָט געהאָלפן, זי האָט געאַרבעט, האַלבע טעג, אין אַ צרכניה (קאָנסום־קאָאָפּעראַטיוו), חתונה געמאַכט די טאָכטער, און איר אויך געהאָלפן זיך איינאָרדנען, אַמאָל האָט מען אַזוינס גערופן „נדן״, היינט טאָר מען אַזאַ וואָרט נישט דערמאָנען, היינט גיט מען נישט קיין „נדן״ — היינט „העלפט מען נאָר״, זאָלן זיי זיין געזונט און שטאַרק. דעם נחת, וואָס מען שעפּט פון די אייניקלעך, איז נישט אָפּצושאַצן. דער איידעם אַרבעט אויך געוונג שווער און שפּאָרט אויף אַ דירה, נאָר רמי באַאומרויִקט זיי, רמי האָט זיך אין מיליטער פאַרבונדן מיט חברים, וואָס ווילן ווערן לופט־פּליער, מאַטראָסן, זיי „ווילן זען די וועלט״. רמי, אַ געזונטער, געשטאַלטיקער בחור האָט זיך איינגעבעטן ביי זיינע ממונים, מען זאָל

אים נאָכן ערשטן יאָר דינען, צוטיילן צו אַ פּאַראַשוטיסטן־אייניהייט, דערנאָך „וועט ער זען", אפשר וועט ער אַזוי מצליח זיין אָנקומען אין אַ לופט־פליער שול.

— צוריקגערעדט — טראַכט אָשר — אין מיינע יונגע יאָרן האָב איך זיך אויך אַרומגעטראָגן מיט חלומות, וואָס דאָס לעבן האָט שפּעטער צעבלאָזן.

אָשר טראָגט זיך אַריבער אין זיין געוועזענער היים אין פּוילן, מיט עטלעכע און פערציק יאָר צוריק, אַ וואַרעמע יידישע היים אין אַ קרייז־שטאָט. ער געדענקט דעם פאָטער, ווי ער איז שטענדיק אַרומגעגאַנגען אַ פאַרשטויבטער מיט מעל, אפילו די האָר אויפן קאָפּ, די ברעמען מיט די פאַרגויישטע וואָנצעס, אַלץ איז געווען ווייס. דער פאָטער איז געווען אַ „מענטש" אין אַ וואַסער־מיל, וואָס האָט זיך געפונען נישט ווייט פון שטאָט, אויפן ברעג פון אַ שטראָמיקן טייכל, וואָס האָט אַריינגעפלאָסן אין דער ווייסל. דער פאָטער האָט אַלע יאָרן געהאַט צו טאָן מיט דאָר־פישע גוים און מיט שטאָטישע בעקערס און מעל־סוחרים, ער האָט גערעדט פּויליש נישט ערגער ווי אַ פּאָליאַק, ער האָט זיך מיט אַלעמען גוט פאַרטראָגן. אַ גאַנצע וואָך, פון זונטיק באַגינען ביז פרייטיק מיטאָג צייט, האָט ער פאַרבראַכט אין מיל, נאָר געקומען שפּעט פאַרנאַכט נעכטיקן אין דער היים און צו מאָרגנס, אַ שפּראָץ אויף טאָג צוריק־געגאַנגען אין מיל. ער האָט ליב געהאַט זיין אַרבעט, זיך געקענט אין תבואות, מעל און גריצן, געוווּסט די נעמען פון אַלע קונדן.

דער עול פון שטוב איז געלעגן אויף דער מוטער, אַ יידישע מאַמע, וואָס האָט געהאָדעוועט דריי קינדער, נישט געוווּסט פון קיין רו. ער געדענקט ווי דער פאָטער פלעגט יעדן פרייטיק ברענגען אַהיים אַ לייוונט זעקעלע מטבעות מיט פּאַפּיר־געלט, עס איבערגעבן דער מוטער, נאָכער בייטן די מלבושים, נעמען אים מיטן יינגערן ברודער, און מיט אַ גרייטן פּעקל וועש זיך לאָזן אין באָד אַרייך. פון באָד פלעגן זיי זיך צוריקקערן אַהיים צו אַ גרייטן טיש מיט אַ לייכטן צובייס. זיי פלעגן זיך זעצן ביים טיש ווי „בייע מענטשן", ריין געקליידעט, אויס־געצוואָגענע, מיט שבת חדוה אין די אויגן. אַזוי ביז 1924, ווען דער

פּאָטער האָט זיך פּלוצעם באַוויזן אין דער היים אין אַ וואָכעדיקן, מיטן העלן טאָג, זיין פּנים האָט געפלאַמט, ער האָט געפיבערט. די מוטער האָט אים געהאָלפן זיך אויסטאָן, זיך אַרומוואַשן און לייגן אין בעט, אינעם טונקעלן אַלקער. ער איז געלעגן וואָסערע דריי וואָכן מיט הויכער היץ, דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, אַז ער האָט געכאַפּט אַ „זאַפּאַלעני פּליוץ" — אַ לונגען־אָנצינדונג, און חוץ די רפואות נויטיקט ער זיך אין „רחמים פון הימל". די רפואות האָבן נישט געהאָלפן, די רחמים פון הימל זענען נישט געקומען, כאָטש די מוטער האָט געריסן קברים, שעהען לאַנג געלעגן אין שול ביים אָרון קודש און מיט אירע טרערן נאַס געמאַכט דעם זיידענעם פּרוכת. איר געוויין איז נישט אָנגענומען געוואָרן, אויף דער פּערטער וואָך איז דער פּאָטער אויסגעלאָשן.

נאָכן פּאָטערס טויט האָט די מוטער אויפגעמאַכט אַ שפּייז־געוועל־בל, וואָס האָט פאַרצערט אַלע אָפּשפּאָרונגען פון פּאָטער, צוזאַמען מיטן גרעסטן טייל פון איר צירונג. דאָס געוועלבל וואָלט אפשר מיט דחקות געשפּייזט די פאַריתומטע משפּחה, אָבער די צינזן האָבן פאַרברענט דעם מאָגערן איינקונפט. די שוועסטער האָט יונג חתונה געהאַט מיט אַ באַל־מעלאָכע ערגעץ אין אַ נאָענט שטעטל, ווו קרובים האָבן געלעבט. דעם ייִנגערן ברודער האָט גענומען אַ פעטער צו זיך אין אַ געשעפט. אים אָשרן, האָט דער פעטער מסדר געווען אין דער שלאָסעריי ביי דער מיל, ווו דער פּאָטער האָט געאַרבעט. ער איז געוואָרן אַ לערן־ייִנגל.

אָשר איז געווען נאָענט צו אַכצן, ווען ער איז אַריינגעצויגן געוואָרן אין שטאָטישן „החלוץ". דער זיידע, דער פעטער מיט דער מוטער האָבן גאָרנישט געהאַט קעגן זיין ווילן עולה צו זיין קיין ארץ ישראל. פאַרקערט, זיי האָבן אין דער עליה געזען פאַר אים אַ תכלית. האָט ער פאַרלאָזן די שלאָסעריי ביי דער מיל און איז אַוועק אויף „הכשרה", אין אַ געדונ־גענעם פּאָלוואַרעק, נישט ווייט פון שטאָט.

נאָכדעם ווי פּוילישע זעלנער האָבן דעם זיידן מערדערלעך צע־שלאָגן, בעת אַ נסיעה מיט דער באַן, און אַ צעממיתטן אים אַרויסגע־וואָרפן דורך אַ פענצטער אין דרויסן, ווו גויים האָבן אים געפונען אַ גוססן אין אַ קאַנאַווע ביי דער באַן־ליניע, האָט זיך די מוטער איינגעבראָכן.

דער צער האָט זי פאַרצערט, זי איז אַריינגעפאַלן אין אַ מרה שחורה.

פונעם געוועלבל איז שוין פריער גאָרנישט געוואָרן, זי איז קראַנק געוואָרן און שטיל אויסגעגאַנגען.

אָשרס היים איז צעפאַלן און ער האָט אַ ביסל שפּעטער עולה געווען קיין ארץ ישראל צוזאַמען מיט זיינע „הכשרה״־חברים.

די לבנה האָט זיך פאַרקליבן ווייט, ערגעץ הינטער די בערג, אין דרויסן איז געווען שטאָק־פינצטער, די ווייסע ליכט־שטרייפן אויף דער וואַנט, אַקעגן אָשרס בעט, זענען נישט געוואָרן. אין דרויסן האָט גענו־מען בלאָזן אַ שאַרפער ווינט, וואָס האָט זיך אויסגעמישט מיטן רויש פון ים. אָשר האָט נישט אויפגעהערט טראַכטן, אין זיין מידן מוח האָבן זיך גענומען פלאָנטערן זכרונות פון פריידן און ליידן אין ארץ ישראל, פון גליקלעכע און עצבותדיקע טעג און וואָכן, פון שמחות, ליידן, שפּאַ־נונג און אומרוען. די גלידער זענען אים געוואָרן שווער, די מידקייט האָט אים באַהערשט ביז ער איז אַ ווילע איינגעשלאָפן און גיך ווידער וואַך געוואָרן, נישט אויפגעמאַכט די אויגן, ווייטער פאַרקניפּט במחשבה די זכרונות, וואָס דער קורצער שלאָף האָט משמעות הינטער זיין באַוווּסטזיין נישט איבערגעריסן, ווייל ער האָט שאַרף געדענקט, וואָס עס האָט זיך פריער געוועבט אין זכרון.

מיט רחלען האָט ער זיך באַקענט אין דער „הכשרה״, ווו זי איז אַוועק פון אַ „בעסערער״ היים. איר פאָטער איז געווען אַן אייגנטימער פון טאַרטאַק, וואָס האָט פּראָדוצירט בוי־געהילץ פאַר דער גאַנצער געגנט אַרום. נאָך אַלע גרויסע צינזן איז אים געבליבן גענוג איינקונפט, מיט גענוג צייט צו זיין אַ גאַנצער מנהיג ביי די ציוניסטן אין דער שטאָט ביי דער ווייסל, ווו ער האָט זיך געפילט גוט, געניסט פון כבוד און אָנזען. ער האָט ליב געהאַט צו טראַכטן וועגן אַ יידישער מדינה אין פּאַלעסטינע, ווילי׳ק געגעבן זיינע יערלעכע שפּענדונגען פאַר די פאָנדן און אויסקויפן דעם שקל, ער האָט אפילו געקויפט עטלעכע אַקציעס פון „אַנגלאָ־פּאַלעסטינע־באַנק״, וועגן עליה האָט געטראַכט די „באַווע־גונג״, נישט ער פּערזענלעך, זיכער נישט זיין פרוי, די פּאַני לאַנאַ.

ווען רחלע, די דערוואַקסענע טאָכטער, האָט אין אַ שיינעם טאָג

צוויסן געגעבן די עלטערן, אַז זי וויל פאָרן קיין פּאַלעסטינע, האָט זיך די מוטער דערפון נישט געגומען צום האַרצן, מאַלע וואָס זי רעדט, וואָס פעלט איר אין דער היים? — „פּאַלעסטינע", האָט זי געטענהעט, „איז אַריין אין דער מאָדע, אַלע רעדן וועגן יענעם לאַנד, רעדט רחלע אויך", אָבער דער פאָטער האָט זיך מיט אַמאָל דערפילט נישט באַקוועם, עס האָט זיך אים עפּעס אַ ריס געטאָן אין זיין דריך, ער האָט זיך מיט אַ מאָל געכאַפּט, אַז זיין בכבודיקער אָרט אין דער שטאָטישער, ציוניס־טישער אָרגאַניזאַציע, איז אים אויך צו עפּעס מער מחייב, ווי שפּענ־דונגען, רעדעס און אויסקויפן דעם שקל, ס'איז אים מחייב, לכל הפחות נישט שטערן די טאָכטער עולה זיין קיין ארץ ישראל, אויב זי וועט נישט אויפגעבן איר פּאַרלאַנג, כאָטש ער קען זיך אַזוינס נישט פאָר־שטעלן. נאָך שווערע ויכוחים מיט דער מוטער, די פּאַני לאַנאַ, האָט ער ביי איר געפּועלט, זי זאָל איר נישט שטערן גיין אויף „הכשרה", ער איז געווען זיכער, אַז די „הכשרה" וועט אָפּקילן איר ווילן — זי רחלע, וועט זיך וואַלגערן ערגעץ אין אַ דאָרפישער חורבה, שלעפּן עמערס וואַסער פון אַ ברונעם, שטיין אין קיך ביי פאַררויכערטע טעפּ אויף דרייפוסן, ברענגען האָלץ צום קאָכן, שיילן קאַרטאָפל, גיין אויף פעלד־אַרבעט און מיט אירע געצערטלטע הענט מעלקן אַ קו?

— נאַרישקייטן, לאַנאַ, זי האָט געענדיקט גימנאַזיע, איצט איז וואַקאַציע־צייט, לאָז איר אַנשטאָט פאָרן מיט דיר אויף דאַטשע — זיך שפּילן אויף „הכשרה", פון וואַנען זי וועט זיך גיך צוריקקערן אַ היים, אַ באַפרייטע פון איר שגעון, פאַרשטיי צו האַנדלען פּסיכאָלאָגיש, נעם אין באַטראַכט, אַז סוכות־צייט קלייב איך זיך פאָרן אויף אַ באַזוך קיין פּאַלעסטינע, איך וועל איר צוזאָגן מיטנעמען מיט זיך אויף אַ שפּאַציר, זי וועט זען מיט אירע אויגן, אַז „קיבוץ־שמיגוץ", אָדער אַנדערע, שוואַר־צע אַרבעט איז נישט פאַר איר.

רחלס באַשלוס עולה זיין קיין ארץ ישראל איז נישט געבליבן אַ סוד פאַר די באַזוכער פונעם ציוניסטישן לאָקאַל, ווייניקע האָבן גע־גלויבט, אַז די פּאַניענקאַ רחל, וועט זיין פעיק צו ווערן אַ חלוצה, שוין אָפּגערעדט פון עולה זיין.

אַ העברעישער לערער, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט אַן אָונט־קורס צו לערנען העברעיש, האָט זיך צופרידן געריבן די הענט, און אויסגעטייטשט זיינע דערוואַקסענע תלמידים פונעם קורס, וואָס עס מיינט — „גם בארזים נפלה שלהבת", אין האַרצן איז ער געווען שטאַרק צו־פרידן פונעם „זבענק", וואָס רחלס פאַרריסענער פאָטער וועט קריגן, אויב זי וועט ווירקלעך עולה זיין, פאַר אים איז עס געווען אַ שטיק נקמה אַן אַ גביר, אַ יחסן, אַ נקמה פון אַ שוואַכן, וואָס זעט, ווי אַ שטאַרקער, וואָס קוקט אויף אים פון אויבן אַראָפּ, וואָס איז אים מבטל און מבזה, כאַפּט אַזאַ „זבענק" — די פאַניענקע זיינע, וועט אים ווייזן, וואָס ציוניזם מיינט.

אויף אַ זיצונג פון דער „פּאַלעסטינאַ־קאָמיסיע", האָט רחלס פאָטער פּרובירט ווירקן, זיי זאָלן נישט גוט זאָגן אין „מרכז", נישט אין „פּאַלעס־טינאַ־אַמט" אין וואַרשע, מען זאָל זיין טאָכטער, אַט שוין געבן אַ עליה־סערטיפיקאַט. אין זיין גרויס־מוט און אחריות פאַר דער באַוועגונג, האָט ער געטענהעט, אַז „אין די איצטיקע שווערע צייטן פאַר יידן אין פּוילן, זענען באַרכעשעם פאַראַנען בילכערע און נויטיקערע בעלנים אויף אַ סער־טיפיקאַט, ווי זיין טאָכטער רחל, וואָס האָט נאָך דערווייל וווער עס זאָל זאָרגן פאַר איר" — — — בעת ער האָט פלאַמיק באַגרינדעט זיינע טענות קעגן דער באַלדיקער עליה פון זיין טאָכטער, האָבן זיך די מענטשן פון דער קאָמיסיע איבערגעקוקט מיט ממזרישע בליקן, דער איינציקער, וואָס האָט זיך אָפּן אים אַקעגנגעשטעלט, איז געווען דער העברעישער לערער, וואָס האָט געטענהעט דאָס אומגעקערטע:

— מיר מוזן יאָ געבן דער מרת רחל אַזאַ „המלצה", לאָז זי עולה זיין לאַרצינו, און מיט איר עליה געבן אַ גוטן ביישפּיל די יוגנט פון דער גוטגעשטעלטער, יידישער באַפעלקערונג, זיך איינצושפּאַנען אינעם ציו־ניסטישן וואָגן.

אַלע ויכוחים זענען געווען איבעריק. די תכשיטים פון „החלוץ" האָבן איבערגעקליגט רחלס פאָטער, זיי האָבן זי דערקלערט ווי אַשרס „כלה", (רחלע אַשרס כלה! — אַן ערדציטערניש!) און נאָכן פראַווען

צווישןביידן אַ „פיקטיווע חתונה", האָט רחל עולה געווען מיט איר „מאַן" אויף איין סערטיפיקאַט, צוזאַמען מיט דעם רוב מענטשן פון דער „הכ־שרה", אָן אירע עלטערנס ברכה. דער פאָטער האָט געביסן די ליפּן און געשוויגן, די מוטער, פאַני לאַנאַ, האָט אינעם טאָג פון איר עליה פּרובירט חלשן, נעמען טראָפּנס וואַליעריאַן אויף שטיקלעך צוקער, צו פאַרגיסן טרערן. עס האָט נישט געהאָלפן, רחל איז ארויסגעפלויגן פון איר וואַרעמער נעסט, ווייט איבערן ים, אַזש קיין פּאַלעסטינע.

אָשר האָט זיך באַקענט מיט רחלען אויף דער „הכשרה", ווו זיי האָבן זיך דערנענטערט ביי בשותפותדיקע אַרבעטן אין שטאַל, אין פעלד און אין הויף. אָשר פלעגט איר שטענדיק פאַרלויפן דעם וועג און אַרויס־כאַפּן פון אירע הענטביידע פולע עמערס וואַסער, וואָס זי פלעגט טראָגן פון ברונעם אין קיך, ער פלעגט איר העלפן בינדן סנאָפּעס תבואה אין פעלד און אָנלאָדן אויפן וואָגן, זי האָט עס נישט פאַרלאַנגט און נישט געוואָלט, זי האָט זיך באַמיט צו זיין אַ שטאַרקע, צו זיין גלייך מיט אַלעמען, צו זיין ראוי פאַר עליה. רחל איז געווען יונג, כמעט אין זעלבן עלטער ווי אָשר, זי איז געווען פריינדלעך, צוגעלאָזט און באַחנט, זי האָט זיך באַמיט געברויכן דאָס ביסל העברעיש, וואָס זי האָט זיך אויסגעלערנט אויף די קורסן, צוגעמישט יידישע ווערטער, וואָס זענען איר נישט געווען פרעמד, פון דער גאַס, פון דער אומגעבונג און פון אַן אַלטער באָבע, וואָס האָט געלעבט ביי זיי, בעת איר היימיש לשון איז געווען פּויליש.

אָשר איז געווען אַ געזונטער בחור, אַ יונג ווי אַ דעמב, וואָס האָט געקענט אָנוואַרעמען ס׳בלוט ביי מיידלעך, זיין תמימות און פשטות האָט שטאַרק באַווירקט רחלען, וואָס האָט אין אים צום ערשטן מאָל אין לעבן, געזען פון דער נאָענט דעם מענטש פון פאָלק, זי האָט דאָך געשטרעבט און געחלומט גיין צום פאָלק, וואָס האָט ביי איר געפונען אויסדרוק מיטן אָנשליסן זיך אָן „החלוץ", גיין אויף „הכשרה" און עולה זיין קיין ארץ ישראל, כאָטש דאָס איז געווען אויסטערליש פאַר איר משפּחה און סביבה, וואָס האָט נישט אויפגעהערט גלויבן, אַז זי וועט חרטה האָבן און אויפ־געבן איר „שגעון".

אין דער „הכשרה״־ווירטשאַפט האָט אָשר געוויזן, אַז ער האָט צווײ „רעכטע הענט״, וואָס קענען אַלץ טאָן און באַוויזן. זיין אַרבעטס־זאַמקייט האָט ער געירשנט פון פאָטער און דאָס קענען „אַלץ טאָן״ — אין דער שלאָסעריי ביי דער מיל און פון דער היים, ווו ער פלעגט פאַר־טרעטן דעם שטענדיק באַשעפטיקטן פאָטער.

אָשר איז נישט געווען קיין תלמיד־חכם, נאָר ער האָט פאַרמאָגט אַן איינגעבוירענע, אינערלעך־פאָלקסטימלעכע אינטעליגענץ. דאָס לערנען זיבן יאָר אין חדר, אַכט שעה אַ טאָג, אַ מאָל מער, האָט אין אים איינגע־וואָרצלט די יסודות פון לשון־קודש — העברעיש, וואָס ער האָט צוגע־שליפן אויף די קורסן, וואָס ער האָט באַזוכט אין די אָוונטן, אין לאָקאַל פון די שטאָטישע ציוניסטן.

אין סך־הכל, ביי זייערע שפּאַצירן און אָפטן פאַרברענגען צוזאַמען אין די אָוונטן אויף דער „הכשרה״, האָבן ביידע באַווירקט איינער דעם צווייטן. רחל פלעגט דערציילן אָשרן פון איר היים, סביבה און לערנען, זי האָט זיך באַמיט, אין אַ געוויסער מאָס, אים באַקענען מיט שאַפונגען פון פוילישע שרייבער. אָשר פלעגט איר דערציילן פון זיין היים, — אַ היים פון פאָלקס־מענטשן. ער פלעגט איר דערציילן פון דער מיל, פון זיין סביבה, עלטערן און שווערער יוגנט, וואָס ער האָט פאַרבראַכט, ביז אים איז געבליבן דאָס איינציקע: — פריער די „הכשרה״ דערנאָך דער חלום פון אַ צוקונפט אין ארץ ישראל.

ביים אַריבערגיין די גרענעצן, ביים זיך וואַלגערן אין ווין, אונטער־וועגנס קיין ארץ ישראל, ביים באַשטייגן און פאַרלאָזן די שיף אין פּאָרט פון חיפה, האָבן ביידע געמוזט שפּילן „טעאַטער״, ביים רעווידירן זייערע דאָקומענטן, ווו זיי זענען דערשינען ווי „מאַן און פרוי״, זיי פלעגן נאָך יעדער פּאַס־קאָנטראָל זיך קוים באַהערשן, נישט אויסברעכן אין אַ געלעכ־טער, ווייל פאַר ביידן איז לכתחילה אַזאַ „שידוך״ געווען ווי אַ משונהדיקע אויסטראַכטעניש, אָבער אָנגעהויבן האָט זיך עס אויף דער ענגער, שמו־ציקער שיף, אויפן ים, ווו זיי האָבן ווילדיק זיך געהאַלטן צוזאַמען. ביידע זענען דאָך געווען יונג, און פאַרבאָרגענע, אינערלעכע געפילן האָט זיי געצויגן איינער צום צווייטן, ביז איינמאָל האָט זיך אָשר נישט באַהערשט,

און אין אַן אָוונט, אויפֿן דעק פֿון שיף, זיך נאָענט צוגעטוליעט צו איר, דערפֿילט איר חמימה, און אַ קוש געטאָן איר באַשמעקטן קאָפּ. לכתחילה האָט ער זיך דערשראָקן פֿאַר זיך אַליין, ער איז געווען גרייט זיך שטעלן אויף די קני צו בעטן, זי זאָל אים פֿאַרגעבן אַזאַ חוצפּה, אַזאַ האַנדלונג, נאָר דאָ איז עפּעס געשען, וואָס איז געווען איבער זײַנע תמימותדיקע השגות, זי האָט אים גאָרנישט געזאָגט, נאָר זיך פֿעסטער צוגעטוליעט צו אים, איר קאָפּ אַרויפֿגעלייגט אויף זײַן אַקסל, און גענומען זײַן מגושמדיקע האַנט אין אירע הענט. עס איז איר גוט געווען אַזוי צו זיצן ביז שפּעט אין דער נאַכט, צו זײַן פֿאַרכלינעט מיט צאַרטע געפֿילן צום בחור, וואָס זײַן נאָענטקייט האָט גענומען אויספֿילן איר גאַנצן יש.

ביז יענעם אָוונט האָט זיך רחל געפֿילט פֿאַראיינזאַמט אינעם טומל־דיקן, יוגנטלעכן בינשטאָק, פֿאַרביטערט קעגן אירע עלטערן, נאָך ווען זי האָט נאָך אַלעמען שטיל געבענקט. מיטאַמאָל, אין דער נאָענטקייט פֿון אָשרן, האָט זי דערפֿילט, אַז זי איז גאָרנישט אַליין, זי איז גאָר צוגעשמידט צו אַ נאָענטן, לעבעדיקן וועזן פֿון וועלכן זי קען נישט און וויל נישט זיך אָפּרייסן, זי וואָלט זײַן גליקלעך, ווען זי דאַרף נישט אַראָפּגיין אונטן אין שיף, צו איר טוכלער קאַבינע. ווען זי קען דאָ בלײַבן נאָך אַ פּאָר שעה מיט אים, מיט אָשרן, און דערנאָך ווען ער זי נעמען אין זײַנע שטאַרקע הענט און אַראָפּטראָגן אונטן, בעת זי האַלט אים פֿעסט אַרומ־גענומען, זײַן צוגעדריקט צו אים — ווי גוט איר וואָלט געווען.

אַ וואָך שפּעטער, אין בית עולים, אין בת־גלים, האָט אַ פּקיד פֿון דער סוכנות, וואָס פֿאַרנעמט זיך מיט נײַע עולים, געשמועסט מיט ביידן בײַ זײַן קליינעם שרײַב־טישל, זײַ דערקלערט, אַז נישט באַלד, לאָמיר זאָגן — אַ האַלב יאָר שפּעטער, אפֿשר מער ווי אין אַ האַלב יאָר אַרום, וועט ער זײַ מסדר זײַן אַן אָפֿיציעלן גט, ער קען עס נישט טאָן אָט שוין, באַלד, כדי מיט דער „פֿיקציע" זיך נישט וואַרפֿן אין די אויגן דעם ענגלישן אימי־גראַציע־אַמט. אויסגעהערט דאָס, האָבן זיך ביידע ספּאָנטאַן פֿאַנאַנדערגע־לאַכט, זיך פֿאַררויטלט ביז איבער די אויערן. איצט האָבן זײַ אַנדערש געלאַכט ווי אויף דער „הכשרה", ווען מען האָט זײַ דערקלערט אַלס „מאַן און ווײַב". דער פּקיד האָט געהאַט אַ שאַרף אויג מיט געניט נסיון זײַ

מער גאַרנישט צו פרעגן, ער האָט נאָר צוגעגעבן, אַז ער איז שטענדיק גרייט זיי צו העלפן, — "שלום, זייט מצליח אין נייעם לעבן, אין נייעם לאַנד, שלום".

ווייזט אויס, אַז צו ווערן באַהערשט פון גליקזעליקע זכרונות פון דער יוגנט, האָט אים פאַרטאָג ווידער באַהערשט די מידקייט און ער איז איינגעשלאָפן, נישט געדאגהעט, ווי שטענדיק, וועגן פאַרשפעטיקן מאָרגן צו דער אַרבעט. ער האָט גוט געדענקט, אַז מאָרגן איז מיטוואָך, אַז ער האָט דריי טעג וואַקאַציע, צוצורעכענען דעם שבת — פיר טעג, וואָס ער האָט באַקומען אין פאַבריק, "מחמת אַ נויטיקע, פערזענלעכע נסיעה קיין ירושלים", ווי ער האָט אָנגעגעבן אין דער בקשה צו דער דירעקציע פון פאַבריק אַזוי, אַז איידער ער האָט זיך געלייגט אין בעט, האָט ער פאַרשלאָסן דאָס גלעקל אין וועק־זייגער, וואָס איז אים געשטאַנען צוקאָפּנס.

אָנעם עול פון אויפשטיין ווי יעדעס מאָל 5 פאַרטאָג, איז ער שטאַרק געשלאָפן, נישט געהערט דעם טומל פון נייעם טאָג אין גאַס. די זון איז שוין געשטאַנען גענוג הויך ווען רחל, אַן אויפגעראַמטע, האָט אים אויפגעוועקט און גוטמוטיק געמוסרט: — "הע אָשרל, מיין געמאַל, מיר ווערן אַלט אָשרל? מיר פאַרשלאָפן אַזאַ שיינעם, ליכטיקן טאָג, דיינע אייניקלעך זענען שוין לאַנג וואַך, דיין טאָכטער איז אויפגעשטאַנען אין אַ גוטער שטימונג, זי פילט זיך אַ סך בעסער ווי נעכטן, — לקום, אויפשטיין, פאַרשלאָף נישט דיין פרייען פרימאָרגן".

פון קיך האָט זיך פאַרשפרייט אין שטוב דער ריח פון פריש פאַרבריטער קאַווע. אָשר האָט זיך אָנגעטאָן, און רחל האָט גענומען צורוימען די שטוב, ביז ער וועט פאַרטיק ווערן.

איידער זיי האָבן זיך געזעצט ביים קיך־טישל צום פרישטיק, האָט אָשר צוגעצויגן רחלען צו זיך, איר אַ קוש געטאָן, און געזאָגט — "איך האָב אַ גאַנצע נאַכט געטראַכט פון רמיך, פון דיר, פון אונדזער אַמאָל, איך בין איינגעשלאָפן ערשט פאַרטאָג, איך ווייס, אַז נאָכן איינשלאָפן האָב איך געחלומט, איך געדענק נישט וואָס".

— איך האָב אויך געחלומט פון רמיך, ער נעמט אַוועק מיין רו,

מיר וועלן אים מאַרגן זען אין ירושלים, מיר'ן אַרויספאָרן מיט דער ערשטער באַן.

— יאָ רחלע, מיט דער ערשטער באַן, מיר'ן זיך אַ ביסל אַרומקוקן, נישט געזען ירושלים אַ לאַנגע צייט. מיר'ן באַזוכן דעם כותל, די אַלטע שטאָט מיטן הר־הצופים, ווו מיר ביידע זענען געווען, געדענקסט? — פאַר פסח 1925, ווען מיר זענען געווען יונג, כמעט נייע עולים.

— זיכער געדענק איך, ווי קען מען אַזעלכע איבערלעבונגען פאַרגעסן? איך געדענק אפילו, ווי דו האָסט געאַרבעט טעג און נעכט ביים פלאַסטערן מיט בעטאָן די איצטיקע באַלפור־גאַס אין תל אביב, מען האָט זיך געאײַלט, די אַרבעט האָט געברענט, ס'איז געווען פריילעך און גוט אויפן האַרצן. באַלפור האָט דעמאָלט געדאַרפט באַזוכן תל אביב. ער איז געקומען קיין ארץ ישראל צו דער דערעפענונג פון אוניווערזיטעט אויפן הר־הצופים, און מיר ביידע, צוזאַמען מיט אַ חברה פון אַ פּאָר צענדליק חלוצים ווי מיר, האָבן זיך געלאָזט גיין צופוס פון תל אביב קיין ירושלים, די פּרוטה האָט געפעלט אויף צו קענען פאָרן מיט דער באַן. איך געדענק, ווי אַראַבישע גאַסן־ייִנגלעך האָבן אונדז באַוואָרפן מיט שטיינער, בעת מיר האָבן מיט געזאַנג דורכמאַרשירט רמלה, נאָכער די נאַכט, אינעם הויף פון דעם כאַן אין „באַב־אַל־וואַד", וואָס הייסט היינט „שער הגאי". מיר זענען געלעגן אויף דער ערד צוזאַמען מיט אַן ערב־רב פון כלערליי מענטשן, באַלעגאַלעס, קרעמערס, אַרבעטער, און סתם יידן מיט אַראַבער. צוזאַמען מיט די מענטשן, וואָס האָבן גענעכטיקט אין הויף, האָבן זיך געפונען אייזלען, פערד, מויל־אייזלען, אפילו צוויי קעמלען, און די זשוקעס, די מאָסקיטן, די זלידנע פליגן און פליי ווי מאָן, געדענקסטו? ווער האָט עס געקענט צוטאָן מיט אַן אויג? — האָבן מיר זיך משוגע געמאַכט, ביז פאַרטאָג, און אַרויסבאַגלייט מיט בייזע „ברכות" פון אַ ירושלימער יידענע, אַן איינגעהילטע אין אַ זעלנערשער דעקע, האָבן מיר זיך געלאָזט גיין באַרג אַרויף קיין ירושלים, ווו מיר זענען אָנגעקומען פאַרנאַכט.

אין ירושלים האָבן מיר פאַרגעסן די געשוואָלענע פיס מיט דער מידקייט, נאָך אַ צובייס פון טרוקן ברויט מיט כאַלווע, ברויט מיט קאַמאַרדין (געפרעסטע בלעטער פון געטריקנטע מישמיש) און ברויט מיט גאַרנישט,

האָבן מיר פאַרזופּט מיט וואַסער, וואָס האָט געהאַט אַ ריח פון נעפט און זיך געלאָזט באַזוכן די אַלטע שטאָט. געגאַנגען דורך שער־יפו, דורך שמאָלע געסלעך פול מיט מענטשן, אויף שריט און טריט קרעמלעך, טישן מיט „סחורה" און שפייז, מיט אַזעלכע רעסטאָראַנען, ווו אין פראָנט, ביי יעדן אַריינגאַנג זענען געהאָנגען אָפּגעשונדענע שעפּסן מיט עקן, יעדער עק — אַ בערגל שמאַלץ, מיט אַ טאָמאַטע, אַריינגעשטופּט אין מיטן. דאָס געבראָטנס מיט די באַזונדערע, שאַרפע ריחות פון כלערליי געווירצן האָבן פאַרכאַפּט דעם אָטעם וואָרום נאָך אַלעמען זענען מיר געווען הונגעריק...

מיר האָבן צום ערשטן מאָל געזען אַראַבער אין רויטע פעסן און קעפּיעס זיצן ביי די הייזער אויף נידעריקע בענקלעך און רויכערן נאַר־גילעס. מיר האָבן געזען גיין איינגעבויגענע אַראַבער מיט לאָגלען פון שאָפן און ציגנפעל, פולע מיט „טאַמאַר־הינדי" (אַ געטראַנק פון באָקסער) אַלץ איז געווען עקזאָטיש, בונט און שרייאיק. ווי גרויס עס איז נישט געווען דער גאַסנטומל, מיטן אויסרופן סחורות, געטראַנקען, געצוקערטע פרוכט, מאַנדלען, גרינצייג וכדומה, האָט זיך יענעם פּאַרנאַכט, אַמבולטסטן אויסגעטיילט דאָס קלינגען פון קלויסטער־גלאָקן, אָבער וואָס מער מיר האָבן זיך דערנענטערט צום כותל, אַלץ שטילער זענען מיר געוואָרן. איך געדענק אפילו די אייגנאַרטיקע, ירושלימדיקע, פאַרנאַכטיקע, דעמערונג־ליכט, די אַרומגעריסענע, באָרוועסע קינדער, וואָס האָבן זיך צו אונדז צוגעקלעפּט און געבעטן מיט אויסגעשטרעקטע מאָגערע, שמוציקע הענטלעך:

— „אדון, יאָ אַדון, — באַקשיש, באַקשיש". אַזוי זענען מיר געקומען צו דעם לעצטן געסל, וואָס האָט אַריינגעפירט צום כותל המערבי. אין יענעם געסל זענען מיר געגאַנגען אויף די שפּיץ פינגער, עמאָציאָנירטע, נישט צו פאַרלירן אַ וואָרט.

דער כותל! — זיינע גרויסע פירקאַנטיקע, אַלטע שטיינער מיט מעך, גראָז, און צעטעלעך, וואָס האָבן אַרויסגעשטאַרצט פון די שפּאַרעס צווישן איין שטיין און צווייטן, די יידן מיט די קעפּ אָנגעלענטע אָן כותל, פאַרטאָן אין שטילער תפילה, די ווייבער מיט טיכלעך איבער די שייטלען, וואָס האָבן געגלעט און געקושט די קאַלטע שטיינער, מיר האָבן זיך פאַרגעשטעלט, אַז אַלע, דאָ ביים כותל, באַוויינען דעם חורבן בית המקדש,

דעם גלות השכינה, ווי אונדזער העברעישער לערער פלעגט זאָגן. מיר זענען געשטאַנען אינערלעך אויפגערודערטע, פאַרגאַפטע, מיט פאַרכאַפּטן אָטעם, מיט פייכטע אויגן, באַהערשטע פון געפילן, פון אַ מיסטעריעזער קדושה, ביז יענע יונגע יידענע, מיט דעם ווייסן קאַפּטיכל, פאַררוקט ביז די אויגן, האָט גענומען ווײנען אויפן קול, מיט די בעגל געריסן די שטיינער:

— טאַטע, פאָטער אין הימל, פאַרוואָס האָסטו פאַרשלאָסן מיין טראַכט? — רבונו של עולם! — ווילסט אַז חילקע זאָל מיר טאַקע גטן?

יידן האָבן געדאַווענט אַ פאַרשפּעטיקטע מנחה. זיי האָבן בייזלעך זיך גענומען בעטן ביי איר:

— אשה, אשה, שאַ, נו־נו או־נו — נו־אָ — אָ־שאַ.

אָט די תמימותדיקע פּאַסירונג האָט אונדז אויפגעוועקט, מיר האָבן זיך אָנגעקוקט מיט אַ געוויסער אַנטוישונג, און זענען שטיל אַוועק צוריק אויף די שפּיץ פינגער, ווי מיר זענען געקומען.

— — — דערמאָן זיך, אשר, ווי ביים פאַרלאָזן דעם כותל, האָט מיך אינערלעך עפּעס באַוויגן אַ קוש טאָן די וואַנט, איך האָב עס געטאָן אינסטינקטיוו, נישט געטראַכט, וואָרום איך בין דאָך נישט קיין פרומע, איך ווייס נישט, אפשר האָט מיך צו דעם באַוויגן אַ רגעדיקע דערמאָנונג, ווי מיין אַלטע באָבע פלעגט קושן איר אויסגעדאַווענטן סידור, אפשר?

רחל איז געבליבן שטיל, פאַרטראַכט און אָשר האָט ממשיך געווען:

— יאָ, יאָ, רחלע געדענקסטו ווי מיר האָבן זיך געוואַלגערט יענע נאַכט אויף די האַרטע בענק, אין בית־עם, אין ירושלים. ס׳איז געווען קאַלט, קיינער האָט נישט געקענט שלאָפן, חברה האָבן דיך געקיבעצט: — „נו־נו־אָ־אָ, אשה, מרת רחל, אָשרקע וועט דיך נאָך גטן, — נו־נו־אָ־אָ" און איך, בהמה, האָב נאַריש געענטפערט, „אַז מיר דאַרפן זיך טאַקע גטן, ווייל מיר האָבן פיקטיוו חתונה געהאַט, כדי רחל זאָל קענען עולה זיין אין זכות פון מיין סערטיפיקאַט, ווי מיין ווייב".

די חברה האָבן אויסגעשאָסן אַ הילכיקן געלעכטער, איך בין רויט געוואָרן ביז די וואָרצלען פון מיינע האָר און מיטגעלאַכט מיט זיי, בעת

דו האָסט זיך געטוליעט צו מיר אויף דער האַרטער באַנק, האָסט געצי־טערט פון קעלט, איך האָב זיך געשעמט מיט מיינע רייד.

— ווי קען מען פאַרגעסן דעם טאָג אויף צו מאָרגנס, ווען מיר צוזאַמען מיט טויזנטער, טויזנטער יידן האָבן געשפּאַנט, דורך שייך־דזשאַראַך, צום הר הצופים, וואָס איז געווען איינגעהילט אין זוניקער ליכט, מיט פלאַטערנדיקע פאָנען איבער די קעפּ. ווי קען מען פאַרגעסן דאָס דעמאָלטיקע בילד פונעם אַמפּיטעאַטער אויפן הר הצופים באַלאַגערט פון יומטובדיקע יידן, מיט אַזויפיל פריידיקער יוגנט און קינדער, די בימה מיט איר ווייס־בלויען הינטערגרונט באַזעצט מיט גדולי הדור אין פראַקן, היט און צילינדערס: — פּראָפעסאָר חיים ווייצמאַן, לאָרד באַלפור אין אַן אַקאַדעמישער פעלערינע מיט אַ רויטן שאַל־קראַגן און אַ פלאַכער, פיר שפּיציקער הוט אויפן ווייסן קאָפּ, דער נציב העליון, הערבערט סעמועל אין אַ ווייסן גאַלאַ־טראַכט, די מאַסע בריטישע, הויכע באַאַמטע און אָפּי־צערן, דאָס געזאַנג אין דעם וווּנדערבאַרן פאָדערגרונט פונעם אַמפּיטעאַ־טער — די פאַרנעפּלטע, ווייטע בערג פון מדבר יהודה, וואָס האָבן אַרומ־גערינגלט דעם אָוואַלן, בלויען שפּיגל פון ים המלח.

— רחלע! עס האָט זיך דעמאָלט געזונגען ממעמקים, פון דער טיף אַרויס, מיר האָבן זיך געהאַלטן פאַר די הענט ווי קינדער, נישט פאַרלוירן צו ווערן, צווישן דעם יומטובדיקן פיל־טויזנטער־קעפּיקן עולם.

רחל האָט אים איבערגעהאַקט:

— אָשר, געגנוג אויף היינט, וועסט גיין עפּעס קויפן פאַר רמין.

— זיכער וועל איך גיין.

רחל איז געבליבן אין דער היים אַליין מיט זיך, זי האָט אָפּגעווישט אַ טרער, אָשר איז אַוועק אין גאַס איינקויפן גוטע זאַכן פאַר רמין,ביידע האָבן דעם זון נישט געזען אַ לענגערע צייט, זיי האָבן געבענקט נאָך אים, זיי זענען געווען אומרויק, עס נישט אַרויסגעוויזן איינער פאַרן צווייטן, כאָטש זיי האָבן געוווּסט, אַז די לעצטע חדשים געפינט ער זיך ערגעץ אין דרום, אויף פּאַראַשוטיסטן־קורסן אין אַ מיליטערישער באַזע, ווייטלעך פון דער גרענעץ. מאָרגן איז זיין גרויסער טאָג, מאָרגן קומט דער גאַנצער „קורס" קיין ירושלים אָפּגעבן די שבועה ביים כותל, יעדערער באַקומט

זיין ביקס און ווערט צוגעטיילט צו זיין באַשטענדיקער איינהייט ביזן סוף פון דער דינסט אין צה״ל, אַזוי האָט רמי געשריבן אין זיין לעצטן בריוו, געבעטן דעם אַבאַ מיט דער אמא קומען קיין ירושלים בייזיין דעם שבועה־פּאַראַד ביים כותל, ווו עס וועלן זיך צונויפקומען אַלע עלטערן און נאָענטע קרובים פונעם נייעם אַרויסלאָז יונגע פּאַראַשוטיסטן.

אין אָוונט האָט זיי באַזוכט די טאָכטער מיטביידע אייניקלעך, וואָס האָבן פול געמאַכט די שטוב מיט לעבן. די טאָכטער האָט געוווּסט פון דער מאָרגנדיקער נסיעה, וועגן באַזוכן איר ייִנגערן ברודער, וועמען זי האָט ליב געהאַט, ווי אַן עלטערע שוועסטער האָט ליב אַ ייִנגערן ברודער, כאָטש ער האָט זיך אויסגעלעבט אין זיין יוגנטלעכער סביבה, און געהאַט ווייניק צייט צו באַזוכן איר היים. רמי פלעגט נאָר צייטנווייז זיך אַריינכאַפּן צו איר, אַ מאָל צו כאַפּן אַ נאַש, אַ מאָל זיך אַראָפּרעדן פאַר איר פון האַרצן, זיך שפּיל טאָן מיט די קינדער, וואָס האָבן אים פאַרשאַפט פאַרגעניגן, בעת זיי פלעגן אים רופן: — „דוד רמי״.

איר מאַן איז פון דער טבע געווען נישט פון די באַרעדעוודיקע מענטשן, פלעגט ער זיצן, אַלץ אויסהערן מיט אַ שמייכל און שווייגן. די טאָכטער איז איצט געקומען מיט דער עוגה (קוכן), וואָס זי האָט אַליין געבאַקן פאַר איר ברודער, און צו ווינטשן די עלטערן אַ „נסיעה טובה״.

דאָס אָפּגעבן די שבועה, איז יענעם טאָג באַשטימט געווען אויף פאַרנאַכט, בעת רחל מיט אָשרן זענען אָנגעקומען מיט דער באַן קיין ירושלים, אַרום צען אין דער פרי.

עס איז געווען אַ שיינער, זוניקער ווינטער־טאָג. די גאַסן פון דער עיר־הבירה זענען געווען באַלעבט, טומלדיק, מענטשן האָבן זיך געאיילט, מוטערס האָבן שפּאַצירט מיט קינדער אין וועגעלעך, הנאה געהאַט פון דער מילדער זון, ס׳האָבן שפּאַצירט פאַרגאַפטע טוריסטן אין קאָלירטע סוועטערס, מיט טעמבעל־היטלען אויף די קעפּ, מיט אָנגעהאָנגענע פאָטאָאַפּאַראַטן אויף די שולטערס און איבערן ברוסט. זיי, צוזאַמען מיט פרויען און אויסלענדישע יוגנט אין שמאָלע הויזן און מיני־קליידלעך, זענען געגאַנגען מיט פאַררייסענע קעפּ און באַוווּנדערט יעדן שטיין און בוים, יעדן אַלטן, ווי יעדן נייעם אולטראַ־מאָדערנעם בנין געבויט פון

ירושלימער בערג־שטיינער. די געסט האָבן גערעדט הויך אויפֿן קול, אין פֿאַרשיידענע שפּראַכן, אַלע ווילע פֿאָטאָגראַפֿירט, לויט זייערע השגות, דאָס, וואָס איז זיי געווען ניי אָדער „עקזאָטיש", און אַז מען פֿלעגט טרעפֿן אַן אַראַבער מיט אַ קעפֿיע און קאַמבאַז, אָדער אַ ייד פֿון מאה שערים אין אַ ברייט־ראַנדיקן הוט, מיט אַ באָרד, מיט פּאות־לאָקן, מיט הויזן פֿאַרשטעקטע אין ווייסע און שוואַרצע זאָקן, פֿלעגן זיי אים אַרומ־רינגלען ווי בינען, מיט די פֿאָטאָ־אַפּאַראַטן, דער „קרבן" פֿלעגט מיט די הענט זיך פֿאַרשטעלן דעם פּנים, זיך באַמיען „ראַטעווען" פֿון דער סתרא אַחרא, רחמנה ליצלן, וואָס ווילן זיי פֿון אים, די „מינים", די אַפּיקורסים, וואָס פֿאַר אַן אָנשיקעניש פֿון זיין ליכטיקן נאָמען?

אַשר מיט רחלען האָבן געזען עפּעס אַנדערש, זיי האָבן געזען „ירושלים פֿון גאָלד, פֿון קופּער און ליכט", וואָס האָט זיך ערשט נישט לאַנג באַפֿרייט פֿונעם „מויער אין האַרצן", וואָרום דאָס לעצטע מאָל האָבן זיי באַזוכט די שטאָט מיט אַ לאַנגער צייט צוריק, ווען די „מויער אין האַרצן" האָט געשפּיגן מיט פֿייער אויף פֿרידלעכע יידן, אויף יונגע און אַלטע. ביידע האָבן זיך געאיילט אין גאַנג, און פֿאַרגעסן, אַז ס'איז שוין באַלד מיטאָגצייט, זיי האָבן נישט געקענט אָפּטאָן די אויגן פֿון די פֿאַרשענערטע גאַסן. זיי האָבן זיך געהאַלטן נאָענט צו די אַלטע מויערן, וואָס זענען איצט געשטאַנען רויִקע, פֿרידלעכע אין זייער אַלטער פּראַכט און היסטאָרישן רום, זיי זענען פֿאַרביי די „שערי שכם", וואָס יידישע און אַראַבישע אַרבעטער מיט בוימייסטערס האָבן פֿאַרריכט און גערייניקט, ביז זיי זענען געקומען צום יריחו־וועג און פֿון דאָרטן אַרויף אויפֿן הר הזיתים, אויפֿן אַלטן בית הקברות, וווּ עס זענען געלעגן איבערגעדרייטע, געלעסטערטע, אַלטע יידישע מצבות, מיט אַ ניי געפֿליאַסטערטן כביש, וואָס די אַראַבער, האָבן די לעצטע יאָרן געבויט איבער יידישע קברים, זיי האָבן געהאַט בדעה, פֿון הר הזיתים, זיך לאָזן צוריק גיין פֿאַרביי דעם אויגוסטאַ־וויקטאָריא שפּיטאָל צום הר הצופֿים, אָבער ס'איז געווען שפּעט, האָבן זיי געבעטן אַ ירושלימער בחור, אַ טוריסטן־באַגלייטער, ער זאָל זיי מיטנעמען מיט זיין טוריסטן־גרופּע אינעם אויטאָבוס, צוריקצופֿאָרן דורך אַבו־טור, צום „שער האריות", פֿון וואַנען זיי זענען אַריין אין די

מויערן פון אַלט־שטאָט, אַזוי געשפּאַנט אין דער נאָענט פון הר־הבית צום גאָלגאָטאָ וועג און פון דאָרטן דורך אַ לאַבירינט גאַסן מיט געסלעך צום חרובן, יידישן קוואַרטאַל, נאָענט צום כותל המערבי, פאַרגעסן די מידקייט מיטן הונגער, נאָך אַ גאַנצן טאָג אַרומגיין אומגעגעסן.

צוגעטוליעט איינער צום צווייטן, גאָר ווי מיט 44 יאָר צוריק, ווען זיי האָבן געשפּאַנט צום הר הצופים, מיט אַנגעקוואָלענע הערצער, מיט אינערלעכן ציטער, זענען זיי געקומען צום רחבותדיקן, נייעם סקווער ביים כותל המערבי. די זון איז פאַרגאַנגען און פאַרשווונדן ערגעץ הינטער די בערג פון יהודה און געלאָזן פּורפּור־רויטע הימלען. ביידע האָבן מיט פייכטע אויגן געפלאָטערט צו דערזען דעם כותל.

דער כותל איז געווען באַלויכטן, ליכטיק ווי אין מיטן טאָג, באַלויכטן מיט עלעקטרישע לאָמפּן און פון שורות, שורות פלאַקערנדיקע פאַקעלן, וואָס האָבן צוגעגעבן אַ רויטלעכן שיין דעם נאָענטן אַרום. אַ רגע זענען ביידע געבליבן אָן לשון, די הערצער האָבן זיך ווי אָפּגעשטעלט, אָבער דער רעש פון עולם האָט זיי באַלד געבראַכט צו זיך.

דער כותל איז עפּעס העכער און גרעסער געוואָרן אין דער ברייט און טיף, ער זעט אויס אַנדערש, ווי זיי האָבן אים געזען אַ מאָל, ס׳איז ווי פאַרשווונדן די פריערדיקע מיסטעריעזע, אינטימע קדושה־לופט מיטן טונ־קעלן אַמאָליקן שיין: — פּראָזשעקטאָרן־ליכט מיט ברענענדיקע פאַקעלן ביים כותל מיט אַזאַ גרויסן, ברייטן שטח אין דער נאָענט אַנשטאָט דעם ענגן געסל, וואָס פלעגט דיך אַריינברענגען אין אַן אַטמאָספער פון וויטן היסטאָרישן אַמאָל — — — ס׳האָט ביידן ווי אַנטוישט, נאָר זיי האָבן אינערלעך אַ ציטער געטאָן ווען זיי האָבן דערזען ביים כותל די שורות, שורות הונדערטער אוניפאָרמירטע תפארת־ישראל יוגנט אין רויטע בערע־טן, איין בחור פּרעכטיקער פונעם צווייטן, — די צוזויפגעשמידטע פאַראַ שוטיסטן־איינהייט — שומרי ישראל, און אָט, דאָרטן אין אָנהויב פון אַ שורה, דער ערשטער, שטייט געשפּאַנט, גלייך, אָנגעצויגן, זייער זון, זייער בלוט און פלייש, דער אויסגעבענקטער רמי. ווי מענלעך ער איז געוואָרן אינעם לעצטן יאָר! אַ יונגער דעמב אינעם מענטשן־וואַלד פון

עלטערן, ברידער, שוועסטער, קרובים מיט סתם צעשטראָלטע יומטובדיקע יידן פון ישראל, צוזאַמען מיט שול־יוגנט, מיט געסט פון ווייטע לענדער, ווי די, וואָס זיי האָבן אין דער פרי געטראָפן שפּאַצירן אין די גאַסן פונעם נייעם טייל ירושלים.

אַשר האָט געהאַלטן רחלען פעסט פאַר אַ האַנט, ביידע האָבן זיך געשפּאַרט פאָרויס, נעענטער, נעענטער צו די שורות פּאַראַשוטיסטן, ביז זיי איז געלונגען צו דערגרייכן אַ קליינע בימה, וווּ אַ יידישע טאָכטער, אַ חיילת, אַ שלאַנקע שיינהייט מיט אַן אלכסונדיק שיפל־היטעלע אויף אַ טורעמל גאָלדענע האָר אויפן קאָפּ, האָט מיט ציטעריק, שטילער התלה־בות געלייענט אַ פּרק תנ״ך, באַטאָנט יעדעס וואָרט, יעדן אות, — אַזאַ פּערלדיקן לשון הקודש, וואָס זיי האָבן קיינמאָל נישט געהערט. אַז זי האָט פאַרענדיקט, איז אַרויף אויף דער בימה אַ באַקאַנטער גענעראַל, דער קאָמאַנדיר פון „מרכז״, וואָס די שוץ־לייט פון ישראל רופן אים מיט ליבשאַפט: — „גאַנדי״. דער קאָמאַנדיר האָט געזאָגט זיין וואָרט קורץ און שאַרף אין געטאָקטע קורצע זאַצן, מסביר געווען די פליכטן און אחריות פון שוץ־מאַן אין צה״ל. דער עולם איז געשטאַנען מיט פאַרכאַפּטן אָטעם, שטיל, ווי דער ים נאָך אַ שטורעם, געשלונגען די רייד פונעם באַליבטן גענעראַל, איינער פון די גבורי ישראל, וואָרום פון זיין יעדער וואָרט האָט זיך געטראָגן דער רויש פון די טאַנקען, דער דונער פון די האַרמאַטן מיט די שטורעם־רופן פון די זעלנער־פּאַראַשוטיסטן, וואָס האָבן מיט זייערע קעפּ, מיט זייער יונג, פאַרגאָסן בלוט דורכגעבראָכן די וואַנט, וואָס איז 21 יאָר צייט געשטאַנען און געבלוטיקט אין האַרצן פון ירושלים, זיי האָבן דורכגעבראָכן די וואַנט מיט דער אימה, וואָס האָט געזייט טויט און באַפרייט דעם כותל פאַר די יידן פון דער גאַנצער וועלט, זיי האָבן באַפרייט די אַלטע ירושלים מיט אַלע אירע הייליקע מקומות פאַר אַלע אומות און אמונות.

— חיילים, זין פון ישראל — האָט דער קאָמאַנדיר געזאָגט — היינט שליסט איר זיך אָן, אָן אייערע ברידער, וואָס היטן, באַשיצן און באַוואַכן דעם גרויסן פּקדון, וואָס מען האָט אונדז אָנגעטרויט — מדינת ישראל.

נאָכדעם האָט ער פאָרגעלייענט די שבועה, וואָס די הונדערטער

נייע פּאַראַשוטיסטן האָבן, בקול רם, נאָכגעזאָגט וואָרט ביי וואָרט צוזאַמען מיטן קאָמאַנדיר:

— „איך שווער, איך שווער",

— „מיר שווערן".

נאָכדעם ווי יעדער פון זיי האָט באַקומען זיין ביקס מיט אַ תנ"ך, האָט זיך נאָך די שבועה געקייקלט איבער די קעפּ, איבער די מויערן, איבער די חורבות פונעם צעשטערטן יידישן קוואַרטאַל. די ווערטער האָבן זיך געקייקלט און צוזאַמענגעגאָסן מיטן ניגון פונעם נייעם הימן פון דער גאַנצער, באַפרייטער ירושלים:

ירושלים פון גאָלד, פון קופּער און ליכט
בין איך די פידל פאַר דיין יעדן געדיכט.
— — — — — — — — —
— — — — — — — — —
„מיר זענען צוריקגעקומען
צו דיינע בריגנימער, געסלעך און מערק,
ס'שאַלט אַ שופר אויפן הר־הבית
אין דער אַלטער שטאָט
אויפן הייליקסטן פון די בערג,
אין דיינע פעלדזיקע היילן
שיינע טויזנטער זונען,
מיר שפּאַנען ווידער
צום ים המלח אין דער נידער
מיטן וועג צו יריחו.
„ירושלים פון גאָלד, פון קופּער און ליכט
בין איך די פידל פאַר דיין יעדן געדיכט".

דער נייער הימן האָט געהילכט, — „אין באַרג לופט ווי לויטערער וויין / אין דופט פון סאָסנעס פאַרטראָגן פון ווינט", ביז ער האָט זיך אויסגעמישט מיטן ניגון פון „התקוה" און מיט די תפילות פון פרומע יידן, וואָס זענען געשטאַנען מיט די פנימער צוגעקלעפּט צום כותל.

אַ האָגל זיסוואַרג, פרוכט, ראָזשינקעס מיט מאַנדלען האָט זיך

אַ שאָט געטאָן איבער די שורות יונגע זעלנער, וואָס זענען באַלד באַפּרייט געוואָרן און זיך אויסגעמישט מיטן עולם, יעדער האָט געזוכט זיינע נאָענטע געסט.

רמי מיט דער ביקס אויפן אַקסל, מיטן תנ״ך אין האַנט האָט גע־זוכט די עלטערן, בעת זיי האָבן אים געזוכט, זיי האָבן זיך געפונען און זענען געבליבן שטיין אַרומגענומען, צוגעדריקטע איינער צום צווייטן, נישט געפונען די ווערטער אויסצודריקן זייער פרייד, צו זיין אַזוי נאָענט צוזאַמען. זיי זענען אַ ווײַלע געשטאַנען צעחושטע, ביז רחל, מיט טרערן אין די אויגן האָט געגומען שטאַמלען:

— רמי, אתה בודאי רעב — ביסט זיכער הונגעריק, מיין זון.

וואָס האָט די מאַמע געקענט זאָגן?

חיפה, יאַנואַר 1969

י ר ו ש ל י ם

ירושלים כעיר שחוברה לה יחד.

קלויסטער-גלאָקן קלינגען אין ירושלים

ירושלים ערב דעם שטורעם סוף חודש אייר תשכ״ז, איז געווען צוגענאָפּלט צו מדינת ישראל מיט אַ שמאָלן קאָרידאָר זיבן קילאָמעטער ברייט.

נײַ־ירושלים איז געווען באַלאַגערט פון דרײַ זײַטן, מיט אַ מויער אין האַרצן, וואָס האָט זיך אָפּט געלאָזט הערן דורך אַראַבישע „שאלות" פון בלײַ און יידישע תשובות פון פײַער.

לעגיאָנערן פון דער האַשימער מלוכה האָבן נײַנצן יאָר צײַט געלאַגערט אין באַסטיאָנען אויף די מויערן און אַרום איר, אינעווייניק, אין דער אַלטער שטאָט. זיי האָבן אָפּט געהאַגלט מיט פײַער אויף נאָענטע יידישע קוואַרטאַלן און גאַסן, אויף הויפן און הײַזער, געצילט אויף פרידלעכע יידן. זיי איז באַזונדערס ליב געווען צו שיסן אין אָפענע פענצטער אין אַלטע פאַרוואָרלאָזטע היימען פון דער דלות־העם, וואָס האָבן דאָרטן געפונען אַן אומזיסטן דאַך איבערן קאָפּ. זיי איז אויך ליב געווען צו צילן אין יידישע קינדער, וואָס האָבן זיך געשפּילט אין דרויסן, אין מוטערס, וואָס האָבן געוואַשן און געקאָכט וועש אין פאַר־רויכערטע קעסלען. דאָס מאָרדן יידן אין נײַ־ירושלים איז געווען אַזאַ שיינער, האַשימער ספּאָרט פון די קעניגלעכע לעגיאָנערן, זיי זאָלן פאַר־דינען זייער פּרעס און נישט לאָזן פאַרראָסטן ס׳געווער.

אַלט־ירושלים איז פול מיט מעטשעטן, מיט קלויסטערס, מיט

קאָנסולאַטן, מיט גאָטספאַרכטיקע קריסטלעכע עולי־רגל פון אַלע וואַ־ריאַציעס. די קלויסטערס זענען שטענדיק אָפן, דאָרטן ברענען ליכט און מענטשן קניען פאַר הייליקע בילדער, גלחים זאָגן און זינגען תפילות, רויכערן קטורת, בעת פון אויבן, איבער זייערע קעפּ קלינגען גלעקער: בום־בום־בום.

ירושלים איז הייליק: — קדוש־קדוש־קדוש, ווייזט אויס, אַז מחמת דער קדושה־לופט, זייענדיק פאַרכלינעט אין תפילה און יחוד, פלעגט קיינער פון די פרומע קריסטן קיינמאָל נישט הערן נישט די שיסערייען, נישט דאָס דונערן פון אַראַבישע מאָרטאַרן, הינטער זייערע פּלייצעס, געצילטע אין לעבעדיקע יידן פון יענער זייט מויער, אין מעריב־זייט. דערפאַר זענען זייערע אויערן שטענדיק געווען אָפן גרייט אויפצונעמען יעדן שאָרך, יעדע בלייענע תשובה פון דער יידישער זייט, דערנאָך צו שרייען: „גוואַלט! די ישראלים זענען מחלל די געטלעכע קדושה אין די מויערן פון דער הייליקער שטאָט".

זייער געשריי צעטראָגן די קלויסטער־גלאָקן גאָר אין דער וועלט, ווייט איבער ימים, נישט אויסגעמיטן די הייליקע שטול אין רוים, זיכער נישט דעם הויכן, גלעזערנעם געביי אין ניו־יאָרק אויפן ברעג פונעם האָדסאָן־טייך, וואָרום די יידן זענען שטענדיק שולדיק, אַזוי צוויי טויזנט יאָר צייט, ווען אין דער הויך, וווּ עס ענדיקט זיך דער גולגותא־וועג, האָט אַמאָל דער רוימער פּאָנטיוס פּילאַטוס, נאָכן קרייציקן דעם מאַן פון נצרת, פאַרגלאָצט די אויגן פרום: — „ידינו לא שפכו את הדם הזה".

אין חודש ניסן תשכ"ז איז דאָס לאַנד ישראל געווען אין סאַמען צעבלי פון פרילינג. די פעלדער זענען געווען באַדעקט מיט ערב־צייטיקער תבואה, מיט שטחים גרינצייג איבערגעדעקטע מיט יריעות ניילאָן, וואָס זעען אויס פון ווייטן ווי צעכוואַליעטע אָזערעס, מיט שמעקעדיקע פּרדסים פון נאָכן קטיף, באַדעקטע מיט נייער בליונג, מיט אַ שלל פיל קאָלירטע פעלדבלומען אומעטום, אויף יעדן שפּאַן לידיק ערד, אפילו אַרויס־געשפּאַרטע פון יעדער שפּאַרע אַרויס, צווישן נאַקעטע פעלדזן אין די בערג.

די לופט איז געווען מילד, פול מיט לעבן, פויגל האָבן זיך געיאָגט נאָך אינזעקטן אין דער וואַרעמער זוניקייט. בינען האָבן געזשומעט אַרום בינשטאָקן, נישט אויסגעלאָזן אַ בלום אָן אויסנאָגן איר נעקטאַר. די פעלדער זענען פול געווען מיט ערד־אַרבעטער. אין די ליידיקע ערטער און בערג־שפּועים האָבן זיך געפּאַשעט שאָף און רינדער, וואָס האָבן נישט באַאומרויקט די פּאַסטוכער. קי און קעלבער האָבן אָוועקגעוויידלט זלידנע פליגן, בעת הינט האָבן נישט אַרויסגעלאָזן פונעם פּאַשע־תחום די מינדעסטע בהמה. אַלץ איז געווען פרידלעך און שלוהדיק אין די פעלדער פון ישראל.

אין די גאַסן פון די שטעט האָבן זיך געזען, מער ווי שטענדיק, קינדער און יוגנט, וואָס האָבן געגאַסן פון ערב־פּסחדיקן, פרייען בין הזמנים. אין די געשעפטן איז געווען אַ שטאַרקע באַוועגונג פון ערב־יומטובדיקע קונים. אין די מיטאָג־שעהען האָבן אַרבעטס־מענטשן זיך געלאָזט אין דרויסן אַרויס פון פאַבריקן און וואַרשטאַטן, געניסן פרישע פרילינגס־לופט מיט וואַרעמער זון־ליכט, ווער עס האָט אַריינגעקוקט אין אַ צייטונג, ווער ס׳האָט געכאַפּט אַ קורצן דרעמל, ווער ס׳איז סתם רויק געזעסן און זיך אָפּגערוט. אין צעפּראַלטע פענצטער האָבן זיך געלופטערט בגדים מיט בעטגעוואַנט. טוריסטן האָבן פול געמאַכט די האָטעלן, אָדער זיך באַוועגט אין אויטאָבוסן אויף אַלע וועגן און שטעגן, באַוואונדערט אַלץ, וואָס די אויגן האָבן געזען אין יידישן לאַנד ישראל.

יענע טעג איז גרויס געווען די באַוועגונג אין ירושלים, עיר הבירה, וואָס האָט זיך געגרייט צו די סדרים ברוב־עם. די שטאָט איז פול געווען מיט געסט־טוריסטן פון לאַנד און אויסלאַנד.

דער אוניווערזיטעט אין ירושלים האָט שוין אויסגעזען יומטובדיק אַ קנאַפּע וואָך פאַר פּסח, די סטודענטן זענען זיך צעפאָרן אין גאַנצן לאַנד איבערצוגעבן זייערע צימערן פאַר געסט, יונגע קאָלעגן, טוריסטן, געקומענע פון ווייט, פון איבער ימים, וועלכע זענען געקומען מונטערע, פריילעכע, טומלדיקע אין בונטער קליידונג, מיט פאַרשנורעוועטע פּעקלעך און פולע רוקזעק אויף די פּלייצעס, ווי עס פירן זיך שטודירנדיקע

בחורים מיט מיידלעך, זין און טעכטער פון גוט־געשטעלטע יידישע און נישט־יידישע היימען פון אויסלאַנד.

בדרך כלל איז פאַר אַ סך פון יענע ווייטע־נאָענטע, יונגע, יידישע געסט דער עיקר פונעם באַזוך, קודם כל צו זען ירושלים, ערשט נאָכדעם תל אביב, די קיבוצים, די לאַנדשאַפטן מיט אלדאָס איבעריקע פון „איס־ראַעל״, וואָס לאָזט זיך „אַריינכאַפּן״ אין דער פאַרויס באַשטימטער, קורצער צייט, אַזוי אַז שוין אויפן פלי־פעלד אין לוד, צאַפּלען זיי זיך מיט אומגעדולד, וואָס גיכער באַטרעטן דעם באָדן פון דער באַשריבענער, אויסגעחלומטער עיר הבירה פונעם יידישן פאָלק.

אַזאַ קבוצה „הבונים״־סטודענטן פון דער ווייטער קאַליפאָרניע, האָבן אין זעלבן טאָג פון זייער קומען קיין ירושלים, באַגעגנט אינעם אוניווערזיטעט־קאַמפּוס אַ היימישן לאַנדסמאַן, דעם קאָלעגע דזשאָו פון לאָס אַנדזשעלעס, וואָס איז דאָרטן געקומען מיט קנאַפּע צוויי יאָר צוריק משלים זיין זיין אַקאַדעמישע בילדונג אין שטח פון היסטאָריע, און שרייבן זיין דאָקטאָראַט־דיסערטאַציע, נאָכן באַקומען דעם ערשטן טיטל — „ב.א.״ דזשאָו האָט באַוויזן צו פאַרשלינגען אַ סך ביכער, אויסהערן אַנצאָליקע לעקציעס, אַנזאַמלען אַ באַרג נאָטיצן און זעטיקן די אויגן מיט אַלץ, וואָס ס׳איז אים נויטיק געוועזן פאַר זיין דאָקטאָראַט.

וואָס מער דזשאָו האָט געלערנט, שטודירט, געזען און געלייענט, אַלץ נאָענטער איז אים געוואָרן די שטאָט ירושלים מיטן לאַנד ישראל. ביסלעכווייז האָט אין אים דערוואַכט דער יידישער ניצוץ און ס׳האָט אַנגעקוועלט אַ פאַרלאַנג צו בלייבן אין ישראל, צו דינען זיין פאָלק, וואָס ער האָט דאָ אינטים דערקענט, אין זיינע פריידן און ליידן.

דזשאָו האָט געוווּסט, וואָס פאַר אַ שטורעם אַזאַ דעציזיע וועט אַרויסרופן אין זיין היים, אין לאָס אַנדזשעלעס, אָבער ער האָט נישט געקענט בלייבן פאַלש מיט זיך אַליין, געוווּסט, אַז דאָרטן וועט איצט זיין לעבן זיין ליידיק, אָן טעם, אָן אינערלעכער שלימות, ווער רעדט נאָך, אַז ער האָט דאָ ליב באַקומען די סטודענטין בתיה וואָס האָט אויך שטודירט היסטאָריע אינעם זעלבן פאַקולטעט מיטן ווילן צו ווערן אַ לערערין אין אַ מיטלשול. פון זיינע שמועסן מיט איר, און פון אירע אויגן אַרויס, איז

אים קלאָר געוואָרן, אַז זי האָט אים אויך ליב, אָבער זי וועט קיינמאָל נישט קענען לעבן אונטער אַ פרעמדער זון, אָטעמען מיט פרעמדער לופט, זי וועט עס נישט קענען.

בתיה איז אַ טאָכטער פון אַ דריטן דור ארץ ישראל־יידן, וואָס האָבן זיך אין די טערקישע צייטן באַזעצט אין ירושלים, נאָכדעם, ווי דאָס הויז פון אירע עלטערנס עלטערן אין צפת איז חרוב געוואָרן פון אַן ערדציטערניש. בתיה איז דאָ אויסגעוואַקסן, פאַרקניפּט און פאַרבונדן מיט טיפע וואָרצלען, פאַראַנקערטע אין פעלדזיקן באָדן פון ירושלים.

איינמאָל, ווען ער האָט זי באַגלייט צו דער נאַציאָנאַלער ביבליאָ־טעק, עפּעס אַרויסצושרייבן פון אַן אַלטן ספר, האָט זי זיך אַ צאַפּל געטאָן, פאַרשטעלט מיט ביידע הענט די אויערן און פאַרשנעלערט דעם גאַנג, אים איבערגעלאָזן הינטער זיך. זי האָט אַראָפּגענומען די הענט פון די אויערן ערשט אין לייען־זאַל פון דער ביבליאָטעק און אים שאַרף גע־פרעגט:

— דזשאָו, האָסט גאָרנישט געהערט אין גאַס?

— ניין בתיה.

— האָסט נישט געהערט ווי די קלויסטער־גלאָקן, אין דער אַלטער שטאָט, האָבן גענומען קלינגען?

— ניין בתיה.

ער האָט טאָקע נישט געהערט, ער איז געווען פאַרטאָן אין שמועס מיט איר. דאָס קלינגען פון קלויסטער־גלאָקן איז אים קיינמאָל נישט אָנגעגאַנגען, נישט אין ירושלים, נישט אין לאָס אַנדזשעלעס, ווו ער האָט געוווינט נישט ווייט פון אַ קאַטוילישן קלויסטער, צווישן שכנים, אָפּשטאַ־מיקע פון שפּאַניע. קלויסטער־גלאָקן? — ער האָט פון זיי נישט געטראַכט און קיינמאָל נישט געווען אויפמערקזאַם צו זייער קלינגען.

— איך קען עס נישט הערן. דזשאָו, איך ווייס, אַז ווען קלויסטער־גלאָקן נעמען קלינגען, זאָגן מאה־שערים יידן בלחש: שקץ תשקצנו, שקץ, שקץ — — — איך האָב פריער נישט פאַרשטאַנען יענע יידן ביז, ביז איך האָב גענומען שטודירן דעם מאַטעריאַל פון דער אינקוויזיציע, וואָס האָט מיך טיף אויפגערודערט, זייט דעמאָלט, ווען איך דערהער דעם בום־בום,

הער איך ווי עס קנאַקן אָנגעצונדענע, טרוקענע צווייגן פון אינקוויזיציע־שייטערס, אין מיין דמיון נעמען שפּריצן פונקען, זייערע פלאַמען וויקלען אַרום געבונדענע יידן, און קלויסטער־גלאָקן פאַרהילכן זייערע „שמע ישראל״־געשרייען. דזשאָו! איך קען אַזאַ קלינגען נישט הערן, ניין, ניין דזשאָו.

דזשאָו איז געבליבן אָן לשון. זייט יענעם טאָג האָט ער גענומען הערן דעם בום־בום פון די קלויסטער־גלאָקן אין ירושלים, באַזונדערס אין דער פאַרנאַכטיקער שטילקייט, ווען די הימלען נעמען גליען פון שקיעה ליכט, עס דוכט זיך אים, אַז די גלאָקן־קלאַנגען לעסטערן דעם חלל פון דער הייליקער שטאָט, און עס ווילט זיך אים אויך פאַרשטעלן מיט ביידע הענט די אויערן, ווי בתיה טוט.

חיפה, אַפּריל 1969

די פייערדיקע קייט

(רעפּאָרטאַזש)

ביז די „זעקס טעג" האָט דאָס פאָלק אין ישראל באַזונגען ירושלים, מיט די ווערטער פון איר טאָכטער נעמי שמר, ווי די שטאָט פון „גאָלד קופּער און ליכט", וואָס אָטעמט „מיט באַרג לופט ווי לויטערער ווײַן / אין דופט פון סאָסנעס פאַרטראָגן פון ווינט / ווען גלעקער קלינגען אין פאַרנאַכטיקן שײַן / פאַרשפּינט אין חלום / ווי בוים און שטיין / אין האַרצן מיט אַ מויער, זיצט די שטאָט איינזאַם אַליין."*

איינעם דמיון פונעם יידישן פאָלק איז „איינזאַם אַליין" געלעגן די אַלטע שטאָט ירושלים, ווי נעמי שמר האָט געזען: „דײַנע ברונימער טרוקן / ליידיק דײַן מאַרק / קיינער קומט זיך נישט בוקן אויפן הר הבית, אויפן הייליקן באַרג, / אין דער אַלטער שטאָט / אין דײַנע היילן אין די שטיינער יאָמערן ווינטן / צום ים המלח נידערט נישט קיינער / מיטן וועג צו יריחו".

דאָס פאָלק ישראל האָט מיט דעם נישט משלים געווען און איז געווען דורכגענומען מיט גלויבן, אַז „ס'וועט קומען די צייט / צו זינגען דיר ווידער / אָנטאָן די קרוין באַגייט, / וועלן קלינגען לידער / פון דעם יינגסטן פון דײַנע זין / פון די לעצטע דײַנע זינגער / ווײַל דײַן נאָמען די ליפּן בריט / ווי אַ קוש פון אַ מלאך גליט"...

דורך פייער און בלוט, מיט איבערמענטשלעכער גבורה, האָבן די

* די איבערזעצונג פון די סטראָפן פון נעמי שמר'ס ליד — „ירושלים פון גאָלד, פון קופּער און ליכט" איז געמאַכט געוואָרן פונעם מחבר.

זין פון ישראל, אין די „זעקס טעג”, איינגעבראָכן די מויער אין האַרצן פון דער אַלטער שטאָט, איר „אָנגעטאָן די קרוין באַגייט” און „זענען צוריק געקומען / צו דיינע ברינימער, געסלעך און מערק / ס׳שאַלט אַ שופר אויפן הר הבית / אין דער אַלטער שטאָט / אויפן הייליקסטן פון די בערג / אין דיינע פעלזיקע הײלן / שיינען טויזנטער זונען / מיר שפּאַנען ווידער / צום ים המלח אין דער נידער / מיטן וועג צו יריחו”.

„ירושלים פון גאָלד, פון קופּער און ליכט” — — — איר פּאַנאָ־ראַמע אין שקיעה־צייט פאַרכאַפּט דעם אָטעם מיט די אויגן, ס׳קוועלט אָן דאָס האַרץ, מען זעט אַ פאַרכישופטע סימפאָניע פון קאָלירן, וואָס בייטן זיך אַלע ווײַלע, ביז די זון פאַרשווינדט הינטער די פאַרנעפּלטע בערג־מאָסיוון, צום ווײַטן ים אַראָפּ, צו לאָזן אַלץ אַרום און אַרום אין אַ וווּנדערלעכן, ירושלימער פאַרנאַכטיקן שײַן.

ירושלים איז באַקאַנט אין דער געשיכטע ווי איינע פון די עלטסטע שטעט אין דער וועלט. מען זאָגט: — ירושלים איז אַלט ווי די וועלט, ירושלים איז די אייביקייט אַליין. דוד המלך מיט זיין זון שלמה האָבן פאַרנומען די שטאָט וואָסערע טויזנט יאָר פאַר דער נייער צייט־רעכע־נונג. 40 יאָר שפּעטער האָבן זיי אויסגעבויט דעם ערשטן בית המקדש. זייט דעמאָלט איז די שטאָט געוואָרן דער רעליגיעזער און נאַציאָנאַלער צענטער פאַרן יידישן פאָלק אין אַלע דורות. נאָך דער שפּאַלטונג פונעם יידישן קעניגרייך, אין דער צייט פון רחבעם, איז ירושלים געוואָרן די הויפּטשטאָט נאָר פון יהודה, אָבער זי איז ווייטער געבליבן דער צענטער פון אַלע שבטים מחוץ יהודה.

אין יאָר 586 פאַר דער נייער צייט־רעכענונג, אין דער צייט פון קעניג צדקיהו, איז נבוכדנצר, דער קעניג פון בבל, איבערגעפאַלן יהודה, חרוב געמאַכט ירושלים מיטן ערשטן בית המקדש און דאָס פאָלק גענומען אין געפאַנגענשאַפט, זיי אָוועקגעפירט אין זיין קעניגרייך.

אין יאָר 537 פאַר דער נייער צייט־רעכערונג, האָבן זיך די געפאַנגענע יידן פון בבל צוריקגעקערט קיין ירושלים און גענומען בויען דאָס צווייטע בית המקדש, ווי עס ווערט געשריבן אין ספר נחמיה, ד׳,

קאַפּיטל י״א: — „מיט איין האַנט האָבן זיי געטאָן די אַרבעט, און דער צווייטער געהאַלטן דעם וואָפן, און די בויער זענען געווען אָנגעגורט איטלעכער מיט זיין שווערד אויף זיינע לענדן, אַזוי האָבן זיי געבויט״. — — — אָט חזרט זיך איצט איבער די רייד פון נביא נחמיה, זיי חזרן זיך איבער פאַר אונדזערע אויגן אין מדינת ישראל.

דאָס אַלץ איז דעמאָלט פאַרלאָפן אונטערן שוץ פונעם גוטן פּערסישן קעניגרייך, ווען ירושלים האָט זיך צוריקגעקערט צו איר גדולה, וואָס האָט אין אַ געוויסער מאָס ווייטער אָנגעהאַלטן אין די צייטן פון דער גריכישער מאַכט אונטער די קעניגטומען פון סיליקוס אין סיריען און תלמי אין מצרים.

אין יאָר 169 פאַר דער נ.צ.ר. האָט אַנטיוכוס (עפּיפאַנעס), נאָך זיין ערשטער עקספּעדיציע אין מצרים, זיך אַריינגעריסן אין ירושלים און פאַרוואַנדלט די שטאָט אין אַ פרעמדער קאָלאָניע. אַנטיוכוס האָט אויסגעמאָרדעט אַ סך יידן, אַ טייל פאַרקויפט פאַר שקלאַפן, אַ טייל פאַרטריבן אין געפאַנגענשאַפט, ער האָט געלעסטערט, אויסגערויבט און דעמאָלירט דעם צווייטן בית המקדש, ווו ער האָט אויפגעשטעלט אַ מזבח פאַרן גאָט זעאוס, ער האָט פאַרבאָטן שמירת שבת און ברית מילה, איינגעפירט אין לאַנד געצנדינערייי, געצווונגען יידן אָנטייל נעמען אין אַלע אָרגיעס פון די מתיונים־העלעניסטן, אַזוי, ביזן אויפשטאַנד פון די מכבים אין יאָר 160 פאַר דער נ.צ.ר.

דריי יאָר שפּעטער האָט יהודה המכבי צוריק פאַרנומען ירושלים מיטן בית המקדש, וואָס איז באַנייט געוואָרן נאָכן אויסרייניקן דאָס אָנגעקליבענע העלעניסטיש־געצנדינערישע שמוץ. יהודה המכבי האָט 8 טעג צייט געפייערט דעם „חנוכת המזבח״, יענע 8 טעג זענען פאַרבליבן אַ יום טוב פאַר די יידן פון דער גאַנצער וועלט ביזן היינטיקן טאָג — דער יום טוב פון חנוכה. ירושלים איז ווידער געוואָרן די הויפּטשטאָט פון דער יידישער מלוכה, ווו די חשמונאים האָבן רעגירט 130 יאָר.

דער קעניג הורדוס, אַן אדומישער אָפּשפּראָץ, איז געקומען צו דער מאַכט אין ירושלים און ארץ ישראל מיט דער הילף פון די רוימער.

ער איז געקומען צו דער מאַכט נאָך אינערלעכע מלחמות, בעיקר, מיט די רעשטן פון בית החשמונאים. הורדוס האָט אויסגעבויט אין ירושלים זיין רעזידענץ־פּאַלאַץ, אויסגעברייטערט און אויסגעגליכט דעם הר הבית, אויסגעבויט אַ נייעם בית המקדש מיט מעכטיקע שטיין־מויערן אַרום. פון יענע מויערן איז פאַרבליבן ביזן היינטיקן טאָג דער כותל־המערבי.

הורדוס האָט אויסגעבויט אין ירושלים דריי טורעם־פעסטונגען, פון וועלכע עס איז צו דערמאָנען די פעסטונג „אַנטאָניה", מיטן „מגדל דוד". דער „מגדל דוד" איז געבליבן שטיין ביז היינט. וועגן זיין בוי־ווערק האָבן געזאָגט די אַלטע, יידישע חכמים, אַז „דער וואָס האָט נישט געזען דעם בנין פון הורדוס, האָט אין זיין לעבן נישט געזען קיין שענערן בנין". שפּעטער האָט זיין אייניקל, אַגריפּס דער ערשטער, אויסגעבויט אַרום ירושלים אַ דריטע מויער, וואָס רעשטן פון איר זענען אַנטדעקט געוואָרן אין אונדזערע יאָרן.

63 יאָר פאַר דער ג.צ.ר. זענען די רוימער באַפאַלן און באַלאַגערט ירושלים, די יידן האָבן זיך עקשנותדיק קעגנגעשטעלט, דער בית המקדש איז דעמאָלט געוואָרן דער צענטער פון יידישן ווידערשטאַנד, אָבער זיי האָבן נישט געקענט באַשטיין די איבערוויגנדיקע רוימישע קרעפטן. דאָס פאַרנעמען דעם הר הבית האָט זיך אָנגעהויבן נאָכדעם, ווי די רוימער האָבן דורכגעבראָכן די מויערן פון דער „אַנטאָניה"־פעסטונג, וואָס הורדוס האָט אויסגעבויט.

אין יאָר 70 פון דער נייער צייט־רעכענונג, אין חודש אָב, האָבן די רוימישע לעגיאָנען פון טיטוסן חרוב געמאַכט און פאַרברענט דעם בית המקדש, אויסגערויבט, וואָס עס איז פאַרבליבן נאָך דער שריפה און צוזאַמען מיט יידישע געפאַנגענע פאַרשלעפּט קיין רוים. דאָס געראויבטע נאָכן חורבן ירושלים ווערט געשילדערט אויף איינעם פון די רעליעפן אויפן נצחון־טויער פון טיטוסן אויפגעשטעלט אין רוים, וואָס איז געבליבן שטיין גאַנץ ביזן היינטיקן טאָג. פון דער מויער אַרום הר הבית איז, ווי געזאָגט, געבליבן נאָר דער כותל המערבי, וואָס איז פאַרהייליקט ביים יידישן פאָלק, ווי אַ מקום פאַר תפילה און זכרון פאַר אַלע יידן אין דער וועלט.

אין דער צייט ווען דער רוימישער פּראָקוראַטאָר פּאָנטיוס פּילאַטוס האָט געהערשט אין ירושלים, איז געקרייציקט געוואָרן ישו, דער מאַן פון נצרת, אין עלטער פון 33 יאָר, בערך. עס איז זיכער, אַז מחמת שנאת ישראל, האָט די אַלטע, קריסטלעכע ליטעראַטור דערציילט, אַז פּילאַטוס האָט געוואָלט באַפרייען דעם מאַן פון נצרת, נאָר די יידן האָבן געפאָדערט זיין טויט. אינעם פערטן עוואַנגעליום פון יוחנן, ווערט ישו געשילדערט, ווי אַ קעגנער פון יידן, וואָס ער האָט פאַראכטעט, הגם ער איז אַליין געווען אַ ייד...

נאָכן חורבן בית המקדש איז ירושלים ווידער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שטאָט פון געצנדינעריי און פאַרדאָרבנקייט, וואָס די רוימער האָבן געבראַכט, און שטאַרק דערצאָרנט די יידן. די יידן האָבן צוגעגרייט אַן אויפשטאַנד קעגן די רוימער אונטער דער פירונג פון בר כוכבא, וואָס האָט צוגעגרייט שלאַכט־לייט און אָנגעזאַמלט געווער אין היילן פון מדבר יהודה. אַ סך יידן, צווישן זיי רבי עקיבא האָבן געזען אין בר כוכבא דעם מלך המשיח (אין די יאָרן 135—132).

אין ערשטן יאָר פונעם אויפשטאַנד, האָבן די יידן באַזיגט די רוימער אין ירושלים, אָבער יוליוס סעווערוס האָט דעם אויפשטאַנד דערשטיקט און די לעצטע מורדים האָבן זיך פאַרפעסטיקט אין ביתר, נישט ווייט פון ירושלים. ביי אַ דורכגעפאַלענעם פּרווו צו צעברעכן די רוימישע באַלאַגערונג זענען אַלע שלאַכט־לייט פון ביתר אומגעקומען. אין יאָר 135 האָט זיך פאַרענדיקט די יידישע מלחמה מיט די רוימער, יהודה איז אינגאַנצן חרוב געוואָרן, די רעשטן פון די קעמפער זענען גענומען געוואָרן אין געפאַנגענשאַפט און ירושלים איז אויף דורות גע־וואָרן אויס יידישע שטאָט.

אין יאָר 135 האָט אַדריאַנוס קיסר פאַרוואַנדלט ירושלים אין אַ רוימישער קאָלאָניע — „אַליה קאַפּיטאָלינה", וואָס אַ ייד האָט נישט געטאָרט באַטרעטן.

אינעם 4־טן יאָרהונדערט האָט קאָנסטאַנטינוס קיסר מיט זיין מוטער העלענאַ פאַרוואַנדלט ירושלים אין אַ הייליקן, קריסטלעכן צענטער, ווו ער האָט אויסגעבויט דעם „קלויסטער פונעם הייליקן קבר". מיט דער

צייט זענען צום קלויסטער צוגעבויט געוואָרן עטלעכע פליגלען באַצירטע מיט טייערע מעטאַלן און איידלשטיינער, דער צענטראַלער טייל פון בנין איז געבויט ווי אַ באַזיליקע מיט אַ גרויסן, רונדן געוועלב, אונטערן געוועלב געפינט זיך אַ קליינער מקדש מיטן „הייליקן קבר", אויסגעהאַקט אין אַ פעלדז.

אין יאָר 614 האָבן די פּערסן מיט דער הילף פון יידן באַזעצט ירושלים און זי צוריק פאַרלאָזן אין יאָר 627. ערשט אין יאָר 638, ווען די אַראַבער האָבן פאַרנומען ירושלים האָבן זיי דאָרטן דערלויבט יידן ווינען לעגאַל. די אַראַבער האָבן אויך דערקלערט ירושלים ווי זייערס אַ הייליקטום און האָבן אויסגעבויט אויפן הר הבית דעם „עומר"־מעטשעט.

אין יאָר 1099 האָבן די קרייצטרעגער פאַרנומען ירושלים און זי דערקלערט, ווי די הויפטשטאָט פון דער „קרייצטרעגער־מלוכה", וואָס האָט זיך געהאַלטן קרוב 100 יאָר מיט קליינע איבעררייסן. די קרייצטרע־גער האָבן דורכגעפירט גרויזאַמע שחיטות איבער די יידן פון ירושלים, ווו זיי האָבן אָפּגעמעקט פון דער ערד די גאַנצע יידישע געמיינדשאַפט.

אין יאָר 1260 האָבן די מאַמעליוקן פון מצרים פאַרטריבן די קרייצטרעגער פון ירושלים. זיבן יאָר שפּעטער האָבן זיך יידן צוריק באַזעצט אין ירושלים און דאָרטן געשלאָגן וואָרצלען אונטער דער מנהיגות פון רמב"ן (רבינו משה בן נחמן. 1194—1270), דער רמב"ן איז געווען איינער פון די גרויסע, יידישע תורה און תלמוד־קאָמענטאַטאָרן אין יענער תקופה, ער האָט זיך אויך פאַרנומען מיט הלכה און קבלה. דעם גרעסטן טייל פון זיין לעבן האָט ער געוווינט אין גיראָנאַ־קאַטאַלאָניע, אין שפּאַ־ניע, ווו ער האָט זיך מפרנס געווען פון מעדיצינישער פּראַקטיק. נאָך אויפגעצוווּנגענע, עפנטלעכע ויכוחים מיט גלחים, כדי אויסצומיידן גיין אין תפיסה, האָט ער געמוזט אַנטלויפן פון שפּאַניע אין יאָר 1264. נאָך דריי יאָר וואַגלעניש, איז דער רמב"ן אָנגעקומען קיין ירושלים, ווו ער האָט נישט געפונען קיין יידן, נישט קיין בית הכנסת צו דאַווענען.

דער רמב"ן האָט אין ירושלים צוריקגעשטעלט זיין לעבן, אָנגע־שריבן אַ רייע ספרים, וואָס דינען ביז היינט די תורה און תלמוד־לערנער,

גלייכצייטיק האָט ער גערופן די יידן פון גלות עולה זיין און זיך באַזעצן אין ארץ ישראל.

אין יאָר 1517 האָבן די טערקן פאַרנומען ירושלים צוזאַמען מיט ארץ ישראל, וואָס איז איינגעגלידערט געוואָרן אין דער אָטאָמאַנישער אימפּעריע 400 יאָר צייט. די איצטיקע מויערן אַרום אַלט־ירושלים האָט אויסגעבויט דער טערקישער סולטאַן סולימאַן אין 16־טן יאָרהונדערט.

אין 1917, ביים סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָבן די ענגלענדער פאַרנומען ארץ ישראל פון ביידע זייטן ירדן, צוזאַמען מיט ירושלים. בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן ציוניסטישע קרייזן געפאָדערט פון די ענגלענדער שאַפן יידישע רעגימענטן אין דער בריטישער אַרמיי, וואָס זאָלן אָנטייל נעמען אין דער מלחמה, זיכער האָט זיך געהאַנדלט וועגן יידישן אָנטייל צו באַפרייען ארץ ישראל פון די טערקן, מיט דער כונה צו שאַפן אַ יידישע מדינה, וואָס איז נישט געווען צום האַרצן, נישט די ענגלענדער, נישט אַ סך אַנטיציוניסטישע יאַהודים. די ענגלענדער האָבן נישט געוואָלט איינרייסן מיט די אַראַבער, וואָס האָבן אויך געשטרעבט פּטור ווערן פון דער טערקישער מאַכט. צום סוף זענען געשאַפן געוואָרן 4 רעגימענטן פון יידישע וואָלונטערן, וואָס האָבן זיך מאָביליזירט אין ענגלאַנד, אין די פאַראייניקטע שטאַטן, און קאַנאַדע, אַרגענטינע און אין ארץ ישראל, וואָס האָבן דירעקט אָנטייל גענומען אין דער מלחמה, אין דער ענגלישער אַרמיי. איין רעגימענט האָט אָנטייל גענומען אין דער דורכגעפאַלענער שלאַכט מיט די טערקן אין גאַליפּאָלי, דאָס איז געווען דער רעגימענט פון די „מויל־אייזלען אָנטרייבער", די אַנדערע דריי רעגימענטן, האָבן אָנטייל גענומען אין די שלאַכטן צווישן די ענגלענדער מיט די טערקן אין ארץ ישראל, אויף די פראָנטן פון שכם, עמק הירדן, און מזרח עבר־הירדן, אויך אין דער וואַד־דינסט אין רפיח און תל־אל־כביר, ביים פאַרנעמען דעם דורכגאַנג פון תל־אל־שאַרט.

אין די יידישע רעגימענטן האָבן וואָלונטירט וואָסערע 6000 מאַן, צווישן זיי אַזעלכע פּערזענלעכקייטן ווי יוסף טרומפּעלדאָר, ז. זשאַבאָטינסקי, דער צווייטער פּרעזידענט פון מדינת ישראל יצחק בן־צבי, די פּרעמיער מיניסטאָרן, דוד בן־גוריון און לוי אשכול, די אַרבעטער־פירער

בערל כצנעלסאָן, אליהו גאָלאָמב, דער העברעישער שרייבער און פירער פון די קאָלאָניסטן משה סמיליאַנסקי מיט נאָך באַוווסטע פּערזענלעכקייטן.

נאָך דער מלחמה ווען יידישע זעלנער און אָפיצערן האָבן געהאָלפן די „הגנה" שאפן שוץ־געווער און זיך פּאַרטיידיקן בעת די אַראַבישע אָנפאַלן אויף יידן, אין די אומרועןן פון 1920—1921, האָט זיי די ענגלישע מאַכט ליקווידירט.

דעם צווייטן נאָוועמבער 1917 האָט לאָרד באַלפור פאַרעפנטלעכט די היסטאָרישע „באַלפור־דעקלאַראַציע", — „אַז די בריטישע רעגירונג זעט גוט די שאַפונג פון אַ נאַציאָנאַלער, יידישער היים אין ארץ ישראל, און וועט מיט אירע בעסטע מעגלעכקייטן העלפן דערגרייכן אַזאַ ציל בתנאי, אַז דאָס זאָל נישט פּוגע זיין די בירגערלעכע און רעליגיעזע רעכט פון די נישט יידישע געמיינדעס אין ארץ ישראל, אויך נישט די רעכט און פּאָליטישן מעמד פון די יידן אין די אַנדערע לענדער". די „באַלפור־דעקלאַראַציע" איז באַשטעטיקט געוואָרן אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָנפערענץ אין סאַן־רעמאָ אין אַפּריל 1920. די דערמאָנטע קאָנפערענץ האָט איבערגעגעבן גרויס־בריטאַניע דעם מאַנדאַט איבער א"י, אַרויפגעלייגט אויף איר די אחריות צו רעאַליזירן די באַלפור־דעקלעראַציע.

אַלס ערשטן הויך־קאָמיסאַר פון א"י האָט די בריטישע רעגירונג באַשטימט דעם ייד, סיר הערבערט סעמיועל.

די בריטן האָבן געהערשט אין ארץ ישראל ביזן יידישן באַפרייונגס־קריג, ביזן עטאַבלירן, אָפיציעל, מדינת ישראל דעם 14־טן מאי 1948. דעמאָלט איז די לאַגע אין ירושלים געווען שווערער און געפערלעכער ווי אין די אַנדערע שטחים פון לאַנד, ווייל די שטאָט איז געלעגן דער־ווייטערט, אָפּגעריסן פון די יידישע צענטערן, אָן שפּייז און אָן וואַסער. אין ירושלים גופא און אַרום איר האָבן זיך געפונען די אַראַבישע שונאים אונטערגעשטיצט פון די לעצטע בריטיש־בעווין־יסטישע קאָהאָרטן. יענעם פרילינג און זומער האָט ירושלים אויסגעדריקט די גבורה מיטן אויס־דויער פון די יידן אין א"י אינעם באַפרייונגס־קריג. זעקס יידישע ישובים אין צפון און דרום פון דער געליטענער שטאָט זענען פאַרנומען געוואָרן

דורך די אַראַבער. דער וועג וואָס האָט געפירט פון די יידישע ישובים קיין ירושלים איז אָפּגעשניטן געוואָרן. די שטאָט איז געבליבן באַלאַגערט אַרום און אַרום, אַ פאַרהונגערטע, אַ דורשטיקע, אַ צעבלוטיקטע, זי איז באָמבאַרדירט געוואָרן אָן איבעררייס טאָג און נאַכט, אָבער אירע תושבים זענען געבליבן מוטיק, אייזן־פעסט.

די באַשיצער און פאַרטיידיקער פון ירושלים האָבן מיט איבער־מענטשלעכער אָנשטרענגונג אָפּגעשלאָגן אַלע אָנגריפן פון די אַראַבישע לעגיאָנערן, ווו עס האָבן זיך געפונען בריטישע אָפיצערן, און באַוואָפנטע מענטשן פון ציווילע פאָרמאַציעס — זיי האָבן געהאַט גענוג לייכט און שווער געווער און געהאַט איבערגענוג אַמוניציע, בעת די יידישע באַוואָ־פענונג איז געווען מער ווי באַשרענקט. אין די נאַכט פלעגן יידן פון אַלע שיכטן זיך אַרויסכאַפּן פון יענער זייט שטאָט, אין מעריב זייט, העלפן דורכברעכן אַ נייעם וועג ווי אַן אַלטערנאַטיווע פאַרן פאַרשפּאַרטן וועג. דעם וועג האָט מען אַ נאָמען געגעבן, דער „בורמאַ־וועג״, וואָס האָט באַנייט די פאַרבינדונג פון ירושלים מיט די יידישע ישובים און פאַקטיש דעצי־דירט דעם ווייטערדיקן גורל פון דער שטאָט. ביים דורכברעכן דעם נייעם וועג איז פון אַ פאַרבלאָנדזשעטער קויל אומגעקומען קאָלאָנעל דוד מאַרקוס, אַן אַמעריקאַנער ייד, אַ געניטער מיליטער־מאַן, וואָס האָט זיך בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה אויסגעצייכנט אויף די שלאַכט־פעלדער פון אייראָפּע. ביים אָנהויב פון באַפרייונגס־קריג האָט ער איבערגעלאָזן זיינע עסקים אין ניו־יאָרק, ווו ער איז געווען אַן אַדוואָקאַט, און וואָלונטירט קיין א״י, צו העלפן אָרגאַניזירן די יידישע אַרמיי. ער איז אומגעקומען אין בליענדיקן עלטער פון 46 יאָר.

נישט געקוקט אויף דער גבורה־מלחמה פון די פאַרטיידיקער און באַשיצער פון די יידן אין ירושלים, איז די אַלט־שטאָט, אין די מויערן, אריינגעפאַלן אין די הענט פון די אַראַבער. ביי־ירושלים מיט די יידן פון דער אַלטשטאָט האָבן געקעמפט ווי לייבן און באַצאָלט מיט אַ סך בלוט. 19 יאָר צייט האָבן דאָרטן געהערשט די אַראַבישע לעגיאָנערן, 19 יאָר צייט האָבן זיי נישט אויפגעהערט טעראָריזירן די נייע שטאָט, פון יענער זייט מויערן, ביז די מלחמה פון די „זעקס טעג״ אין יוני 1967, ווען צה״ל,

די אַרמיי פון ישראל האָט באַפרייט און אויסגעלייזט די אַלטע, היסטאָרישע ירושלים פון אירע באַצווינגער.

איבער די מויערן פון אַלט־ירושלים געפינען זיך 34 טורעמס. אין די מויערן געפינען זיך 7 טויערן אַזוי צו ציילן: שער יפו, שער ציון, שער האשפות, שער האריות, וואָס די אַראַבער רופן „באַב־אַל־חאַטאַ — דער טויער פון זינד", שער הורדוס, שער שכם, און דער פאַרמאַכטער שער הרחמים. אַלע זיבן טויערן זענען פאַר יידן געבליבן פאַרשפאַרט, זייט די אַלטע שטאָט איז געפאַלן אין יאָר 1948, ביז איר באַפרייונג אין יוני 1967.

אַלט־ירושלים טיילט זיך אין 4 קוואַרטאַלן: דער מוסלמענישער, דער קריסטלעכער, דער אַרמענישער, און דער יידישער. דער יידישער קוואַרטאַל שפרייט זיך אינעם דרומדיקן טייל פון דער אַלטער שטאָט — פונעם שער ציון ביזן שער האשפות. פון דאָרטן, צפונדיק, איז ער איינגעקלעמט צווישן אַראַבישן קוואַרטאַל און דרומדיקן טייל פון הר־הבית. נאָכן פאַרנעמען די אַלטע שטאָט אין 1948, האָבן די אַראַבער חרוב געמאַכט דעם יידישן קוואַרטאַל, איינגעלייגט ס'רוב בנינים אַ שטיין אויף אַ שטיין און חרוב געמאַכט, ביז די פונדאַמענטן, אַלע יידישע הייליקע מקומות, אַלע בתי כנסת, בתי מדרשים, קלויזן, ישיבות, תלמוד תורות, אַלע יידישע מוסדות מיט אַלע יידישע אַלטערטימלעכקייטן. דעם חורבן פון דעם יידישן קוואַרטאַל אין אַלט־ירושלים, האָבן קריסטלעכע גייסטלעכע פערזענלעכקייטן „נישט געזען" און ווילן ווייטער נישט זען.

דער הר הבית, ווו ס'איז אַמאָל געשטאַנען דער בית המקדש געפינט זיך אין דער אַלטער שטאָט, אין די מויערן, אין דרום־מזרחדיקן ווינקל, ווו עס געפינט זיך אויך דער כותל המערבי. דער הר הבית איז דער הר המוריה, וואָס מיר קענען פון חומש. לויט דער מסורה האָט אברהם אָבינו געבראַכט צו דער עקידה, אויפן הר־המוריה, זיין איינציקן זון יצחק. שפּעטער האָט דוד המלך אָפּגעקויפט פון אַרוואַנא דעם יבוסי זיין דרעש־פעלד, וואָס איז געווען אויפן הר־המוריה און דאָרטן אויפגעשטעלט אַ מזבח. שלמה המלך האָט אויף יענעם אָרט אויסגעבויט דעם ערשטן בית המקדש, וואָס נבוזראַדן, דער אַזוי גערופענער „שר הטבחים" פון

נבוכדנצרן, האָט חרוב געמאַכט און פאַרברענט. ווי עס ווערט דערציילט איז אין חצר פון ערשטן בית המקדש דערמאָרדעט געוואָרן דער כהן זכריה בן יהודיע, וואָס האָט נישט אויפגעהערט מוסרן דאָס פאָלק מיט זיינע מנהיגים פאַר זייערע זינד און פאַרדאָרבנקייט. די ערד פון חצר האָט נישט געוואָלט איינזאַפּן זיין בלוט, וואָס האָט יאָרן לאַנג געזידט, ביז נבוזראַדן האָט אויף זכריה דעם כהנ׳ס בלוט געשאָכטן טויזנטער כהנים, דאַן האָט דאָס בלוט אויפגעהערט זידן און קאָכן.

דעם „עומר״־מעטשעט אויפן הר הבית האָט אויסגעבויט דער סולטאַן עבד־אַל מאַליק אין יאָר 690. דעם מעטשעט האָט מען רעמאָנ־טירט אין אַלע דורות, שטענדיק פאַרשענערט און פאַרבעסערט, אָבער אַלע אַלטע באַצירונגען האָבן זיך גוט אָפּגעהיט. דער בנין איז אַכט־קאַנטיק, די ווענט זענען באַדעקט מיט מאַרמאָר, די פענצטער זענען באַפּוצט מיט פיינעם, קאָלירטן פאָרצעלאַן. אַרום די ווענט זענען אויס־געקריצט פסוקים פון קאָראַן, די אותיות זענען באַדעקט מיט גאָלד.

דער מעטשעט „אַל־אַקצה״ איז דער צווייטער אויפן הר־הבית, וואָס איז פאַרהייליקט ביי די מוסולמענער נאָך זייערע באַרימטע מעטשעטן אין מעקאַ און מעדינאַ. דער בנין איז געבויט אין ביזאַנטישן סטיל ווי אַ באַזיליקע: — אַ גרויסער זאַל מיט שורות זיילן אין מיטן, פון רעכטס און לינקס, איבער אַ טייל זיילן געפינען זיך באַקרוינונגען. אין אַ ווינקל זאַל שטייען אַלטע בימות פון האָלץ אין דמשקער סטיל, באַדעקטע מיט העלפאַנטביין און פאַרשיידענע מושלען פון פאַר 800 יאָר צוריק.

פון דער מעכטיקער „אַנטוניה״־פעסטונג, וואָס הורדוס האָט אויס־געבויט צפון זייט פון הר הבית, זענען פאַרבליבן רעשטן אינעם תחום פון דעם „סאַנט־אַנה״ מאָנאַסטיר. אין דער נאָענט געפינט זיך אַ גרויסער וואַסער־באַסיין, וואָס די אַראַבער רופן ביים אַלטן, היסטאָרישן נאָמען — „בירכת איסראַיל״.

די בריק: צוויי אַרכעאָלאָגן האָבן געפאָרשט. דער אַמעריקאַנער ראָבינסאָן האָט אין יאָר 1839 אַנטדעקט רעשטן פון אַן אַלטער בריק, וואָס האָט פאַרבונדן דעם חצר פון בית המקדש אויפן הר הבית מיט דער

אויבערשטער ירושלים פון מעריב־זייט. דער ענגלענדער ווילסאָן האָט אין יאָר 1867 אַנטדעקט רעשטן פון אַ געמויערטן בויגן, וואָס האָט פאַרבינדן דעם צפון־טייל פון הר הבית מיט דער דערמאָנטער אויבערשטער ירושלים. געלערנטע זענען משער, אַז דאָס איז געווען די „מסילת־העולה", וואָס די כהנים האָבן געברויכט, ווי עס ווערט דערמאָנט אין די „דברי הימים", נאָכדעם ווי אין שיכט כהנים פלעגט אין בית המקדש בייטן די צווייטע שיכט.

דער „מגדל דוד", וואָס דינט היינט ווי אַ מוזעאום, איז אַ טייל פון די אַלטע ירושלים־פעסטונגען. טיטוס האָט בכונה נישט חרוב געמאַכט דעם „מגדל דוד" כדי זיך צו גרויסן פאַר דער וועלט מיט זיין נצחון איבער ירושלים, באַשר ער האָט געקענט באַצווינגען אַזאַ באַסטיאָן ווי דער „מגדל דוד", וואָס האָט שפּעטער געדינט די וויטערדיקע רוימישע אָקופּאַנטן, די ביזאַנטינער, די אַראַבער, די קרייץ־טרעגער, די מאַמעליוקן און טערקן. אין יעדער תקופה פלעגן די באַצווינגער רעמאָנטירן דעם מגדל, צוגעבן נייע שיכטן שטיינער און אים געברויכן ווי אַ פעסטונג.

עס איז ווערט צו דערמאָנען די „חורבה פון רבי יהודה חסיד", דער נאָמען פון אַ פּרעכטיקער שול, וואָס די אַראַבער האָבן חרוב געמאַכט ביזן גרונט אין יאָר 1948, ווען זיי האָבן פאַרנומען די אַלטע שטאָט. רבי יהודה חסיד מיט 1500 חסידים האָבן געוואָלט „מקרב זיין דעם קץ", האָבן זיי פאַרלאָזן זייערע היימען פון יענער זייט ים און זיך געלאָזט עולה זיין קיין א"י דורך שווערע וועגן און אומוועגן, אַ טייל פון זיי זענען געשטאָרבן אונטערוועגנס, די לעבן געבליבענע זענען אָנגעקומען קיין ירושלים אין יאָר 1700.

רבי יהודה חסיד האָט דאָרטן באַוויזן קויפן אַ שטיק קרקע און איז געשטאָרבן דריי טעג שפּעטער, נאָכן זוכה זיין באַטרעטן די ערד פון דער אויסגעחלומטער, הייליקער שטאָט ירושלים. זיינע חסידים האָבן פאַר־אייביקט זיין אָנדענק מיטן אויסבויען די פּרעכטיקע שול, וואָס האָט געטראָגן זיין נאָמען: — „די חורבה פון יהודה חסיד".

דער „הר ציון" זאָל זיין די אַמאָליקע אויבערשטע ירושלים, אויסער די מויערן פון דער אַלטער שטאָט אין דרום־זייט. לויט דער יידישער

מסורה געפינט זיך אויבן אויפן באַרג דער קבר פון דוד המלך. לויט דער קריסטלעכער מסורה האָט דאָרטן, אין איינעם פון די צימערן, אין אַן אויבערשטן שטאָק פון אַן אַלטן בנין, ישו הנוצרי געפּראַוועט דאָס „לעצטע מאָלצייט".

אויפן „הר ציון" געפינט זיך איצט דער „מרתף השואה", דער דענקמאָל, לזכרון אַ מיליאָן מיט צוויי הונדערט טויזנט אומגעבראַכטע, יידישע קינדער דורך די נאַציס, מיט די דענקמעלער לזכרון די קדושים פון בערגען־בעלזן, געטאָ וואַרשע, די „געלע לאַטע" און די „שטעכעדיקע דראָט־פאַרצוימונגען". אין אַ באַזונדערן צימער געפינען זיך סלאָיעס אַש פון פאַרברענטע יידן אין 36 פאַרטיליקונגס־לאַגערן. דאָרטן געפינט זיך אויך דער „בית העדות" מיט אַ געביי פון אויסשטעלונגען. דער „הר ציון" איז היינט איינער פון די הייליקסטע ערטער אין מדינת ישראל.

אין צפון־זייט פון קבר פון דוד המלך געפינט זיך דער באַרימטער קלויסטער „דורמיציון".

פון יענער זייט מויערן אין אַלט־ירושלים געפינען זיך די קברים פון דער קעניגלעכער הורדוס־משפחה, פון די סנהדרין, און פון דער משפחה פון העלענה המלכה, וואָס האָט זיך באַקערט צום יידישן גלויבן אין דער צייט פון צווייטן בית המקדש. די קברים פון העלענה המלכהעס משפחה זענען באַרימט מיט זייערע באַצירונגען און מיט אַלט העברעישע און אַראַמעישע אויפשריפטן.

אין צפון־זייט געפינט זיך די הייל פון שמעון הצדיק, און אין מזרח־זייט, איבער די מויערן, געפינט זיך די הייל פון יהושפט, דער „יד אבשלום" מיטן קבר פון זכריה הנביא, וויזט אויס, אַז זיי געפינען זיך דאָרטן אויך זייט דעם צווייטן בית המקדש.

אינעם „גן העצמאות", אין ירושלים, געפינט זיך די „מערת האַריה — די הייל פונעם לייב", וואָס ווערט דערמאָנט אין דער יידישער און קריסטלעכער מסורה. די לעגענדע דערציילט, אַז אין יענער הייל פלעגט אַ גוטהאַרציקער לייב צונויפברענגען די קערפּערס פון פאַרפּייניקטע יידן, אומגעבראַכטע אויף קידוש השם, און זיי אָפּהיטן, מען זאָל זיך מער נישט איזדעקעווען איבער זיי.

דער הר הזיתים מיטן הר הצופים איז איין מאַסיוו אין די בערג פון ירושלים. דער צפון פונעם מאַסיוו געפינט זיך אין תחום פון שעפת, וואָס איז די אַמאָליקע כהנים־שטאָט נוב, די דרומדיקע גרענעץ וויקלט זיך אין דער סביבה פון כפר שילוח און אַל עזריה, 800 מעטער הויך, אָדער 80 מעטער איבער ירושלים. אין דער צייט פון בית המקדש פלעגט מען פון דאָרטן דורך אָנגעצונדענע שייטערס צוויסן געבן דאָס פאָלק ווען עס פאַלן אויס די ימים טובים און ראש חודש.

דער הר הזיתים געפינט זיך נאָענט צום הר הבית און אין זיין שטח געפינט זיך גאָר אַן אַלטער בית הקברות. פרומע יידן האַלטן, אַז אין משיח׳ס צייטן וועט זיך דאָרטן אָנהויבן „תחית המתים״ און יענע, וואָס זענען דאָרטן געקומען צו קבורה, וועלן נישט דאַרפן דורכמאַכן „גלגול מחילות״, דעריבער קומען עלטערע יידן פון אַלע טיילן וועלט פאַרענדיקן זייערע יאָרן אין ירושלים, כדי קומען צו קבורה אויפן הר הזיתים.

בעת דעם באַפרייונגס־קריג אין 1948, איז דער הר הזיתים אַריינ־געפאַלן אין אַראַבישע הענט, זיי האָבן באַלד פאַרשפאַרט דעם בית הקברות פאַר יידישע באַזוכער. די אַראַבער האָבן געשענדעט דעם אַלטן יידישן בית הקברות, זיי האָבן חרוב געמאַכט אַ גרעסערע צאָל היסטאָרישע מצבות, איבער אַ מאַסע קברים פאַרלייגט אַ כביש און אַ טייל מצבות צעשמעטערט און פאַרברויכט ווי שטיינער צו בויען קאַזאַרמעס, פאַר־פעסטיקונגען, ווענט, אַפילו בתי כסאות. עס דאַרף דערמאָנט ווערן אַז במשך פון דורות פלעגן אַראַבער חרוב מאַכן און לעסטערן דעם היסטאָ־רישן, יידישן בית הקברות אויפן הר הזיתים. ערשט נאָך דער מלחמה פון די „זעקס־טעג״, נאָכן באַפרייען און פאַראייניקן ירושלים, האָט די חברה קדישא גענומען צונויפזאַמלען די צעשפרייטע ביינער מיט די אַלטע, באַשעדיקטע, צעוואָרפענע מצבות, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אין שטח. לויט אַלטע פנקסים און לויט נעמען, וואָס זענען נישט אינגאַנצן פאַר־ווישט געוואָרן אויף די צונויפגעקליבענע מצבות, האָט מען אַ טייל קברים רעסטאַווירט, אַזוי ווי זיי זענען געווען אַמאָל, פאַרן באַפרייונגס־קריג.

דער הר הצופים איז אינעם לעצטן דור באַקאַנט געוואָרן ווי

אַ נאַציאָנאַלער קולטור־צענטער אין ארץ ישראל, מחמת דעם העברעישן אוניווערזיטעט, די נאַציאָנאַלע ביבליאָטעק, פון די גרעסטע אין מיטעלן מזרח, דער „הדסה" שפיטאָל, די קראַנקן־שוועסטער־שול און דער ראָטנאָף אינסטיטוט, וואָס זענען דאָרטן אויסגעבויט געוואָרן. דרום־זייט פונעם אוניווערזיטעט־שטח געפינט זיך דער קריסטלעכער, „אוגוסטה־וויקטאָריה" שפיטאָל, און אין צפון זייט — דער בריטישער בית הקברות.

פונעם הר הצופים אַנטפּלעקט זיך פאַרן באַזוכער אַ וווּנדערלעכע פּאַנאָראַמע איבער דער שטאָט ירושלים, איבער די בערג פון יהודה, ים המלח און די אָפּהאַנגען פון די מזרחדיקע עבר־הירדן בערג, עס אַנטפּלעקט זיך פּראַכט, וואָס איז שווער איבערצוגעבן אין ווערטער.

נאָכן באַפרייונגס־קריג האָבן די יידישע שוץ־קרעפטן נישט פאַרלאָזן דעם יידישן שטח אויפן הר הצופים, כאָטש זיי זענען געבליבן באַלאַגערט, אַרומגערינגלט אַרום און אַרום. לויטן וואָפנשטילשטאַנד־אָפּמאַך איז יענער שטח, אויפן הר הצופים, געבליבן אַ דעמיליטאַריזירטער, יידישער אינדזל, אַן ענקלאַווע, ווו אַלע צוויי וואָכן פלעגן זיך בייטן יידישע פּאָליציי־איינהייטן מיט יידישע געלערנטע, וואָס פלעגן אָפּהיטן די אנגעזאַמלטע, וויסנשאַפטלעכע אוצרות מיט די איינריכטונגען אין די בנינים פונעם אוניווערזיטעט און „הדסה" שפיטאָל, זיי פלעגן אַרויפפאָרן אויפן באַרג אין בלינד־געשלאָסענע פּאַנצער־אויטאָמאָבילן, באַגלייט פון „נייטראַלע אונאָ שומרים", נאָכדעם ווי יעדעס פּעקל, יעדער שפּייז־קאַרטאָן מיט יעדער וואַליזיע פלעגט שטרענג קאָנטראָלירט ווערן פון אַראַבישע לעגיאָנערן און פּאָליציאַנטן, אַזוי במשך פון 19 יאָר צייט באַלאַגערונג פונעם יידישן אינדזל אויפן הר הצופים. די פאָר צענדליק באַלאַגערטע יידישע פּאָליציאַנטן און געלערנטע האָבן אַרויסגעוויזן אַ סך מוט און אויסדויער, נישט איינמאָל געוואָרן באַשאָסן פון די אַראַבער.

אין אָנהויב פונעם באַפרייונגס־קריג, האָט זיך אויפן וועג, וואָס פירט אויפן הר הצופים, פאַר די אויגן פון בריטישן מיליטער, אָפּגעשפּילט איינער פון די גרויזאַמסטע מאָרד־אַקטן מצד די אַראַבער אויף אומבאַוואָפנטע, פרידלעכע יידן, וואָס וועט בלייבן פאַרצייכנט אין דער געשיכטע

פון ירושלים ווי אַ שאַנדפלעק אויף די בריטישע און אַראַבישע קאָהאָרטן, וואָס האָבן דאָרטן געלאַגערט.

אין אַפּריל 1948, האָט זיך געלאָזט צום „הדסה״־שפּיטאָל און אוניווערזיטעט אַ שורה אויטאָמאָבילן מיט דאָקטוירים, שוועסטער, און געלערנטע, בייטן אַ פריערדיקע שיכט, אין שפּיטאָל האָבן זיך נאָך דעמאָלט געפונען אַ צאָל קראַנקע. אַן אַראַבישע כנופיה באַוואָפנטע רוצחים איז באַפאַלן די אויטאָמאָבילן מיט אַ ווילדער שיסעריי. עס האָט זיך דעמאָלט קיינעם נישט געלייגט אויפן שכל, אַז מען וועט באַפאַלן דאָקטוירים, קראַנקן־שוועסטער מיט געלערנטע פון אַ שפּיטאָל, וווּ ס׳האָבן זיך אַלע יאָרן אויך געהיילט קראַנקע אַראַבער פון א״י, אפילו פון די שכנות־דיקע לענדער. ווען אַ יידישע איינהייט שוץ־קרעפטן פון ירושלים האָט זיך געלאָזן צו הילף, האָבן די בריטישע באַוואָפנטע זעלנער, וואָס האָבן זיך געפונען אין דער געגנט, נישט נאָר אַליין נישט צוגעלייגט אַ פינגער צו העלפן די באַפאַלענע, וואָס האָבן זיך געפונען אין אַ טויט־סכנה, נאָר זיי האָבן אויך פאַרשפּאַרט דעם וועג, נישט צוגעלאָזט די יידישע שוץ־קרעפטן ראַטעווען די מענטשן אין די ווייסע כאַלאַטן. אין סך הכל זענען ביים איבערפאַל גרויזאַם דערמאָרדעט געוואָרן 36 מענער און פרויען, און 45 זענען געוואָרן פאַרוווּנדעט, צווישן זיי דאָקטוירים, קראַנקן־שוועסטער צוזאַמען מיטן שעף־דאָקטאָר פון שפּיטאָל.

די געליטענע, באַלאַגערטע ירושלים, מיט די יידן פון ארץ ישראל זענען טיף דערשיטערט געוואָרן. די „וועלט״ צוזאַמען מיט די גאָטספאָרכטיקע קלויסטער־מענטשן פון אַלט־ירושלים האָבן געשוויגן, נאָר די יידן האָבן יענעם טאָג געפונען אַ טראָפּן טרייסט, ווען אין דער זעלבער שעה, ווען די באַפאַלענע אויפן וועג צום הר הצופים, האָבן גוססע זיך געצאַפּלט אין זייער בלוט, האָט אַ ריזן־קאַראַוואַן יידישע שלאַכט־לייט דורכגעבראָכן דעם באַלאַגערטן וועג, וואָס האָט געפירט קיין ירושלים פון מעריב זייט, אַריינגעבראַכט אין שטאָט 170 פול באַלאָדענע אויטאָמאָבילן שפּייז מיט פאַרשיידענע אויסשטאַטונג, וואָס האָט געהאַט אַ דעצידירנדיקע ווירקונג אויפן אויסגאַנג פון די ווייטערדיקע שלאַכטן אין דער הייליקער שטאָט.

די געשיכטע פון ירושלים איז אַ לאַנגע, פיל טויזנטיאָריקע, נישט

איבערגעריסענע קייט פון מלחמות, חורבן, צוריק־אויפבוי, פרייד און לײדן. אַ סך פעלקער האָבן זיך פאַרמאָסטן פאַרנעמען, באַהערשן און באַצווינגען די היסטאָרישע הויפּטשטאָט פון יידישן פאָלק — ירושלים, אָבער די ווונדערלעכע טרייקייט, די טיפע, היסטאָרישע צוגעבונדנקייט מיטן אויסדויער פון די בני־ישראל צו זייער עיר הבירה, צוזאַמען מיט די טייכן פאַרגאָסן בלוט פון אירע שומרים און באַשיצער, צוזאַמען מיט די טיפסטע גאולה־שטרעבונגען צו לעבן זעלבסטשטענדיק אין אייגענעם לאַנד, האָבן אַלץ בייגעקומען אין אַלע דורות, וואָרום דער גורל פון ירושלים, איז דער געשיכטלעכער גורל פון יידישן פאָלק.

ירושלים אין פייער

דער פרילינג תשכ״ז האָט זיך גענומען אויסלאָזן, די גרינקייט מיט דער בלומיקייט פון די בערג אַרום ירושלים האָבן געוועלקט. דאָרטן ווו עס זענען נישט געווען קיין בוימער איז נישט געווען קיין שאָטן, די זון האָט גיך פאַרצערט דעם טוי אין די באַגינענס. די דערנער זענען געוואָרן שפּיציקער, שטעכעדיקער, זיך צונויפגעגאָסן מיט דער זומער־דיקער גרויקייט, וואָס האָט פאַרביטן די בלומיקייט פון אַרום. ס׳איז געווען נאָכן מלקוש, עצבותדיק ווי יעדעס יאָר אין די ספירה־טעג. ס׳איז געווען סוף מאַי 1967.

ירושלים האָט יענע טעג געלעבט אין שפּאַנונג. דער מלך חוסיין, פון דער האַשימער דינאַסטיע אינעם קעניגרייך ירדן, האָט זיך מתקנא געווען אָן זיין „ברודער" נאַסער פון מצרים, וואָס זיין גדולה איז דעמאָלט דערהויבן געוואָרן ביזן הימל, בעת דער האַשימער טראָן האָט זיך געטריי־סלט. דער מלך חוסיין איז געווען פאַרשריגן און באַשפּיגן פון זיינע מצרישע און סירישע „ברידער". יענע וואָכן האָט זיך נאַסער געקליבן אַריינוואַרפן אין ים אַלע יידן פון ישראל, פאַראַדירן אין דעם באַצוווּנגענעם תל אביב, ווי ער האָט צוגעזאָגט זיין „נאָבעלן פאָלק", און דאָרטן אָנטריב־קען זיין ווייס פערד מיטן פאָנטאַן־וואַסער פון כיכר צינה דיזנגאָף. וואָס האָט אַזאַ מלך געזאָלט טאָן? — האָט ער פאַרבויגן זיין מלכותדיקע גאווה און אַרויסגעפלויגן קיין קאיר זיך קושן מיטן „ברודער" נאַסער, אים שווערן טרייקייט און שליסן אַ מיליטערישן אָפּמאַך צו העלפן פאַרניכטן איסראַיל, אויב נישט, קען זיך חלילה דער „ברודער" לאָזן פון תל־אביב

קיין רבת עמון, מאַכן פּונעם לעצטן האשימער טראָן אין אַראַביען — אַ בערגל שפּענער, און אים דעם מלך, אַוועקשיקן אין גן עדן, צו זיין זיידן עמיר עבדאללה, וואָס אַ מאַגאַזין פּאַטריאָטיש־אַראַבישע קוילן האָבן איבערגעהאַקט זיין לעבן אויפן שוועל פון כּאַראַם־שאַריף, דעם הייליקן מעטשעט אויפן הר הבית.

דעם 31־טן מאַי 1967, האָט דער קעניגלעכער ראַדיאָ פון דער קרוין־שטאָט רבת עמון גערעדט צום נאַבעלק, אַראַבישן פאָלק אַזוי צו זאָגן: — „דער מיליטערישער הסכם מיט מצרים איז דער ריכטיקסטער וועג צו באַפרייען פּאַלעסטין פון דער סאָהיוניסטער (ציוניסטישער) אָקופּאַ־ציע און שפּאַנען פון נצחון צו נצחון. דער הסכם פאַראייניקט ביידע שוועסטער־אַרמייען, פון מצרים און ירדן, אין איין מעכטיקן אַראַבישן כּח".

אַ קנאַפּע וואָך שפּעטער, דעם 5־טן יוני, איז די ידישע ירושלים אויפגעשטאַנען ווי אַלע טעג. גאַסן־קערער האָבן געריינעקט די גאַסן, ברויט־צעפירער האָבן פאַרטיילט די קראָמען דאָס ערשטע געבעק. אינעם מחנה־יהודה־מאַרק האָבן קליינהענדלער אויסגעלייגט זייערע סחורות מיט בערג גרינצייג און פרוכט ווי יעדן טאָג. מענטשן אין פאַרטוכער האָבן פאַרטיילט מילך אין די הייזער. שפּעטער זענען די גאַסן פול געוואָרן מיט אויטאָס, מענטשן האָבן זיך געאײלט צו דער אַרבעט, צו קויפן אַ צייטונג. פרויען האָבן זיך געאײלט מיט קוישלעך צו מאַכן טעגלעכע קניות. קינדער האָבן זיך געלאָזט גיין אין די שולן. אין מאה שערים האָט מען פאַרענדיקט דאַוונען אין די ערשטע מנינים און זיך געזעצט לערנען אַ דף גמרא. פון די ישיבות און חדרים האָבן אַרויסגעהילכט פרומע ניגונים, אָבער אין אַ סך הויפן און הייזער האָט זיך גערודערט נישט ווי שטענדיק; יידן האָבן זיך דערוויטערט און אויסגעמיטן זיך צו געפינען אין דרויסן, אין דער נאָענט צו די מויערן פון דער אַלטער שטאָט. אומעטום האָט מען אויסגערוימט שעלטער, געגראָבן שוץ־גריבער, אָנגעפילט זעקלעך מיט זאַמד צו באַריקאַדירן טרעפּן־צימער און פענצטער פון נידעריקע שטאָקן. מענטשן האָבן פאַרקלעפּט שויבן און וויטרינעס מיט פאַסן פּאַפּיר אָדער לייוונט, דער ראַדיאָ האָט דערציילט וועגן פייער, וואָס די סיריער האָבן

באַשאָסן יידישע ישובים אין אויבערשטן גליל, פון די הויכן פון גולן אַראָפּ. ווי שטענדיק, האָט דער ראַדיאָ אויך דערציילט וועגן דעם און יענעם באַשאָסענעם ראַנד־ישוב אין דרום, וועגן אונטערגעצונדענע, יידישע, צייטיקע תבואה־פעלדער, וועגן מינירטע וועגן, וועגן דעם אַלץ, וואָס מען האָט זיך שוין צוגעוווינט צו הערן דאָס לעצטע יאָר. ערשט שפּעטער האָט דער ראַדיאָ דערציילט, אַז דאָס וואָס איז וואָכנלאַנג געהאָנגען אין דער לופט און אויסגעליידיקט אַ סך יידישע היימען פון פאָטערס, זין און ברידער — האָט געפּלאַצט. די מצרישע אַרמיי אין סיני דערנענטערט זיך צו די גרענעצן פון ישראל. דעם פּאַלעסטינער גאָרגל־שניידער שו־קיירים, „באַטאַליאָנען", טוען נאָך זייערע „נאַבעלע, סירישע ברידער" און פּייערן אויך אויף יידישע גרענעץ־ישובים אין דרום.

דער ראַדיאָ האָט צווישן געגעבן, אַז צה"ל האָט זיך גערירט, די שעה האָט געשלאָגן...

די יידן פון ירושלים האָבן אַ ציטער געטאָן, עס האָט זיך זיי עפּעס אָפּגעריסן אין די הערצער, זיי זענען שוין געפּרווט געוואָרן מיט בלוט, מיט פייער און באַלאַגערונג, מיט הונגער און דורשט, בעת דעם באַפרייונגס־קריג מיט 19 יאָר צוריק, אָבער זיי זענען געווען גרייט און צוגעגרייט על כל צרה שתבוא. האָבן זיי זיך צוזאַמענגענומען, באַהערשט, אָנגע־הויבן דעם טאָג ווי שטענדיק מיט אַ פונק פאַרבאָרגענער האָפענונג, אפשר וועט ירושלים אויסמיידן דעם שטורעם: — דער מלך חוסיין האָט טאַקע צוגעזאָגט מלחמה, אפשר האָט ער געמוזט זיך דעקן מיט זיינע באַמבאַסטישע דראָונגען כלפּי זיינע „נאַבעלע" אַראַבישע ריוואַלן, וואָס האַלטן זיין לעבן מיט זיין טראָן פאַרמשכנט אויף די שאַרפן פון זייערע שווערדן, אפשר? — יידן פאַרלירן נישט דעם בטחון...

יענעם טאָג 8 אין דער פרי, האָבן געיאָמערט די סירענעס פון ירושלים — סכנה, נאָר זיי זענען גיך שטיל געוואָרן, מענטשן זענען אַ ווײַלע שטיין געבליבן, זיך אַרומגעקוקט און זיך צוריקגעקערט צו דער אַרבעט.

10.30 האָט זיך אָנגעהויבן די שלאַכט אין ירושלים. די אַראַבישע לעגיאָנערן האָבן געעפנט אַ פייער אויף דער יידישער ירושלים מיט

דער כונה צו פֿאַרגיסן בלוט, אָנוואַרפֿן אימה און שאַפֿן אַ פּאַניק. מענטשן האָבן זיך גענומען לאָזן אין די היימען, צוגעטוליעטע צו די ווענט, לויפֿנדיק איינגעבויגענע איבער די גאַסן. לכתחילה האָבן די לעגיאָנערן געהאָגלט מיט קוילן פֿון ביקסן און אויטאָמאַטן, דאָס פֿייער האָט זיך באַלד פֿאַרשטאַרקט מיט גראַנאַטן פֿון מאָרטאַרן, וואָס האָבן געטראָפֿן אין הייזער און זיי באַשעדיקט, פֿאַרוווּנדעט און געמאָרדעט פֿרידלעכע מענטשן, ביז צו דער „מוזיק" זענען צוגעקומען דונערן פֿון האַרמאַטן מיט שווערע אויפֿרייסן.

דער ברוטאַלער אָנגריף מיט שווערע כּלי משחית אויף דער פֿריד־לעכער יידישער באַפֿעלקערונג אין ירושלים האָט אויסגעלאָשן יעדן פֿאַר־באָרגענעם פֿונק האָפֿענונג, אַז די שטאָט וועט אָפּקומען נאָר מיט אַ ירדני־שער פֿייער־דעמאָנסטראַציע. די ציווילע באַפֿעלקערונג האָט זיך צונויפֿ־געדריקט אין שעלטערס, שוץ־גריבער, אין קעלערס און אין באַריקאַ־דירטע טרעפּן־צימערן אין אונטערשטע שטאָקן. ממעמקים האָט אַרויס־געשפּרודלט אַן אינערלעכע אַחוה צו העלפֿן איינער דעם צווייטן אין סכּנות־נפֿשות, איינצושטעלן די לעבנס ביי יעדער רעטונגס־אַרבעט.

די יידישע ירושלים האָט זיך פֿאַרקליבן אונטער דער ערד. די הג"ה — די ציווילע לופֿט־שוץ און רעטונגס־רעסאָרטן האָבן באַלד פֿאַרנומען אַלע, פֿריער באַשטימטע, וואַך־פּאָסטנס וואָס זענען געוואָרן פֿאַר־שטאַרקט מיט עלטערע שול־יוגנט און מיט נישט מיליטער פֿליכטיקע מענטשן, וואָס האָבן זיך באַלד געשטעלט צו דינסט, ווער אין שפּיטעלער, ווער אין „רויטן מגן דוד", ווער צו העלפֿן פֿייערלעשער און רעטונגס־גרופּן אָדער פֿאַרבינדונגס־איינהייטן. די ערשטע צענדליקער פֿאַרוווּנדעטע האָבן געפֿונען גרייט דאָקטוירים, שוועסטער, סאַניטאַרן אין צוגעגרייטע אָפּעַ־ראַציע־זאַלן, זיי האָבן געפֿונען אויסגעבעטע בעטן און פֿלעשער בלוט פֿאַר אינפֿוזיעס, בלוט, וואָס בירגער האָבן געגעבן אין די ערב מלחמה טעג. אַזוי האָט זיך די ציווילע באַפֿעלקערונג פֿון ירושלים אינטעגרירט אין דער מלחמה־אָנשטרענגונג נישט צו פֿאַרלירן צייט.

די יידישע שוץ־קרעפֿטן אין די ערשטע פֿראָנט־ליניעס האָבן גענומען ענטפֿערן מיט פֿייער די אַראַבישע לעגיאָנערן, וואָס האָבן באַמ־

באַרדירט די שטאָט פון הינטער די מויערן, פון דער אַלטער שטאָט אַרויס, און פון יענער זייט אַלט־שטאָט, אין מזרח, ווו זיי זענען געזעסן אין קאַמו־פליאַזשירטע, באַפעסטיקטע נעסטן אויף דעכער, ביי פענצטער און אויבער־שטע שטאָקן פון געדיכט־באַפעלקערטע הייזער, אין בונקערס, באַסטיאָנען, און אין בעטאָנירטע טראַנשייען אין דער הויך, אויף היגלען און בערג. די יידישע שוץ־קרעפטן — חיילים און רעזערוויסטן פון ירושלים, האָבן זיך אין אָנהויב נאָר פאַרטיידיקט, נישט פאַרלאָזט זייערע פּאָזיציעס.

בעת די שלאַכט האָט זיך גענומען אויסברייטערן אויף די גרענעצן צווישן אַלט און ניי־שטאָט אין ירושלים, האָט אַן אַראַבישע מיליטער־אייג־הייט זיך געוואָרפן אָנגרייפן, ווייטער פון שטאָט, דעם נייטראַלן „אַרמון הנציב" — דעם געוועזענעם פּאַלאַץ פון בריטישן הויך־קאָמיסאַר, ווו עס האָט איצט רעזידירט דער שטאַב פון דער וואָפנשטילשטאַנד־קאָמיסיע פון „און", צוזאַמען מיטן שעף, גענעראַל אָד בול, וואָס האָט זיך דאָרטן געפונען און זיך באַמיט דערגרייכן אַ פייער־איבעררייס פוןביידע צדדים. די אַראַבער האָבן איגנאָרירט זיין פאַרלאַנג און נאָך אַ פּלוצימדיקער אַטאַקע פאַרכאַפּט די רעזידענץ, צעשטערט די פאַרבינדונג מיטן דרויסן און פאַרשפּאַרט אין אַ צימער דעם גענעראַל מיט זיינע 30 מענטשן, וואָס האָבן זיך געקליבן עסן מיטאָג אַרום אַ געגרייטן טיש.

אַ באַלדיקע, פלינקע קעגן־אַטאַקע פון אַ צה"ל־איינהייט האָט באַפרייט דעם באַשעדיקטן „אַרמון הנציב", ווו זיי האָבן געפונען זיצן אויף דער ערד די פאַרשפּאַרטע „און"־מענטשן צוזאַמען מיטן גענעראַל, אָפּגע־רייניקט אַלע צימערן פונעם גרויסן בנין, פאַרטריבן די אָנגרייפער, דערנאָך זיך אַנטשולדיקט פאַרן גענעראַל מיט זיין שטאַב און פאַרלאַנגט פון זיי דערווייל נישט צו פאַרלאָזן דעם אָרט מחמת סכנות נפשות, וואָרום די אַראַבישע זעלנער האָבן נישט אויפגעהערט פייערן פון ווייטן, אויפן פּאַלאַץ מיטן שטח אַרום, ווו עס האָבן זיך געוואַלגערט צעשטערטע כלי־רכב פון „און" צוזאַמען מיט אַראַבישע מיליטער־דזשיפּן, וואָס זענען געשטאַנען אין פלאַמען.

דער קאָמאַנדיר פון דער צה"ל־איינהייט, וואָס האָט זיך געפונען אויף אַן אָרט, האָט זיך אָפּגעזאָגט אויספירן דעם פאַרלאַנג פון די „און"־

מענטשן, זיי צו פאַרזיכערן דאָס אַריבערגיין אין שטח פון ירדן, ער האָט זיי געענטפערט, אַז ער קען זיי פאַרזיכערן דאָס אַריבערגיין אין שטח פון ישראל, אויף וואָס זיי האָבן בלית ברירה מסכים געווען.

ווען אין דער שלאַכט האָבן זיך באַוויזן אין דער לופט ירדנישע עראָפּלאַנען, האָבן זיי באַלד מקבל פּנים געווען יונגע אָדלער פון צה״ל מיט זייערע „פויגל״, וואָס האָבן אין אַ קורצער צייט זיי צעשטערט צוזאַ־מען מיט די ירדנישע פלי־פעלדער אין רבת עמון און מפראַק, ווו זיי האָבן פאַרוואַנדלט אין ברוך און אַש די אינסטאַליאַציעס, די אַנגאַרן, צוזאַמען מיט 20 קעניגלעכע קריגס־עראָפּלאַנען, אַזוי אַז דאָס ירדנישע מיליטער, וואָס האָט געדאַרפט העלפן זיין „ברודער״ נאַסער פאַרניכטן מדינת ישראל האָט באַלד פאַרלוירן דעם בעסטן טייל פון זיין לופט־פלאָט, און געבליבן אָן אַ שוץ־דאַך איבערן קאָפּ.

אינעם שטורעם פון דער שלאַכט אַרום דעם „אַרמון הנציב״, אונטער אַ האָגל קוילן און שראַפּנעלן, האָט דער שלאַכט־מאַן גרשון אַרויפגע־קלעטערט אויפן דאַך פונעם פּאַלאַץ, אַראָפּגענומען פון דער מאַסט די פאָן פון „און״ און אַראָפּגעשריגן פון דער הויך צו די מענטשן פון אונטן, זיי זאָלן אים געבן די פאָן פון מדינת ישראל, צו פאַרבייטן די פרעמדע פאָן.

וועגן אַלץ האָבן דעמאָלט די שלאַכט־לייט פון צה״ל געטראַכט חוץ פון מיטנעמען אַזאַ פאָן, וואָס זאָל סימבאָליזירן מדינת ישראל אויף יענעם אָרט, ווו עס האָט פריער רעזידירט די בריטישע מאַנדאַטן־מאַכט, דערנאָך די „נייטראַלע שלום״־משגיחים פון „און״. די מענטשן פון אונטן האָבן דערפילט, אַז דאָ האַנדלט זיך וועגן ערשטן ווענד־פּונקט לטובת ישראל אין דער שלאַכט פון ירושלים, האָט איינער פון זיי, דער חייל צבי, אַ שאָפער פון אַן אָפּענעם קייטן־פּאַנצער זיך דערמאָנט אין אַ ענלעכער סיטואַציע אין יאָר 1949, ווען די קרעפטן פון ישראל האָבן פאַרנומען אום־ראַשראַש — די איצטיקע אילת און האָבן נישט געהאַט מיט זיך קיין ווייס־בלויע פאָן, איר אויפצוהויבן אין יענעם שטח, וואָס זאָל סימבאָלי־זירן דעם נצחון פון ישראל אינעם דרומדיקסטן פּונקט פון לאַנד, האָט מען זיך אַן עצה געגעבן מיט אויסמאָלן מיט טינט, אויף אַ שטיק ווייס

לייוונט, בלויע שטרייפן מיט אַ מגן דוד אין מיטן, וואָס מען האָט אַרויפגעצויגן אויף אַ מאַסט נישט ווייט פון ברעג ים־סוף.

יענע פאָן איז באַקאַנט געוואָרן אין דער געשיכטע פונעם באַפרייונגס־קריג, ווי דער „דגל־הדיו — די טינט־פאָן", וואָס ווערט אָפּגעהיט ווי אַ רעליקוויע פון צה"ל.

צבי האָט אין זיין פּאַנצער־וואָגן געפונען אַ ווייס־בלויע סיגנאַל־פאָן, וואָס ער האָט אַרויפגעוואָרפן אויפן דאַך. גרשון האָט זי געכאַפּט און אַרויפגעצויגן, הויך, אויף דעם מאַסט פון בנין, אונטער אַ האָגל קוילן. ווען ער איז אַראָפּ, האָט ער דערציילט זיינע חברים, אַז בעת מעשה איז ער געווען שטאַרק עמאָציאָנירט, פאַרכלינעט פון פרייד. צו פילן די היסטאָרישע רגע האָט ער געוואָלט סאַליוטירן די פאָן, נאָר ער האָט זיך אָפּגעהאַלטן דערפון די חברה פון אונטן זאָלן פון אים נישט לאַכן...

אין דער זעלבער צייט איז דער קאָמאַנדיר, וואָס האָט אָנגעפירט די קעגן־אַטאַקע אויפן פּלאַץ, פאַרוווּנדעט געוואָרן פון אַ קויל. ער האָט וועגן דעם קיינעם נישט דערציילט און ווייטער אָנטייל גענומען אין דער שלאַכט, ביז יענער שטח איז אינגאַנצן אָפּגערייניקט געוואָרן פונעם שונא. ערשט נאָכדעם האָט ער צוּוויסן געגעבן זיין העכערן קאָמאַנדיר, אַז ער איז פאַרוווּנדעט און וויל ווייטער בלייבן מיט זיינע מענטשן, אָבער מען האָט עס אים נישט דערלויבט, פאַרביטן מיט אַן אַנדער אָפיצער, און אים אָפּגעשיקט מיט אַנדערע פאַרוווּנדעטע אין אַ שפּיטאָל.

אין די ערשטע שעהען פון דער שלאַכט, האָט זיך דער שעף־קאָמאַנדיר פון צה"ל אין ירושלים געפונען אין זיין שטאָב, ערגעץ אין אַ פּריוואַט הויז, אין שטאָט, ווו ער האָט פאַרפּולקאָמט די שלאַכט־פּלענער. אַ גראַנאַט האָט אַריינגעשלאָגן אין יענעם הויז און עס שווער באַשעדיקט. דער אויפרייס האָט צעטרייסלט די דירה ווו דער שטאָב איז געזעסן. דער גוטער מזל האָט געוואָלט, אַז די מענטשן פון שטאָב זענען אפילו נישט פאַרוווּנדעט געוואָרן, אַלע מאַפּעס זענען אויך געבליבן גאַנץ, באַדעקטע מיט שטויב און שטיקער טינק פונעם געפּלאַצטן סופיט.

באַזונדערע איינהייטן פון צה"ל, וואָס האָבן גוט געקענט ירושלים,

האָבן זיך געלאָזט אין שלאַכט מיט התלהבות, זיך פאַרמעסטן מיטן שונא, אָפּצושטעלן די צעשטערונג פון פרידלעכע היימען, אים אויסברענען פון זיינע פאַרפעסטיקונגען און איינמאָל פאַר אַלעמאָל אַ סוף מאַכן צו דער אימה און שפיכת דמים. דאָס מאָל איז געפאַלן דער באַפעל אַריבערגיין אין אַ קעגן־אַנגריף.

די ירדנישע דיוויזיעס, אונטערגעשטיצט פון איראַקישע קרעפטן, האָבן זיך געלאָזט צו די גרענעצן פון ישראל אין יהודה און שומרון, בעת ירדנישע פוסגייער מיט פאַנצער־איינהייטן האָבן באַגלייט מיט פייער דעם אַרומגערינגלטן ישראל־אינדזל אויפן הר הצופים, עס האָט זיך זיי געדוכט, אַז זיי וועלן אים פאַרנעמען מיט דער זעלבער לייכטקייט ווי דעם „אַרמון הנציב", אָבער זיי האָבן זיך טועה געווען. זיי האָבן זיך נישט געריכט אויף „מאַטיעס צנחנים" (פאַראַשוטיסטן), וואָס האָבן מיט אומגע־דולד אויסגעקוקט זייער גרויסע שעה.

די צנחנים האָבן געוואַרט אויף די „גרינע ליכט", אַריינצולויפן אין זייערע „נאָרד"־אַעראָפּלאַנען און פון במרומים, אין פאַל־שירעמס, אַראָפּנידערן אויף דער ערד דעם שונא אין רוקן און מיט זייער „קלאַ־פּערגעצייג" זיך נעמען צו דער מלאָכה. מען קען נישט זאָגן אַז „מאַטיעס צנחנים" זענען דאָס מאָל געווען גליקלעך נישט אַריינצולויפן אין זייערע „נאָרדן", נאָר גאָר אַרויפשטייגן אויף כלערליי כלי־רכב, זיך צו לאָזן צום פראָנט מיט דער יבשה, ווי פוסגייער, בעת זיי האָבן זיך דערוווסט דעם ציל פון אויפמאַרש, האָט עפּעס אין זיי אַ ציטער געטאָן: — ירושלים!

ווען זיי האָבן דערגרייכט בית הכרם, אַ מעריבדיקן קוואַרטאַל פון דער שטאָט, האָט זיי דאָרטן די באַפעלקערונג אויפגענומען מיט אָפענע הערצער, אויפגעמאַכט פאַר אַלעמען טיר און טויער פון יעדער היים, מכבד געווען מיט כיבוד און ברכות, בעת פון מזרח־זייט האָט ירושלים געדונערט, די הימלען זענען געווען פאַרצויגן מיט רויך און די לופט איז געווען דורכגעזאַפּט מיט ריחות פון אויפרייסשטאָף.

דער קאָמאַנדיר מיט די אָפיצערן פון די צנחנים האָבן געהאַט זייערע שלאַכט־אַנווייזונגען מיט די נויטיקע מאַפּעס פונעם מאַרשרוט. זיי האָבן נאָר געוואַרט אויפן באַפעל, וועלכע שעה זיך צו רירן.

באַלד איז געקומען דער באַפעל מיט צוגאַב־אָנווייזונגען, וואָס זענען חל אויף אַלע שלאַכט־לייט פון צה״ל אין ירושלים, וואָס האָבן געקעמפט אין אַ געדיכט באַפעלקערטער געגנט. ווער רעדט נאָך, אַז עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן דער אַלטער ירושלים, אין די מויערן, ווו עס איז פול מיט קלויסטערס, מעטשעטן און כלעריליי אַנדערע „הייליקע ערטער" ווי מאָנאַסטירן, אַזילן, מיט מיסיאָנערישע און שטאַטישע שפּי־טעלער, מיט אַ לאַבירינט גאַסן און געסלעך, מיט קאָנסולן און זייערע משפחות, מיט פאַרשיידענע כלי־קודש און דער — הר הבית. פאַרן יידישן קוואַרטאַל איז נישט געווען צו זאָרגן, די אַראַבער האָבן אים חרוב געמאַכט נאָכן באַפרייונגס־קריג, פאַרוואַנדלט אין אַ באַרג שטיינער מיט חורבות. ובכן, מוז יעדער אָפיציר, יעדער זעלנער, טאָן אַלץ נישט פּוגע צו זיין אַ ציווילן תושב, נישט באַשעדיקן דעם מינדעסטן מקום קדוש פון יעדן גלויבן. דער באַפעל איז געווען אַריינצוטרעטן אין דער שלאַכט אין מיטן נאַכט, אין יענע ערטער, וואָס זענען באַצייכנט אין די פעלד־מאַפּעס פון די קאָמאַנדירן פון יעדער איינהייט.

די צנחנים זענען געזעסן אויף דער ערד אַרום זייערע אָפיצערן, וואָס האָבן זיי אין פּשוטע ווערטער אויפגעקלערט די אָנווייזונגען מיט די נויטיקע פּרטים פון דער געפערלעכער, גורלדיקער אויפגאַבע, וואָס זיי דאַרפן אָנהויבן די נאַכט.

— פאַרגעסט נישט, חיילים, אַז דאָס לאַנד ישראל שטייט אין פייער. מיר ווייסן שוין פון די ערשטע נצחונות אין דרום. אין יהודה און שומרון זענען אַלע קרעפטן פון צה״ל אריבער אין אַ קעגן־אָפענסיווע איבער יענער זייט גרענעצן. מיר קענען מער נישט בלייבן אין דעם באַלאַגערטן סדום־בעט. ווי איר ווייסט, חיילים, איז דער מרחק פון דער אַראַבישער קלקיליה ביזן ברעג ים אין הרצליה נאָר 15 קילאָמעטער, פון דאָרטן האָט היינט דער שונא באָמבאַרדירט יידישע ישובים. ירדנישע שווערע אַרטילעריע־קוילן האָבן היינט אויפגעריסן אין תל־אביב. פון טול כרם ביזן ברעג אין נתניה איז נאָר 17 קילאָמעטער. נתניה איז היינט באָמבאַרדירט געוואָרן פון דער לופט. פון גלבוע ביז נהריה איז 22 קילאָ־מעטער. פון הר חברון ביזן עזה־פּאַס 35 קילאָמעטער. אין אויבערשטן

גליל זיצן די סיריער אויף אונדזערע קעפּ, ווידער ירושלים, — ירושלים, וועט איר באַלד זען מיט אייערע אויגן.

ביינאַכט זענען די צנחנים אַריין אין שלאַכט, וואָס האָט געברענט אַרום און אַרום. האַרמאַטן האָבן געדונערט, אויטאָמאַטישע כלי־משחית האָבן געשטעפּט, די ערד האָט געציטערט, די הימלען זענען געווען רויט, צעשניטן מיט פּאַסן פייער־קוילן, שראַפּנעלן האָבן געפּלאַצט אין דער לופט אין אַ אימהדיק „פייערווערק". אין דרויסן איז געווען „לא יום ולא לילה", קוילן האָבן געפייפט, גראַנאַטן פון מאָרטאַרן און באַזוקעס האָבן געיאָמערט, פון דער הויך האָט געהאָגלט מיט אַנגעגליטע שטיקער שטאָל, בליי און אייזן.

פון עטלעכע ריכטונגען האָבן טאַנקען פון צה"ל דורכגעבראָכן וועגן צו וואַדי־דזשאָז — צום הר הצופים, צו דער פּאָליציי־שול, צו נחלת שמעון, שייך דזשאַראַך, און צום יריחו־כביש. די פראָנט־ליניעס זענען צעבראָכן געוואָרן, פון אַ סך פּאָזיציעס האָט מען אויסגעבעזימט דעם שונא, ווייטער געקעמפט אַרום ארומגערינגלטע אינדזלען. די צנחנים האָבן געקעמפט ווי לייבן מיט פאַרצווייפלטע, ירדנישע זעלנער, וואָס האָבן געקעמפט אַ פאַרלוירענע שלאַכט אויף לעבן און טויט.

די באַרגיקע שטחים אַרום שטאָט זענען געווען פאַרזייט מיט אַנצאָליקע מינעס, מיט בונקערס, מיט פאַרפעסטיקטע, בעטאָנירטע טראַנ־שייען, פאַרבונדענע איינע מיט דער צווייטער מיט דורכגענג און קאַנאַלן אַרומגעפּלאָכטענע מיט שורות, מערפאַכיקע, געדיכטע פאַרצוימונגען און קנוילן שטעכעדיקע דראָט, פאַרפעסטיקטע מיט שוץ־ווענט פון שטיין.

אויף דער „גבעת התחמושת" האָבן די צנחנים געקעמפט מיט ציין און נעגל, פּנים אל פּנים מיטן שונא, מיט באַגנעטן און האַנט־גראַנאַטן, זיי האָבן זיך געפונען אין אָפענעם פעלד, בעת די ירדנער זענען געזעסן געדעקטע אין בונקערס און טראַנשייען, וואָס זענען אין גאַנג פון דער שלאַכט, איינער נאָכן צווייטן אַרויסגעשלאָגן געוואָרן פון זייערע הענט. אינעם גיהנום־פייער האָבן די צנחנים אַריינגעשליידערט אין די פענצטער־לעך פון די בונקערס לאָדונגען אויפרייסשטאָף מיט בינטלעך האַנט־גראַנאַטן, געשפרונגען ווי קעץ איבער גראָבנס, איבער קנוילן שטעכעדיקן

דראַט און אַנדערע, אומגלויבלעכע שטרויכלונגען, פון וואַנען סאַפּיאָרן האָבן באַזייטיקט אָדער אויפגעריסן פאַרגראַבענע מינעס. דאָרטן האָט זיך אָפּגעשפּילט אַ גרויזאַמע שלאַכט, עס האָבן זיך צוזאַמענגעשטויסן שטאָל מיט פייער, לעבן מיט טויט.

די קעניגלעכע לעגיאָנערן האָבן נישט געקענט און נישט געהאַט ווו צו לויפן, האָבן נישט ווייניק פון זיי, פאַרצווייפלטע, געקעמפט ביז דער לעצטער קויל.

אין טראַנס פון דער שלאַכט האָבן פאַרוווּנדעטע צה״ל־חיילים נישט געפילט די קוילן און שפּליטער אין זייער לייב, זיי זענען אָפּגעגאַנגען מיט בלוט, ווער ס׳איז געפאַלן און ווער ס׳איז אויפגענומען געוואָרן פון „חובשים״ אויף טראָג־בעטלעך. די „חובשים״ באַגלייטן אומעטום די שלאַכט־לייט אין פייער, אויף אַן אָרט צו רייניקן און באַנדאַזשירן פאַר־וווּנדעטע, צו מאַכן איינשפּריצונגען און געבן מיטלען צו לינדערן ווייטאָקן, זיי מונטערן און וועמען מען מעג, געבן אַ טרונק. נישט איינמאָל האָבן די „חובשים״ מיט זייערע קערפּערס פאַרדעקט פאַרוווּנדעטע, און ווען עס האָבן געפעלט טראָג־בעטלעך, האָבן זיי די פאַרוווּנדעטע געטראָגן אויף זייערע פּלייצעס, נישט איינמאָל געפאַלן אין פייער צוזאַמען מיט זיי.

אונטערן פייער האָבן זיך אויך געפונען יונגע דאָקטוירים, וואָס האָבן געמאַכט בלוט־אינפוזיעס, געהאָלפן שווער פאַרוווּנדעטע, און אין דרינגענדיקע פאַלן אָפּערירט אין פעלד. די „חובשים״, די שטילע באַרעמ־האַרציקע, אַנאָנימע מענטשן, וואָס נישט איין פאַרוווּנדעטער איז געשטאָרבן אויף זייערע הענט און פּלייצעס, זענען אין פרידלעכן לעבן פּשוטע יידן, אַרבעטער, גראַדואירטע מיטל־שול שילער, באַלמעלאָכעס, קליינ־הענדלער, לערער, פּקידים, פאָטערס פון קינדער, דינסט פליכטיקע זעלנער און מיטליאָריקע רעזערוויסטן, וואָס זייערע נערוון און ווילנס זענען אין פייער געוואָרן שטאָל, אַלע איבערלאָדן מיט מסירת נפש. זייער חלק אין די נצחונות איז גאָרנישט קליין, אומעטום, אויף אַלע שלאַכט־פעלדער, ווו עס הערשט אַן אייזערנער, נישט געשריבענער געזעץ פון שלאַכט־ברידער: — נישט איבערלאָזן אין פעלד אַ פאַרוווּנדעטן אָן הילף, אים אַרויסנעמען פון פייער פאַר יעדן פּרייז, נישט איבערלאָזן אין שלאַכט־

פעלד אַ געפאַלענעם חבר, אויסנוצן יעדע מעגלעכקייט אים צו ברענגען הינטערן פראָנט, ער זאָל קומען צו קבורה אין זיין היים.

בעת דער פייער־רינג האָט זיך דערנענטערט פון צפון און מזרח צו ירושלים, האָבן ירדנישע האַרמאַטן באָמבאַרדירט יידישע ישובים אין „קאָרידאָר", ווו עס לויפט דער וועג קיין ירושלים פון מעריב־זייט. ווייזט אויס, אַז די קעניגלעכע לעגיאָנערן האָבן זיך נישט פאַרגעשטעלט, אַז די צה"ל־קרעפטן באַוועגן זיך אין אַ שטורעם־מאַרש אויף די וועגן פון שכם, יהודה און שומרון, זיי אַריינצונעמען אין אַ פייער־צוואַנג, ביז די אַנגעגליטע קלינגען וועלן זיך שליסן אַרום זיי.

שווער און פאַרביטערט זענען געווען די שלאַכטן פון די טאַנקען און מאָבילע קרעפטן פון צה"ל, וואָס האָבן באַגלייט די שטאָלענע פאַנצער־וועגענער אינעם טאָל איילון, לאַטרון און אין די פאַרלוירענע שטחים אין צפון־מעריב פון ירושלים, בעת דעם באַפרייונגס־קריג אין 1948, ווו דער פלמ"ח מיט אַנדערע יידישע קאַמפס־פאָרמאַציעס האָבן פאַרגאָסן אַ סך בלוט. דאָס מאָל האָבן די ישראל־קרעפטן אויסגעבעזימט מיט פייער יענע געגנטן, בייגעקומען געדיכט מינירטע פעלדער מיט באַפעסטיקטע רוקנס פון בערג, וואָס די ירדנים האָבן געבויט קנאַפע צוויי צענדליק יאָר. אין יענעם שטורעם האָבן זיך די פאַנצער־איינהייטן מיט די פוס־גייער פון צה"ל אויסגעהאָלפן מיט לופט־קרעפטן, דאָרטן איז די שלאַכט פאַרלאָפן בליץ־שנעל, ביז מ'האָט דערגרייכט דעם צווייטן קלינג פון דער צוואַנג, זי געקענט פאַרקלעמען אַרום שונא און פאַרענדיקן זיין יום הדין, דאָרטן זענען צעשמעטערט געוואָרן די בעסטע רעגימענטן פון קעניג חוסיינס אַרמיי, צוזאַמען מיט מיצרישע שלאָג־קאָמאַנדאָס, וואָס זענען גע־קומען צוהילף די ירדנים.

פאַרענדיקט די שלאַכט אין טאָל איילון, האָבן די קרעפטן פון צה"ל, פון צפון־מעריב, אַריינמאַרשירט אין ירושלים, ווו זיי האָבן געהאָלפן משלים זיין דעם נצחון, נאָכדעם ווי זייערע טאַנקען האָבן זיך אַריינ־געבראָכן אין דער אַלטער שטאָט, דורך דעם „שער האריות" צוזאַמען מיט צנחנים, זי פאַראייניקט מיט דער נייער שטאָט, ווי עס שטייט געשריבן:

— „העיר שחוברה לה יחד".

די מויערן פון דער אַלטער שטאָט מיט אַלע היגלען אַרום, פון יענער זייט מויערן האָבן אויפגעהערט דונערן, דאָס פייער איז אויסגע־לאָשן. די יידן פון ירושלים האָבן שוין געקענט אַרויס פון די קעלערס, שעלטערס און שוץ־גריבער אַריינאָטעמען פרישע לופט און צוריק זען די בלויע הימלען.

די פאַרצווייפלטע ירדנישע לעגיאָנערן אין דער אַלטער שטאָט האָבן אויך נישט געהאַט וווּ צו אַנטלויפן, האָבן זיי זיך פאַרקליבן אין הייזער, אויף דעכער, אונטער שוץ־ווענט און באַריקאַדירטע פענצטער, אין טרעפּן־צימער, אַפילו אויף מינאַרעטן פון מעטשעטן, פון וואַנען זייערע שאַרף־שיסער האָבן פּרובירט רעוואַנשירן די מפּלה, און שטילן זייער מאָרדלוסט דורך זינלאָזן וואַרפן האַנט־גראַנאַטן מיט אויפרייס־שטאָף אויף יידישע חיילים און שיסן אין די רוקנס. אַנדערע לעגיאָנערן האָבן, ווי פּחדנים, געביטן זייערע מיליטערישע קליידער אויף ציווילע, אפילו אויף פּידזשאַמעס, צו קענען זיך אויסמישן מיט דער ציווילער באַפעלקערונג, אָבער נישט ווייניק פון זיי האָבן געקעמפט ביזן ביטערן סוף.

די שלאַכט פון ירושלים האָט זיך פאַרענדיקט, ווען די ערשטע חיילים פון צה״ל האָבן דערגרייכט דעם כותל המערבי און באַשטיגן דעם הר הבית.

דער פייער פון די ירדנישע שאַרף־שיסער איז געווען דער אַקאָרד פון דער שלאַכט אין ירושלים, וואָס האָט געדויערט צוויי מעת־לעת און געמאַכט געשיכטע אויף דורות.

דער נס — שעלבים

שעלבים הייסט אַ קליינער קיבוץ, וואָס איז אַרויף אויפן באָדן אין חודש אלול תשי״א, דריי יאָר נאָכן באַפרייונגס־קריג. דער קיבוץ ליגט צפונדיק פון לאַטרון מיטן אויסבליק אויפן טאָל אילון, געגרינדעט פון נח״ל מענטשן אָפּשטאַמיקע פון דייטשלאַנד און פראַנקרייך, אַלע פרומע, גאָסטפּאָרכטיקע ערד־אַרבעטער, ווײַנגאָרטנער, וואָס אַקערן, זייען, פלאַנצן, דאַווענען, לערנען תורה, היטן שטרענג אָפּ שבתים און ימים טובים, שמיטה און מעשר מיט די דינים פון דער הלכה — זיי געהערן צו די „פּועלי אגודת ישראל״ און שטאָלצירן מיטן מקיים זיין די מצוה — „המוציא לחם מן הארץ״ און מיט דער ישיבה, וואָס געפינט זיך אין זייער קיבוץ.

שעלבים, פון יענער זייט טאָל אילון, צופוסנס די בערג פון יהודה, דינט ווי אַ בריק צווישן ירושלים מיטן ברעג ים התיכון. אין יענעם אָרט האָט יהושוע בן נון מיט זיינע חילים פון די בני־ישראל נאָכגעיאָגט די כנענים, וואָס האָבן זיך דאָרטן פאַרקליבן. בעת יענעם געיעג האָט דער קאָמאַנדיר יהושוע בן־נון אָפּגעשטעלט די צייט פון איר גאַנג, ביז די בני־ישראל האָבן פאַרענדיקט דעם חשבון מיט אַ נצחון איבער די כנענים ווי עס שטייט געשריבן: — „שמש בגבעון דום — די זון איז שטיין געבליבן אין גבעון, וירח בעמק אילון — און די לבנה אין טאָל אַילון״.

ווייזט אויס אַז דער טאָל אַילון איז שוין אין די אַלטע צייטן געווען אַ וויכטיק־סטראַטעגישער אָרט פון מלחמות. דאָרטן האָט אַמאָל אויך יהודה המכבי אָפּגעהאַלטן אַ נצחון איבער די יוונים. דאָרטן האָבן זיך אָפּגעשפּילט שווערע קאַמפן, וואָס זענען באַקאַנט ווי „די שלאַכטן פון לאַטרון״, דאָרטן האָט די ערד אַיינגעזאַפּט אַ סך יידיש בלוט בעת דעם

באַפרייונגס־קריג אין תש״ח, — יידיש בלוט פון נישט גענוג געניטע יידישע שוץ־קרעפטן, צווישן זיי נייע עולים, וואָס האָבן מיט זייערע קערפּערס אָפּגעשטעלט און פאַרשפּאַרט דעם פאַרסירטן מאַרש פון די אַראַבישע לעגיאָנען אויף תל אביב און אויפן נידערלאַנד פון שרון ביזן ברעג ים. זיי זענען געפאַלן ווי גבורים ביים שטורעמען עטלעכע מאָל די מויערן פון דער בריטיש־אַראַבישער פאָליציי־פעסטונג מיט די באַס־טיאָנען אַרום קלויסטער פון די „שווייגערס״, זיי זענען געווען צו ווייניק אַקעגן אַראַבישן מיליטער — זענען זיי אָפּגעלאָפן מיט בלוט, פאַרשפּילט די שלאַכט, פאַרלוירן דעם וועג קיין ירושלים צוזאַמען מיטן טאַל אילון.

אין יאָר תש״ח איז צום צווייטן מאָל געבליבן שטיין די צייט. גאַנצע 19 יאָר איז דער שטח געבליבן דעמיליטאַריזירט לויטן וואָפן־שטילשטאַנד־אָפּמאַך. דער שיינער טאָל אַילון איז געבליבן וויסט, ליידיק, הפקר, נישט באַאַרבעט, פאַרזייט מיט אָנצאָליקע מינעס, פאַרדעקט מיט קוצים ודרדר, אַזוי ביז דינסטיק זיבן און צוואַנציק טעג אין חודש אייר תשכ״ז — יוני 1967, ווען דעם קעניג חוסיינס האַרמאַטן האָבן געעפנט אַ פייער אויף ירושלים און בעת דעם פייער האָט זיך די צייט ווידער גערירט...

יענעם דינסטיק 27 טעג אין חודש אייר תשכ״ז, ווען די זון איבער די בערג פון ירושלים איז אויפגעגאַנגען אין פלאַמען, האָבן שלאַכט־לייט פון צה״ל באַפרייט דעם גאַנצן טאָל אַילון צוזאַמען מיט דער פעס־טונג פון לאַטרון, פאַרוואַנדלט אין אַש און שטויב אַלע באַסטיאָנען אַרום קלויסטער פון די „שווייגערס״ און צוריק אויפגעמאַכט יענעם פאַרשפּאַרטן, אַלטן וועג אין מעריב־זייט פון ירושלים.

אויף דעם קליינעם, פרומען קיבוץ שעלבים און אויף דער אַלטער און נייער מוצא האָט געוואָרפן אַן אויג דער גענעראַל־שטאַב פון דער קעניגלעכער האַשימער אַרמיי פון דער ירדן־מלוכה, פון דאָרטן אָנצוהויבן דעם אויפמאַרש, אין דער דריטער מלחמה, קעגן מדינת ישראל. וואָרום וואָס קען זיין לייכטער פאַר אַזאַ גוט געשולטער, גוט באַוואָפנטער אַרמיי, ווי אַ פלוצימדיקע, פריער צוגעגרייטע אַטאַקע, אַן אָנפאַל אויף צוויי קליינע, פאַרוואָרפענע, פרידלעכע ישובים, זיי באַצווינגען, אָפּמעקן פון

דער ערד, דערמאָרדן אַלע איינוווינער קליין און גרויס, אַלט און יונג, דערנאָך שאַלן אין אַלע טרומפּייטן, וועגן אַ „נצחון איבער איסראַיל״?

וואָלט אַזוי געווען, וואָלטן זיכער נישט באַשולדיקט ישראל אין פייערן „דעם ערשטן שאָס״ אין דער „זעקס־טעג מלחמה״, נישט זיין מאַיעסטעט דער קעניג חוסיין, נישט דער העכסטער פון די געוועזענע גענערעלער אין פּאַריז, נישט דער קרעמל אין מאָסקווע.

דער האַשימער קעניג חוסיין מיט זיין גענעראַל־שטאַב האָבן גע־טראַכט, בעת אללאַ דער אַלמעכטיקער האָט געלאַכט:

— מוצא איז געבליבן לעבן און נישט פאַרלאָרן אַ צווייג פון אירעביימער, נישט אַ שויב פון אירע פענצטער. שעלבים איז אויך געבליבן לעבן, אירע מענטשן אַרבעטן, דאַוונען, לערנען תורה, ווי דער חלף וואָלט קיינמאָל נישט געלעגן אויף זייערע העלדזער, ווי די שחיטה פון זייער ישוב וואָלט נישט פּלאַנירט און נישט צוגעגרייט געוואָרן צוויי חדשים פאַר דער זעקס־טעג מלחמה, ווי עס איז פאַרשריבן שוואַרץ אויף ווייס אין אַ שטרענג געהיימען באַפעל פונעם קעניג חוסיינס גענעראַל־שטאַב, וואָס צה״ל האָט געפונען צוזאַמען מיט אַנדערע דאָקומענטן נאָך דער שלאַכט אויף ירושלים.

אַן אויסצוג פונעם באַפעל, איבערזעצט פון אַראַביש לשון לייענט זיך:

שטרענג געהיים!

1) דער ציל פונעם שטאַב פון מעריב־פראָנט איז דורכצופירן אַן אָנפאַל אויף דער יידישער זידלונג שעלבים, זי צעשטערן, דער־הרגענען אַלעמען, וואָס געפינען זיך דאָרטן און ליקווידירן די איינהייט, וואָס האַלט זיך דאָרטן אויף.

2) די אויפגאַבע, וואָס וועט אַרויפגעלייגט ווערן אויפן קאָמאַנדיר פון דער האַשימער דיוויזיע, ווערט איבערגעגעבן דעם און דעם רע־גימענט, זיין קאָמאַנדיר וועט דאַרפן דעם באַפעל רעאַליזירן.

3) צו זיין דיספּאָזיציע שטייען אַלע קרעפטן פונעם דערמאָנטן רעגימענט פוסגייער, וואָס זענען קאָנצענטרירט אינעם שטח פון לאַטרון.

דירעקטע אונטערשטיצונג:

א) אַ פעלד־באַטערייע.

ב) אַ פעלד־אָפּטיילונג.

ג) אַ גרופּע איינצוזאַמלען פאַרוווּנדעטע.

4) די אויפגאַבע:

דער באַשטימטער רעגימענט זאָל דורכפירן דעם אָנפאַל אויף דער זידלונג שעלבים מיטן ציל זי צו צעשטערן און דערהרגענען אַלע אירע איינוווינער, באַלד ווי ער וועט באַקומען דעם קאָד־וואָרט „בליץ".

דער קאָמאַנדיר פון דער האַשימער דיוויזיע האָט דעם קאָד־וואָרט „בליץ" נישט באַוויזן שיקן יענעם רעגימענט, וואָס האָט געדאַרפט פאַרניכטן שעלבים און אויסשעכטן זיינע פרומע, פרידלעכע, יידישע ערד־אַרבעטער מיט זייערע משפחות ביזן לעצטן, ווייל נאָך דינסטיק כ"ז אייר תשכ"ז איז פון דער האַשימער דיוויזיע מיט זיינע רעגימענטן, צוזאַמען מיט די מצרישע פאַראַשוטיסטן פון נילוס, וואָס זענען געקומען צו הילף יענער קעניגלעכער דיוויזיע — נישט געבליבן, ווער עס זאָל דעם „בליץ"־באַפעל אויפנעמען; טייל פון זיי זענען אויף אייביק געבליבן רוען אין די פעלדער פון טאָל אילון נאָך דעם בליצן און דונערן פון די האַרמאַטן פון צה"ל, טייל איז מיט געבראָכענע רוקן און לענדן, אין טויטשרעק, אַנטלאָפן אין די בערג פון יהודה, און די וואָס האָבן נישט געהאַט ווו צו לויפן, זענען אַוועק אין געפאַנגענשאַפט צו די יהוד אין איסראַיל.

שבת נאָך דער זעקס־טעג מלחמה, האָבן די מענטשן פון שעלבים געבענטשט גומל בציבור, געמאַכט אַ „מי שברך" צה"ל, בעת די פרומע יידן אין ירושלים האָבן מיט התפעלות דערציילט איינער דעם צווייטן וועגן נס, וואָס איז געשען אין שעלבים, וואָס איז געבליבן לעבן, נישט צעשטערט, און וועגן די מענטשן פונעם פרומען קיבוץ, וואָס האָבן אויסגעהאַלטן די מסוכנע טעג, און נישט פאַרלאָרן אַ האָר פון די קעפּ, ווייל זייערע תפילות זענען אָנגענומען געוואָרן במרומים.

דער נס פון שעלבים!

די פאַן פלאַטערט

בעת ירושלים איז דעם צווייטן מעת־לעת געלעגן אונטער אַ פייער הוראַגאַן פון ירדנישע כלי משחית, האָט אַן אײנהייט נאָר וואָס געקומענע פּאַראַשוטיסטן זיך געגרייט אַרויסגיין צום פייערפראָנט. די שלאַכטלייט האָבן זיך געפונען אין אַ גאַס, נישט ווייט פון די מויערן פון דער אַלטער שטאָט, געדעקט פון הייזער. די אײנהייט איז שוין געווען אָרגאַניזירט און האָט אָפּגעוואַרט דעם לעצטן באַפעל זיך צו רירן.

די אײנוווינער פון יענער גאַס, וואָס האָבן זיך פאַרקליבן אונטער דער ערד, באַשיצטע פונעם דרויסנדיקן פייער, האָבן געוויטיקט און געציטערט פאַר די לעבנס פון די שלאַכטלייט, וואָס האָבן זיך געטוליעט צו די ווענט פון די הייזער, געזעסן אָדער געליגן אויף דער ערד מיט געלאָדן געווער.

אַלע ווײלע, פון יעדן ווינקל אַרויס, האָט זיך עמעצער געוויזן מיט „גוטע זאַכן", מיט געטראַנקען, ציגאַרעטן וכדומה. די ציווילע האָבן זיך געטיילט מיט זייערע באַשיצער, מיט וואָס זיי האָבן געהאַט אין זייערע אייז־קאַסטנס און שפּייז־שראַנקען. יונגוואַרג, דערוואַקסענע און עלטערע פרויען האָבן מכבד געווען די חיילים מיט ברכות און תפילות אויף די ליפּן.

די קוילן פון די ירדנים האָבן זיך אָנגעשלאָגן אָן די ווענט, געריסן דעם טינק, געלעכערט שטיינער און צעשמעטערט שויבן.

ביי אַ שוץ־וואַנט, וואָס האָט פאַרשטעלט אַן אַרייַנגאַנג אין אַ הויז, איז געזעסן דער סגן (לייטענאַנט) יורם אין פולער באַוואָפנונג, אויף זיין פּלייצע איז געווען צוגעגאַרטלט אַ ראַדיאָ־אַפּאַראַט מיט אַ פּאַר־שפּיצטער, קורצער אַנטענע, מיט איין האַנט האָט ער צוגעהאַלטן ביים

אויער אַ הער־מושל, מיט דער צווייטער האַנט האָט ער געהאַלטן נאָענט צום מויל אַ שפּרעך־רערל, צוריקצושיקן ידיעות מיט באַפעלן צו זיין איינהייט, גלייכצייטיק נישט אַרויסגעלאָזן אַ ציגאַרעט פון ווינקל מויל. מיטאַמאָל האָט ער באַמערקט פון יענער זייט זאַמד־זעקלעך אַ קאָפּ פון אַן עלטערער פרוי, אַרומגעבונדן מיט אַ טיכל דעם קאָפּ. די פרוי האָט מיט אַ תחינה־ניגון געטענהעט: — „טייערע זין פון ישראל, זאָל אייך גאָט העלפן אין אייער סכנותדיקן וועג. איך באַשווער דיר, יונגער־מאַן — העלף מיר מקיים זיין אַ נדר״.

דער קאָפּ איז אַ רגע פאַרשווונדן אינעם שמאָלן דורכגאַנג צווישן די זעקלעך זאַמד און זיך צוריק באַוויזן, מיט טרערן אין די אויגן נאָענט צו יורמען. מיט ציטערנדיקע הענט האָט זי אים דערלאַנגט אַ צע־קנייטשטע, אַלטע פאַן מיט אָפּגעדרוקטע ווערטער. יורם האָט די פרוי מיט איין האַנט אַריינגעשטופּט אינעם אַריינגאַנג צווישן די זעקלעך זאַמד און בייז געזאָגט:

— „דודה־מומעשי, סכנות נפשות, כ'האָב נישט קיין צייט, דודה״.

— „ניין מיין זון, הער מיך אויס אַ רגע: — נעם עס מיט, כ'האָב די פאַן אויסבאַהאַלטן ניינצן יאָר צייט, די ווערטער אויף איר זענען אָפּגעדרוקט געוואָרן אין יידישן קוואַרטאַל, אין אַלט ירושלים, פאַר דער באַלאַגערונג. ווען די אַלטע שטאָט איז געפאַלן און די ישמעאלים האָבן פאַרשלעפּט די יידן אין געפענגעניש, האָט מיר גאָט געהאָלפן זיך ראַטעווען, איך בין געקומען אָט דאָ ווו איר געפינט זיך איצט. פון מיין פאַרמעגן איז דאָס איינציקע געבליבן אָט די פאַן, וואָס איך האָב דיר געגעבן. פון דעמאָלט ביז היינט האָב איך זי קיינמאָל נישט אַרויס־געהאָנגען אין דרויסן, איך האָב געשוואָרן, אַז די פאַן וועט אויפגעהויבן ווערן ביים כותל המערבי, מירצעשעם, באַלד ווי ער וועט באַפרייט ווערן״.

יורם האָט מער נישט געקענט הערן אירע רייד, וואָרום אין די אויערן האָט געזומען זשומען אַ באַפעל: — „זיך רירן!״

יורם האָט גענומען די פאַן, גיך אַריינגעשטופּט אין זיין זייטן־זעקל און גענומען סעמאַפאָרירן מיט די הענט, ער האָט זיך פלינק געלאָזט שפּרייזן פאָרויס, נאָך אים — זיינע פּאַראַשוטיסטן, וואָס האָבן

זיך געהאַלטן ביי די ווענט פון ביידע זייטן גאַס. זיי זענען געלאָפן צום פייער־פּראָנט, ווער עס האָט געשאָסן לויפנדיק, ווער ס׳האָט געקניט, געשאָסן, זיך אויפגעהויבן און ווייטער געלאָפן, געלאָזן הינטער זיך לוזשעס בלוט מיט פאַרוואונדעטע, מיט וועלכע פעלד־סאַניטאַרן האָבן זיך פאַרנומען. אַרום און אַרום האָבן געדונערט כּלי־משחית. יורם מיט זיינע מענטשן האָבן זיך געריסן פאָרויס נישט אומגעקוקט אויף הינטן, אַזוי ביז זיי האָבן זיך שטורמיש איינגעגלידערט אינעם עיקר כּח, וואָס האָט זיך נאָר וואָס אַריינגעבראָכן אין דער אַלטער שטאָט, ביז זיי האָבן דער־גרייכט דעם שמאָלן שטח פונעם כּותל המערבי מיטן הר־הבית איבערן קאָפּ.

יורם מיט זיינע עקזאַלטירטע שלאַכט־לייט, מיט נאָך הייסע, פאַררויכערטע רערן פון זייער געווער אין די הענט, האָבן געהאַט דעם זכות צו דערפילן מיט אַלע זייערע חושים די גרויסקייט פון דער שעה; — זיי זענען געווען ראוי צו דעם, וואָרום דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, זייט דעם חורבן פון צווייטן בית המקדש, ווי יידן האָבן געשפּאַנט ביי יענער אויסגעקוקטער, אַלטער וואַנט אין זייער אייגענעם זכות, אין זכות פון העכסטער מסירת נפש און גבורה — בדם ואש. ביז זיי האָט פריער צו אַזאַ זכות קיין ייד נישט זוכה געווען. בעת מעשה האָבן די פּאַראַשוטיסטן פון דעם נישט געטראַכט. זיי זענען געשטאַנען ביים כּותל אויפגעטרייסלטע, טיף עמאָציאָנירטע, זיי זענען געשטאַנען מיט פאַר־ריסענע קעפּ, מיט פייכטע אויגן, מיט האַלב אָפענע מיילער געהאַלטן די הענט פאַרוואָרפן איינער אויפן צווייטנס אַקסל, נאָכדעם האָט מען זיך אַרומגענומען איבערלאָדענע מיט געפילן, וואָס האָבן געזוכט אויסדרוק.

נאָך אַ ווײַלע שוויגן, האָבן זיך אַנדערע געוואָרפן צו די קילע שטיינער, זיי צו גלעטן מיט די הענט, צוצולייגן צו זיי די צעפלאַמטע פּנימער, ביז יורם איז דער ערשטער געקומען צו זיך, אַרויסגענומען פונעם זייטן־זעקל די פאָן, וואָס די עלטערע פרוי האָט אים געגעבן אַ רגע פאַרן אויפמאַרש, און זי אויפגעהויבן אין דער הויך.

אַז די שלאַכט־לייט האָבן דערזען די אַלטע פאָן פלאַטערן איבער זייערע קעפּ, האָבן זיי אויפגעהויבן זייער געווער און געפייערט אין דער לופט סאַליוטן, נאָכדעם גענומען זינגען און טאַנצן ווי קינדער.

גיך איז דער שטח פון כותל פול געוואָרן מיט חיילים, פאַר־שטויבטע, דורכגעווייקטע מיט שוויס, מיט צעפלאַמטע פנימער, מיט אויגן — שטיקער פייער. פונעם געדראַנג אַרויס האָט זיך דערהערט שאַלן אַ שופר. ס׳איז שטיל געוואָרן. דער שופר האָט געשאַלט תקיעות, תרועות מיט שברים און פאַרענדיקט מיט אַ צעצויגענער „תקיעה גדולה״. אַלע זענען געבליבן שטיין „דום״ אין פאַרכטיקער שפּאַנונג.

דער גענעראַל, הרב ר׳ שלמה, האָט מיט אַ ציטעריקער שטים געמאַכט „שהחיינו״ און נאָכן אויסגעדונערטן „אָמן״, האָט ער געזאָגט צו די שלאַכט־לייט: — „איר האָט מקיים געווען די שבועה פון דורות — אם אשכחך ירושלים, תשכח ימיני, מיר האָבן דיך, ירושלים, נישט פאַרגעסן — נחמו, נחמו עמי״... ער האָט געשאָטן מיט פסוקים און פאַרענדיקט מיט זאָגן קדיש נאָך יענע זין, וואָס זענען געפאַלן אין דער בלוטיקער שלאַכט צו באַפרייען אַלט־ירושלים, נישט זוכה געווען דאָ צו זיין אין דער געהויבענער שעה, נישט דערלעבט זען און באַרירן די שטיינער פון כותל.

— יתגדל ויתקדש שמיא רבא. די לופט האָט געציטערט.

מיט באַגייסטערטע אויסרופן, זענען אויפגענומען געוואָרן די אלופים — די הויכע קאָמאַנדירן, וואָס האָבן זיך באַוויזן אויף אַן אָרט. די קאָמאַנדירן האָבן זיך אַרומגענומען איינער מיטן צווייטן און מיט שלאַכטלייט, וואָס האָבן פאַר זיי געמאַכט אַ וואַרע אינעם געדראַנג. איין קאָמאַנדיר האָט געזאָגט, ווי צו זיך אליין: — „איך האָב נישט קיין ווערטער — — — מיר קניען פאַר דער געשיכטע — — — די אַלטע שטאָט איז באַפרייט, דער כותל איז פריי און באַפרייט — — — מיר סאַליוטירן אייך, שלאַכטלייט — — — מיר סאַליוטירן פאַר די, וואָס זענען דאָ נישט דערגאַנגען, פאַר די וואָס זענען אַרויס צוזאַמען מיט אונדז און זענען געפאַלן״ — — —

עס האָט לאַנג נישט געדויערט, ווי דער הר־הבית איז אויך פול געוואָרן מיט נאָך און נאָך שלאַכטלייט, וואָס האָבן נישט ווייט פונעם עומר־מעטשעט, אין הויף, אויף אַ ווינקל מויער, אַרויפגעצויגן די פאָן פון מדינת ישראל, באַגלייט מיט אַ הילכיק געזאַנג — פריער „התקוה״,

דערנאָך „ירושלים של זהב" — די שטאָט פון גאָלד, קופּער און ליכט.

אין דער היסטאָרישער שעה האָבן זיך פאַראייניקטביידע טיילן ירושלים, די אַלטע מיט דער נייער האָבן זיך צונויפגעשמאָלצן אין איין גאַנצער שטאָט.

— „ירושלים הבירה, ירושלים השלימה — העיר שחוברה לה יחד — ירושלים די רעזידענץ, ירושלים די גאַנצע שטאָט — באַהעפט צוזאַמען".

די גאַסן פון ירושלים, די דעכער און וועראַנדעס פון די הייזער זענען פול געוואָרן מיט מענטשן, וואָס זענען אַרויס פון שעלטערס, קעלערס און שוץ־גראָבנס, צו דערזען די ליכטיקע זון. האַרמאַטן האָבן מער נישט געדונערט, גראַנאַטן האָבן נישט געפּלאַצט איבער די קעפּ, אויטאָמאַטן האָבן מער נישט געשטעפּט, ס׳איז שטיל געוואָרן אין ירושלים. מענטשן זענען אַרויף אויף דעכער זען ווי די ווייס־בלויע פאָן פלאַטערט אין דער הויך, איבערן הר־הבית און קושט זיך מיטן ווינט. אַלץ, וואָס די אויגן זעען איצט, איז ערשט נעכטן געווען נישט צו גלויבן. פרעמדע האָבן זיך אַרומגענומען און געקושט, געשפּרונגען און געטאַנצט פון פרייד. פון אָפענע פענצטער האָבן זיך געטראָגן געזאַנגען מיט הלל: „בשוב ד׳ את שיבת ציון היינו כחולמים". מענטשן האָבן אָפּגעשטעלט מיליטערישע כלי־רכב, אַרומגענומען פאַרשטויבטע, מידע זעלנער, צווישן זיי בחורים מיט באַנדאַזשן, דורכגעזאַפּטע מיט בלוט. מענטשן האָבן געגלעט די נאַסע באַנדאַזשן, געהאַט אין זינען זיך, ווער ווייסט ווו זיי זענען איצט... בלומען זענען יענעם טאָג נישט געווען אין ירושלים, האָט מען די חיילים באַשאָטן מיט זיסוואַרג, מיט ציגאַרעטן וכדומה.

די שלאַכטלייט זענען געווען אויפגערודערט פונעם וואַרעמען קבלת פּנים, זיי האָבן געפּאָכעט מיט די הענט, און זיך געאײַלט צו פאָרן ווייטער, ווער מיטן וועג צו יריחו, ווער צו שכם — העלפן באַפרייען די שטחים אַרום ירושלים, ווו די מלחמה האָט נאָך נישט אויסגעלאָשן.

פאַרענדיקט די שמחה אַרום כותל, האָט סגן יורם צונויפגענומען זײַנע מענטשן, אויף אַן אַפּעל און קורצן אָפּרו, כדי זיך צו לאָזן ווייטער אין וועג, משלים זיין די אויפגאַבע אין די בערג און וויסטענישן אַרום יריחו.

דער פרוש

(דערציילונג)

זייט זומער תש״ח, נאָכדעם ווי אַלט־ירושלים איז געפאַלן, און פאַר ייִדן איז פאַרשפאַרט געוואָרן דער וועג צום כותל המערבי און צו אַלע ייִדישע מקומות הקדושים, האָט זיך ר׳ דוד פאַרמאַכט אין זיין צימער צווישן די פולע פאַליצעס ספרים, ער האָט געריסן קריעה, געזעסן שבעה און איז געבליבן אַליין, מיט זיך, אין תעניתים און תפילות, נישט אַרויס אין דרויסן, חוץ אין די טעג פון די ימים נוראים צו גיין דאַווענען אין אַ נאָענטן בית מדרש.

רבי דוד האָט דעמאָלט געטאָן אַ נדר צו בלייבן אַליין, אָפּגעשיידט פונעם אַרום, אפילו פון זיינע בני־בית און קרובים, צו וואַרטן ביז מען וועט אָנקלאַפּן אין זיין טיר מיט דער בשורה, אַז די עיר העתיקה, אין די מויערן פון ירושלים, איז באַפרייט פון די צוררים, די ישמעאלים.

ר׳ דוד האָט מקיים געווען זיין נדר, אַזוי צו בלייבן אַליין פאַר־שפאַרט אין זיינע ד׳ אמות ניינצן יאָר צייט, ביז נאָך אַ פאַר טעג און נעכט אש וגפרית, בליצן און דונערן, האָט ער דערפילט אַ שטילקייט אַרום. ער איז געבליבן זיצן אין השתוממות, מיט די שפּאַקולן אויפן שטערן, אַזוי לאַנג, ביז די שטילקייט האָט איבערגעריסן אַ שטאַרק קלאַפּן אין טיר.

ר׳ דוד האָט געלאָזט אָפּן דעם ספר איבער וועלכן ער איז געזעסן פאַרזונקען אין מחשבות, ער האָט זיך אויפגעהויבן און מיט שטרויכלדיקע פיס זיך געלאָזט גיין אויפריגלען די טיר. לכתחילה האָט ער געמיינט, אַז דאָס קלאַפּט עמעצער פון זיינע בני־בית, וואָס ברענגען אים זיין

מאַגערן מאַלצייט אין די טעג, וואָס ער פאַסט נישט, אָבער דאָס מאָל האָבן זיך פאַר זיינע אויגן באַוויזן, ווי פון אַ נעפּל אַרויס, צוויי יונגע בחורים אין אַ משונהדיקער קליידונג, מיט שטאָלענע שיסלען אויף די קעפּ, מיט ברייטע גורטן אויף די לענדן באַהאַנגענע מיט בייטלען, מיט בלעכענע פלעשער און מיט נאָך מאַכערייקעס, וואָס ער האָט נישט געוווּסט זייער באַדייט, אויף זייערע אַקסלען זענען געווען אָנגעהאָנגען קורצע רערן־ביקסן.

אַז ר׳ דוד האָט זיי דערזען, איז ער אָפּגעטרעטן אַ פּאָר שפּאַן צוריק, נישט געוווּסט, וואָס זיי ווילן, און צי זענען זיי בכלל מזרע היהודים, נאָר די בחורים האָבן גערעדט לשון קודש, און הינטער זייערע פּלייצעס זענען געשטאַנען צוויי פון זיינע באַקאַנטע, גאָטספאָרכטיקע יידן, — ר׳ צבי און ר׳ שאָר־ישוב, וואָס, ווי ער געדענקט, איז ער געווען דער יידישער חייל, וואָס האָט דער לעצטער פאַרלאָזן די אַלטע שטאָט ירושלים, זומער תש״ח, בעת זי איז געפאַלן אַ באַצוווּנגענע, אַ צעבלוטיקטע.

— רבי! מיר האָבן אייך געבראַכט אַ גוטע בשורה, די עיר העתיקה איז באַפרייט, זי איז צוריק אין די הענט פון אחינו בני ישראל, איר קענט שוין גיין תפילה טאָן ביים כותל, דער נדר איז אייך מער נישט מחייב — האָבן זיי געזאָגט.

— ווּעס, היתכן? — האָט זיי ר׳ דוד איבערגעפרעגט אַ פּאָר מאָל, נישט געגלויבט זיינע אייגענע אויערן.

— ס׳איז וואָר, ר׳ דוד, ס׳איז וואָר, ווי איר זעט אונדז דאָ לעבעדיקע.

— באמת? — האָט ער פאַנאַנדערגענומען די הענט, בעת די באַזוכער האָבן אים אַרומגענומען מיט פאַרכט.

אַז ר׳ דוד איז געקומען צו זיך אַן אויפגעטרייסלטער, האָט ער בלחש מיט אַ ציטעריק קול, מיט פאַרמאַכטע אויגן ווי צו „שמע״, געמאַכט „שהחיינו״, און נאָכן ענטפערן „אָמן״ האָבן אים די באַקאַנטע אַרומגע־נומען און פריידיק געוויינט.

ר׳ דוד האָט זיך אַ ביסל באַרויקט, טיף אָפּגעאָטעמט, אַרויסגע־נומען פון אַלמער זיין שבתדיקן בגד, אויסגעטאָן דעם שטוביקן כאַלאַט,

אָנגעטאָן דאָס שטריימל, זיך אַרומגעגאַרטלט, פון אויבן אָנגעטאָן זיין טלית און זיך געלאָזט נעמען אונטער די אָרעמס. די פיס האָבן אים שלעכט געדינט, האָבן אים די געסט אַרויסגעבראַכט אין דרויסן, אַריינ־געזעצט אינעם דזשיפ פון די צוויי יונגע בחורים, און אַלע צוזאַמען האָבן זיך געלאָזט צום כותל מתפלל זיין.

דאָס פאָרן פון דער צפניה גאַס, ווו ער האָט געוווינט, צום כותל, איז נישט געווען אַזוי לייכט און פשוט דורך די פולע גאַסן מיט מענטשן, צווישן וועלכע עס האָבן זיך לאַנגזאַם באַוועגט אין כלי־רכב די ערשטע שלאַכטלייט פון דער אַלטער שטאָט אַרויס; — זיי זענען געזעסן אין ירדנישע דזשיפן באַהאַנגענע מיט שלל — קלענערע און גרעסערע ירדני־שע פענער, אין מיטן אַ קרוין, אונטער דער קרוין אויפן לייוונט איז געווען געדרוקט אין אַראַביש לשון, מיט געצאַצקעטע, געשלייפטע אותיות: — „די האַשימער מלוכה". אַרום די דזשיפן זענען געהאַנגען ירדנישע העלמעטן, צעשמעטערטע געווער־שטיק, און פּאָרטרעטן פון מלך חוסיין מיטן קאָפּ אַראָפּ.

די גאַס האָט געיובלט, געזאַנגען האָבן זיך געטראָגן צום אַנגע־הייצטן, גרויען הימל. מענטשן האָבן אויפגעקאָרקעוועט פלעשער משקה מכבד צו זיין יעדן זעלנער און איינער דעם צווייטן, די פלעשער זענען געגאַנגען פון האַנט צו האַנט, פון מויל צו מויל, מ׳האָט נישט געטראַכט פון גלעזלעך, מען האָט נאָר פּשוט אָפּגעווישט די העלדזלעך מיט די דלאָניעס פון די הענט און געזופּט.

— „זה היום נגילה ונשמח בו — — — זה היום".

אין זכות פון די בחורים מיט די שטאָלענע העלמעטן אויף די קעפּ און רערן־ביקסן אויף די אַקסלען, וואָס האָבן געקערעוועט דעם דזשיפּ, זענען ר׳ דוד מיט זיינע באַגלייטער אָנגעקומען צו דעם שער שכם, און פון דאָרטן זיך געלאָזט ווייטער אין דער אַלטער שטאָט, ביז זיי האָבן דערגרייכט אַ געסל פון וואַנען עס איז מער נישט מעגלעך געווען צו פאָרן ווייטער, נאָך זיך שטופּן צופוס, צווישן גרויסן עולם יידן, וואָס האָבן זיך באַוועגט צום כותל, יידן אַלטע און יונגע, פרייע און פרומע, מיט בערד און פאות־לאָקן אין שוואַרצע, ברייט־ראַנדיקע קאַפּעליושן און שטריימלעך

אויף די קעפּ, אפילו אין טליתים און קיטלען אָנגעטאָן ווי יום כיפּור צו „כל נידרי", אַנדערע — אין טעמבעל־היטלען און קאַסקעטן, אין צע־כראַסטעטע העמדלעך, גילוחים, בגלוי ראש.

דאָס מאָל האָט זיך קיינער נישט גערוגזט, קיינעם האָט מען נישט פּוגע געווען, קיינעם נישט געזידלט: — „גוי, שגץ, מומר להכעיס", וכדומה, אפילו נישט די נשים, וואָס האָבן זיך געשטופּט צווישן די מענער האָט קיינער נישט נאָכגעשריגן — „פי, פע, חצופה", אַלע זענען געווען צעפּלאָמט, פאַרכלינעט מיט שמחה: — דער כותל איז פריי פאַר אַלע יידן, ירושלים איז מער נישט געשפּאָלטן, ירושלים איז ווידער איין גאַנצע שטאָט פון ליכט, צעבראָכן די מויערן אין איר האַרצן.

איבעם געווימל און שטיקעניש האָט מען געזען ווי צוויי יידן מיט בערד, אין רבנישער קליידונג, אין שוואַרצע, ברייט־ראַנדיקע, פרומע קאַפּעליושן, צעהיצטע, מיט גליאיקע אויגן, דורכגענעצטע פון שוויס, ראַנגלען זיך אין דער געדיכטעניש פון עולם צו פירן אונטער די אָרעמס, אַ ייד, אַ חלוש צום כותל, אַ ייד מיט אַ געלבלעך־בלאַס פּנים, מיט אַ שניי־ווייסער באָרד, אַן איינגעהילטן אין אַ טלית — האָט דעריבער אַ פאַראַשוטיסט, אַ געזונטער יונג, הויך ווי אַ דעמב, אַ נעם געטאָן רבי דודן אין זיינע אייזערנע אָרעמס, צוגעדריקט צו זיך, ווי אַ מוטער אַ קינד און זיך אַ לאָז געטאָן פאָרויס און גוטמוטיק געשריען:

— פּנו דרך, מאַכט אַ וואַרע, העי, לאָזט אַ זקן צום כותל, לאָזט אים נישט פאַרשפּעטיקן צו מנחה.

ערשט נאָענט צום כותל האָט דער חייל דערפילט, אַז דער זקן איז לייכט ווי אַ פעדער, און זיינעביידע באַגלייטער האַלטן זיך אָן אָן זיין גורט. זיי האָבן אים נישט געוואָלט פאַרלירן פון די אויגן, און דעם גאַנצן וועג געשאָטן מיט פסוקים און ברכות.

אַזוי האָט ר' דוד פאַרענדיקט זיינע תעניתים און פּרישות און געשטאַמלט בלחש פאַר זיך: — „ברוך השם, בעזרת השם, מקויים געוואָרן דער „ותחזינה" — גיב מיר, רבונו של עולם כח נאָך אַ פּאָר יאָר לעבן איך זאָל אַליין מיט מיינע אייגענע פיס קענען גיין יעדן טאָג צום כותל, כבשנים־קדמוניות".

נאָך נײַנצן יאָר זיצן פֿאַרמאַכט ביחידות אין זײַן צימער האָט רבי דוד יענעם פֿאַרנאַכט געדאַווענט מנחה בציבור בײַם כותל, געגלעט מיט ציטערדיקע הענט די קילע שטיינער פֿון דער אַלטער, פֿאַרהייליקטער וואַנט, נישט פֿאַרגעסן נאָך מנחה פֿאַרגיסן אַ טרער און זאָגן קדיש נאָך יענע, וואָס האָבן באַצאָלט מיט בלוט ער, ר׳ דוד, זאָל קענען באַטרעטן דעם מקום קדוש און מיט זײַנע אויגן נאָך זען דעם הר הבית.

„דאָס איז אַלץ"

שבועות, עטלעכע מעת־לעת נאָך די „זעקס טעג" האָט דער איג־זשיניער זגגי, וואָס האָט געמאַכט זיין רעזערוו־דינסט ערגעץ אויף אַ לופט־פּלי־באַזע באַקומען אַ דערלויבניש, אויף 24 שעה, צו פאַרברענגען מיט זיין פרוי און קינדער אין דער היים. נאָכן יומטובדיקן אָוונט־מאָלצייט האָבן זיך ביי אים צונויפגענומען נאָענטע פריינד מיט קרובים צו הערן פון זיין מויל, דאָס וואָס ער האָט דורכגעמאַכט אינעם לופט־פּלאַט אין די גרויסע אימה־טעג. זגגי איז געזעסן אין אַ פאָטעל מיט זיינע צוויי יונגע זין אויפן שויס, וואָס האָבן זיך געטוליעט צו אים, ער האָט נישט געוווסט אויף וועמען פריער צו קוקן, אויף זיינע קינדער אָדער אויף זיין פרוי, וואָס איז געווען פאַרטאָן מיטן כיבוד פאַר די געסט. זגגי איז געווען מיד, ער האָט נאָך געאָטעמט מיט דער לופט פון „יענע טעג", וואָס האָט זיך נישט אָפּגעטאָן פון אים, נאָך נישט געווען בכח צו גלויבן זיינע אייגענע אויגן, אַז אָט זיצט ער ווידער צווישן דער משפחה, צווישן נאָענטע פריינד. ער האָט נישט געהאַט קיין לוסט צו רעדן פון דעם איבערגעלעבטן, וואָרום גראָד זיין פלאָטילע האָט פאַרלוירן צוויי יונגע אָדלער, זייער טויט האָט פאַרנעפּלט די שמחה פון נצחון און אַנגעוואָרפן אַ טיפע עצבות אויף דער באַזע, וווּ דאָס רוב מענטשן האָבן זיך געהאַלטן צוזאַמען ווי אַ משפחה און געקענט איינער דעם צווייטן מיט די נעמען. ס'איז געווען שווער משלים צו זיין מיטן געדאַנק, אַז ביידע פריילעכע בחורים זענען מער נישטאָ צווישן די לעבעדיקע, מען האָט אויסגעמיטן צו רעדן וועגן זיי. די וווּנד איז געווען אָפן, גראַד וועגן זיי און זייערע מעשים האָבן אַלע געוואָלט הערן.

— יאָ — האָט זיך זגגי שטיל אָפּגערופן — איך וועל אייך

בעסער דערציילן וועגן אַ ווונדערלעכער, יידישער טאָכטער, אַ חובשת (הילפס־שוועסטער) אויף אַ לופט באַזע, בעת דער סיני־קאַמפּאַניע אין 1956, וואָס אין איר זכות זעט איר מיך דאָ אַ לעבעדיקן, אַ בעל משפחה מיט אַ היים. איך וועל עס דערציילן אין דער צווייטער פּערזאָן: — די חובשת, אַ סובטעל, איידל, יונג מיידל, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ גימ־נאַזיסטקע, האָט געלעבט אויף דער באַזע, זי האָט עולה געווען קיין ישראל פון איטאַליע. ווען עס איז געקומען איר צייט זיך שטעלן צו מיליטער־דינסט, האָט מען זי באַשטימט צו אַ פּרויען־איינהייט זיך אויסצולערנען וויקלען פּאַראַשוטן. נאָך אַ פּאָר חדשים ווען מען האָט באַמערקט, אַז די מלאָכה איז פאַר איר צו שווער, און געוואָלט זי איבערפירן אין אַן אַנדער איינהייט, האָט זי זיך קעגנגעשטעלט און געטענהעט — „לא דובים ולא יער", ס'איז איר נישט שווער, די אַרבעט באַפרידיקט איר, צום ערשטן מאָל אין לעבן פילט זי זיך נוציק אין דער געזעלשאַפט, זי האָט ליב באַקומען דאָס אָרט, די מענטשן מיט דער אַרבעט, וואָס זי טוט, זי לערנט זיך אויך פלייסיק עברית, זי רעדט זיך שוין מיט אַלעמען צונויף אין דער שפּראַך, וואָס וויל מען פון איר?

אין מיליטער זענען נישטאָ קיין ויכוחים. אין מיליטער לעבט מען אין אַ ראַם פון דיסציפּלין און באַפעלן, אַ פּשיטא אינעם לופט־פלאָט, ווו די מינדעסטע אָפּנייגונג פון דער ראַם קען ברענגען פאַטאַלע רעזולטאַטן. בקיצור מען האָט זי געשיקט אויף אַ קורס אין אַ שפּיטאָל און דערנאָך באַשטימט אַריבערגיין אַרבעטן אין דער באַזע, צו הילף אַ דאָקטאָר אַלס שוועסטער.

ווי אויף אַלע לופט־באַזעס האָבן דאָרטן געלעבט יונגע, אָפּגעקלי־בענע, געזונטע בחורים, איינער ווי דער צווייטער, אַ פאַרגעניגן זיי אָנצוקוקן. — האָט די אַמבולאַטאָריע געפּוסטעוועט, און דער דאָקטאָר פלעגט אָפּט קענען אַרויספאָרן פּראַקטיצירן און פאַרפולקומען זיינע ידיעות אין אַ נאָענטן שפּיטאָל. פון דעסטוועגן איז אים נאָך געבליבן פרייע צייט צו געבן „לעקציעס" זיינע ביידע „הילפס־קרעפטן", — דער שוועסטער מיט דעם יונגן מיידל, וואָס מען האָט אים געשיקט, לכתחילה קעגן זיין ווילן, אָבער בעת ער פלעגט זיך באַגעגענען מיט איר יעדן טאָג, פּנים אל

פנים אין דער אמבולאַטאָריע, האָט ער זי ליב באַקומען און געטענהעט, אַז זי איז אַן „אבן חן", אַ פלייסיקע חיילת מיט גאָלדענע הענט, אַ געבענטשטע מיט אַ גוט האַרץ, מיט אחריות און ערנסטן צוגאַנג צו אַלץ צו וואָס זי נעמט זיך. עס האָט לאַנג נישט געדויערט ביז זי האָט פאַרפולקומט אירע ידיעות, איבערגעשטיגן די עלטערע שוועסטער, וואָס האָט זיך דערפון נישט צופיל גענומען צום האַרצן, ווייל די יינגערע פלעגט שוין אָפטאָן אַ טייל פון איר אַרבעט און איר נישט געשטערט אין דער פרייער צייט לייענען ראָמאַנען מיט זשורנאַלן, און ביי יעדער געלעגנהייט זיך אַריינכאַפּן אין אַ „שיינהייט־סאַלאָן", אין שטעטל, נאָענט צו דער באַזע, צוואָגן און קרייזלען די האָר. דעם אמת געזאָגט, איז די עלטערע שוועסטער געווען אַ שיינע, אַ שטאַלטיקע מיידל מיט טונקל־בלויע אויגן, מיט אַ קאָפּ האָר פון גאָלד־קאָליר. עס דוכט זיך, אַז אויף דער באַזע איז נישט געבליבן קיין בחור, וואָס איז נישט געלאָפן צו איר מעסטן די היץ, זיך באַקלאָגן אויף נישט געשטויגענע מיחושים, שטענדיק אויסצונוצן די צייט, ווען דער דאָקטאָר איז נישט געווען, די בחורים פלעגן רעדן צו איר אַריינצואָטעמען איר דופט. זי פלעגט שמייכלען, שווייגן און די „חולאים" צוריקשיקן, זיי געזאָגט, אַז זי איז נישט קיין דאָקטאָר, דער טערמאָמעטער ווייזט נישט קיין היץ און אין האַלדז איז ריין, וואָס איז שייך דעם פולס, פלעגט זי צוגעבן שטיפעריש, אַז ווען זי וואָלט געווען אַ יונגער, געזונטער בחור, און אַ מיידל וואָלט איר געטאַפּט דעם פולס, וואָלט דער פולס אויך נישט געבליבן נאָרמאַל ווי שטענדיק — „ווייסט וואָס חייל — אויב דיר וועט נישט ווערן בעסער, קען איך דיך פאַרשרייבן צום דאָקטאָר"... אַזוי האָט זי אָפּגעוויינט די חברה קומען מעסטן די היץ און אַרויסשטעקן די צונג, זי זאָל אַריינקוקן אין האַלדז און קיצלען מיט אַ שפּאַכטל דעם גומען ביז זיי פלעגן נעמען הוסטן, זיך פאַררויטלען און אָפּטראָגן. צום סוף האָבן זי די בחורים צו רו געלאָזט, אַ פשיטא נאָכדעם, ווי איינער פון די לצים פון דער באַזע, האָט דערציילט, אַז בקרוב ענדיקט זי איר דינסט, זי האָט אין דרויסן אַ „חתיך" — אַ רייכן טאַטנס אַ זון מיט וועמען זי קלייבט זיך חתונה האָבן, והראיה זי פוצט זיך איבער דער מאָס, און ביי יעדער געלעגנהייט, לויפט זי זיך טרעפן מיט אים...

אין איינעם פון יענע מלחמה־טעג אין סיני, בעת דער דאָקטאָר מיט זיינע „ביידע מיידלעך" האָבן זיך געפּאָרעט מיט גלעזלעך, בלוט טראָפּנס, ביי אַ מיקראָסקאָפּ, האָט מען בהלהדיק אַליאַרמירט, תיכף אַלץ צוגרייטן צו געבן די ערשטע הילף אַ לופט־פליער, וואָס האָט סיגנאַליזירט, אַז זיין „כלי" האָט געכאַפּט קוילן ביים פּאַטרולירן, ער פליט צוריק צו דער באַזע מיט דער גאַנצער געשווינדקייט צו פּרובירן ראַטעווען זיך מיטן אַעראָפּלאַן, אויב ער וועט אָפּגליקן ווי ניט איז צו לאַנדן... אין אימפּעט האָט דער דאָקטאָר געכאַפּט דעם שטענדיק גרייטן פּעקל „ערשטע הילף", געהייסן ביידע מיידלעך נעמען אַ טראָג־בעטל און זיך לאָזן מיט אים אין צענטער פון די לאַנדונגס־שליאַכן אויפן פליפעלד.

ס'איז געווען אַ מילדער, האַרבסטיקער טאָג, עס האָט געבלאָזן אַ לייכט ווינטל. אויף אַ מאַסט ביי די אַנגאַרן, האָט זיך אין דער לופט געריסן אַן אָנגעבלאָזענער, לאַנגער „וורשט", צו ווייזן די ריכטונג פונעם ווינט. די זון איז געשטאַנען אין זעניט פון בלויען הימל. פון ווייטן האָט זיך געזען אַ לאַנגער, שוואַרצער עק, וואָס האָט אַרויסגעשלאָגן פון אַ פּינטל, וואָס איז יעדן אויגנפּינטל געוואַקסן גרעסער, ביז מ'האָט דערזען, אַז דאָס פּאַלט אַראָפּ, אין אַ שווינדלדיקער גיכקייט, דער באַשעדיקטער אַעראָפּלאַן, וואָס דרייט זיך ספּיראַליק אַרום זיך מיט אַ געוואַי, מיטן הינטערשטן טייל אין פלאַמען.

פון אַלע זייטן זענען געלאָפן און געפאָרן לופט־פליער, טעכניקער און פייערלעשער. — — — די ערשטע איז אַריינגעשפּרונגען אין אַראָפּגעפאַלענעם אַעראָפּלאַן, וואָס זיין הינטערשטער טייל האָט געברענט — דעם דאָקטאָרס יינגערע חובשת, און איידער וואָס ווען אַרויסגעבראַכט אין דרויסן דעם פאַרבלוטיקטן, יונגן פליער,ביידנס קליידער האָבן געברענט, מעשה ניסים, איז געלונגען ביידן אָפּראַטעווען אין דער לעצטער רגע, זיי זענען אָפּגעקומען מיט בראַנד־וווּנדן.

אין אַ געשפּאַנטער שטימונג, אין אַ טויטער שטילקייט, האָט זגגי פאַרענדיקט:

— נעכטן איז אויף דער פליער־באַזע, ווו איך געפין זיך, געווען אַ שטיקל יום טוב, — אַ מיפקד (אַפּעל), מען האָט צונויפגעבראַכט אַלע

לופט־פּליער, אַלע פּאַראַשוטיסטן, מיט דער טעכנישער באַדן־באַדינונג, אַלע, וואָס האָבן דירעקט און נישט דירעקט אָנטיילגענומען אין דער שלאַכט פון ירושלים, אַלע זענען געשטאַנען געשפּאַנט, אויסגעשטעלט אין שורות, אין אַ גרויסן פּירעק, אַרום אַ בימה, אַרום האָבן געפּלאַטערט פאַנען. דעם מיפקד האָט אויפגענומען דער העכסטער קאָמאַנדיר פון לופט־פלאָט, באַגלייט פון אָפיצערן פון דער דאָרטיקער פּלאַטיליע.

דער קאָמאַנדיר איז געגאַנגען פון מענטש צו מענטש און געהאַט פאַר יעדערן אַ גוט וואָרט, אַ פראַגע, אַ גלעט מיט די אויגן. די אָפיצערן האָבן פאָרגעשטעלט די און יענע לופטפליער, וואָס האָבן זיך באַזונדער אויסגעצייכנט אין דער שלאַכט, ביז זיי האָבן דערגרייכט אַ באַזונדערע שורה סאַניטאַרן, אַ פּאָר יונגע דאָקטוירים, צווישן זיי איין איינציקע חיילת מיט אַ שטאָלענעם העלמעט אויפן קאָפּ, נישט לויט איר מאָס. דער קאָמאַנדיר איז נשתומם געוואָרן: — אַזאַ קליינע, אַזאַ סובטעלע, צווישן הויכע, קרעפּטיקע מענער, ווי קומט זי דאָ? וואָרום אירע 32 יאָר איז נישט געווען צו זען אין איר געשטאַלט.

דער אָפיצער פון די סאַניטאַרן — אַ מיליטערישער דאָקטאָר, האָט סאַליוטירט און ראַפּאָרטירט אין אָפּגעהאַקטע ווערטער, ווי אַזוי זיי האָבן דאָס מיידל געטראָפן אונטער אַ האָגל קוילן אין אַ געסל פון אַלט ירושלים, אַ מיידל מיט נישט געוויינלעכער געניטשאַפט און מוט, ביים אי־בערבינדן און מונטערן פאַרוונדעטע שלאַכטלייט און ציווילע אַראַבער.

— המפקד — קאָמאַנדיר! זי איז אויסגעשטעלט צו באַקומען אַ צל״ש (ציון לשבח־אויסצייכענונג), מיר האָבן זי מיטגענומען און זיך נישט אָפּגענאַרט. זי האָט שוין געדינט אַלס שלאַכט־שוועסטער אין סיני, אין דער מלחמה, אין יאָר 1956.

— — — — — — — — — — — — — —

פאַרן מיפקד האָט דער קאָמאַנדיר פאַרבראַכט אַ קורצע צייט אין אָפּעראַטיוון שטאַב פון דער לופט־באַזע, וווּ דער אָרטיקער קאָמאַנדיר, האָט פון אַ רשימה תמציתדיק פאָרגעלייענט פאַר אים פּרטים פון יענע מענטשן, וואָס ער שטעלט אַרויס זיי אויסצוטיילן אויסצייכענונגען פאַר אויסערגעוויינלעכע מעשים בעת דער שלאַכט אין ירושלים. ער האָט זיך

אָפּגעשטעלט מער באַריכות אויף דער שלאַכט־שוועסטער, אסתר, אַזוי צו דערציילן:

— די שוועסטער רופן זי אַלע מיט ליבשאַפט אסתרל, מחמת איר קליינעם וווקס און איידעלן אויסזען. זי איז אַלט 32 יאָר, וווינט אין ירושלים, געדינט אין „רויטן מגן־דוד" אַלס אַ שאָפערין פון אַן אַמבו־לאַנס. איר נאָמען ליגט אויף די ליפּן פון אַ סך שלאַכטלייט. ווען זיי רעדן פון איר לאָזן אַפּ זייערע פאַרהאַרטעוועטע הערצער און אַ שמייכל צעגיסט זיך איבער זייערע פּנימער. די עלטערע רעזערוויסטן רופן זי — די שטילע בת־טובים מיט דער זון אין די אויגן, די גוטסקייט, די צניעות און באַרמהערציקייט אַליין...

אינעם שטורעם פון דער שלאַכט אין ירושלים, אין די „זעקס טעג", האָט זי זיך אַרויסגעגנבעט פון דער היים מיט אַ זעקל ערשטע הילף, זי איז נישט געווען מאָביליזירט. אָן אַ דערלויבעניש האָט זי זיך צוגעקלעפּט צו אַ גרופּע שלאַכטלייט, געדעקטע פון פּאַנצער, און אַזוי, צוזאַמען מיט זיי, אַריין אין דער אַלטער שטאָט, ווו מען האָט זי געטראָפן אין אַן אַלטן, מיליטערישן לבוש, מיט אַ שטאָלענעם העלמעט אויפן קאָפּ ממש איבער די אויגן, אַ העלמעט, וואָס אַ שלאַכטמאַן האָט איר געגעבן. מען האָט זי געזען פאַרגאַרטלט מיט אַ גורט אָנגעהאָנגענע מיט פלעשלעך, מיט אַ זעקל ערשטע הילף, מיט שטיק־ברעטלעך פאַר גע־בראָכענע ,גלידער, איבערבינדן פאַרוווּנדעטע, אַלץ געטאָן אָן ווערטער, מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, מיט אַ פול הארץ רחמים, וואָס איז געווען איר פּאַנצער און וואָפן.

אסתר האָט זיך געשאַרט ביי די וועגט צווישן שורות שלאַכטלייט, וואָס האָבן אין שטורעם געמיינט, אַז זי איז איינע פון זיי.

אַ פאַרווונדעטער רעזערוויסט, אַ ירושלימדיקער תושב, וואָס האָט זי דערקענט האָט מיט שטוינען געפרעגט:

— אסתר ווי קומסטו דאָ אין פייער?

האָט זי שטיל געענטפערט:

— פּשוט, איך בין דאָ ווו מען דאַרף מיך נויטיק האָבן.

— אין אַזאַ סכנה?

— סכנה? כ׳בין דאָך אַזוי קליין און מאָגער, שפּאַן איך צווישן די קוילן, וואָס קענען מיך נישט טרעפן — חבר, זיי מיך מכבד מיט אַ טרונק וואַסער.

שוין אין אירע ערשטע טריט האָט איר נישט געפעלט קיין אַרבעט. די דאָקטוירים, וואָס פלעגן איבערנעמען „אירע" פאַרוווּנדעטע, פלעגן שטוינען ביים בייטן די פאַרבלוטיקטע באַנדאַזשן, זיי האָבן נישט געהאַט קיין ווערטער פאַר דער ערשטער הילף אין דרויסן, זיי פלעגן פרעגן די חיילים צי זיי געדענקען ווער עס האָט זיי צו ערשט באַנדאַזשירט, די וואָס האָבן געדענקט פלעגן ענטפערן:

— צי מיר געדענקען? אַ שיינע פראַגע, מיר וועלן עס נישט פאַרגעסן אונדזער גאַנץ לעבן — אַ מיידל, אַ קינד, וואָס האָט די וווּנדן געזאַלבט מיט אירע אויגן.

— אירע אויגן אַז זי פלעגט זיי אויפהויבן האָבן מיר אין זיי געזען דעם שער־הרחמים.

— אירע פינגער? — סאַמעט.

אַ ייד מיט אַ באָרד און פאות, מיט אַ קאַפּעלע אויפן קאָפּ, איינער פון די גרינצייג־הענדלער אין מחנה יהודה, וואָס איז געלעגן אין שפּיטאָל מיט אַ צעשמעטערטער האַנט, אָנגעהאַנגען מיט בינטן צו אַ געשטעל איבערן בעט, האָט געענטפערט דעם דאָקטאָר:

— ווער האָט די האַנט אַזוי געניט איינגעבונדן אין די שטיק־ברעטלעך, ווער? — איינע פון די כרובים בצורת אַן אשה, אַ מלאך פון הימל, אין איר זכות וועל איך, מירצעשעם, נאָך לייגן תפילין אויף דער קראַנקער האַנט, יאָ, אויף ס׳וואָר, יאָ דאָקטאָר לעבן.

אין ברען פון דער שלאַכט אין אַלט־ירושלים, האָט אסתרל געזען שטיין אין אַ אָפענער טיר אַ פאַרצווייפלטע, אַראַבישע מוטער מיט אַ פאַרוווּנדעט, פאַרבלוטיקט קינד אויף די הענט. אסתר, אַן איבער־געבויגענע איז אַריבערגעלאָפן די גאַס אונטער אַ האָגל קוילן, איבער־גענומען דאָס קינד, געגעבן די נויטיקע הילף, באַרויִקט די מוטער און עס אַריינגעבראַכט אין אַ נאָענטן מאָנאַסטיר, איבערגעגעבן אַ נאָנע אין די הענט.

ביים לויפן צוריק, איז פון אַ טיר אַרויס אַן עלטערער אַראַבער, זעט אויס איינער פון די נכבדי־העיר, וואָס האָט דורך אַ שפּאַרע פון אַ פענצטער־לאָדן געזען, וואָס אסתר האָט געטאָן, ער האָט זיך פאַרנויגט, איר אַריינגעשטופּט אין די הענט אַ גרויסע באָנבאָניערע און גיך פאַר־שווונדן און געמורמלט, וואָס זי האָט נישט פאַרשטאַנען.

„עט, ס׳וועט זיין מיט וואָס צו דערקוויקן די ערשטע בחורים, וואָס איך וועל באַגעגענען״, האָט אסתר געטראַכט און זיך געשאַרט צוריק, ביי די ווענט, בעת דאָס געסל האָט גאָר פון דער נאָענט געפייערט און געדונערט. זי האָט נישט באַוויזן צוריקגיין אַ פּאָר צענדליק מעטער, ווי זי האָט דערזען ליגן אויפן ברוק אַ צעשראָקענע, פאַרבלוטיקטע אַראַבישע פרוי, וואָס האָט געקרעכצט. אסתר איז צוגעלאָפן צו איר, געקניט, אַרויס־גענומען פון איר זעקלי בינטן, וואַטע מיט זאַלב, מיט אַ פליסיקייט, באַנ־דאַזשירט, און גלעטנדיק באַרויִקט די פרוי.

— גיי אַריין, אמא, אין דער ערשטער טיר, דאָ איז אַ סכנה, ס׳איז אַ לייכטע, אויבערפלעכלעכע ווונד פון שויבן־גלאָז, גיי גיכער, אמא.

בעת מעשה לויפט צו צו אסתרן אַן אַראַביש יינגל, גיט איר אַ שפּיי אין פּנים און פאַרשווינדט אין אַ דערבייִיק הויז.

— — — — — — — — —

עס איז געווען נאָך צו דערציילן, אָבער דער קאָמאַנדיר האָט מער נישט געהאַט קיין צייט צו בלייבן אין שטאָב, איז ער מיט זיינע באַגליי־טער אַרויס אין דרויסן צום מיפקד.

בעת דער קאָמאַנדיר איז צוגעקומען צו די סאַניטאַרן און דאָק־טוירים, האָט ער אַרויסגערופן אסתרן פון דער שורה און זי געפרעגט:

— איז אַלץ אמת, חובשת, וואָס מען האָט מיר דערציילט פון דיר, דו אַזאַ סובטעלע און יונגע, מיט אַזאַ נישט געוויינלעכן מוט?

— איך ווייס נישט, וואָס מען האָט דערציילט, איך האָב געטאָן מיין פליכט, קאָמאַנדיר — האָט זי געענטפערט און אַראָפּגעלאָזן די אויגן.

— ווי רופט מען דיך, טאָכטער?

— אסתר.

— אסתרל?

— כן המפקד — יאָ קאָמאַנדיר.

— האָסט עפּעס צו זאָגן, חובשת אסתר?

— ניין, קאָמאַנדיר.

— דאָס איז אַלץ?

— יאָ, דאָס איז אַלץ.

שכנים

„יעיש איסראיל"

דורות לאַנג איז געלעגן איינגעשטאַנצט אין פעלדזיקן רוקן פון אַ באַרג אין גליל דאָס אַראַבישע דאָרף חמדיה, ווי פאַרגעסן פון גאָט און מענטשן. פונעם וועג, וואָס פירט קיין תרשיחה, האָט זיך אָפּגעצווייגט אַ ברייטלעכער שטעג, וואָס האָט געפירט קיין חמדיה, אַ שטעג וואָס האָט זיך געשלענגלט צווישן תבואה־פעלדער און אייל־בערט־וועלדלעך, און פאַרענדיקט ביים אַריינגאַנג אין דאָרף, צווישן ווילדע צאַברעס, ווי אַ טונעל.

בימי מדינת ישראל קוקן זיך נישט אום די פעלאַכן אויף דער שטעכעדיקער, זאַפטיק־זיסער צאַברע־פרוכט. בעת פריער פלעגן אַלע באַגינען אַרויסגיין קינדער מיט שטעקנס, צו וועלכע ס'זענען געווען צוגענאָגלט בלעכענע פושקעס, שניידן צאַברעס. זיי פלעגן די שטעכעדיקע פרוכט אַריינכאַפּן אין פושקע, אַרויסוואַרפן אויפן שטעג, קייקלען אין שטויב ביז די שטעכלקעס פלעגן זיך אָפּרייבן און אָנזאַמלען פולע קוישלעך, צו ברענגען אַהיים ווי אַ פּאָר־ אָדער נאָך־שפּייז צו מאָלצייטן. ביי דלפונים איז אַ פּיטע מיט אַזאַ צאַברע געווען אַ צוגאָב צו איילבערטן, גרינצייג מיט ציבעלעס, אַ מאכל מלכים...

אויף אַזעלכע שטעגן פלעגט מען זעלטן טרעפן אַ געשפּאַנט וועגל באַלאָדן מיט פּראָדוקטן פון דאָרף און שטאָט, יענע צייטן פלעגט מען אַזוינס אָנלאָדן אויף די רוקנס פון אייזלען.

די עיקר־פּראָדוקציע פון חמדיה — לבן, לבניה (זויערמילך) מיט גרינצייג — פלעגן די פעלאַכקעס טראָגן אויף די קעפּ אין קופּערנע קעסע־לעך, ליימענע קריג און קוישן. זיי פלעגן אַרויס פון דאָרף אַ שפּראָץ אויפן טאָג און זיך צוריקקערן מיטאָגצייט און מיטגעבראַכט צוריק אין

דיליידיקע כלים זאַלץ, רייז, געווירצן, מיט אַנדערע נויטיקייטן פאַר דער היים.

ס׳פלעגט זיך טרעפן, אַז אַ קאַראַוואַן קעמלען באַלאָדן מיט כשרע סחורות ווי תבואה, האָלץ קוילן וכדומה, אָדער מיט קאָנטראַבאַנדע פון לבנון, פלעגט פאַרשפאַרן דעם דורכגאַנג צווישן די צאַברעס. די הונגעריק־דורשטיקע קעמלען פלעגן זיך וואַרפן מיט תאווה אויף די זאַפטיקשטעכעדיקע פרוכט, צו פאַרצערן וויפל עס לאָזט זיך, דאָ פלעגן נישט העלפן די קלעפּ פון די אַנטרייבער. די קעמלען פלעגן זיך נישט רירן פון די ערטער ביז זייערע מאָגנס פלעגן זיך אָנפילן. דערווייל פלעגן זיך צונויפקומען דורכגייער פוןביידע זייטן וועג און געוואַרט אומגעדולדיק אויפן דורכגאַנג. זיי פלעגן זיך זידלען מיט די קעמל־אַנטרייבער און נישט איינמאָל פאַרענדיקן אַזאַ צוזאַמענטרעף מיט געשלעגן, מיט אונטערגעהאַקטע אויגן, אפילו מיט געשפּאָלטענע קעפּ.

זענען דורות אַוועק. די ענגלישע מאַכט האָט פאַרביטן די מאַכט פון די טערקן, און די — יהוד — די „דאָליאַט איסראַיל״ (מדינת ישראל) האָט פאַרביטן די מאַכט פון די ענגלענדער.

די „דאָליאַט איסראַיל״ האָט אַלץ איבערגעדרייט אין חמדיה, משנה געווען דעם דורות־לאַנגן לעבנס־שטייגער מיטן אויסבויען אַ גלייכן אַספּאַלטירטן וועג אויפן אָרט פונעם שטויביקן שטעג. די צאַברעס האָט מען אויסגעהאַקט, די קעמל־קאַראַוואַנען מיט די צווייי רעדערדיקע וועגעלעך זענען פאַרשוואונדן און ווי שדים האָבן זיך גענומען טראָגן כלערליי כלי־רכב: שווערע לאַסט־אויטאָמאָבילן, טענדערס, טאַקסיס, דזשיפּן, קאָמביינען און וווּנדערלעכע „פּרייוועטס״ ווי געפּוצטע, גלאַנציקע שפּילצייג, טראַקטאָרן, וואָס די מענטשן פון חמדיה האָבן פריער נישט געזען אין חלום.

אין חמדיה האָבן געלעבט מוסולמענער מיט קריסטן צוזאַמען, ס׳האָבן זיך דאָרטן שטענדיק איבערגערופן מואַזינען פון די דעכער פון די פּאָר מעטשעטן מיט די פּאָר גלעקער פונעם פאַרשפּיצטן באַצלמטן קלויסטער. די מואַזינען האָבן בקול רם גערופן די גלויביקע צו עבודת הבורא, איבערגעשריען די קלויסטער־גלעקער, די דאָזיקע עובדה האָט

נישט פאַרשטאַרקט די פריינדשאַפט צווישןביידע עדות, נאָר אומגעקערט, פאַרמערט שנאה. אין די פריערדיקע יאָרן, בעת דער טערקישער מאַכט, זענען די מוסולמענער געזעסן אויפן פערד, בעת דער מאַכט פון די אינגליז זענען די קריסטן אַרויף אויפן פערד, איצט בעת דער מאַכט פון די איסראַיל, איז בכלל געוואָרן אויס פערד...

דעם אמת געזאָגט האָט זיך דאָס „פערד״ ביסלעכווייז גענומען אויסלאָזן פריער, בעת די ענגלענדער האָבן אויפגעמאַכט אין חמדיה אַ שול פאַר אַלע קינדער, אָן חילוק פון אמונה, ווו מען האָט בדרך כלל זיך צופיל נישט פאַרנומען מיט אמונה-ענינים, מען האָט געלערנט לייענען, שרייבן און חשבונען. די לערער זענען געווען אַראַבישע בני-טובים פון די שטעט, וואָס האָבן לכתחילה זיך שווער געראַנגלט מיטן אַלטן „כותאַב״ (חדר) און מיט די פעלאַכן זיי זאָלן שיקן זייערע קינדער אין „סקול״ אַנשטאָט אין „כותאַב״. ביסלעכווייז האָבן די נייע לערער צעבראָכן די אַלטע תורה, זיי האָבן זיך מער פאַרנומען מיט „וועלט-לעכע״ קעגנשטאַנדן ווי מיט אמונה, זיי האָבן דעם דגש געשטעלט אויף דעם נאַציאָנאַלן, אויף שרייַקן פאַטריאָטיזם, וואָס האָט געבראַכט אין דאָרף די ערשטע פרוכט פון שנאת ישראל. פון דער שול האָט מען דעם „נייעם גייסט״ איבערגעטראָגן אין די היימען. די קינדער און יוגנט האָבן זיך גענומען באַגעגענען צוזאַמען אויפן אַלטן דרעש-פעלד שפּילן פוטבאָל, און אויך שפּאַצירן מחוץ דעם דאָרף.

בדרך הטבע שטאַרבן די אַלטע, זייער אָרט פאַרנעמען די יינגערע, און נאָך אָנדערהאַלבן צענדליק יאָר צוזאַמענלערנען פון מוסולמענישע מיט קריסטלעכע קינדער אין חמדיה, איז דער רעליגיעזער ווידעראַנאַנד צווישן זיי אָפּגעטעמפּט געוואָרן צוזאַמען מיטן שטרייט צווישן די מואַזינען און קלויסטער-גלאָקן, לכל הפחות כלפי חוץ.

**
*

דער פעלדזיקער באַרג-באָדן פון חמדיה האָט מחוץ מאָגערן שניט פון איילבערטן מיט חרובים (באָקסער) ווייניק געגעבן די דאָרטיקע פעלאַכן, די פליין-שטחים זענען אויך געווען מאָגער אויסגענוצטע ביז

די לעצטע זאַפּטן, ווייל זיי זענען נישט געווען באַוואַסערט, נישט גע־מיסטיקט. כאָטש די ענגלענדער האָבן גענומען שענקען די פּעלאַכן זעק מיט „זאַלצן" צו באַשטויבן און אַריינאַקערן אין באָדן, פלעגט דערפון ווייניק בלייבן. אַ טייל פלעגן די רעגירונגס־מאַגאַזינערן פאַרשאַכערן, אַ טייל פלעגן די פּעלאַכן פאַרקויפן באַלד אויף אַן אָרט, דאָס ביסל, וואָס פלעגט אָנקומען אין דאָרף, פלעגט דער ווינט פאַרווייען, ווייל ס'האָט געפעלט דער עיקר: — וואַסער.

וואָס טוט מען? האָבן פּעלאַכן זיך געלאָזט זוכן אַרבעט אין די באַזעצטע שטעט, אַנדערע האָבן זיך געלאָזט צום באַרג ברעכן שטיינער, זיי טשעסען און באַאַרבעטן צו בויען הייזער און פונעם פּסולת האַמערן שאָטער. ס'וואָלט געווען נישט שלעכט, ווען דעמאָלט וואָלט געווען אַ גוטער וועג ווי איצט, כדי די שטיינער מיטן שאָטער אָפּצופירן אין שטאָט, זענען נאָר געווען אייזלען מיט כאַרדזשן (לאַסט־זעק ווי זאָטלען), וויפיל קען מען אָנלאָדן אויף אַן אייזל? — צוויי כאַרדזשן שאָטער, אָדער 6—8 שטיינער, נישט מער.

די קריסטן פון חמדיה האָבן געהאַט אַ וויטערן קוק, זיי פלעגן די ענגלישע „זאַלצן" נישט פאַרשאַכערן, נאָר אַריינטאָן אין די פעלדער, זיי האָבן זיך געלערנט פלאַנצןביימער, וואָס איז געראָטן, עקאַליפּטוסן און פּרוכטביימער מיט אַ מין ווייַנטרויבן, וואָס האָט נישט געפאָדערט קיין סך וואַסער. שפּעטער האָבן זיי געפלאַנצט פלוימען מיט אַפּריקאָסן. די ענגלענדער האָבן געהאָלפן זוכן און געפינען אַ פאַרבאָרגענעם וואַסער־קוואַל, טיף אין דער ערד, אָבער דאָס איז נישט געווען אַלץ: די קריסטן האָבן ליב באַקומען „טאַדזשאַראַ" (מסחר), ווייל „טאַדזשאַראַ" מיט קאָנטראַבאַנדע האָט זיך געפּאָרט, זענען זיי געוואָרן רייכער ווי די מוסולמענער.

די קריסטן האָבן אויפגעמאַכט אין חמדיה אַ פּאָר קרעמלעך, וואָס האָט פאַרשפּאָרט די פּעלאַכן צו לויפן אין דער וויטער שטאָט צו קויפן יעדע קלייניקייט. די קריסטן האָבן גענומען שיקן זייערע קינדער אין מיסיאָנערישע שולעס און סעמינאַרן מחוץ דעם דאָרף. זיי האָבן ביס־לעכווייז אויסגעבויט נייע הייזער, זיך איינגעשאַפן בלערליי מעבל שטיק,

זיי האָבן זיך בעסער געקליידעט, זוכה געווען זען זייערע זין ווי רעגירונגס־באַאַמטע און לערער.

ווי ביי די מוסולמענער, אַזוי ביי די קריסטן זענען געווען אין דאָרף „כאַמולעס" (גרויסע פאַרצווייגטע משפחה־איינהייטן), יעדע כאַמולע האָט אָפּגעהיט איר ראַם, זיך משדך צו זיין נאָר מיט אייגענע, זעלטן אַריבער־צוטרעטן די נישט געזעענע משפחה־גרענעצן.

האָט זיך געמאַכט, אַז אין חמדיה האָבן זיך די פעלדער פון דער משפחה דזשיריוס כאַנאַ געגרענעצט מיט אַ צווייטער משפחה, פון אַן אַנדער כאַמולע, אַנטאַן בולוס. די גרענעצן זענען געווען באַצייכנט מיט גרויסע ווינקלשטיינער און גראָבנס זייט דורות. די גרענעצן פלעגן אָפּגעהיט ווערן מיט קפדנות, אַז דער אַקעראייזן זאָל חלילה נישט אַרויס, נישט אויף אַ שפּאַן מחוץ דער שייד־ליניע. די קדושה פון באָדן־אייגנטום ביים פּעלאַך איז באַהיט און באַשיצט, באָדן איז ווי אייגן לייב, וואָס געהערט נאָר מיר אַליין!

דאָס אַלץ איז געזאָגט געוואָרן בעת דער אַקעראייזן פלעגט זיין געשפּאַנט מיט אַ פערד, מיט אַן אייזל, מיט מוילאייזל, אַן אָקס אפילו מיט אַ קו, ווען דער פּעלאַך פלעגט זיי באַכגיין און קערעווען מיט אַ לאַנגן שטעקן, אָפּצוהיטן, חלילה נישט אַריבערצוטרעטן דעם שכנס נחלה, פונ־דעסטוועגן איז אַ בהמה נישט מער ווי אַ בהמה, אָן דעם מינדעסטן אייגנטום־געפיל, אַזוי, אַז הונגעריק און דורשטיק, צעביסן פון באַרכאַש (פליגעלעך) און ווילדע בינען, פלעגט אַזאַ אַקער־בהמה אַריבערשפּאַנען דעם גרענעץ־תחום און פאַרפאָרן אין שכנס פעלד, מחמת כעס און ווייטאָג.

מעשה שטן פלעגט אַזוינס טרעפן ביי די גרענעצן, צווישן די נחלות פון דזשיריוס כאַנאַ און אַנטאַן בולוס, באַרכעשעם, נישט פון די אָרעמע אין חמדיה. ביידע שכנים פלעגן אַקערן נישט מיט אייזלען, נאָר מיט געזונטע זאַטע פערד, וכידוע זענען צווישן פערד פאַראַנען זכרים מיט נקבות, וואָס ווייסן נישט פון גרענעצן, נישט פון כאַמולעס. פלעגט טרעפן, אַז די זכרים פון איין צד פלעגן זיך רייסן צו די נקבות פונעם צווייטן צד. זעט איר דאָ פלעגן נישט העלפן נישט די בייטשן, נישט די

צוימען, די פערד פלעגן זיך אַרויסרייסן מיט שמחה און הירזשען פון יענער זייט תחום. די פעלאַכן פלעגן זיי נאָכלויפן, געקנאַקט מיט בייטשן און מחמת כעס און שפּאַנונג מכבד געווען מיט די פייערדיקע לאָקשן נישט נאָר די פאַרליבטע צעהיצטע בהמות, נאָר אויך איינער דעם צווייטן. ס׳פלעגט ווערן שמחה וששון. די געשלעגן פלעגן זיך אַריבער־טראָגן אין דאָרף און דויערן לאַנגע צייטן, ביז מען פלעגט זיך באַרויקן נאָר דער אריינמישונג פון נכבדים, גלחים, אפילו פּאָליציי.

די שנאה צווישן ביידע שכנים האָט נישט ווייניק פאַרטיפט זייער שטאַנד און יחוס. די משפּחה כּאַנאַ האָט זיך אַרויפגעאַרבעט פון נישט דערמידלעכער עבודת כפּיים, אויסדויער און פלייס. כּאַנאַס שטאַם האָט זיך געקייקלט פון דורות פשוטע פעלאַכן אָן יחוס און אָן פּרעטענזיעס. דזשיריוס כּאַנאַ איז געווען אַ קאַרגער, געטנהעט, אַז „די וועלט שטייט אויף געלט״, אַז צוויי פונט פאַרבאָרגן ערגעץ אין אַ דזשאַרע (קרוג) טיף אין דער ערד, איז מער ווי איין פונט, „געלט איז כח און זיכערהייט אין דער צוקונפט״. ער האָט געגלויבט אין זיין אָפּגעשפּאָרטן מטמון ווי אין אַללאַ. נאָך אַלעמען איז אין דער פאַרגראָבענער דזשאַרע געלעגן אָן אַ שיעור פּראַצע מיט שוייס, פון אים פון זיין ווייב און קינדער.

אַנטאָנס שטאַם האָט זיך געקייטלט פון מיוחסע עפענדיס, וואָס האָבן זיך אַמאָל, אין די טערקישע צייטן, פאַרוויקלט אין פּאָליטישע עס־קים, ביז דער פּאַשאַ פון גליל, האָט פאַרטריבן אַנטאָנס זיידן קיין אנאַ־טאָליע און רעקוויזירט זיין פאַרמעגן, דערפאַר האָבן די אַנטאָנס, מחמת נקמה, געדינט די ענגלענדער בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה. נאָכן פאַרנעמען פּאַלעסטין, האָבן די ענגלענדער צוריקגעקערט די אַנטאָנס אַ טייל פון זייער נחלה אין חמדיה, זיי פּאַוואָריזירט מיט הלוואות, זרעים, גוטע בהמות וכדומה.

די גרויסע מדאַפאַ (גאַסטצימער) פון די כּאַנאַס איז געווען באַהאַנגען מיט כלערליי אויסגעניייטע פסוקים פונעם נייעם טעסטאַמענט אויף לייוונטן, אונטער גלאָז, צוזאַמען מיט משפּחה־בילדער, בעת די מדאַפאַ פון די אַנטאָנס, איז מחוץ דער משפּחה און יעזוס־בילדער אין פאַרשיידענע פּאָזעס אויך געווען באַצירט מיט פאָרטרעטן פון ענגלישן

קיסר און קייסעריגע. פונעם גענעראַל אַלענבי, וואָס האָט פאַרנומען פּאַלעסטינע, און פונעם בריטישן נציב עליון.

די כאַנאַס פלעגן ווי אַלע פעלאַכן שלאָפן אויף דער ערד, אויף מאַטעס, בעת די אַנטאַנס פלעגן שלאָפן אין ברייטע בעטן מיט פיינע, ניקלנע גאָלקעס אין אַלע פיר עקן.

די כאַנאַס פלעגן באַקן זייערע פּיטעס אין הויף, אין אַ טאַבון (אַן אויוון פון ליים) און קאָכן זייער שפּייז אויף קוילן אין פּייערטעפּ, בעת די אַנטאַנס, פלעגן קאָכן זייער שפּייז אויף פּרימוסן און קנויט־לאָמפּן, ווי ס׳קאָכן די יהוד אָדער די ענגלענדער.

בעת די כאַנאַס פלעגן באַזוכן פּשוטע פעלאַכן פון נאָענט און ווייט, פלעגן באַזוכן די אַנטאַנס יחסנים, ווי די לערער פון דער שול, די אָרטיקע גלחים, פּאָליציי־אָפיצערן וכדומה, אפילו אין קלויסטער, האָבן די ערשטע בענק געהערט צו די אַנטאַנס, די הינטערשטע — צו דער כאַמולע פון דזשיריוס כאַנאַ.

בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה, זענען די כאַנאַס געשטיגן, זיי האָבן גוט פאַרדינט פון די פּרוכט פון זייערע פעלדער, עופות און פונעם שטיין, וואָס זיי פלעגן ברעכן פון באַרג און באַאַרבעטן אין די טויטע סעזאָנען, אַלץ איז דעמאָלט געוואָרן מיט גאָלד צוגלייך. טיף אין דער ערד זענען צוגעקומען נאָך דזשאָרעס מיט מצלצלים.

יענע צייט זענען די אַנטאַנס אויך עולה לגדולה געוואָרן: — אַנטאָן בולוס איז געוואָרן אַ צושטעלער פון חזיר־פלייש פאַרן ענגלישן מיליטער.

חזיר־פלייש וואַקסט נישט אין פעלד, חזירים מוז מען האָדעווען, קוילענען און באַאַרבעטן, האָט אַנטאָן אויפגעשטעלט אויפן ראַנד פון דאָרף אַ גאַנצע חזירים־ווירטשאַפט, וואָס האָט אויפגערעגט און אַרויס־געבראַכט פון די כלים די מוסולמענער פון חמדיה. זיי האָבן נישט געקענט פאַרליידן נישט די מיאוסע ברואים, נישט זייער שלעכטן ריח, וואָס דער ווינט פלעגט פאַרטראָגן אין דאָרף און פאַרדאַרבן די לופט, באַזונדערס זומער אין די היצן. ארום דער חזירים־ווירטשאַפט פלעגן

זיך פאַרוויקלען ביטערע געשלעגן צווישן די מוסולמענער און קריסטן, אָן חילוק פון שטאַנד, ס׳פלעגט דערגיין צו שפיכת דמים.

בעת די געשלעגן איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן די שנאה צווישןביידע כאַמולעס, פון אַנטאָן בולוס און דזשיריוס כאַנאַ, וואָס פלעגן שטיין צוזאַמען קעגן די מוסולמענער מחמת קריסטלעכער סאָלידאַריטעט.

צו אַנטאָנס מזל, האָט נישט ווייט פון חמדיה געלאַגערט אַ בריטישע מיליטער־איינהייט און איר אינטענדענט פלעגט באַזוכן דאָס דאָרף איינצוקויפן פּראָדוקטן און אָנדינגען לוין־אַרבעטער פאַרן לאַגער. אַנטאָן פלעגט מכניס אורח זיין דעם אינטענדענט, מכבד זיין מיט שמעקעדיקער קאַווע און ביירוטער באַקלאַווי (זיס קיכל געדעמפּט אין האָניק), שטענדיק אים עפּעס מיטגעבן, צו שיקן אין דער ווייטער היים. דער אינטענדענט האָט אים צוריקגעצאָלט מיט די שיריים פון די לאַגער־קיכן צו באַשפּייזן זיינע חזירים; אַזוי איז אַנטאָן געוואָרן אַ יוצא ובא אינעם לאַגער, ווו ער האָט זיך אויך באַקענט מיט נאָך אָפיצערן, זיי איינגעלאַדן אין זיין פריינדלעכער מדאַפע, ער פלעגט זיי מכבד זיין מיט גרעסערע און קלענערע מתנות און געוווסט, וועמען מען דאַרף דערלאַנגען אַ פאַרמאַכטן קאָנווערט. אַזוי איז אַנטאָן אָנערקענט געוואָרן ווי אַ „פּערסאָנאַ־גראַטאַ״ אין יענעם מיליטערישן לאַגער.

איינמאָל, בעת אַ שווערן געשלעג, האָט אַנטאָן אַליאַרמירט די בריטישע מיליטער־פּאָליציי פון נאָענטן לאַגער, און געטענהט, אַז די חזירים־ווירטשאַפט דינט דער מלחמה־אָנשטרענגונג, און זי גייט צו גרונט מחמת די שעדיקונגען פון די מוסולמענער, וואָס זענען שונאים פון די בריטן, זיי פרייען זיך מיט די דייטשישע נצחונות... אין אַ שיינעם טאָג האָט דער מושל פון עכו פאַרבעטן צו זיך דעם מוסולמענישן מוכטאַר פון חמדיה און אָן הקדמות אים שטרענג געוואָרנט: — „אויב איר וועט מהיום והלאה שעדיקן די חזירים־ווירטשאַפט פון אייער דאָרף, וואָס שטעלט צו פלייש די בריטישע אַרמיי, וועט מען אייערע נכבדים פאַרשפּאַרן אין קאַלאַבוש (תפיסה) און די ייִנגערע שוויצער, די שלעגער, פאַרנעמען אויף צוואַנגאַרבעט״. די וואָרנונג האָט געהאָלפן, די געשלעגן האָבן זיך אָפּגעשטעלט, נאָר די שנאה צווישן ביידע עדות אין חמדיה איז

געשטיגן און... די בני אַנטאָן האָבן געגומען זאָגן „גוט מאָרגן" צו די בני כאַנאַ.

**
*

די מלחמה איז אויסגעלאָשן, דער לאַגער האָט זיך אויסגעליידיקט, אַנטאָן איז געבליבן מיט זיינע חזירים, נישט געהאַט ווו אָפּצוזעצן זייער פלייש, און אָן די שיריים פון די לאַגערקיכן צו שפּייזן די מיאוסע באַשעפענישן.

— איל חמדילילאַ — אַ לויב צו אַללאַ — האָבן זיך געפרייט די מוסולמענער.

דערווייל האָט זיך אָנגעהויבן אַ קידער־ווידער צווישן די יהוד מיט די אינגליז (ענגלענדער) דער ראַדיאָ מיט די צייטונגען פלעגן דערציילן פון שיסערייען, באָמבעס, אויפרייסן, פון אומלעגאַלע שיפן מיט עולים וכדומה. אין אַזאַ מצב איז דעם בריטישן מושל פון עכו אַרויס פון קאָפּ אַלע עסקים מיט דער חזירים־ווירטשאַפט פון חמדיה. די מוסולמענער פון דאָרף האָבן צוריק פאַרריסן די קעפּ און פון ס'ניי געגומען דערגיין די יאָרן די אַנטאָנס, געפאָדערט באַזייטיקן די חזירים פון חמדיה.

דאָס מאָל האָט אַללאַ דער אַלמעכטיקער זיך געשטעלט צו הילף זיינע גלויביקע מוסולמענער, ס'איז אויסגעבראָכן אַ מגיפה צווישן די חזירים, די חזירים פלעגן געשוואָלן ווערן און פגרן במשך פון אַ פּאָר טעג. איז די מעשה דערגאַנגען צו דער מאַכט, וואָס האָט באַלד געשיקט וועטערינאַרן אויף אַ חקירה ודרישה, שפּעטער זענען געקומען פּאָליציאַנטן מיט אַ באַפעל צו ליקווידירן די חזירים־ווירטשאַפט, מחמת סכנה, אַז די מגיפה קען זיך פאַרשפּרייטן צווישן אַלע בהמות פון גליל. דאָס מאָל האָבן נישט געהאָלפן אַנטאָנס פאַרבינדונגען, נישט זיינע פּראָטעקציעס, נישט זיינע טענות, אַז דאָס איז נישט קיין מגיפה, נאָר די מוסלמענער פאַרסמען בשתיקה די חזירים, ברענגען אַריין דעם גיפט אין דער פאַשע. אַנטאָן האָט אָנגעדונגען גוטע אַבאָקאַטן (אַדוואָקאַטן), וואָס האָבן אָפּגעשריען די גזירה ביז אַ באַנייטער אויספאָרשונג, נאָר ס'איז שוין נישט געווען וואָס צו פאָרשן, וואָרום איידער וואָס ווען, זענען פון עטלעכע הונדערט קעפּ

געבליבן לעבן אַ פּאָר צענדליק, וואָס די מוסולמענישע פּאָליציאַנטן האָבן אָן רחמנות, מיט רציחה, דערשאָסן, זייערע פּגרים פאַרברענט און צוזאַמען מיט די שטאַלן און קאַריטעס אויסגעריכערט ביזן סוף, הכל בכל, וחסל.

נאָך דער שיינער מלאָכה האָבן די פּאָליציאַנטן נישט פאַרלאָזן חמדיה וויסנדיק, אַז די געשלעגן וועלן זיך באַנייען צווישן די באַטריבטע קריסטן און צופרידענע מוסולמענער. די פאַרבליבענע פּאָליציאַנטן האָבן זיך אויפגעהאַלטן אויפן חשבון פון דאָרף. זיי האָבן געפרעסן און געזויפט, זייערע פערד האָבן געפרעסן, די לאַסט איז איצט געפאַלן אויף אַלעמען, אָן חילוק פון גלויבן, אַזוי, אַז ביידע מוכטאַרן פון דאָרף, דער מוסולמענישער און קריסטלעכער, זענען אַוועק קיין עכו צו זאָגן דעם מושל, אַז ס׳וועט מער גאָרנישט געשען אין חמדיה, לאָז דער מושל זיך מרחם זיין אויף די אָרעמע פעלאַכן און צוריקרופן די פּאָליציאַנטן, וואָס, ווי אַ צוגאָב צו זייערע נגישות און פרעסן אויפן חשבון פון דאָרף, גלאָצן זיי צופיל אויף די יינגערע נשים און בתולות פון דאָרף, וואָס האָבן מורא צו פאַרלאָזן זייערע היימען, באַלד ווי ס׳ווערט טונקל אין דרויסן...

די מפּלה האָט צעבראָכן דעם תקיף אַנטאָן בולוס, ס׳האָט אים אַזוי נישט געברענט דער גרויסער שאָדן, ווי דאָס שפּאָטן מיט דער שאָדן־פרייד פון די מוסולמענער. ער פלעגט זיך שעמען גיין אין קלויסטער, ווו זיינע באַקאַנטע פלעגן אים באַגלייטן מיט רחמנות־אויגן. ער האָט געשלאָסן זיין מדאַפע, און איז אַריינגעפאַלן אין אַ מרה שחורה.

מלחמה־צייט האָט אַנטאָן פאַרקויפט גרעסערע חלקים אַקערפעלד מיט איילבערט־ביימער, כדי מיטן אָפּגעלייזטן געלט אַנטוויקלען זיין חזירים־ווירטשאַפט, אמת, ווען ער איז יינגער און קערט זיך צוריק צו זיין פריערדיקן לעבנסשטייגער, וואָלט אים, חלילה קיין ברויט נישט געפעלט, נאָר ס׳איז געווען נאָך אַלעמען. די זין זענען אַוועק, ווער — צו פקידעווען, ווער צו לערנען. אין דער היים זענען געבליבן צוויי טעכטער צו העלפן אין דער ווירטשאַפט, וואָרום זיינע דינסטן און באַטראַקעס האָבן שוין לאַנג געפונען אַרבעט אַנדערשוואו

איז אַנטאָן בולוס געוואָרן אַ יורד, בעת דזשיריוס כאַנאַ איז געבליבן אויפן פערד, און נאָך העכער, זיינע פעלדער מיט די פרוכטביימער האָבן

געגעבן גוטע שניטן, און אַז עס גייט, גייט מיט אַלעמען: — אין זיין שטיין־ברעכעריי האָט מען געפונען פלאַסטן מירמלשטיין.

האָבן זיך אָנגערוקט שטורמישע צייטן אין פּאַלעסטין, די יהוד האָבן פאַרשטאַרקט זייער געראַנגל מיט די ענגלענדער. ס'האָבן זיך ווידער באַוויזן בריטישע זעלנער אין די דערפער פון גליל, נאָר נישט פון יענע דזשענטלמענער, וואָס פלעגן דאָרטן לאַגערן מלחמה־צייט. איצטיקע זעלנער זענען געווען ערגער פון די פּאָליציאַנטן, זיי פלעגן זיך מכלומרשט אַראָפּ־לאָזן זוכן יהוד, און ווי היישעריקן פאַרצערן פרוכט פון די ביימער, נישט געשאָנעוועט די צווייגן, זיי פלעגן גנבענען הינער און שלעפּן פעלאַכן צו שטייניקן שטעגן אין די בערג.

ס'איז צוגעקומען אַ נייע צרה: — כנופיות באַוואָפנטע אַראַבער האָבן געגומען באַזוכן חמדיה אין די נעכט, צונויפנעמען די יוגנט פון דאָרף און אַריינטעהען, אַז דער סוף פון די אינגליז אין פּאַלעסטין איז נאָענט. די יהוד גייען פאַרכאַפּן די מאַכט אין פּאַלעסטין, וואָס איז אַן אַראַביש לאַנד, וואָס די אינגליז האָבן שטילערהייט פאַרקויפט די יהוד, אַזוינס טאָר מען נישט דערלאָזן. די בני־ערב פון דער גאַנצער וועלט האָבן אויסגערופן אַ „דזשעהאַד" (מלחמת־מצוה) צו פאַרטרייבן און פאַרטיליקן די יהוד, זיך צעטיילן מיט זייער האָב און גוטס, מיט זייערע ווייבער און טעכטער. — — — ס'האָבן זיך גענומען באַווייזן שטאָטישע עפענדיס אינעם מעטשעט און אין קלויסטער מיט די זעלביקע טענות. הייזער זענען ליידיק געוואָרן פון יוגנט, וואָס פלעגן פאַרשווינדן צוזאַמען מיט די כנופיות.

די רייכערע פונעם דאָרף האָבן מיטגענומען וואָס עס האָט זיך געלאָזט, און זענען אַוועק קיין לבנון. פון חמדיה האָט זיך אָפּגעטאָן יעדער אימת מלכות. די פּאָליציי איז אויך ווי אַריין אין וואַסער. די כנופיות האָבן אויפגעהערט רופן צו מלחמה, ס'איז שוין נישט געווען וועמען צו רופן, האָבן זיי גערויבט, געגנבעט, אַרויפגעלייגט אויף די פעלאַכן שווערע אָפּצאָלן און אויסגעליידיקט זייערע שפּייכלערס. די אימה איז געווען גרויס, די פאַרצווייפלונג נאָך גרעסער, קיינער האָט נישט געוווסט וואָס ס'וועט זיין מאָרגן.

אַנטאָן בולוסן וואָלט די גאַנצע סומאַטאָכע וויניק אָנגעגאַנגען, ווען נישט זיין ווייב, וואָס האָט נישט אויפגעהערט קלאָגן אויפן קול, זיך רייסן די האָר פון קאָפּ, געפּאָדערט פון אים ער זאָל זיך דערוויסן וועגן גורל פון די זין, וואָס לעבן ווייט פון חמדיה, ערגעץ אין חיפה און נצרת. זי האָט געציטערט פאַר די טעכטער, וואָס פלעגן ליגן באַהאַלטן הינטער שאַפעס, מאַטראַצן און קישנס, אין אַ הינטערשטן צימער פון דעם גרויסן, ליידיקן הויז.

— „האַדאַ מין אַללאַ, יאַ סיט” — ס׳איז פון גאָט, מיין ווייב, פלעגט ער איר אַפּאַטיש ענטפערן, געוואָרפן מעכאַניש צלמים פונעם שטערן צו די אַקסל, פון די אַקסל צום נאָפּל און צוריק. באָך אַלעמען האָט אים אויך באַהערשט די אימה, באַזונדערס, ווען ס׳פלעגן זיך דער־נענטערן ווייטע שיסערייען מיט אָפּהילכן פון אויפרייסן אין די בערג.

וואָס די שיסערייען פלעגן ווערן אָפטער, פלעגט ליידיקער ווערן אין דאָרף. יעדן טאָג פלעגן זיך אַרויסציען פון חמדיה קאַראַוואַנען גאַנצע משפחות מיט זייער האָב און גוטס אָנגעלאָדן אויף אייזלען און מויל־אייזלען, די דערוואַקסענע קינדער פלעגן אָנטרייבן די בהמות און סטאַדעס שאָף און רינדער. דער גרעסטער טייל פון די אַנטלאָפענע האָט זיך אויס־באַהאַלטן אין די נאָענטע היילן, אין די בערג, עד כי יעבור זעם, די איבעריקע זענען אַריבער די גרענעץ קיין לבנון. אין חמדיה זענען געבליבן די אָרעמע פעלאַכן מיט די מער רייכע, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין האַרץ, נישט קיין מוט מפקיר זיין זייער פאַרמעגן, זייערע היימען, פעלדער און בהמות.

חמדיה איז אָפּגעשניטן געוואָרן פונעם גאַנצן אַרום, ס׳איינציקע וואָס האָט זיי פאַרבונדן מיטן דרויסן איז געווען דער ראַדיאָ, וואָס פלעגט זיי משוגע מאַכן.

דער ראַדיאָ האָט געמאָלן ידיעות ווי אַ מיל, ידיעות פון לבנון, פון סוריען, מצרים, פון עבר־הירדן און פון ירושלים. איין ידיעה האָט סותר געווען די צווייטע; דער ראַדיאָ פון די אַראַבישע לענדער פלעגט דער־ציילן פון גוואַלדיקע נצחונות איבער די יהוד אין פּאַלעסטין פון פאַרנומענע יידישע שטעט און קאָלאָניעס, פון טויזנטער טויטע און געפאַנגענע יידן,

בעת דער געהיימער יידישער ראַדיאָ האָט אַלע ידיעות אויסגעלאַכט און דערציילט פון אַראַבישע מפּלות. ווידער דער בריטישער „קול ירושלים" אין אַראַביש לשון, האָט דערלאַנגט סורעס (פּסוקים) פון קאָראַן, אָריענ־טאַלישע מוזיק מיט ידיעות, וואָס קיינער האָט נישט געגלויבט און נישט פאַרשטאַנען, ביז, ס'איז געקומען דער טאָג, ווען חמדיה איז אַרום און אַרום געשטאַנען אין פייער, קוילן זענען געפאַלן ווי האָגל.

האָבן זיך געפונען מער מוטיקע פון די פאַרבליבענע פעלאַכן, וואָס האָבן זיך אַרויפגעדראַפּעט אויף די טורעמלעך פון די מעטשעטן און שפּיץ קלויסטער און אויפגעהאַנגען שטיקער ווייסע לייוונט אויף שטעקנס, נישט ווייסנדיק פאַר ווּעמען ס'זאָל זיין די סימנים פון כניעה: — פאַר די אַראַבישע כנופיות, פאַר די אינגליז, אָדער חלילה פאַר די יהוד... אַזעלכע ווייסע פענער זענען אויך צוגענאָגלט געוואָרן צו די פענצטער און טירן פון די נישט פאַרלאָזענע הייזער.

בעת די ערשטע פּוסגייער און פּאַנצער פון פּלמ"ח זענען פאַרזיכטיק אַריין אין חמדיה, האָבן זיי חוץ הונגעריקע הינט געפונען טויטע גאַסן אָן אַ שפּור לעבן.

דער קאָמאַנדיר פון פּלמ"ח, באַהאָנגען מיט פּאַטראָנטאַשן, מיט האַנט־גראַנאַטן, מיט אַ בינאָקל אויף דער ברוסט און אַ פאַררויכערטן סטען אין האַנט, האָט אַ ווײלע שפּעטער קאַלט באַפוילן:

— להפסיק, אָפּשטעלן די שיסעריי, אַ שאָד די קוילן, קיינער ענטפערט נישט, די! — מיט דעם האָט זיך פאַרענדיקט די מלחמה אין חמדיה.

אַ פּאָר טעג שפּעטער האָבן זיך צוריקגעקערט פעלאַכן מיט זייערע משפחות פון די בערג, קיינער האָט זיי נישט געשטערט. פון דער נייער „יידישער מאַכט" אין חמדיה איז געבליבן אַ קליינער גאַרניזאָן אָפּצוהיטן דאָס דאָרף. דער גאַרניזאָן האָט זיך איינקוואַטירט אויף אַ בערגל אין אַ פּאָר פאַרוואָרלאָזטע הייזער.

***

אַ פּאָר יאָר שפּעטער איז חמדיה נישט געווען צו דערקענען. דאָס

יונגוואַרג פון דאָרף איז אונטערגעוואַקסן, די „דאַליאַט איסראַיל" (די רעגירונג פון ישראל) האָט רעמאָנטירט און ציי געפּליאַסטערט דעם פאַרוואָרלאָזטן כביש מיט שוואַרצן, שפּיגלדיקן אַספאַלט. אייזלען, פערד און מוילאייזלען זענען פאַרביטן געוואָרן אויף טראַקטאָרס און דזשיפּן. אַ פּאָר מאָל אַ טאָג קומען פון עכו פולע אויטאָבוסן. אַ סך הייזער זענען רעמאָנטירט געוואָרן. די „דאַליאַט־איסראַיל" האָט פאַרגרעסערט און פאַרפיינערט די שול, צוגעבויט צוויי פליגלען, פון ווייטן האָט מען צוגעצויגן וואַסעררערן ביז די הייזער. מען האָט אויפגעשטעלט אַן אַמבולאַטאָריע, ווו אַ חכים (דאָקטאָר) מיט אַ שוועסטער פלעגן אַ פּאָר מאָל אַ וואָך אויפנעמען קראַנקע, טיילן רפואות און זיך פאַרנעמען מיט קינדער און שוואַנגערע פרויען. ס'האָבן זיך באַוויזן יידישע לאַנדווירטשאַפטלעכע ראַטגעבער, וועטערינאַרן מיט מומחים פאַר פרוכטביימער. מען האָט אָנגעהויבן זייען און פלאַנצן סיסטעמאַטיש, פריער צו מיסטיקן די פעלדער מיט „זאַלצן", מען האָט געבראַכט פון ווייטן ראַסאָווע אָקסן, בעק און באַראַנעס אויסצובעסערן די סטאַדעס. גאַרנישט איז געבליבן פאַרבאָרגן פאַר די ראַדיאָ־שפּרעכער פון קאיר, ראַמאַללאַ און דמשק, זיי האָבן געטענהעט, אַז די סהיון־ציוניסטן, די „מאַכט פון טעל אביב", קויפן אונטער די פעלאַכן מיט קלייניקייטן, צו דעקן זייערע נגישות, די יהוד פּאַשען די פעלאַכן, ווי בהמות פאַר שעכט־פלייש... די אומצופרידענע דאָרפישע יוגנט האָט אין דעם געגלויבט געהעצט די עלטערן און זיי פאַרשאַפן עגמת נפש מיט שרעק.

די יוגנט האָט זיך גענומען קליידן אייראָפּייאיש, איינגעשאַפן זיך טראַנזיסטערס. זיי האָבן געברענט פאַר כעס, הלמאי זיי קריגן נישט ביוראָ־אַרבעט נאָכן פאַרענדיקן די שולן, הלמאי זיי קענען נישט פאַרלאָזן דאָס דאָרף אָן אַ רייזע־דערלויבעניש פון דער מיליטערישער מאַכט. זיי האָבן געקוקט קרום אויף יענע אַראַבישע בחורים, וואָס פלעגן יאָ קריגן ביוראָ־אַרבעט ביי דער יידישער רעגירונג, זיי באַרעדט ווי „פאַררעטער" און „חונפים".

אַנטאָן בולוס איז שטאַרק פאַרעלטערט געוואָרן, דאָס נעמלעכע דזשיריוס כאַנאַ. אַפּאַטיש, אָן רצון האָט אַנטאָן בולוס צוגעהאַנדלט מיט

תבואה, וואָל, איילבערטן און טאַבאַק, ער האָט געמוזט מפרנס זיין דאָס ווייב מיט צוויי טעכטער און אַליין אויך עסן. די זין זענען אַוועק, ווער אין דער ירדן־מדינה, ווער אין לבנון. די טעכטער האָט מען גערדאַרפט חתונה מאַכן, קריגן פאַר זיי פאַסיקע חתנים, וואָס איז גאַרנישט לייכט געווען.

איצט איז דזשיריוס כאַנאַ געווען דער גביר פון דאָרף. ער האָט געמאַכט שותפות מיט צוויי יידן פון חיפה, וואָס האָבן אויסגעברייטערט זיין שטיין־ברעכעריי, זיי האָבן געבראַכט דרילן, קאָמפּרעסאָרן מיט שטיין־זעגן, וואָס האָבן געשניטן פלאַטן מירמל, געשיקט פאַלירן אין אַ פאַבריק אין עכו, ווו דזשיריוס כאַנאַ איז געוואָרן אַ שותף. מיט זיינע פעלדער, פּרוכטביימער, בינשטאָקן, עופות און בהמות האָבן זיך פאַרנומען די זין, וואָס האָבן שוין געקענט אַליין זיך באַגיין מיט אַ טראַקטאָר.

אין זייק איצטיקן שטאַנד האָט דזשיריוס כאַנאַ געפונען מוט צו שיקן אַ שדכן צום שכן אַנטאַן בולוס, אָנבאָטן אַ גרויסע סומע פאַר זיין עלטערער טאָכטער, ווי אַ ווייב פאַרן עלטסטן זון, עיסה.

דזשיריוס וואָלט פריער אַזוינס נישט געוואַגט, ער וואָלט מורא געהאַט, אַז מען וועט דעם שדכן אַרויסוואַרפן פון אַנטאַנס מדאַפי. ער פלעגט זיך פאָרשטעלן ווי דער יחסן, אַנטאַן, צינדט זיך אָן ווי אַ פייער און איך צאָרן נעמט ער ברעכן אַלץ, וואָס פאַלט אים אונטער די הענט: אַזאַ חוצפה! אַ פאַרגרעבטער פעלאַך שדכנט זיך צו זיין איידעלער טאָכטער!

דזשיריוס האָט פאַרלוירן זיין אינערלעכע רו, אַזאַ שידוך איז אים געגאַנגען אין לעבן, ער איז געווען גרייט אויסגעבן אלפים לירות, אַפילו מער, אַבי אַריינצודרינגען אין דער היימישער, יחוסדיקער פעסטונג פון אַנטאַן בולוס.

דזשיריוסעס יידישער שותף פון דער שטיין־ברעכעריי האָט שוין לאַנג געמערקט, ווי כאַנאַ גייט אַרום אָן אַ קאָפּ, ווי ער פלעגט זיך אָפּ־שטעלן אין מיטן דער אַרבעט, זיך זעצן אויף אַ שטיין אַ פאַרקלערטער. איינמאָל בעתביידע זענען געפאָרן אין שטאָט מיט אַ לאַדונג מירמל,

האָט דער יהודי אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף דזשיריוסעס נאַקן און געפרעגט:

— יאַ סאַכבי כאַנאַ עפענדי, וואָס לאַסטעט אויף דיין קאָפּ? וואָס פּאַראַ שלעכטע מחשבות פּייניקן דיר? אפשר האָסטו מורא פאַר דער דאַליאַט איסראַיל, אָדער פאַר די פלאַפלערייען פון דמשקער ראַדיאָ, אַז ס׳וועט קומען אַ טאָג, ווען די סורישע מאַכט וועט די יהוד צוזאַמען מיט דיר אַריינוואַרפן אין ים? — — —

האָט זיך דזשיריוס אויפגעריסן ווי פון אַ שווערן שלאָף, זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צו זיין יידישן שותף, אַזוי צו זאָגן:

— יאַ אבו מוסאַ, דו פאָטער פון מוסאַ, עס פּייניקט מיר אַ מח־שבה, וואָס איך וועל דיר אויסזאָגן, אדרבה, גיב אַן עצה, ביזט קליגער און געבילדעטער פון מיר: — קענסט דאָך מיין עלטערן זון עיסה, אַ בחור ווי אַ בוים, אַ גוטער אַרבעטער מיט אַ גוטן קאָפּ, איך וויל אים חתונה מאַכן און זוך פאַר אים אַן אשה.

— פכע יאַ דזשיריוס, פעלן דען נשים אין חמדיה? פעלט דיר געלט צו קריגן אַ שיינע, זיסע סיט (פרוי) פאַר דיין זון עיסה?

— ביידע זאַכן פעלן מיר נישט, אלא כ׳האָב אַ מוסמאַר (טשוואָק) אין קאָפּ, איך וויל די טאָכטער פון מיין שכן אַנטאָן בולוס עפענדי, מיין זון גלוסט איר, אָבער יאַ סידי (מיין האר) איך ווייס אַז אַנטאָן איז אַ בעל גאוהניק, אַ יחסן, ער וועט אַרויסטרייבן יעדן שדכן מיט בזיונות.

— ביסט אַן אייזל, אַ חמר, מיין שותף. איך קען אַ שדכן, וואָס ער וועט נישט וואָגן באַליידיקן, זיכער נישט אַרויסטרייבן. כ׳מיין דעם אַבונה, דעם גלח פון חמדיה. וועט גיין איז גוט, אויב חלילה נישט, איז מילא, וועסט געפינען אַן אַנדער בתולה, נאָמיר זאָגן פון אַן אַנדער דאָרף.

— אַזאַ איינפאַל, אַזאַ איינפאַל, יאַ אַבו מוסה, די יאַהוד זענען קלוג, נאָמיר זיך אַרומנעמען, האָט ווודזשאַק — גיב דיין פּרצוף, ביזט ווערט טויזנט קושן יאַ אַבו מוסאַ, יאַ סידי — האָט זיך דזשיריוס מיט שמחה אַ הויב געטאָן און אַרומגעכאַפּט זיין שותף.

ווי אַ פעלאַך בן פעלאַכן, מיט איינגעבוירענער לעבנס־חכמה, האָט

דזשיריוס פריער אָנגעהויבן שיקן נדבות פאַרן דאָרפישן קלויסטערל, ער האָט געלאָזט אַריינשטעלן שויבן, פאַרריכטן די טירן, מנדב זיין ווייטוויך וכדומה, דער גלח האָט געקוועטשט מיט די פּלייצעס, נישט פאַרשטאַנען, וואָס עס איז געשען מיטן באַרימטן קמצן פון דאָרף, דזשיריוס כאַנאַ, וואָס פלעגט קיינמאָל נישט מנדב זיין אַ פּרוטה פאַרן קלויסטער, מיטאַמאָל אַזאַ ברייטהעגטיקייט, ס׳איז אַ רעטעניש! דער גלח האָט נאָך מער געשטוינט, בעת דזשיריוס האָט גענומען מכבד זיין אויך אים מיט מתנות, ווי קוישלעך פּרוכט, אַ בלעך איילבערטן, האָניק וכדומה, אַזוי, ביז דאָס רעטעניש איז געלייזט געוואָרן.

אַ זונטיק פאַרנאַכט, ווען דער גלח האָט זיך געלאָזט שפּאַצירן אין פעלד, איז אים דזשיריוס פאַרלאָפן דעם וועג, געווען אויסגעפּוצט אין אַ יומטובדיקן, נייעם קאָמבאַז (קאַפּטאַן) מיט אַ זיידענער קעפּיע אויפן קאָפּ.

— מאַסיקום אל חייר, יאַ אַבונאַ! אַ גוטן אָוונט דיר, פּאָטער — האָט דזשיריוס מקבל פּנים געווען דעם גלח, געכאַפּט קושן זיין האַנט.

— איך וויל מיט דיר אַ שמועס טאָן יאַ אַבונאַ.

— טפאַדדאַל, טפאַדדאַל, בבקשה, יאַ אַבו עיסה.

שטאַמלענדיק, נישט געוואַגט, האָט אים דזשיריוס אַרויסגעזאָגט זיין פאַרלאַנג, אַז ער, דער גוטער, ליבטיקער אַבונאַ, זאָל אַ שמועס טאָן מיט זיין שכן אַנטאָן בולוס, וועגן, יאָ, וועגן זיין טאָכטער, וואָס איז פּאַסיק פאַר אַ ווייב, פאַר זיין זון עיסה. זי וועט לעבן ביי אים ווי אַ בת־מלכה. וועגן געלט קען קיין רייד נישט זיין, איך וועל געבן וויפיל אַנטאָן וועט בעטן. — ביט אים יאַ אַבונאַ, ביט אים, כאַדערטאַק — דיין כבוד. איך וועל לאָזן באַנייען דעם דאַך אויף דער כנסיה (קלויסטער), איך וועל לאָזן איינבויען קופּערנע האַנטפאַסן, וועל איך, יאַ אַבונאַ, איך וועל, יאָ איך וועל — — — דיך אויך נישט באַוועלענען.

לכתחילה איז דער גלח נשתומם געוואָרן, אַזאַ חוצפּה! עפּעס אַ קלייניקייט, אַ שידוך צווישן דער מיוחסדיקער משפּחה פון אַנטאָן בולוס מיט אַ פאַרגרעבטן שטאַם פּעלאַכן, וואָס זענען עולה לגדולה געוואָרן אַדאַנק די דזשאַרעס מצלצלים, אַזאַ ווילדער איינפאַל!

דזשיריוס מיט זיין פעלאַכישער עקשנות האָט נישט נאָכגעגעבן. אַזוי ווי ער פלעגט אַ מאָל געדולדיק צען מאָל איבערדרייען אַ שטיקל פעלדזיקן באָדן אַרויסצוברעכן שטיין נאָך שטיין, צו שלעפּן מיילן ווייט זעק באָדן אָנצופילן יעדעס גריבל, צו פאַרזעצן בוים נאָך בוים, דערנאָך שלעפּן בלעכן וואַסער צו באַוואַסערן יעדן פלאַנץ ביז ס'האָט געשלאָגן וואָרצלען, אַזוי האָט ער געדולדיק, פאַרעקשנט, נישט אויפגעהערט אַריינהאַמערן דעם גלח אין מוח זיין ווילן, באַווייזן די לאָגישקייט פון אַזאַ שידוך, פון צונויפמישן צווייערליי בלוטן, געדיכטע, געזונטע, ריינע פעלאַכישע בלוט, מיט שיטערע עפּענדישע, וואָס וועט זיך אויסלאָזן און אָפּשטאַרבן, אויב זי וועט נישט געשטאַרקט און אָפּגעפרישט ווערן... „נאָך אַלעמען", האָט געזאָגט דזשיריוס, „לעבן מיר איצט אין דאַליאַט איס־ראַיל און נישט אין די צייטן פון סולטאַן אבדול חמיד. וואָס וועט ווערן פון אַזאַ פאַרטריקנטער משפחה, וואָס טויג אַליין מער צו גאָרנישט? אויב אַנטאָן וועט מסכים זיין צום שידוך, בין איך גרייט צוגעבן צום נדן אַ טייל פון מיין שותפות אין דער שטיין־ברעכעריי, איך, יאַ אַבונה, צוזאַמען מיט מיינע בנים וועלן פאַרטאָפּלען די אַרבעט, מיר וועלן העלפן אַנטאָנען קריגן זיין חלק בכבוד".

נאָך אַזאַ שמועס האָט דזשיריוס געזען אין דמיון, ווי זיין צווייטער זון פירט אין קלויסטער אַנטאָנס יינגערע טאָכטער, אויסגעצירט אין ווייסן זיידנס ווי אַ מלאך...

דזשיריוסעס טענות האָבן אַזוי לאַנג געעגבערט דעם גלחס מח, ביז ער האָט איינגעוויליקט זיך צו לאָזן באַזוכן אַנטאָנס אומעטיקע היים און פאַרזיכטיק, ברמז, אָנהויבן זיין שדכנות. אמת, ווען דער גלח וואָלט נישט זיין וואָס ער איז, וואָלט ער זיך באַלד נאָכן ערשטן שמועס אַראָפּ־געקייקלט פון אַלע טרעפּ פון אַנטאָנס טעראַסע, ווי דזשיריוס האָט זיך פאַרגעשטעלט. לכתחילה האָט זיך אַנטאָן אָנגעצונדן ווי אַ פייער, זיין צאָרן איז געשטיגן להשחית, אַזאַ חוצפה! — זיין איידעלע טאָכטער פאַרקנסן מיטן פעלאַכס גראָבן יונג — — — ער, אַנטאָן עפּענדי, וועט שטיין אין קלויסטער געאָרעמט מיטן פעלאַך דזשיריוס ביים מסדר קדושין זיין... ס'האָבן זיך געביילט די פויסטן פון זיינע ציטערנדיקע

הענט, די אויגן זענען אים פאַרלאָפן מיט בלוט, ער האָט זיך אַ הויב געטאָן פונעם פאָטעל, נאָר די לעצטע שקיעה־שטראַלן פון דער זון זענען דורכן פענצטער געפאַלן אויפן זילבערנעם צלם פון גלחס ברוסט. דער פינקלדיקער צלם האָט אַנטאָנען דערמאָנט, אַז פאַר אים שטייט אַ גלח, האָט ער זיך באַזינט, זיין כעס האָט נאָכגעלאָזן און ער איז צוריקגעפאַלן אינעם פאָטעל. דער גלח האָט בשלום פאַרענדיקט זיין באַזוך מיט אַלע אָנגענומענע ברכות און ווונטשן, און שטיל ווי אַ קאַץ פאַרלאָזן דאָס הויז.

אַ סך נעכט שפּעטער האָבן נישט געשלאָפן נישט אַנטאָן, נישט זהריה זיין ווייב, זיכער נישט ביידע טעכטער, וואָס דער גאַנצער משא־ומתן איז פאַר זיי נישט פאַרבליבן קיין סוד.

בולוסעס ביידע טעכטער, איינע עלטער פון דער צווייטער מיט קנאַפּע צוויי יאָר האָבן שוין לאַנג געחלומט פון בחורים, געהאַט וועגן זיי פאַרנעפּלטע באַגריפן. ביידע האָבן זיך געהאָדעוועט אונטער די שטרענגע אויגן פון די עלטערן, ווי ס׳פירט זיך אין אַזעלכע היימען. ביידע האָבן נאָך באַוויזן קריגן אַ ביסל בילדונג אין אַ קלויסטער־שול אין נצרת, ווו נאָנעס האָבן געוועלטיקט, די שול איז געווען אַרומגע־רינגלט מיט הויכע מויערן — אַ וואָרע ווייבערשע מלוכה.

מחוץ אַן אַלטן נזיר, וואָס האָט געטאָן אַלע שווערע אַרבעטן און אויסגעפירט אַלע שליחותן אין דרויסן, איז דאָרטן נישט געווען צו זען אַ זכר — — — דאָרטן האָבן בולוסעס טעכטער פאַרבראַכט אַ פּאָר יאָר, זיך אויסגעלערנט לייענען, שרייבן, מיט פראַנצויזיש לשון אויפן שפּיץ מעסער. אַ פּאָר מאָל אַ יאָר, פלעגן זיי באַזוכן די עלטערן, נאָר איינמאָל אַ יאָר, בעת די זומער־וואַקאַציעס, פלעגט מען זיי אָפּנעמען אַהיים קיין חמדיה, וואָס איז פאַר די מיידלעך אין דמיון אויסגעוואַקסן ווי אַ גן עדן, כאָטש די היים איז פאַר זיי אויך געווען אָפּגעשלאָסן פונעם דרויסן און ס׳האָט נאָך דעמאָלט נישט געקענט זיין קיין רייד וועגן זיך חברן אָדער פאַרברענגען מיט בחורים, אָבער די נאַטור איז געווען צו נאָענט, צו אינטים אויסצומיידן דאָס לעבן פון אַלע בעלי חי אין פּאָטערס הויף און פעלדער. די בלומען האָבן געזידט אין די פרילינג־טעג, ס׳לייב

האָט געפּיבערט, ס׳לעבן האָט געפּאָדערט זיינס אפילו פון בולוסעס טעכטער, וואָס האָבן געוווּסט, אַז דערווייל וועלן די עלטערן געפינען און אויסקלייבן פאַר זיי חתנים, זיי נישט צו פרעגן...

ווידער דזשיריוסעס בנים זענען געווען פריי, זיי האָבן געמוזט אַרבעטן אין פעלד צוזאַמען מיטן פאָטער, אים באַגלייטן אין שטאָט פאַרקויפן פּראָדוקטן. די פעלדער זענען רחבותדיק, שמעקעדיק, פול מיט פעלאַכקעס יונג און אַלט, פאַרן שניט איז די תבואה הויך, די לופט פאַרשיכורט אפילו בעלי משפחות, אַ פשיטא געזונטע יונגע זין. פאַרקוקט מען דאָס, וואָס מען דאַרף נישט זען ביז דער חתונה, כיבע אַז ס׳מאַכט זיך אַן אומגליק און אייפערזיכטיקע ברידער געברויכן מעסערס אויסצו־קויפן מיט בלוט דעם כבוד פון דער משפחה, דעם כבוד פון די גע־שטרויכלטע שוועסטער. דאָס אַלץ איז גערעדט, ביז די זין ווערן אַליין פאָטערס, וואָס פאַרגעסן גיך זייערע יוגנטזינד, און היטן שטרענג אָפּ די ריינקייט פון זייער משפחה־לעבן, ווי ס׳פירט זיך מדור־דורות.

דער גלח האָט פאַרשטאַרקט זיין אויפמערקזאַמקייט כלפּי אַנטאָנען בעת זיינע באַזוכן אין קלויסטער, ווען דזשיריוס האָט זיך איצט באַמיט נישט צו וואַרפן צופיל אין די אויגן זיין פאַרריסענעם שכן. דעם גלחס טענות זענען געפאַלן ווי זאַמען אויף האַרטן, אָבער הונגעריקן באָדן, זאָמען, וואָס האָבן גענומען שלאָגן דינינקע וואָרצעלעך אין אַנטאָנס מוח. ס׳האָט גענומען צייט, ס׳איז געקומען פרילינג, דזשיריוס האָט געהאַט געדולד צו וואַרטן ביז דער שידוך איז געוואָרן.

**
*

יענער ווינטער איז אויסגעפאַלן אַ מזלברכהדיקער אין ישראל. די רעגנס זענען געפאַלן צו דער צייט מיט שפע. די תבואות זענען גוט אויפ־געגאַנגען. די ווינטן זענען נישט געווען שטורמיש, האָבן זיי נישט אַראָפּ־געטרייסלט די בליונג פון דיביימער. די שאָף און רינדער האָבן גוט אויסגעטראָגן זייערע וולדים. אַז מילך איז געווען בשפע, האָט נישט געפעלט קיין קעז מיט לבניה.

פסח און פּאַסחאָ זענען געווען זוניקע, בלומיק מילדע. די לופט איז פול געווען מיט פויגלגעזאַנג, מיט בינענזום, טויבן האָבן געוואָרקעט אונטער די קאַרניזן פון חמדיה, הינער האָבן מיט גאווה געפירט זייערע פּוציקע עופעלעך צום דאָרפישן מיסט־הויפן, צו געניסן מכל טוב. די טראַכטן פון אייזל־נקבות האָבן זיך אויפגעמאַכט און געבראַכט זייער גאָכוווקס, — ליבע צאַרטע באַשעפענישן, וואָס האָבן באַגלייט די שווער באַלאָדענע מוטערס אין די בערג און פעלדער.

אַז פּרנסה האָט נישט געפעלט, האָט זיך דער ריח פון שמעקעדיקער פּריש געברענטער קאַווע יעדן פאַרנאַכט געשפּרייט פון יעדן פעלאַכישן געהעפט אַרויס, פאַרכאַפּט דעם אָטעם פונעם מחיהדיקן דופט.

עס איז נישט אַוועק קיין זונטיק אָן מתנות, וואָס האָבן געשטראָמט פון דזשיריוסעס היים אין אַנטאָנס אַלט הויז, ווו שניידערקעס האָבן געזונגען, געניים און געמאָסטן קליידער פאַר דער כלה.

אין דער געראַמער קיך פון זהריה בולוס זענען צוריק פול געוואָרן אַלע טעפּ, סלאָיעס און גרויסע קרוגן.

אין די זונטיק־אָונטן האָט זיך קיינער מער נישט געוווּנדערט צו זען וויביידע מחותנים זיצן אויף דער טעראַסע פון אַנטאָנס הויז פאַרטאָן אין אַ שעז־בעז שפּיל, בעת זהריה איז זיי מכבד מיט גלעזעלעך אַראַק, גרינע איילבערטן מיט שטיקעלעך געזאַלצן קעז.

ביז דער חתונה האָבן זיך חתן־כלה נישט געטראָפן אַליין אויג אויף אויג, די אויגן פון דאָרף זענען געווען שאַרף ווי חלפים, מען פלעגט זיי זען צוזאַמען נאָר אין קלויסטער קניען ביים דאַווענען, די כלה — אַ פאַררויטלטע, פלעגט וואַרפן אלכסונדיקע בליקן אויפן חתן, וואָס האָט געלאָזט וואַקסן קורצע וואָנצעלעך ווי ביים דאָרפישן לערער, ער האָט זיך געגרויסט מיט אַ נייער שנור בורשטינענע קרעלן אין האַנט, — אַ מתנה פון מחותן אַנטאָן.

***

נאָכן זומערשניט זענען געקומען די חתונה־טעג.

אַ טאָג פאַר דער חתונה האָט מען שוין געזען געסט אין חמדיה.

די מוטער זהריה מיט גוט־וויליקע שכנטעס האָבן אַ צייט פריער אויפגע־מאַכט און אויסגעלופטערט די מדאַפע פון אַנטאָנס הויז, אויסגעשפּרייט אויף דער ערד אַלטע טעפּיכער און אויסגעלייגט אַרום די ווענט קישעלעך, זיך אָנצולענען פאַר די געסט. דזשיריוס האָט באַצייטנס באַזאָרגט אַ זאַק האָלצקוילן צו קאָכן קאַווע, ווי דעם ערשטן כיבוד פאַר די געסט. צוזאַמען מיט די פליגן זענען אין הויף גַעפלויגן פעדערן פון צענדליקער געשחטענע עופות, בעת אין דזשיריוסעס הויף האָט מען געשחטן און געפּאַלמעסט שעפּסן, זיי געפילט מיט רייז, צימערינג און צנאָבער־קערעלעך, גרייט צו שמאָרן אויף אָנגעגליטע קוילן.

ידידים האָבן באַצייטנס געשיקט מתנות צוזאַמען מיט פלעשער ווייַן און קאָניאַק פאַר קריסטן און יידישע געסט, — אַראַק פאַר מוסול־מענישע געסט. ס׳זענען אָנגעקומען בייטלען קערעלעך, פיסטוקעס, ביס, געצוקערטע מאַנדלען מיט קעסטלעך באַקלאַווע־קיכל, געבאַקן און גע־טונקט אין האָניק, מ׳האָט נישט געוווסט צי דאָס איז מתוצרת נצרת, צי פון ביירוט, וואָס ס׳פלעגט דערגיין אין ישראל פון ציפּערן, אָדער קאָנטראַבאַנדע דורך די בערג פון גליל, פון יענער זייט גרענעץ, די נידעריקע טישלעך פון דער מדאפע האָבן זיך געבראָכן מכל טוב, שוין אָפּגערעדט פון פרוכטן און בערג זיסוואַרג מיט וויינטרויבן.

די חתונה איז אויסגעפאַלן שבת און פרייטיק נאָכמיטאָג איז שוין געווען יום טוב אין דאָרף ביי די קריסטן און מוסולמענער צוזאַמען, וואָס האָבן אויסגעקוקט דעם רייכן כיבוד, די נאָענטע און ווייטע געסט, אַריינגערעכנט יידישע מיליטערלייט, פּאָליציי־אָפיצערן, שטאָטישע פּקי־דים און סתם יידישע ידידים פון ביידע צדדים. צווישן די יידן האָבן זיך אָנגעזען דזשיריוסעס שותפים פון דער שטיינברעכעריי, וואָס האָבן זיך געפילט ווי אייגענע און צוזאַמען מיט זייערע פרויען געהאָלפן פאַרטיילן כיבוד און זיך פאַרנעמען מיט געסט. ביי דזשיריוסן האָבן בחורים פאַר־ווײַלט דעם חתן מיט געזאַנג, טענץ און חלילים־מוזיק, בעת ביי אַנטאָנען איז פול געווען מיט מיידלעך און פרויען, וואָס האָבן פאַרווײַלט די כלה, די גאַנצע נאַכט פאַר דער חתונה, אויסגערעכנט אין געגראַמטע פערזן אַלע אירע שבחים, באַגלייט פון אַ הוד, וואָס האָט געוויינט ווי אַ יידישע

פידל. די אמתע שמחה האָט זיך ערשט אָנגעהויבן שבת פרי באַלד נאָך זון־אויפגאַנג, ווען די פויגל האָבן געזונגען שחרית־שירה, און די טויבן אויף די דעכער און קאַרניזן האָבן זיך געוואַשן, געוואָרקעט און געפּוצט די פעדערן, זיכער לכבוד דער חתונה.

נאָכן מקבל פּנים זיין די געסט איז די מדאַפע אַריבער אין רשות פון דער כלה, וואָס איז געזעסן אין ווייסן זיידנס, אויסגעצירט מיט אַ וועליאָן און לעבעדיקן בלומענקראַנץ אויפן קאָפּ. די כלה האָט גע־ווײנט, אַ הוד האָט געשפּילט. צופוסנס אויף דער ערד, אויף קליינע בענקעלעך אַרום, זענען געזעסן פרויען, געזונגען און געפּייקלט, אויס־געגאָרגלט חתונה־ניגונים. אַ בדחנטע האָט אויסגערופן יעדע מתנה, איר ווערט מיט די שבחים פון די געסט. ס׳זענען אויך געפאַלן מזומנים מיט טשעקן. וואָס די גאָב איז געווען ווערטיקער, אַלץ לענגער האָבן געדויערט די שבחים.

ביסלעכווייז איז דער הויף פול געוואָרן מיט מענער, וואָס האָבן געגאַסן פון לייכטן כיבוד מיט משקה, אַזוי לאַנג, ביז ס׳האָט זיך פון וויטן דערהערט אַ געזאַנג מיט אַ ריטמיש באַגלייטונג פון פּייקלעך, חלילים, מיט פּאַטשן פון שטאַרקע פּעלאַכישע דלאָניעס. מען האָט אַרויס־געפירט דעם חתן פון זיינע עלטערנס היים, אַרומגערינגלט מיט טאַנצנ־דיקע מענער יונג און אַלט. מען האָט אים געפירט צו דער כלה אַ צע־שטראַלטן. פאָרויס זענען געגאַנגען גלחים מיט כלי קודש פון קלויסטער אין זייערע יומטובדיקע סוטאַנעס, מיט ברייטע מאַנזשעטן, מיט ווייסע קיטלען איבער די סוטאַנעס, מיט שפּיצן־שאַלן איבער די אַקסלען, ווי טלית־מלעך, מיט געפּוצטע זילבערנע צלמים אויף דער ברוסט.

דער חתן האָט זיך קוים דערקליבן צו דער כלה, דער געדרענג מיט דער היץ זענען געווען גרויס. אַ ווײלע איז שטיל געוואָרן. דער חתן האָט זיך אַוועקגעזעצט נישט וויט פון דער כלה און די הילולה האָט זיך באַנייט מיט מער התלהבות.

אַ פאַרווײנטע, האָט זיך די כלה געזעגנט מיט דער היים, ווו זי איז געבוירן געוואָרן און זיך אויפגעהאָדעוועט, זי האָט זיך געזעגנט מיט

די עלטערן, וואָס האָבן איר מתיר געווען גיין צום חתן, וואָס וועט היינט ווערן איר מאַן.

אינעם געדרענג האָט זיך געשאַפן אַ וואַרע. ס׳האָבן זיך באַוויזן דעם חתנס אונטערפירער, וואָס האָבן אים גענומען אונטער די אָרעמס און אַרויסגעפירט אין גאַס.

אַרומגערינגלט מיט פרויען האָט מען דערנאָך אַרויסגעפירט די כלה, מיט אירע אונטערפירער. ס׳האָבן זיך אויסגעשטעלט שורות פרויען הינטער דער כלה און שורות מענער הינטערן חתן, און אַזוי זענען אַלע זינגענדיק און טאַנצנדיק, פּאַכנדיק אין דער לופט מיט טיכלעך און שטעקנס, אַוועק אין קלויסטער.

דער קלויסטער, אַן אַלטער בנין פון שטיין מיט אַ גלאָקן־טורעמל, מיט אַ צלם אויפן שפּיץ, איז געווען איבערפולט. די ווענט פון קלויסטער זענען געווען באַקעטע, די פענצטער אָן שויבן, פויגל זענען אַרומגעפלויגן איבער די קעפּ. אין אַ ווינקל האָט זיך געפונען אַ קבר פון דעם, וואָס האָט דעם קלויסטער אויפגעשטעלט. דער קבר איז געווען איבערגעדעקט מיט אַ גרינעם טוך, אויף דעם טוך זענען געלעגן פרישע צווייגן.

אויף דער בימה האָבן זיך באַוויזן אַ פּאָר גלחים, וואָס האָבן געביטן די קיטלען, און פאַרוואָרפן איבער די אַקסלען נייע, בריקאַטענע שאַלן מיט אויסגענייטע עטרות. ס׳זענען אַרויף אויף דער בימה אַ צענדליק יונגוואַרג, משמשים, אין האַלבע ווייסע קיטלען, זיי האָבן געטראָגן גרויסע ליכט, צלמים אויף שטאַנגען און גרינע פענער מיט פראַנדזן, אויף די פענער זענען געווען אויסגענייט מלאָכים מיט בערדיקע, הייליקע מענער. ס׳זענען צוגעקומען נאָך יונגטלעכע מיט ווייררויך־קעסעלעך. זיי האָבן געוויגט די קעסעלעך, וואָס האָבן גערויכערט און איבערן קלויסטער האָט זיך צע־גאָסן אַ זיסלעכער ריח פון קטורת.

נאָך כלעריליי הכנות האָט מען פאַרבעטן חתן כלה אויף דער בימה. איין גלח האָט עפּעס געמורמלט דער כלה אויפן אויער, אַ צווייטער — דעם חתן. נאָכדעם זענען ביידע אַראָפּ פון דער בימה צו זייערע אונטערפירער און עלטערן, וואָס האָבן זיך געהאַלטן צוזאַמען אין אַ שורה ביי אַ פּאָרענטש אונטער דער בימה. מען האָט באַלד אָנגעצונדן גרויסע

ליכט, באַפּוצטע מיט שלייפן און בענדער. אַ גלח מיט אַ באַס־שטים האָט געגומען זינגען די פאַרקנסונג־תפילות. טריט ביי טריט איז ער צוגעקומען צו חתן כלה, זיי געצלמט עטלעכע מאָל. דער גלח האָט גענומען דער כלהס קדושין־רינג און דערלאַנגט דעם חתן, און דעם חתנס רינג דערלאַנגט דער כלה, אַזוי איבערגעחזרט עטלעכע מאָל. דערנאָך האָט ער געבענטשט דאָס יונגע פּאָר און באַגייט זיין תפילה־געזאַנג, וואָס ער האָט באַלד איבערגעריסן, מחמת אַ משמש האָט אים דערלאַנגט אַ האַלבע גירלאַנדע מיט בענד, וואָס ער האָט עטלעכע מאָל געביטן, פריער דעם חתן אויפן קאָפּ, דערנאָך דער כלה. אַ צווייטער גלח האָט געבראַכט אַ בעכער וויין און געגעבן צו דריי זופּן דעם חתן מיט דער כלה. געענדיקט מיטן וויין, האָבן די אונטערפירער אָנגעצונדן זייערע ליכט, און אַנטאָן בולוס האָט מיט אַ ציטעריקער שטים געלייענט פּסוקים פון אַן אַלטן געבעט־בוך, דזשיריוס האָט די פּסוקים נאָכגעזאָגט אויף אויסנווייניק.

דער צערעמאָניאַל האָט זיך פאַרענדיקט מיט הקפות אַרום די ווענט פון קלויסטער: יינגלעך האָבן אַרומגעקרייזט דעם עולם מיט פאָנען, צלמים און אָנגעצונדענע ליכט. דער עולם האָט בעת מעשה האַרמאָניש געזונגען תפילות, אַ גלח מיט אַ באַס־שטים האָט אַלעמען איבערגעשריען.

תם ונשלם. ס׳האָט זיך פאַרענדיקט דער אַקט אין קלויסטער, און בעת דער עולם האָט זיך געלאָזט צו די טירן, האָט מען פון אַלע זייטן אויף אַלעמען געשפּריצט מיט אָדעקאָלאָן און בלומען־וואַסער.

לענג אויס אַלע געסלעך, וואָס האָבן געפירט פונעם קלויסטער צו דעם אַלטן הויז פון אַנטאָן בולוס זענען געשטאַנען שפּאַליערן מענטשן, וואָס האָבן געזונגען און געפּאַטשט מיט די הענט. צווישן די שפּאַליערן האָבן פרויען צוריקגעפירט די כלה און מענער — דעם חתן, הינטער זיי האָט זיך דער עולם אויסגעמישט און צונויפגעגאָסן אין אַ ים קעפּ. פון אַלע פענצטער האָט מען געשפּריצט מיט בלומען־וואַסער, ביי יעדער טיר און טויער, זענען געשטאַנען אייניווינער מיט טאַצן זאַפּט און פידנזשאַנען קאַווע אָפּצופרישן די געסט.

נאָך אַ קורצער הפסקה כדי זיך אָפּצורוען, האָט זיך באַגייט די שמחה אַרום אַ גרויסער סעודה, וואָס ביידע מחותנים האָבן סערווירט צוזאַמען אין הויף פון אַנטאָן בולוס. די טישן זענען פול געווען מיט בערג רייז מיט שעפּסן־בראָטן, פולע בעקנס געשמאָרטע עופות, שיסלען מיט פרישע און מאַרינירטע גרינצייג, שפּיזלען אַנגעשטאָכענע מיט שאַש־ליק אויסגעלייגט אויף פייערדיקע קוילן אין קופּערנע פאַנען, פאַרשיידענע מינים קעז, האָניק, איילבערטן, בערג וואַרימע פּיטעס נאָר וואָס פונעם טאַבון אַרויס, לבניה אין אייל און אין זאַלץ־וואַסער, פולע טעלער לבן צו טונקען פלייש, טחינה מיט קאָפּער און פּיעטרושקע, געפּרעגלטע און געפּילטע קוסעס מיט באַטינדזשאַנעס און נאָך, און נאָך מאכלים כיד המלך.

ווי ס׳פירט זיך אין אַראַבישן דאָרף, עסט מען מיט די הענט, מען נוצט נישט גאָפּל־מעסער וואָס זענען גרייט נאָר פאַר שטאָטישע געסט. מען עסט „בקול רם”, און בעת מען ווערט זאַט נעמט מען פאַר־זיכטיק גרעבצן — — — ברענגט באַלד אַ ייִנגל, אָדער אַ היימישער סאַרווער אַ שיסל וואַסער, זייף מיט אַ האַנטוך אָפּצווואַשן די פעטע הענט. נאָך אַזאַ נטילת ידים, איז מען מכבד מיט טעפּעלעך זיסע אָדער ביטערע קאַווע, מיט זיסוואַרג און פרוכט וחסל די סעודה.

אַזוי האָט מען אין חמדיה געפּראַוועט די חתונה ביז אַ פולע לבנה האָט זיך געשטעלט הויך אין די הימלען, נעפּלען האָבן זיך געוויקלט אַרום די קעפּ פון די בערג. דאָס, ייִנגע פּאָרל איז שוין לאַנג פאַרשוווּנדן, אויף וואָס קיינער האָט נישט געלייגט קיין אַכט...

בעת איינער האָט זיך געזעגנט מיטן צווייטן און מיט די מחותנים, ווינטשנדיק אָנסופיקע ברכות מיט רמזים, זיך צו טרעפן אין נייַן חדשים אַרום, האָט זיך פון ווייטן געהערט אַ געוויין פון שאַקאַלן, וואָס האָבן געקלאָגט, הלמאי מען האָט זיי געלאָזט אין די בערג הונגעריקע ווי שטענדיק...

***

נאָך יענעם שבת און זונטיק־הגדול אין חמדיה, האָט זיך דזשיריוס

געטראָפן מיט זיינע יידישע שותפים און קונדן אין דער שטיין־ברעכעריי. זיי האָבן אים ווידער געבענטשט, געגריסט, און געדריקט זיינע האַרטע פעלאַכישע הענט. אַן איבערגליקלעכער, זיך געוואָרגן מיט טרערן פון שמחה, האָט זיך דזשיריוס געלאָזט אַרומנעמען דורך זיינע יידישע פריינד. כאָטש ער איז נישט געווען קיין רײדער, האָט ער נישט אויפגעהערט איבערחזרן און אויסרופן: — „יעיש איסראַיל — זאָל לעבן ישראל״! — „נישט ביי די טערקן, נישט ביי די ענגלענדער וואָלט דזשיריוס כאַנאַ דער־לעבט אַזאַ שידוך, אַזאַ שידוך! זאָל לעבן ישראל, יעיש איסראַיל״.

האָבן די יידן אים גוטמוטיק געקלאַפּט אין פּלייצע און געענט־פערט: — „אויף לאַנגע גוטע יאָרן, יאַ אַבו עיסה, יאַ דזשיריוס כאַנאַ״, און זיי האָבן געלאָזט איבערקלייבן פּלאַסטן מירמלשטיין, אַרויסגעבראָכענע פון באַרג ביים דאָרף חמדיה, אין מערבדיקן גליל.

פון יענער זייט

ביז דעם פרילינג־פאַרזיי 1948 האָבן יוסוף שאַמאַנדרי מיט זיין ווייב געלעבט אַן אַ זייט פון אַ דערפל צווישן קלקיליה און טול־כרם, זיין פעלד האָט דורכגעשניטן די אייזנבאַן ליניע לוד־חיפה. אַ דריטל פעלד האָט זיך געפונען מזרחדיק פון דער באַן־ליניע, די רעשט פון יענער זייט מערבדיק. דאָס מזרחדיק טייל פעלד האָט זיך געגרענעצט מיט אַ יידישן פרדס. דעמאָלט איז יוסוף אַלט געווען 33 אפשר 38 יאָר, זיין משפחה איז צעפאַלן געוואָרן נאָכדעם ווי די אינגליז האָבן פאַר־טריבן די טערקן פון פאַלעסטין. בעת יוסוף איז געבוירן געוואָרן האָט דער פאָטער אין ערגעץ נישט פאַרשריבן זיין געבורט, ווי עס האָט זיך דעמאָלט געפירט ביי די פעלאַכן. אַזוי, אַז דער דאַטום איז פאַרגעסן געוואָרן.

אין די אומרוּיקע יאָרן פון 1936—40, האָבן די אינגליז געפאָדערט פון אַלע תושבים אין פאַלעסטין פון 18 יאָר אַן זיך לאָזן פאָטאָגראַפירן און מיט 2 אַזעלכע פאָטאָגראַפיעס זיך ווענדן צום נאָענטסטן קרייז־אַמט פון דער רעגירונג אַרויסנעמען אַן אידענטיפיקאַציע־ביכל, וואָס יעדער מוז שטענדיק טראָגן מיט זיך. מוסולמענישע פרויען דאַרפן נישט ברענ־גען קיין פאָטאָגראַפיעס, זיי זאָלן, לויטן דין, נישט דאַרפן אָפדעקן זייערע פנימער פאַר פרעמדע זכרים, קיין אַנדער ברירה איז נישט געווען.

יוסוף שאַמאַנדרי פאָרט אַ פאָר מאָל אַ וואָך קיין טול־כרם פאַר־קויפן זיין גרינצייג מיטן קעז, וועט ער זיך פריער באַזאָרגן מיט אַ נויי־טיקן כתב פונעם מוכטאַר (דאָס קאָסט 2 שילינג) מיטנעמען זיין ווייב, זיך לאָזן פאָטאָגראַפירן און אַרויסנעמען די נויטיקע אידענטיפיקאַציע־ביכלעך. לויטן מוכטאַרס חשבון איז יוסוף אַלט געווען 33 יאָר, זיין סיט

(פּרוי) 30, אַזוי האָט ער אַריינגעשריבן אין זיין כּתב, וואָס ער האָט געגעבן יוסופן צו באַקומען די נויטיקע ביכלעך פאַר אים און זיין ווייב. נאָכן שטיין אַ פּאָר שעה אונטער דער טיר מיט נאָך אַ סך פעלאַכן פון זיינס גלייכן, איז ער מיטן ווייב דערגאַנגען צום פּקיד, וואָס פאַרנעמט זיך מיט די ביכלעך. דער פּקיד האָט זיי געפרעגט, וואָס ער האָט געדאַרפט פרעגן, צוגענומען דעם כּתב פון מוכטאַר מיט די פאָטאָגראַפיעס, צוגעהעפט צו אַ פאַרשריבענעם פּאַפּיר, און אַזוי ווי ביידע האָבן נישט געקענט נישט לייענען נישט שרייבן, האָבן זיי איינגעטונקט אין שטעמפּל־טינט זייערע גראָבע פינגער, צוגעדריקט צום באַשטימטן אָרט אויפן פּאַפּיר און מאַר־סאַלאַמי — „גייט אייך בשלום אַ היים, דער מוכטאַר וועט אייך שוין איבערגעבן די ביכלעך".

אַזוי איז געווען, אַ חודש שפּעטער האָט זיי דער מוכטאַר פאַר־בעטן צו זיך, ווידער איינגעטונקט זייערע גראָבע פינגער אין שטעמפּל־טינט, צוגעדריקט צו אַ נייעם פּאַפּיר און נאָך אַ צווייטן מתּנת יד פון 2 שילינג זיי איבערגעגעבן די ביכלעך. ער האָט זיי דערמאָנט זיי זאָלן עס נישט פאַרשמוצן, נישט פאַרגעסן מיטנעמען מיט זיך בעת זיי וועלן גיין אין שטאָט: — „דאָס איז אַ באַסבאָרט, אַ מאַהוי (אַ פּאַספּאָרט, אַן אידענטיפיקאַציע־צייגניש) — היט עס אָפּ".

אַ צייט שפּעטער האָבן ענגלישע זעלנער איבערגעדרייט יענץ דערפל מיטן קאָפּ אַראָפּ צו זוכן געווער מיט פאַרדעכטיקע פרעמדע מענטשן נאָך דעם, ווי עמעצער האָט ביינאַכט געשאָסן אויף אַ פּאַטראָל און איינעם פון זיי פאַרוווּנדעט. די זעלנער האָבן דאָרטן פאַרנומען אַלע מענער, זיי געהאַלטן שעהען לאַנג פאַרשפּאַרט אונטער אַן אָנגעגליטער זון אויפן דרעש־פעלד, וואָס זיי האָבן אַרומגעצוימט מיט שטעכעדיקע דראָט; זיי האָבן אַלעמען אויסגעפאָרשט, קאָנטראָלירט זייערע אידענטי־פיקאַציע־צייגנישן און באַפרייט חוץ יוסופן, ווייל זיין נאָמען האָט נישט געשטימט מיטן אָנגעגעבענעם נאָמען אין זיין אידענטיפיקאַציע־צייגניש. איידער וואָס ווען האָט מען אים מכבּד געווען מיט קלעפּ, אויסגעהאַקט אַ פּאָר ציין און מיטגענומען מיט זיך אויף ווייטערדיקע אויספאָרשונגען

אין אַ מיליטערישן לאַגער, אַ פּאָר שעה רייזע פונעם דאָרף, נישט געבנדיק צו וויסן דעם מוכטאַר אַ וואָרט.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז דער מוכטאַר איז געווען שולדיק אין יוסופ׳ס צרות, מחמת אינעם כתב, וואָס ער האָט אים בשעתו געגעבן צו באַקומען די אידענטיפיקאַציע־צייגניש, האָט ער נישט געשריבן זיין אמתן פאַמיליע־נאָמען: — יוסוף עזוני נאָר דעם צונאָמען „שאַמאַנדרי״, וואָס ער האָט געירשנט פון פאָטער, אַללאַ זאָל זיך דערבאַרעמען אויף זיין נשמה. אַ וואָך צייט האָט מען יוסופן געהאַלטן אין אַ תפיסה, גע־פּאַרשט, געפּאַרשט און געשלאָגן ווייל מען האָט געהאַט אַ חשד אַז ער האָט אַ שייכות צו די מענטשן וואָס האָבן באַשאָסן דעם פּאַטרול.

יוסוף איז געווען אַ שטילער אויסגעפּראַצעוועטער פעלאַך, הימל ווייט פון „סיאַסי״ (פּאָליטיק), זיכער פון כנופיות, ער האָט נאָר געהערט וועגן שיסערייען, פון אָנפאַלן אויף יאַהוד, פון אויסהאַקן פּרוכביימער, פון צינדן יידישע תבואה־פעלדער וכדומה, אָבער ווער וועט עס וואַגן שיסן אויף אינגליזישע זעלנער, היתכן? נאָך יעדער אויספאָרשונג פלעגן אים זעלנער צוריקברענגען אין תפיסה אַ צעמימיתטן, אַ פאַריאושטן, וואָס וויל מען פון אים? וועמען האָט ער שלעכטס געטאָן? וואָס פאַר אַ שייכות האָט זיין נאָמען צו די שיסערייען? צי האָט ער אין זיין לעבן געהאַלטן געווער אין זיינע הענט?

אין זכות פונעם מוכטאַר איז יוסוף אויך געראַטעוועט געוואָרן, וואָרום אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט מען אים אויך פאַרנומען, געבראַכט אין לאַגער אויף אויספאָרשונגען און נאָכער פאַרשפּאַרט אין תפיסה און נישט צוגעלאָזט צו אים קיין לעבעדיק נפש. דעם מוכטאַרס משפחה האָט געקערט וועלטן, געזוכט הילף, ביז זיין פעטער, סאַלעך, האָט אָנגע־שפּאַרט צו זיינעם אַ לאַנגיאָריקן ידיד, אבו־מיכה, דער „דושעדאַ״ (גיבור), דער באַרימטער שומר פון די יהוד אין פתח תקוה, וואָס איז געווען אַן אָנגעלייגטער גאַסט ביי אַ סך פעלאַכן, מוכטאַרן און עפענדיס אין שרון און שומרון, זיי פלעגן אַבו־מיכהן אַנטרויען סודות, זיך מיט אים מישב זיין וועגן פאַרפּלאָנטערטע היימישע ענינים און נישט איינמאָל פאַרבעטן צו זיין אַ בורר אָדער שופט בעת כלערליי סכסוכים. בעת פעלאַכן פלעגן

אים באַגעגענען רייטנדיק אויף זיין פערד, וואָס איז געווען באַרימט ווי ער, פלעגן זיי אים פאַרשיטן מיט ברכות, קושן די הענט און באַגלייטן מרחקים ווייט מחמת כבוד און שעצונג, עפּעס אַ קלייניקייט: — אַבו־מיכה!

אַבו־מיכה האָט זיך לאַנג נישט געלאָזט בעטן, אָנגעזאָטלט זיין גרויען רייט־פערד און ווי אַ ווינט זיך געלאָזט צום „ראַיס אל בעליאַדיה" (ראש העיר) אין טול־כרם, כדי צוזאַמען מיט אים אויספּלאָנטערן די רעטעניש, הלמאי מען האָט אַרעסטירט דעם פרידלעכן מוכטאַר, וואָס האָט חוץ קליינע באַקשישן קיינמאָל נישט געזינדיקט קעגן מלכות, אויסגעמיטן „סיאַסע" (פּאָליטיק) ווי מען מיידט אויס אַ מגפה, אומגעקערט, ער פלעגט מוסערן די שבאַב (יוגנט) פון דאָרף זיי זאָלן זיך נישט מישן און נישט פאַר־נעמען מיט פּאָליטיק, וואָס קען זיי פירן צו דער תליה:

— אַללאַ זאָל אייך באַוואָרענען און באַשיצן, לאָזט עס איבער פאַר די עפענדיס, היט אייערע נחלות, ברענגט נישט קיין צרות אייערע משפחות, לויפט נישט אין פייער ווי נאַרישע שעפּסן. — ער פלעגט נישט אויפהערן זיי מוסרן כאָטש ער האָט געפילט נישט איינמאָל, ווי זיי לאַכן אים אויס הינטער זיינע פּלייצעס. צו די מער מיושבדיקע, עלטערע פעלאַכן, פון זיין דאָרף פלעגט ער טענהען, אַז דער אומגליק ליגט אין די „דזשאַרידעס" (צייטונגען), וואָס פאַרדרייען די יונגוואַרג די קעפּ, דער אומגליק ליגט אין די סינעמאַס, וואָס פירן זיי אַראָפּ פון גלייכן וועג, דער אומגליק ליגט אויך אין די מעדרעסעס (בתי ספר), וואָס די אינגליז בויען אין די דערפער, די מעדרעסעס פירן צו כפירה, און לייכטזין, בעת דער אַלטער, גוטער כותאַב (חדר), ווו מען לערנט דעם הייליקן קאָראַן, ווערט ליידיקער פון יאָר צו יאָר. ווידער די יאַהוד גיבן אויך אַ שלעכטן ביישפּיל: — די אָבות הערשן נישט איבער די זין, בחורים מיט מיידלעך שפּאַצירן צוזאַמען, די מאָסקאָב (יידן פון רוסלאַנד) זענען כופרים וכדומה, וכדומה.

בקיצור, אַבו־מיכה דער יהודי מיטן ראַיס אל בעלאַדיה דער מוסולמענער האָבן זיך צוזאַמען געלאָזט צום ענגלישן קאָמאַנדיר בעטן גנאַד פאַרן מוכטאַר, וואָס איז זיכער על פּי טעות אַריינגעשלעפּט געוואָרן אין אַ זומפּ. וועגן אַרעסטירטן פעלאַך, יוסוף, האָט זיי קיינער נישט דערציילט, ווען גייט ער אָן?

דער ענגלישער קאָמאַנדיר איז גראָדע יענעם פאַרמיטאָג געווען גוט אויפגעלייגט. האָט ער אָן שהיות אויפגענומען ביידע נכבדים, מכבד געווען מיט אַ קאַלטן טרונק, אויסגעהערט זייער פאַרלאַנג און נישט קיין סך צו טראַכטן, האָט ער ביידן פאַרבעטן אים באַזוכן נאָכאַמאָל, לאָמיר זאָגן, אין אַ צוויי טעג אַרום אין דער זעלבער שעה. (ווי אַ געוועזענער יוריסט אין ציווילן לעבן אינטערעסירט אים דער פאַל) ער וועט זאָרגן אַז אינעם באַשטימטן טאָג זאָל מען ברענגען צו אים דעם מוכטאַר, דעם אויספאָרשער מיט אַלע דאָקומענטן אין שייכות מיטן אַרעסט, אַדרבה, זאָלן ביידע הערן בייזיין די אויספאָרשונג און זיך איבערצייגן, אַז די בריטישע מיליטער־אַדמיניסטראַציע אין פאַלעסטיין, אַרעסטירט נישט סתם אין דער וועלט אַ מוכטאַר, אפילו אין אויסנאַם־צושטאַנד.

ביים פאַרלאָזן דעם קאָמאַנדירס קאַבינעט האָט זיך דער ראַיס אל בעלאַדיה פאַרנויגט און באַדאַנקט, און פאַרזיכערט, אַז אויב דער אַרעסט איז באַרעכטיקט, באַזירט אויף ממשותדיקע באַווייזן, בעט ער פאָרויס זיין עקסעלענץ אָן עקסקיוז (אַנטשולדיקונג) פאַר דער באַלעס־טיקונג און פאַרן אָפּנעמען זיין טייערע צייט. בלית ברירה האָט אַבו מיכה צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, כאָטש דער נוסח פונעם ראַיס אל בעלאַדיה איז אים געווען דערווידער, געווען חניפהדיק, ער וואָלט זיך געזעגנט ווירדיקער...

— גוד ביי, דזשענטלמען.

— גוד ביי, סער.

ווי עס איז געווען אָפּגערעדט, צוויי טעג שפּעטער, איז אין די פאַרמיטאָג־שעהען געקומען צום קאָמאַנדיר אַבו־מיכה אויף זיין גרויען, צאַפּלדיקן פערד. אַבו־מיכה האָט געטראָגן אַ שניי ווייסן אָנצוג מיט אַ טראָפּישן הוט אויפן קאָפּ, דער זאָטל אויפן פערד האָט געגלאַנצט, ווי מען וואָלט אים נאָר וואָס ליאַקירט, אַרום זאָטל האָבן זיך געבאָמבלט רויטע פראַנדזן, די רימענדלעך אויפן קאָפּ־שפּאַן פונעם פערד זענען געווען אויסגעצירט מיט גלאַנציקע זילבערנע ביטן. זיין מויל האָט געשוימט. אַבו־מיכה איז פלינק אַראָפּגעשפּרונגען פון פערד, געהאַלטן אין האַנט אַ כליסט מיט אַ לאַנגער, ברוינער באָרד, אָפּצוטרייבן פליגן און

צו בייטשלען דאָס פערד. אַ ווילע שפּעטער איז געקומען צו רייטן דער ראַיס אל בעלאַדיה אויף אַ רויק ברוין פערד. אַבו־מיכה האָט אים געהאָלפן אַראָפּשטייגן, בעת מעשה באַשיט איינער דעם צווייטן מיט אַלע אַנגענומענע ברכות, מיט שאלות ותשובות ווי זיי וואָלטן זיך נישט געזען מי יודע ווי לאַנג. אַ יונגער פעלאַך פון דער לאַגער־באַדינונג האָט זיך געשטעלט צווישן ביידע פערד, גענומען זייערע לייצלעך זיי צוצובינדן צו אַ פּאָרענטש. אַבו־מיכה האָט געזאָגט דעם יונג ווען צו געבן די פערד וואַסער און ווען אָבראָק, ער האָט געהייסן זיי האַלטן צוגעבונדן אין שאָטן, נאָר, עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַבו־מיכהס ראַסאָוון רייט־פערד איז נישט אָנגעגאַנגען דער יחוס פון זיין מיטגייער, האָט ער פריער באַשמעקט די לופט, דערנאָך אויפגעהויבן דעם קאָפּ, אויסגעשטשי־רעט די ציין און זיך צעהירזשעט מיט אַ תרועה גדולה און גענומען אויסשלאָגן מיט די הינטערשטע פיס, ווי ער וואָלט וועלן אויפרייסן די ערד. דאָס צווייטע פערד איז נישט נתפעל געוואָרן פונעם פרווו אָנצו־וואַרפן אויף אים אַן אימה, איז עס געבליבן רויק קייען דעם צוים אין מויל און נישט אָנגעקוקט דעם באַגלייטער. ווייזט אויס מיט דער כונה אים צו באַליידיקן, האָט ער אויסגעשפּרייט די הינטערשטע פיס און גענומען משתין זיין... דער יונג וואָס האָט זיי געהאַלטן פאַר די לייצעס איז צעטומלט געוואָרן און אַ צעשראָקענער פּרובירט אַנטלויפן. צו זיין מזל זענען צוגעלאָפן אַ פּאָר זעלנער, צעשיידט די פערד און אָוועקגע־פירט זיי צובינדן איינציקווייז, אָפּגעזונדערט איינער פונעם צווייטן.

— בלעדי באַסטאַרדס — געמיינע ממזרים — האָבן די זעלנער געשמועסט צווישן זיך — אפילו די פערד קענען נישט פאַרטראָגן איינער דעם צווייטן.

אַז ביידע נכבדים האָבן געזען אַז זייערע פערד זענען פאַרזיכערט, זענען זיי צוגעגאַנגען צו דער טיר פונעם קאָמאַנדירס קאַבינעט, צו בעטן דעם וואַכמאַן צוויסן געבן זיין עקסעלענץ וועגן זייער קומען. ביים איבערטרעטן די שוועל האָבן זיי געפונען דעם קאָמאַנדיר שטיין ביי זיין רחבותדיקן שרייב־טיש. דער קאָמאַנדיר האָט באַגריסט די געסט, זיי געבעטן זיצן, אויסגעהערט זייערע ברכות און מכבד געווען מיט אַ טרונק.

עס האָט לאַנג נישט געדויערט, ווי עס האָט זיך באַוויזן אַ יונגער אָפיצער מיט אַ טעקע, הינטער אים האָט אַ מיליטער־פּאָליציאַנט באַגלייט דעם צעשראָקענעם, צעטומלטן מוכטאַר, וואָס האָט אויסגעזען גענוג קלאָגעדיק: — נישט געגאָלט, אין אַ צעקנייטשטן, פאַרפלעקטן קאָמבאַז (קאַפטאַן) מיט אַ שמוציקער קעפיע אויפן קאָפּ. ווי עס פירט זיך, האָט ער זיינע שיך געלאָזן פון יענער זייט טיר און איז אַריין אַ באָרוועסער, וואָס האָט נאָך נעבעכדיקער געמאַכט זיין אויסזען.

דער קאָמאַנדיר האָט באַפוילן דעם וואַכמאַן ברענגען אַ פּאָר שטולן, און איידער וואָס ווען האָט דער מוכטאַר זיך געוואָרפן קושן די הענט ביידע נכבדים, בעת דער קאָמאַנדיר האָט די מעשה אויסגעמיטן און זיך אַוועקגעשטעלט פון יענער זייט טיש.

דער ראַיס אל בעלאַדיה האָט זיך אָפּגעטרייסלט פון מוכטאַר בעת אַבו־מיכה האָט אים באַרויִקט, געקלאַפּט אין פּלייצע און געמונטערט: — „נישט שיין יאַ אַבו כאַלעד, האַלט זיך ווי עס פּאַסט פאַר אַ מאַן, אַ מוכ־טאַר, באַרויִק זיך יאַ אַבו כאַלעד״!

פּאַר די צוויי טעג האָט דער קאָמאַנדיר דרינגנדיק אַרויסגעפּאָ־דערט פונעם געהיימען דינסט פּרטים וועגן די צוויי נכבדים, וואָס ער האָט צום צווייטן מאָל פאַרבעטן צו זיך. ער האָט זיך געכאַפּט, אַז ער האָט זיך געפירט צו אייליק, פריער נישט געטראַכט, אפשר וועט ער מיט אַזאַ האַנדלונג פּוגע זיין די פּראָקוראַטור, אפשר זענען ביידע נישט ראוי ער זאָל זיי אויפנעמען, כאָטש לויט דעם קאָדעקס פון אויסנאַמס־צושטאַנד, מעג ער אַליין, אַלס קרייז־קאָמאַנדיר האַנדלען ווי ער פאַר־שטייט. ער האָט זיי פאַרבעטן אַ צווייטן מאָל אין הסכם מיט דער פּאָליטיק פון דער בריטישער מאַכט אין פּאַלעסטיין אין יענעם יאָר זיך צו באַגיין פאַרזיכטיק מיט די נכבדים פון די נייטיווס, באַזונדערס מיט די אַראַבישע, אָפּצוהיטן די כללים פון העפלעכקייט און כיבודים, וואָס דאַרפן נישט זיין פאַרבונדן מיט דער שטאַרקער האַנט כלפּי די אומרויִקע עלעמענטן. די בריטישע קאָלאָניאַלע אַדמיניסטראַציע האָט אין דעם פּרט אַ גרויסן נסיון, דער נציב עליון מיט זיין גענעראַל־סעקרעטאַר אין פּאַלעסטיין, לויט די אינסטרוקציעס פונעם קאָלאָניאַל־אַמט אין לאָנדאָן,

זענען שטאַרק מקפיד נישט אַריבערצוטרעטן די „ליניע", זיי ווייסן ווו און ווען צו לעשן אָדער שטאַרקן אַ פייער, ווען עס ברעכט אויס. לויט די פּרטים, וואָס ער האָט נעכטן פאַרנאַכט באַקומען, האָט זיך אַרויסגע־וויזן, אַז דער ראש העיר פון טול־כּרם איז אָפּשטאַמיק פון אַ מיוחסדיקער משפּחה עפענדיס, גרונטבאַזיצער. אַליין איז ער אַ געמיטלעכער מענטש מיט בילדונג, וואָס ער האָט דערוואָרבן אין אַמעריקאַנער אוניווערזיטעט אין ביירוט. מחמת געמיטלעכקייט מיידט ער אויס ווי ווייט מעגלעך זיך צו מישן אין דער אַראַבישער הויך־פּאָליטיק פון לאַנד, שטילערהייט פאַרגיטיקט ער זיין מעמד, אַלס ראש העיר, מיט פיינע באַשטייערונגען פאַרן העכסטן אַראַבישן ראַט, וואָס ווערט געלענקט פונעם ירושלימדיקן גרויס־מופתי. די בריטישע אַדמיניסטראַציע דאַרף זיך באַמיען נישט פּוגע זיין דעם כּבוד און מעמד פון אַזאַ פּערזענלעכקייט.

וואָס עס איז שייך מיסטער אבו־מיכה פון פּתח תקוה, איז זיין לעבנסגאַנג אַ פאַרוויקלטער און פילפאַרביקער. ער שטאַמט פון אַ משפּחה יידישע קאָלאָניסטן, פון יענע, וואָס האָבן נאָך אַ לאַנגער קייט פאַר־וויקלונגען און בלוטיקע צוזאַמענשטויסן מיט אַראַבער נאָך אין דער טערקישער תּקופה אויסגעבויט די איצטיקע פּתח־תקוה אויפן אָרט פונעם פריערדיקן דערפל מלאַבעס. אַבו־מיכה איז אַ מוטיקער מענטש, אַ שומר, וואָס איז פאַרבונדן מיט דער „הגנה", זיין נאָמען איז געוואָרן לעגענדאַר ביי די יידישע, ווי ביי די אַראַבישע נייטיווס, באַזונדערס נאָך אַ שווערן צוזאַמענשטויס מיטן בעדואינישן שבט פון באַקאַנטן שייך אַבו־קישעק, שוין אין דער בריטישער תּקופה אין פּאַלעסטיין. די בריטישע מאַכט האָט ביידן אַרעסטירט, פאַרמישפּט אויף לאַנגיאָריקער תּפיסה, נאָכדעם באַגנעדיקט, ווייל ביידע האָבן געהאַט שׂכל צו שליסן אַ „ברית־שלום", אָפּצושטעלן די קעגנזייטיקע אָנפאַלן ביזן היינטיקן טאָג. אַבו־מיכה איז איצט דער ממונה אויף דער יידישער שמירה אין דער גאַנצער געגנט, ווו ער איז, ווי געזאָגט, פאַרבונדן מיט דער „הגנה". דער מענטש קען אויסגעצייכנט די אַראַבישע סביבה, ער איז היימיש און אָנגענומען אין אַלע אַראַבישע דערפער ווייט, ביזן צפון פון לאַנד, וואָס די יידן נוצן אויס פאַר זייער פּאָליטיק. אַבו־מיכה איז אַ פאַרנונפטיקער מענטש, וואָס

העלפט צייטנווייז אויס אפילו די פּאָליציי אויספּלאָנטערן כלערליי קרי־מינעלע פּאַרוויקלונגען, ער איז דער שומר־ראש פון גרויסע יידישע און נישט יידישע פערזענלעכקייטן, וואָס באַזוכן פּאַלעסטינע — — — מיט זיין גאַנצן היציקן טעמפּעראַמענט, איז ער פון דער נאַטור, מיט אַלע זיינע האַנדלונגען אַ פּאַסיפיקאַטאָר און איז ווערט באַהאַנדלט צו ווערן ווירדיק, און מיט כבוד.

נאָכן איבערלייענען דעם סטייטמענט פון געהיימען דינסט, האָט זיך דער קאָמאַנדיר באַרויקט, צופרידן געריבן די הענט: — זיין אינסטינקט האָט אים נישט פאַרפירט, ובכן, האָט ער אויסגעליידיקט דאָס רעשט, וואָס איז געבליבן פון דער נעכטן אויפגעקאָרקעוועטער פלאַש וויסקי, און דאָסמאָל נישט אַזוי טרוקן־פאָרמעל אויפגענומעןביידע געסט.

נאָך אַ ווילע שטילשווייגן, לויטן קאָמאַנדירס אַ ווונק, האָט זיך דער יונגער אָפיציר אויפגעשטעלט, סאַליוטירט און אָן איבעריקע צערעמאָניעס אַרויסגעלייענט דעם סך הכל פון דער ביז איצטיקער אויספאָרשונג, פון וואָס דער קאָמאַנדיר מיט ביידע נכבדים האָבן זיך דערוווּסט, אַז אין דער פרשה איז פאַרוויקלט נאָך אַ פערזאָן, אַ פשוטער פעלאַך, אַן אייגנ־טימער פון אַ קליינער נחלה, וואָס טראָגט דעם נאָמען — יוסף עזוני, אָדער יוסף שאַמאַנדרי. אָט די „דיסקרעפּענסי״ (נישט איינשטימיקייט) פון די צוויי פאַמיליע־נעמען, האָט געוואָרפן אַ חשד אויפן מוכטאַר און אויפן פעלאַך; — דער פעלאַך האָט אָנגעגעבן זיין פאַמיליע נאָמען „עזוני״, בעת דער מוכטאַר האָט אין זיין „סטייטמענט״ פאַרן אידענטיפיקאַציע־אַמט אָנגעגעבן דעם פאַמיליע נאָמען פאַרן זעלבן פערזאָן — „שאַמאַנ־דרי״. דאָס אויפקלערן אָט די רעטעניש וועט באַשטימען צי מען זאָל ביידן באַפרייען מחמת אַ פאַטאַלער מיספאַרשטענדניש, אָדער ווייטער פאָרשן, צי דאָס איז נישט פאַרבונדן, לאָמיר זאָגן, מיט דעקן אַ פרעמדן מענטשן פון יענע אומרויקע עלעמענטן אין דערמאָנטן דאָרף, ווו מיסטער אַבו כאַלעד דינט ווי אַ מוכטאַר.

מיט דער הסכמה פונעם קאָמאַנדיר, איז דער איבערזעצער פונעם געלייענטן דאָקומענט, פון ענגליש לשון אין אַראַביש לשון געוועזן דער ראש העיר פון טול־כרם, אָבער אין זיין יאוש און נידערשלאָגנקייט, האָט

דער מוכטאַר קוים תופס געווען דאָס געזאָגטע, בעת אַבו־מיכה איז אינס־טינקטיוו אויפגעשפרונגען, מיט אַ הילכיקן געלעכטער זיך צוריקגעזעצט פּאַטשן מיט די הענט אין די שענקלען פון זיינע פיס.

דער קאָמאַנדיר, דער אויספאָרשער און ראש העיר האָבן גע־ווענדעט זייערע בליקן צו אַבו־מיכהען, נישט באַנומען זיין משונהדיקע אויפפירונג, ביז ער האָט זיך באַהערשט, אַ ביסל באַרויִקט, אויסגעווישט די פאַרטרערטע אויגן און ווידער גענומען לאַכן הויך אויפן קול.

— יאָ, יאָ מוכטאַר אַבו כאַלעד! — האָט אַבו־מיכה ענדלעך אויס־געגרופן — וואָס פאַר אַ שאַראַבאַ (זופּ) דו האָסט אָנגעקאָכט מיט דיין לייכטזין.

אַבו־מיכה האָט געהאַט זיין אייגענע שפּראַך, וואָס איז געווען אַ שם דבר אין דער געגנט. ער האָט גערעדט יידיש מיט העברעיש צוזאַמען, צוגעווירצט מיט אַראַבישע אויסדרוקן, אָדער אומגעקערט — אַראַביש האָט ער גערעדט פליסיק, צוגעמישט מיט יידישע און העברעיִ־שע פסוקים, אָבער אַלע האָבן אים פאַרשטאַנען. דאָס איבערדרייען דעם אָדער יענעם וואָרט, מיטן פאַרבייטן לשון זכר אויף לשון נקבה האָבן זיין שפּראַך צוגעגעבן קאָלאָריט מיט פּאָלקסטימלעכער זאַפטיקייט, און נישט איינמאָל ארויסגערופן הייטערקייט מיט געלעכטער. ענגליש לשון האָט אַבו־מיכה פאַרשטאַנען, אָבער נישט געוואַגט רעדן ענגליש, אַזוי, אַז דער תוכן פון דער באַשולדיקונג, איבערזעצט אין אַראַביש, האָט אים קלאָר געמאַכט די גאַנצע מעשה און ער האָט זיך צום סוף געווענ־דעט צום קאָמאַנדיר:

— סער, כבוד המושל! דערלויב מיר אַלץ קלאָר מאַכן אין אַראַ־ביש לשון, אמת, איך פאַרשטיי ענגליש, נאָר רעדן ענגליש וואָג איך נישט, כאַדערט, דער ראַיס אל בעלאַדיה (כבוד ראש העיר) וועט דיר אַלץ איבערזעצן אין דיין שפּראַך און גלויב מיר, ביי מיין קאָפּ, ביי מיין לעבן און כבוד פון מיין משפחה, אַז מיין יעדעס וואָרט איז אמת, ריינער אמת.

נישט וואַרטנדיק אויפן קאָמאַנדירס הסכמה האָט ער אַזוי געזאָגט:

— איך קען דעם פּעלאַך יוסוף שאַמאַנדרי פון זיין פריסטער יוגנט, אין דער אמתן הייסט ער עזוני. איך האָב געקענט זיין פאָטער דעם עובר בטל, וואָס האָט זיך מיט זיין גאַנץ הויזגעזינט אַריבערגעפּעקלט אין אונדזערע מקומות פונעם דאָרף עזון, ווו זיינע עלטערן און זיידנס זיידעס האָבן געלעבט דורות לאַנג. זיין פאָטער האָט געהייסן סוליימאַן עזוני, נאָר זיין פאַמיליע־נאָמען איז פאַרגעסן געוואָרן מחמת אַ שגעון, וואָס איז אים אַריין אין קאָפּ. ער האָט זיך איינגערעדט, אַז אַללאַ אַליין האָט אים באַשטימט צו זיין אַ רופא און נישט קיין פעלאַך; אויב אַזוי, פלעגט ער היילן זיינע פּאַציענטן מיט כלערליי קרייטעכצער אָדער אויסברענען קראַנקייטן מיט אַן אָנגעגליט אייזן. נישט איינער פון זיינע פּאַציענטן, וואָס זענען געבליבןביים לעבן טראָגן די שפּורן פון זיינע בראַנדווונדן ביזן היינטיקן טאָג. די פעלאַכן האָבן אים געגלויבט מער ווי די שטאָטישע דאָקטוירים. סוליימאַן עזוני וואָלט אַזוי פאַרענדיקט זיין לעבן בכבוד אין דאָרף עזון, ווען נישט זיין באַזונדערע היילונג מיט בוריקעס, אַ בוריק הייסט אין אַראַביש — „שאַמאַנדער״, דערפון האָט זיך צוגעקלעפּט צו אים דער צונאָמען — „שאַמאַנדרי״, ביז זיין אמתער נאָמען עזוני איז פאַרגעסן געוואָרן. דער רופא שאַמאַנדרי איז געוואָרן אַ שם דבר ווייט און ברייט אַרום, די בוריקעס האָט ער אַליין געזייט און געהאָדעוועט אין זיין פּיצל פעלד; — האָט עמעצן וויי געטאָן דער קאָפּ, פלעגט ער אים געבן פעניצלעך געפעפערטע בוריק צוצולייגן צום שטערן, האָט עמעצן וויי געטאָן דער בויך, פלעגט ער אים היילן מיט געהאַקטע בוריק געמישט מיט געמאָלענעם געווירץ און געהייסן שלינגען אָט די רפואה, יעדע שעה אַ לעפל. האָט ווער געליטן פון מאָגן, פלעגט ער אים געבן געריבענע בוריקעס געמישט מיט אימבער. קינדער־קראַנקייטן פלעגט ער היילן מיט געבאַקענעם בוריק אָנגעפילט מיט צוקער. אַזוי האָט ער געהיילט הענט מיט פיס מיט יעדן קראַנקן גליד, צו יעדער קראַנקייט — בוריקעס, צייטיקע און יונגע, אפילו זייערע בלעטער פלעגט ער קאָכן און דאָס וואַסער פאַרזיסן ווי אַ רפואה פאַר שוואַנגערע! און זויג־פרויען. מעשה שטן זענען אַלע געווען מרוצה, ווען רעדט נאָך, ווען זיין היילן מיט זיינע רפואות האָבן געקאָסט

אַ שיבוש־פּרוטות, און עס האָט געהאָלפֿן, אַזוי האָבן מענטשן דערציילט איינער דעם צווייטן.

אין אַ שיינעם טאָג האָט זיך זיין מעדיצין אויסגעלאָזט און צר האָט געמוזט עוקר זיין פֿון דאָרף, נאָך וויסטע קלעפּ, וואָס האָבן אים שיעור נישט געפּירט אין קבר. די מעשה איז פּאַרלאָפֿן מיט אַ טאָכטער פֿון אַ גוטגעשטעלטן פֿעלאַך, אַ שיינקייט, אַ שמעקעדיקע בלום, אַ קלוגע און געראָטענע. איר פֿאָטער האָט זיך געגייט אַ בייטל, צו זיין זיכער, אַז ער וועט איר אויסגעבן פֿאַר אַ רייכן מאַן, וואָס וועט פֿאַר איר איינ־צאָלן אַן אוצר נדן. ווען דאָס מיידל איז נאָך נישט אַלט געווען פֿולע 16 יאָר, האָבן שדכנים אָפּגעשלאָגן זיינע שוועלן, שדכנים פֿון טול־כּרם, פֿון קלקיליה. אפֿילו פֿון די וויטע דזשענין און שכם, שוין אָפּגערעדט פֿון די נאָענטע דערפֿער. פֿון עזון ווו דאָס מיידל האָט געלעבט, האָט זיך קיינער נישט געשדכנט, כאָטש די פֿעלאַכישע בחורים האָבן צו איר גאָר שטאַרק געגלוסט, זייערע עלטערן האָבן געטענהט, אַז אַ פֿעלאַך דאַרף אַ יונגע, געזונטע, אַרבעטסזאַם ווייב צו ווירטשאַפֿטן און געבוירן קינדער, זיי נויטיקן זיך נישט אין ליאַלקעס מיט ווייסע הענטלעך. אָבער איר גורל האָט זיך נוקם געווען, זי האָט אָנגעהויבן ליידן פֿון קאָפּווייטאָג, איר פֿאָטער האָט געבראַכט דעם רופֿא סוליימאַן שאַמאַנדרי, וואָס האָט באַטראַכט איר שיין פּנים. — „גוט", האָט ער געזאָגט, — „מיר'ן זי אויסהיילן". האָט ער זי געהיילט מיט פֿענעצלעך געקאָכטע בוריק גע־ווייקטע אין כלערליי קרייטעכצער, עס האָט נישט געהאָלפֿן, פֿאַרקערט, ס'איז איר געוואָרן ערגער, זי האָט אויפֿגעהערט עסן און שלאָפֿן און פֿאַרלוירן איר שיינקייט. אַז עס האָבן איר גענומען אַרויסשפּאַרן די אויגן, וואָס האָבן גענומען אויסזען ווי גלאָז, האָט סוליימאַן שאַמאַנדרי איר גענומען היילן די אויגן אויך מיט צוליגן געריבענע בוריק געטונקטע אין איינעם פֿון זיינע קרייטעכצער. עס האָט לאַנג נישט געדויערט און דאָס מיידל איז בלינד געוואָרן. נאָך אַ חודש פּינצטערניש מיט יסורים האָט זי איין מאָל ביינאַכט זיך אַרויסגעגנבעט פֿון דער היים און — — — צומאָרגנס האָט מען זי געפֿונען אַ טויטע אינעם דאָרפֿישן ברונעם. ווען נישט דער קאָדי מיטן מוכטאַר פֿון עזון, וואָלט מען דעם רופֿא

צעריסן אויף שטיקער, זיי האָבן אים אויסבאַהאַלטן און געהאָלפן אַנט־לויפן פון דאָרף. אַ לענגערע צייט האָט ער זיך אויסבאַהאַלטן ביי קרובים אין שכם, זיין ווירטשאַפט איז חרוב געוואָרן, זיינע טעכטער האָבן חתונה געהאַט אין ווייטע מקומות, אַלע הכנסות זענען אַוועק איבערצו־בעטן און פאַרגיטיקן דעם פאָטער פון אומגליקלעכן מיידל. זיין בן יחיד יוסוף, דער אַרעסטירטער, האָט איבערגענומען זיין פאָטערס צונאָמען — „שאַמאַנדרי״, וואָס האָט זיך צו אים צוגעקלעפּט ווי אַ העמד צום לייב ווי געזאָגט, ביז צו פאַרגעסן זיין אמתן פאַמיליע־נאָמען.

נאָכן אַרויסלייגן די טענה, האָט אַבו־מיכה אָפּגעווישט דעם שוויס פון פּנים און דער צוזאַמענגעבראָכענער מוכטאַר האָט וויינענדיק גענו־מען שווערן מיט אַלע אָנגענומענע שבועות, אַז יעדעס וואָרט פון דעם באַרימטן אַבו־מיכה איז כולו אמת, — „אמת, בחיית אַללאַ, בחיית אולאדי, ביתי, בחיית״ — — — (ביים לעבן פון גאָט, פון מיינע קינדער פון מיין הויזגעזינט).

אין קאַבינעט איז שטיל געוואָרן ביז דער קאָמאַנדיר האָט זיך אויפגעהויבן פון שטול און געזאָגט: — „וועל, איך האָב נישט וואָס צו פרעגן״, צום יונגן אָפיצער פון דער פּראָקוראַטור האָט ער צוגעגעבן, — „אין ליכט פון דעם דערציילטן פון מיסטער אַבו־מיכה, זייט משלים די אויספאָרשונג״.

דער אָפיצער האָט צונויפגענומען זיינע פּאַפּירן, אַ ווונק געטאָן דעם מיליטער־פּאָליציאַנט אַרויסצופירן דעם מוכטאַר, זיך אויסגעצויגן, און שטייף סאַליוטירט דעם קאָמאַנדיר: — „יעס סער, צו דיין באַפעל״.

— גוד ביי מיינע הערן — האָט זיך דער קאָמאַנדיר געווענדעט צו זיינע באַזוכער, זיך לייכט פאַרנויגט, אַ סימן, אַז די אוידיענץ איז געענדיקט.

— גוד ביי, סער.

— גוד ביי עקסעלענץ.

נאָך זיין באַפרייונג האָט דער מוכטאַר, אַבו כאַלעד, געפּראַוועט אַ גרויסע פאַנטאַזיע פאַרן גאַנצן דאָרף, וואָס האָט אים צונויפגעבראַכט אַ פולע שטוב מתנות מכל טוב: — ביכורים פון וויינטרויבן, מישמיש, פייגן, וואָס האָבן געטריפט מיט האָניק, געבראָטענע עופות, באַקלאַווי

(האָניק־קוכן) געזאָלצענע גרינע מאַנדלען, פּילטוקעס, בערג וואַרעמע, פרישע פּיטעס, לבניה־קניידלעך אין שמן זית, איילבערטן, גרינצייג, פלעש־לעך בשמים־וואַסער צו באַשפּריצן חשובע געסט און וואָס נישט?

אַבו כאַלעד אַליין האָט מקריב געווען אַ יונגן שעפּס, וואָס ווייבער האָבן אָנגעפּילט מיט רייז, פּעפּער און צנאָבערקערעלעך. אַ גאַנצע נאַכט האָבן שבאַב (יוגנטלעכע) געבראָטן דעם שעפּס אויף גליאיקע קוילן, דער גן־עדן ריח פונעם געבראָטנס האָט זיך צונויפגעמישט מיטן דופט פון צייטיקע תבואה און בשמים פון נאָענטע פּרדסים אויף מיילן אַרום.

די גאַסטשטוב פון מוכטאַר איז געווען צו קליין פאַר אַזאַ שמחה, האָט מען דעם כיבוד געסאַרווערט אין הויף אויף דער ערד, אויף אויסגעשפּרייטע ראָגאָזשעס. אַרום די ראָגאָזשעס האָבן געשפּילט אויף חלילן און געטאַנצט שורות פעלאַכן, פּאַכנדיק מיט נאַבוטן (שלאָג־שטעקנס) אין דער לופט. אין אַ ווינקל, אויף הייסע קוילן האָבן געזידט פינדזשאַנען קאַווע. מיטן קאָכן די קאַווע האָט זיך פאַרנומען דער דאָר־פישער לץ, נייעף חאַבאָשי, געשטויסן אַ פולע סטופּע, שמעקעדיקע, ברוינע קערנער, ער האָט געשטויסן מיט אָן אַלטן דעמבענעם מערזל, אויסגעקלאַפּט ניגונים, בעת מעשה.

האָט ער קונציק געוואָרפן דעם מערזל אין דער לופט און צוריק־געכאַפּט און צוגעזונגען אַליין פאַרפאַסטע פערזן:

— אַבו כאַלעד דער מוכטאַר, / אַבו כאַלעד דער גרויסער נאַר, / אַבו־מיכה אַ ייד אַ העלד, / פּליט ווי אַ אָדלער / פון פעלד צו פעלד...

די געסט האָבן געקייכט פון זיין ליצנות, צוגעפּאַטשט מיט די הענט מיטצוזינגען ריטמיש:

„אַבו כאַלעד, / אַבו־מיכה, / אַבו כאַלעד...

זיכער איז אַבו־מיכה מיט זיינע שטענדיקע באַגלייטער, שומרים, געזעסן אויבנאָן צוזאַמען מיטן מוכטאַר אין אַזאַ היסב־בעט פון קישעלעך, אַבו־מיכה האָט צופרידן געדרייט די שפּיציקע וואָנצעס, צוגעפּאַטשט מיט די הענט צוגלייך מיט אַלעמען, מיטגעזונגען די פערזן, צוגעזופּט קעליש־קעס גוטן, ריינעם זאַבלאָווי־אַראַק, וואָס מען האָט פריער צוגעגרייט לכבודו. דאָס געבראָטענע פליישיקס האָט מען געסאַרווערט אויף אַ רונ־

דער, קופּערנער טאַנץ, אין מיטן דער שעפּס — אַרום אויסגעלייגט געבראָטענע, ברוינע הינער מיט טויבן. דער מוכטאַר האָט מיט די הענט אָפּגעריסן אַ שטיק געבראָטנס, אָנגעשטאָפּט מיט רייז און דעם ערשטן מכבד געווען זיין ערן־גאַסט אַבו־מיכה, דאָס איז געווען דער צייכן אָנצוהויבן די סעודה, באַלד האָט זיך דער עולם געוואָרפן צו די געריכטן צו פאַרצערן, וויפל ס'איז אַריין, נישט פאַרגעסן איבערצולאָזן שיריים פאַר די ווייבער און קינדער. דער סימן פון זאַטקייט איז געווען דאָס הילכיקע גרעבצן און דאָס פאַרזופּן מיט ביטערע טראָפּנס קאַווע. אחרי ככלות הכול, האָט זיך דער עולם פויל אויפגעהויבן און געלאָזט, טענצלענדיק, מיט געזאַנג צום דרעש־פעלד אויף אַ פערד געיעג, צו פאַרענדיקן די שמחה.

ווי שטענדיק אין פערד־געיעגן, האָט זיך אויסגעצייכנט אַבו־מיכה מיט זיין צאַפּלדיקן גרויען אַגער, ער איז געפלויגן ווי אַ פייל פון בויגן, איבערגעיאָגט אַלעמען. נאָכן געיעג, ווען אַלע האָבן גענומען זיך צוריקקערן צום אויסגאַנגס־אָרט, איז געקומען צורייטן אויף אַן אַלטן, הינקענדיקן אייזל דער דאָרפישער לץ נייעף חאַבאַשי משמח צו זיין דעם מידן עולם.

עס איז שוין געווען אַ שטיק אין דער נאַכט, בעת מען האָט פאַרזופּט מיט די לעצטע טראָפּנס קאַווע און זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען אין די היימען, האָט זיך דער לעצטער אַרויסגעלאָזט אויף זיין אָפּגערוט פערד אַבו־מיכה, זיינע באַגלייטער, די שומרים, זענען אַרויסגעריטן פריער אויף שמירה אין די צייטיקע וויינגערטנער.

אַ צעשמייכלטע פולע לבנה, אין אויסגעבריליאַנטעוועטן טונקל־סאַמעטענעם־הימל, האָט אַראָפּגעקוקט און דערזען, ווייטלעך פונעם דאָרף אָנגעלענט אָן אַן איילבערטבוים, דעם פאַרגעסענעם, נישט דערמאָנטן מחותן פון דער שמחה, יוסוף שאַמאַנדרי, ער האָט געביסן די נעגל און געכליפּעט. אויף אַ צווייג איבער זיין קאָפּ האָט אַ סאָווע זיך איבערגערופן מיט אַ צווייטן נאַכט־פויגל, ווי זיי וואָלטן געחוזקט פון אים.

ווי געזאָגט, נאָכדעם ווי יוסופס משפחה איז צעפאַלן געוואָרן, איז ער אַוועק צו אַ ווייטן קרוב אין אַ דערפל צווישן קלקיליה און טול־כרם,

זיין קרוב איז געווען אַ פּעלאַך ווי ער, וואָס האָט פאַרמאָגט אַ פּיצל קרקע מיט עטלעכע אײלבערט־ביימער, אויף דער פּיצל קרקע האָט ער געזייט גרינצייג פאַרן אייגענעם געברויך, אַזוי אַז ער פלעגט מוזן זיך אַנדינגען אַלס טאָג־אַרבעטער אין אַ נאָענטן יידישן פּרדס. מיטן גרינצייג און עופות האָבן זיך פאַרנומען זיין ווייב און קינדער, אַזאַ קרוב האָט אים נישט געקענט העלפן חוץ מיט אַן אָרט אויף אַ מאַטע, אויפן דיל, ווו צו שלאָפן.

לויט דער עצה פונעם קרוב איז יוסוף אַוועק אַרבעטן אין יידישע פּרדסים, אַ מאָל אין מגדיאל, אַ מאָל אין כפר סבא.

יוסוף איז געווען אַ שטילער פלייסיקער בחור, זיך באַגנוגנט מיט וויניק, מיט אַ פּיטע, מיט אַ הייפל זיתים, מיטן אָפּפאַל פון פּרוכט זכדומה. ער האָט געשפּאָרט פון מויל, געקליבן פּרוטה צו פּרוטה ביז ער האָט פאַר גאָר ביליק געקויפט אַ מיידל — זיין איצטיק ווייב, אַ קנאַפּע פאַרשוינטע, אַ הינקעדיקע, מיט שפּורן פון פּאָקן אויפן פּנים, דערפאַר איז זי געווען אַ שטילע, גוטע, אַן אַרבעטסזאַמע, וואָס פלעגט גיין וואַשן וועש ביי נאָענטע יידישע מושבניקעס, אָדער זיך אַנדינגען אויף פעלד־אַרבעטן. די יידישע באַלעבאָסטעס פלעגן איר געבן גענוג עסן, פון וואָס זי פלעגט נאָך פאַראיבעריקן פאַר יוסופן, געצאָלט האָט מען איר וויניק, פון דעסט וועגן האָבן ביידע געשפּאָרט, ביז זיי האָבן אָנגע־קליבן אַ גענוגנדיקע סומע און זיך איינגעשאַפט אַ שטיקל פאַרוואַרלאָזטע קרקע, וואָס האָט זיך געגרענעצט מיטן פּרדס, ווו יוסוף האָט געאַרבעט.

דער פּרדסן מיט זיין מנהל עבודה, גוטמוטיקע יידן, אָפּשטאַמיקע פון רוסלאַנד, פלעגן אַוועקקוקן ווי ער פלעגט ביים באַוואָסערן דעם פּרדס, מכלומרשט אָן כונה, אויפמאַכן אַ שטעגעלע פאַר וואָסער עס זאָל פליסן צו זיין שטיקל קרקע, זיי פלעגן זיך מאַכן נישט זען קליינלעכע גניבות, ווי אַ ליידיקן זאַק, אַ מאָל אַ צעבראָכענע קירקע אָדער אַן אַלטע טאַריע, אַ ביסל „ברירה״ (פּרוכטסאָפּפאַל), וואָס פלעגט במילא צעפוילט ווערן אונטער די ביימער, זיי האָבן געוווסט, אַז יוסוף לקחנט נישט פון גייציקייט, אָדער רשעות, ער טוט עס פון נויט און פון ווילן אָפּצושפּאָרן נאָך אַ פּאָר פונט, זיך אויפצושטעלן אַ הייזקע פון אָנגעקליבענע, בראַ־

קירטע, אַלטע ציגל מיט בלאָקן, וואָס אַ טייל פון דעם האָט אים דער פּרדסן פריער געשאָנקען, בדרך כלל איז פאַר יעדן פעלאַך יעדע קלייניקייט אַ שטיקל קרן, אַ פשיטא פאַר אַזאַ ווי יוסוף.

יוסוף מיט זיין ווייב האָבן נישט געוווסט פון אַ פרייען טאָג, זיי האָבן געאַרבעט פון פינצטער ביז פינצטער, זיבן טעג אַ וואָך, אפילו ווינטער אין די רעגנדיקע טעג, האָבן זיךביידע פאַרנומען אין דער אייגענער ווירטשאַפט, זי האָט געוואַשן, געלאַטעט, געהאָדעוועט עטלעכע עופות מיט אַ מילך־ציג, ער — מיט אַ זאַק אויפן קאָפּ, צווישן איין רעגן און צווייטן, פלעגט זיך באַדערן אין זיין שטיקל פעלד, אין שכנות מיטן פּרדס, פון יענער זייט באַן־ליניע.

נאָך דער צרה מיטן אַרעסט, נאָך מער ווי אַ חודש „קאַלאַבוש" (טורמע), האָבן זיך ביידע דערווייטערט פון מענטשן, אפילו פון נאָענטע שכנים. אַללאַ האָט זיי נישט געשאָנקען קיין קינדער, וואָס האָטביידן שטאַרק געקרענקט. לכתחילה האָט יוסופס ווייב „עפּעס" פּרובירט טאָן, זי איז געלאָפן צו אָפּשפּרעכערינס, צו כלערליי רופא'טעס, געקייקלט וואָרעמע אייער אויפן בויך, געמורמלט שפּרוכן מיט תפילות, געטרונקען וואַסערלעך פון קרייטעכצער, און לויט יוסופס ווילן געגעסן בוריקעס, רויע, געקאָכטע, געריבענע מיט און אָן צוקער (יוסוף האָט נישט אויפגעהערט גלויבן אין זיין פאָטערס אומנות), עס האָט נישט געהאָלפן, איר טראַכט איז געבליבן פאַרשלאָסן, אַזוי, אַז זיי האָבן רעזיגנירט און פאַרענדיקט מיט די רפואות. — „האַדאַ מין אַללאַ — ס'איז דער ווילן פון אַללאַ, דאָס איז זיין רצון, כאַלאַס־געעקט".

אַזוי האָבן ביידע געלעבט אין זייער אָפּגעשלאָסן, קליין וועלטל ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען אַרבעטסהענט מיט גרינציייג איז געוואָרן מיט גאָלד צוגלייך. אין יענע מלחמה־יאָרן איז יוסוף געקומען צו זיך, ער האָט פריער אָפּגעשפּאָרט אויף צו קויפן אַן אייזל, שפּעטער אויף אַ קו, אַריינגעשטעלט אמתע שויבן אין די פענצטער פון זיין הייזל, אָנגעהאָנגען אויף זיי לאָדנס און צוזאַמען מיטן ווייב געגאָסן אַ בעטאָן־דאַך פון געלקחנטן צעמענט, וואָס ער האָט איינגעהאַנדלט ביי אויסטראַלישע זעלנער. זיפזיף האָט ער געבראַכט פון מרחקים אויפן אייזל,

בקיצור, יוסף איז געוואָרן אַ „בעל בעמו״, אַ פעלאַך מיט אַלעמען צוגלייך, אפילו געגאַנגען פרייטיק און יום טוב אין דער נאָענטער דזשאַמע (מעטשעט).

ווי זיין ווייב האָט אים געזאָגט, איז ער געבוירן געוואָרן אין אַ שלעכטער שעה, ווארום אַלע פאַר יאָר האָט ער געהאַט נייע צרות.

עס זענען נישט אַוועק קיין פולע דריי יאָר נאָך דער מלחמה, ווי עס איז ווידער אומרויק געוואָרן אין פאַלעסטין. עס האָבן זיך געראַנגלט יידן מיט ענגלענדער, ענגלענדער מיט אַראַבער, אַראַבער מיט ענגלענ־דער צוזאַמען קעגן די יידן. ווידער בלוט, רציחות און שיסערייען, חורבונות און פייער. כאָטש יוסף מיט זיין ווייב האָבן זיך פון דעם אַלעמען אויסבאַהאַלטן אין זייער פאַרוואָרפן ווינקל, נישט צו פאַלן קיינעם אין די אויגן, אויסצומיידן יעדעס „קנעפל״, פלעגן באַוואָפנטע אַראַבישע כנופיות נישט אויסמיידן זייער שטילע היים. מען האָט זיי נישט איינמאָל באַזוכט בייטאָג און ביינאַכט, געשלאָגן, מיט אַ רעוואָלווער צוגעשטעלט צום ברוסט געפאָדערט געלט, וואָס יוסף האָט פריער געוווסט צו באַהאַלטן אין אַ דזשאַרע (ליימענעם קרוג) אין דער ערד, ער האָט געטענהעט, געוויינט, אַז ער איז אַ „מסכן״, אַן אָרימער פעלאַך, — — — פלעגן זיי איבערדרייען זיין הייזל מיטן קאָפּ אַראָפּ, געגראָבן דעם דיל, געשחטן און אויפגעפרעסן די הינער, די ציג, אפילו צוגענומען די קו מיט אַ קעלבל, אַ שיין קעלבל.

וואָס האָבן זיי געזאָלט טאָן? — בעטן הילף פון נאָענטע שכנים? — ליידן זיי די זעלבע צרות. זיך פאַרקלאָגן פאַר דער פאָליציי אין קלקיליה? — וועט מען זיי ביינאַכט שעכטן. לויפן צום מוכטאַר? — איז דער מוכטאַר אַליין אַנטלאָפן. האָט זיך דער מצב אַזוי געשלעפּט ביז די אמתע מלחמה צווישן די בני־ערב מיט די יהוד, וואָס האָט געדויערט מער ווי אַ האַלב יאָר ביז זי האָט זיך פאַר זיי געענדיקט.

די אינגליז האָבן פאַרלאָזן פאַלעסטין, עס זענען געקומען אַנדערע זעלנער און פאַרלייגט נייע גרענעצן צווישן די יהוד און די בני ערב — דאָליאַט איסראַיל (מדינת ישראל) מערב־זייט פון דער באַן־ליניע, די דאָליאַט אורדאַן (ירדן) — פון מזרח־זייט. צו זייער בראָך האָט די באַן־

ליניע געשניטן זייער נחלה: — דאָס הייזל מיטן געהעפּט איז געבליבן פון מזרח־זייט פון דער באַן, בעת דאָס פעלד פון מערב־זייט, אין איסראַיל. צווישן דער גרענעץ פון אורדאַן און דער באַן־ליניע איז אָנגעפּליאָנטערט געוואָרן אַ וואַלד שטעכעדיקע דראָט מיט אײַנגעפלאַנצטע מינעס פאַרשאָטענע מיט ערד.

צו אַלץ געוויינט מען זיך צו. אַז דער באַהאַלטענער מטמון אין דזשאַרע האָט זיך געגומען אויסלאָזן האָט יוסף זיך ווידער געלאָזט זוכן אַרבעט ביי פרעמדע, ער האָט אָנגעשפּאַרט ביז דער לאַנדווירטשאַפטלעכער שולע „כדורי“, נישט ווייט פונעם וואַקזאַל אין טול־כרם, ווו מען האָט אים פאַר אַ קליין געצאָלט באַשעפטיקט ביי יעדער מלאָכה בזויה. גם זו לטובה, ווארום בעת ער פלעגט אַרויספירן דאָס מיסט פון דער קיך, פלעגט זיך שטענדיק עפּעס צוקלעפּן צו זיינע הענט, שטיקער פיטע, אַ שטיקל דזשיבנע (קעז), אַ פּאָר קאַרטאָפל, אַ קוסע, אַ רעטעך וכדומה. יוסף האָט געטראָגן מיט זיך אַ קענדל פון אַ קאָנסערוון־בלעך, ווו ער פלעגט אַריינשטופּן שיריים פון מיטאָג, וואָס פלעגט געניגן פאַר דער ווייב אפילו פאַר די הינער, וואָס זיי האָבן זיך איינגעשאַפן פון ס׳ניי. די ערשטע אייער האָבן זיי געקליבן, געלאָזט אויסבריען הינדלעך — אַ שטיק לעבן אין הויף, די פאַר בוימער האָבן געגעבן געגוג אייל־בערטן פאַרביידן, עס זענען אויסגעוואַקסן פרישע סאַברעס, זייער שטעכעדיקע פרוכט איז פון אינווייניק געווען זיס, — האָט מען עס געגעסן מיט אַ פּיטע, דאָס האָט געהאַט טויזנט טעם.

נאָך אַ פּאָר יאָר זענען אַוועק, עס איז צוגעקומען אַ מילך־ציג מיט אַן אייזל, אַזוי, אַז יוסף האָט מער נישט געדאַרפט לויפן יעדן טאָג שעהען צופוס, הין און צוריק, צו דער אַרבעט אין דער „כדורי־שול“, ווו מען האָט זיך צוגעוויינט צו אים, אפילו געהעכערט זיין לוין מחמת זיין געהאַרכזאַמקייט און פליס.

יוסף מיט זיין ווייב וואָלטן שוין משלים געווען מיטן נייעם מצב, ווען נישט דער ווייטאָג מיט דער עצבות צוליב דעם פאַרלירן דאָס שטיק פעלד פון יענער זייט באַן. אין פרייע שעהען פלעגן ביידע אַרויפקריכן אויפן דאַך פון זייער הייזל און נישט קענען אָפּרייסן די אויגן פון זייער

פעלד, וואָס איצט האָבן עס באַארבעט יהוד, נישט אַזעלכע גרויסע, שטאַרקע, ווי די מאָסקאָב (רוסישע), וואָס זיי האָבן פריער געקענט, נאָר קליינוווקסיקע יידן, מיט קעפּקעס, מיט שיטערע בערדלעך און פּאות־לעקלעך. זיי פלעגן זיך פּאָרען אין פעלד ווי אַראַבישע פעלאַכן, פון פינצטער ביז פינצטער. זיי האָבן פאַרלייגט וואַסער־רערן מיט שפּריצער, וואָס האָבן זיך געדרייט, באַשפּריצט דעם אַרום, געזשומעט ווי בינען, ביי זיי איז יעדער שפּאַן ערד געווען פאַרזייט, שטענדיק גרין, גוט באַארבעט. דער ווייטאָג איז געווען גרויס, די שבאַב (יוגנט) זענען גערעכט, די יהוד זענען האַרצלאָזע גנבים, זיי באַארבעטן זייער פעלד, אַללאַ, יא אַללאַ! די מלחמה פון 1956 איז זיי פאַרבייגעגאַנגען, כאָטש די אַזקאַרי (מיליטער) פון מלך חוסיין, האָבן נישט איינמאָל אים, מיט נאָך פעלאַכן ווי ער, גענומען צו גראָבן גראָבנס לענג אויס די שטעכעדיקע דראָטן, צו מישן בעטאָן, צו גיסן בונקערס לענג אויס דער גרענעץ ביי דער באַן. געצאָלט האָט מען זיי — אַ קרענק, אָבער עסן האָט מען געגעבן גענוג, פון וואָס מען פלעגט נאָך קענען עפּעס ארײַנשטופּן איז בוזעם, מיטצונעמען אַהיים. דאָס האָט געדויערט וואָסערע 5—6 וואָכן ביז עס איז רויק געוואָרן און ער האָט זיך געקענט צוריקקערן צו זיין שטענדיקער אַרבעט אין הויף פון דער „כדורי״־שולע.

ווען אַבו־מיכה וואָלט אים איצט געזען, וואָלט ער אים נישט דערקענט; ער איז אויסגעטריקנט געוואָרן, גרוי, אַ ביסל זיך צוגעבויגן, זיין גאַנג איז געוואָרן לאַנגזאַמער, נאָר די הענט זענען געבליבן שטאַרקע, ווי פריער — אייזן! זיין ווייב איז זיכער נישט געווען צו דערקענען, זי האָט זיך אויך צוגעבויגן, געוואָרן פאַרוויאַנעט — אַ זקנה. וואָלט כאָטש אַ קינד אַרומגעלאָפן אין הויף, אַ זון צו שטאָלצירן, אָדער אַ טאָכ־טער אַ מאָל צו געניסן פון איר נדן, האָט זיי אַללאַ פאַרמיטן אַזאַ גליק און נחת. און די בושה? — אַ מאַנצביל אָן כח גברא, אַן אשה — אַ ליידיקע כלי...

אין די זעכציקער יאָרן האָט זיך ווידער גענומען טומלען, ווידער אויפרייסן מיט שיסערייען אין די נעכט, תבואה־פעלדער מיטביימער פאַרלענדטע פון פייער. ביי דער אַרבעט אין הויף און אין די שטאַלן פון

דער שול פלעגט יוסוף זיך מאַכן נישט הערנדיק די מעשיות פון, און וועגן, דער גבורה פון די אַראַבישע פעדאַיון, וואָס מאַכן חרוב איסראַיל און דערנענטערן איר יום הדין, איר סוף, ווען יעדער איבן ערב וועט צוריקקריגן זיין רכוש פון יענער זייט באַן־ליניע, מיט אַ צוגאָב פונעם גרויסן שלל. נאָר איין איינציק מאָל, מיטאָג־צייט, האָט מען אים געקיבעצט און אַריינגעצויגן אין אַזאַ שמועס צו טאַדלען, הלמאי ער, וואָס האָט נישט קיין קינדער, ער אַ באַגזלטער, לייגט נישט צו אַ האַנט צו דער מלאָכה פון די פעדאַיון. צו זייער וווּנדער האָט יוסוף אויפגעמאַכט דאָס מויל און מיט צאָרן געענטפערט, אַזוי צו זאָגן: — „די פעדאַיון מאַכן חרוב איסראַיל און מיר זעען ווי זייערע פעלדער און באַיאַרעס בליען, נאָך יעדער איינער באָמבע און אויפרייס, פון י ע נ ע ר זייט, ביי זיי, — צען אויפרייסן מיט צען באָמבאָט ביי אונדז, אָט איז געפלויגן אין דער לופט אונדזער נעפט־מאַגאַזין, אָט זענען איינגעפאַלן די ווענט פון דער באָליס (פּאָליציי)־פּעסטונג אין קלקיליה, און די לויות? צי זעט איר נישט זייערע שיינע טראָמביליאָט (אויטאָמאָבילן) און באַבוראָט (מאַשינען) אין זייערע פעלדער, זייער רעגן, וואָס פאַלט נישט פון הימל אויף דער ערד, נאָר אומגעקערט: — עס שפּאַרט פון דער ערד אַרויף צום הימל! — איך זע עס יעדן טאָג, ס׳איז באַענט, אַנצוטאַפּן מיט די הענט, אָט, אָט אונטער דער נאָז״...

האָבן זיך אַ הויב געטאָן עטלעכע היצקעפּ אים פאַרמאַכן דאָס מויל, לאָז ער אויסשפּייען די ציין, וואָס עס זענען אים פאַרבליבן פון די אינגליז: — „אַרס, סאַקער בוזאַק (מנובל, פאַרמאַך דעם פּיסק)״, האָבן זיי מיט צאָרן געשריען, זיך געוואָלט וואַרפן אויף יוסופן, צו זיין מזל האָט דער ראַיס (מנהל עבודה) אים פאַרשטעלט און געצוימט די די היצקעפּ: — „לאָזט אים צורו דעם צעדרייטן שאַמאַנדרי. אַנדו מאַפּיש מוח — ער האָט נישט קיין געהירן, ווי ער האָט נישט קיין כח גברא, לאָזט אים צורו״; דער ראַיס האָט געטראָפן אין פּינטל, דאָס דערמאָנען יוסופס מוח האָט אַרויסגערופן אַ געלעכטער, וואָס האָט נאָכגעלאָזט די רוגזה.

עס זענען געקומען נעכט, ווען פעדאַיון האָבן ווידער באַזוכט

יוסופס ווינקל, זיי האָבן אויסגעליידיקט זיינע סלאָיעס און בלעכן, מכבד געווען אים מיט זיין ווייב מיט קלעפּ, אָבער יוסוף האָט זיך אויסגעלערנט שווייגן, מאַכן אַן אָנשטעל פון אַ תם, ער האָט זיך אויך אויסגעלערנט, וואָס עס לאָזט זיך נאָר, אויסבאַהאַלטן אינעם טויבן־שלאַק אויפן דאַך, אינעם מיסט אונטער דער קאַריטע אין שטעלכל, און דעם אייזל אויס־באַהאַלטן אין די נעכט, ווייטער פון דער היים צווישן הויכע קוסטעס און דערנער. וואָס האָט ער געזאָלט טאָן?

סוף פרילינג 1967 ווידער אומרו, מיט אימה, מיט אַ פאַרנעפּלטער האָפענונג, אַז דאָס מאָל וועט מען פאַרענדיקן מיט יהוד און מאַכן דעם חשבון פאַר אַלע יאָרן. אלנפאַלס, רעדט מען איצט אַזוי אומעטום. מען זעט פעדאַיון שפּרייזן צוזאַמען מיט זעלנער פון דער קעניגלעכער אַרמיי, וואָס גיט זיי צו חשיבות. מען גראָבט נייע גראָבנס מיט גריבער, ווו מען שטעלט אַריין האַרמאַטן מיט מיטראַליאָזן. קאַדיס מיט עפענדיאַט קומען אין מעטשעט מונטערן דעם עולם, צו שיטן פייער אויף די יהוד, זיי פאַרזיכערן מיט התלהבות, אַז איצט איז נאָענט דער טאָג ווען צענדליי־קער מיליאָנען בני ערב, די חיילות פון גאַמאַל עבד אל נאַסער, מיט די חיילות פון סיריע, ליבנאָן (לבנון), איראַק מיט די העלדישע לעגיאָנען פון מעלעק חוסיין, וועלן באַלד לאַגערן אין טעל־אַביב נאָכן אַריינ־שליידערן אַלע יהוד אין ים אַריין, אַלעמען, אַלעמען, קליין און גרויס... נאָך די תפילות און דרשות פלעגט מען אַרויס אין גאַס מיט פלאַטערנ־דיקע פאָנען, מיט געשרייען: — „אַלע צום געווער, אַלע מיט געווער! — יאַללאַ בני־ערעב, עליהום, אויף די יהוד”! מען קען נישט זאָגן, אַז יוסוף איז נישט מיטגעריסן געוואָרן, דאָס מאָל האָט זיך געלאָזט גלויבן אין די רייד, זאָל מען די יהוד וואַרפן אין ים, זאָל מען זיי וואַרפן... עס איז אים נאָר אַ שאָד אויפן גוטן אבו־מיכה...

נאָכן גאַנצן רעש גייט מען נישט אין די היימען אָנגורטן ביקסן, מען באַלאַגערט גאָר די קרעמלעך און סקלאַדעס, מען קויפט, מען כאַפּט, מען שלעפּט פולע זעק, פולע קוישן און בלעכן, אַזוי אַ טאָג, צוויי און דריי. דער יקרות ברענט, די קרעמלעך ווערן ליידיק ביז איינעם אַזאַ טאָג, איז יוסופס ווייב צוריקגעקומען פון קלקיליה מיט אַ ליידיקן קויש אויפן

קאָפּ, מען קריגט גאָרנישט צו קויפן. אַ גליק, וואָס זיי האָבן באַצייטנס עפּעס באַהאַלטן אויף אַ שוואַרצן טאָג.ביידע שוויגן פון שרעק, זיי רעדן אויפן ווונק, ביידע ציטערן פאַרן מינדעסטן שאָרך. אין דרויסן, מען גייט נישט צו דער אַרבעט, ביידע זיצן אין שטוב ווו ס'איז זיכערער ווי אין דרויסן, מען דאַרף זיך נישט וואַרפן אין די אויגן, אַז מען וועט זען יוסופן זיך אַרומדרייען קען מען אים פאַרשלעפּן ווער ווייסט ווו — גראָבן גריבער.

אומעטום זעט מען באַוואָפנטע זעלנער, ציוויליסטן מיט רעוואָל־ווערן אין די גאַרטלען פון די ברייטע שאַראָוואַרעס, אפילו שול־ייִנגלעך גייען אַרום, פאַררייסענע, מיט שאַבריעס און נאַבוטן אין די הענט. דאָס מאָל איז אַלץ פאַרטיק, גרייט, מען גייט נישט בלויז שלאָגן די יהוד, נאָר פאַרענדיקן מיט זיי לעולם ועד — דזשעהאַד! (הייליקע מלחמה).

יוסוף שאַמאַנדרי וויל גלויבן, אַז אָט וועט מען אים צוריקגעבן זיין פעלד מיט אַ צולייג פון שכנותדיקן יידישן פּרדס, ווי די מטיפים האָבן געטענהעט אין דער דזשאַמע און אין גאַס, ער וויל זיך טיילן מיטן ווייב מיט די מחשבות וועגן נאָענטן גליק, אָבער זי גלויבט נישט, זי טרייסלט זיך אָפּ פון דער שמחה, און ענטפערט אים מיט ביטערע, האַרבע רייד: — „כזבין — ליגנער, הלואי זאָל אונדז אַללאַ אָפּהיטן, דאָס וואָס מיר האָבן. גלויב נישט די ליגנער, ביסט אַ טיפּש, — אָסקאָט, (שווייג) יאַ יוסוף”!

שוין אַ וואָך פריער האָט מען אין הויף פון דער „כדורי”־שול אָפּגעשטעלט אַלע געוויינלעכע אַרבעטן און זיך פאַרנומען נאָר מיט גראָבן גראָבנס לענג אויס דעם פראָנטאַלן גדר אַקעגן דער באַן־ליניע. דער ראַיס האָט זיך אַרומגעריסן מיט זיינע ממונים, היתכן? מען מאַכט חרוב די בלומען־בייטן, מען רייסט אונטער די וואָרצלען פון די יונגעביימער, פונעם גראָז ווערט אַ תל, וואָס טוט זיך דאָ? קיין שום מלחמות זענען אים נישט אָנגעגאַנגען, בעת פאַר זיינע אויגן גייען פאַרלוירן יאָרן פראַצע, ער איז געווען בייז און געשריען אויף זיינע מענטשן. אָבער בעת יענעם טאָג האָט זיך געטראָגן אַ נישט געוויינלעכער רעש אויף די נאָענטע כבישים און אַעראָפּלאַנען זענען מיט אַ שטורעם

געפלויגן איבער די קעפּ, הין און צוריק, ווי שדים, איז דער ראָש שטיל געוואָרן, אַריינגעפאַלן אין אַ מרה שחורה און זיך אויפגעהערט אַריינמישן אין אַלץ, וואָס עס האָט זיך געטאָן אין זיין מלוכה — אינעם הויף פון דער שול.

מיטאָג־צייט, ווען די אַרבעטער אין די גראָבנס האָבן זיך געוווישט דעם שוויס פון די פּנימער און זיך געזעצט עסן, האָט זיך דער דרויסן מוראַדיק צעדונערט, די ערד האָט געציטערט. פון די שול־בנינים האָט זיך געהערט אַ בראַזג פון צעבראָכענע שויבן, דאָס עסן איז יעדערן געבליבן שטעקן אין קעל, אַלע האָבן זיך אינסטינקטיוו געוואָרפן צו דער ערד. יוסופן האָט פון שרעק גענומען דרייען אין בויך, ער האָט געבראָכן און אינגאַנצן געציטערט. ווען דאָס דונערן האָט אַ ווײַלע נאָכגעלאָזן, איז אַרויסגעלאָפן פון שול אַ בלאַסער לערער מיט אַ בשורה: „יאָ נאָס, מאַ טכאַפּש — מענטשן האָט נישט מורא, דאָס דונערן אונדזערע האַרמאַטן, זיי שיסן אויף טעל־אַביב און כּפר סבא, אַ סוף צו די סאָהיון (ציונים), אַ טויט די יהוד״!

די מענטשן, וואָס האָבן שווער געגלויבט זיינע רייד, האָבן זיך פאַרזיכטיק אויפגעהויבן, אַרומגעקוקט, אָפּגעטרייסלט פון זיך די ערד און געציטערט ווי פיש אָן וואַסער. זיי האָבן זיך אַ ווײַלע שפּעטער באַרויִקט, ווען אַ קייט ירדנישע זעלנער אין פולער באַוואָפנונג, מיט העלמעטן אויף די קעפּ, האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין הויף אָנצופילן זייערע ליידיקע מענאַשקעס מיט וואַסער. אין דרויסן איז געווען אַ שווערע היץ, דער דורשט האָט געפּייניקט. אָן אָפּיצער האָט איבערגעחזרט דעם לערערס רייד, צוגעזאָגט, אַז באַלד ווי די האַרמאַטן וועלן זיך אָפּקילן וועלן זיי ווייטער פייערן, — „מאַ טכאַפּש, האָט נישט קיין מורא״. אַזוי איז געווען.

מען האָט קוים דערלעבט דעם פאַרנאַכט, בעת אַ לערער מיט אַ גרילצנדיקן טראַנזיסטער איז ווידער אַרויס אין דרויסן. דער טראַנזיסטער האָט פאַרענדיקט אַ מיליטערישן מאַרש און געגומען מיט התלהבות דערציילן אַלץ, וואָס עס איז פאַרלאָפן במשך פונעם טאָג: — „הונדערטער יידישע טאַיאַרעס (אַעראָפּלאַנען) זענען פאַרניכטעט געוואָרן,

די מצרים שפּאַנען אויף טעל־אַביב, די סירישע חיילות פּאַרניכטן אַלע יידישע קאָמבאַניעס (קאָלאָניעס) אין גליל, זיי שטייען שוין ביי סאַפעד (צפת). דער גליל ברענט. די נעפט־ראַפינעריעס אין חיפה שטייען אין פלאַמען. די האַרמאַטן פון מעלעק חוסיין מאַכן חרוב דעם יידישן טייל פון אַל־קודס (ירושלים)". אַ הפסקה. ווידער אַ מאַרש, ביז דער טראַנזיסטער גריצלט ווידער: „מיר האָבן חרוב געמאַכט כפר סבא, בחן, רמת הכובש, ביתן, ניצני־עוז, עזריאל, צור־נתן, מגל, נתניה ברענט, רעננה — אָפּגעמעקט פון דער ערד"...

בעת יוסוף איז פאַרנאַכט געקומען אָנזאָגן אַלע גוטע בשורות זיין ווייב, האָט זי אים צעטומלט אָנגעקוקט און צו ערשט געפרעגט: „שאַמאַנדרי, זאָג מיר ווו איז דער אייזל, ביסט געקומען צופוס"?

— דעם אייזל, יאַ מאַראַטי (מיין ווייב), האָבן די זעלנער פאַרנומען מיט אַלע אייזלען און פערד פון שול־הויף, זיי וועלן מאָרגן צוריק ברענגען.

— וואָס?

יאַ, יאַ מאַראַטי, ווייסט וואָס דער ראַדיאָ האָט איצט דערציילט?

בעת ער האָט גענומען דערציילן אַלע ניסים, האָט זי אים בייז איבערגעהאַקט: — „יאַ חמר! מען זעט נישט קיין רויך פון אַלע חרובע יידישע קאָמבאַניעס, מען זעט יאָ, ווי די באַיאַרע פון יענער זייט באַן איז פול מיט איסראַילישע זעלנער, מיט קורצע ביקסלעך, זיי טראָגן געפלעקטע קליידער, צו די קעפּ זענען צוגעבונדן צווייגן. אַ גאַנצן טאָג רודערט זיך אין דער באַיאַרע. אַ גאַנצן טאָג קומען אָן טויזנטער האַרמאַטן מיט ריזיקע אייזערנע קאַסטנס, וואָס שאַרן זיך אויף קייטן, — יאַ חמר! ווו אַנטלויפט מען? זיי וועלן אונדז אַלעמען אויסקוילעגען נאָך היינט ביינאַכט, — — — טעל־אַביב, טעל־אַביב, וואָס פּלאַפּלסטו יאַ שאַמאַנדרי"?

אַ גאַנצע נאַכט איז יוסוף געלעגן מיט זיין ווייב אויף דער ערד אין זיין הייזקע, וואָס האָט זיך געשאָקלט, אַט, אַט, פאַלט זי איין, זיי האָבן זיך געטוליעט איינער צום צווייטן פון אימה, וואָרום דער דרויסן איז געוואָרן אַ גיהנום, ס׳האָט געריסן, געקנאַלט, געדונערט, דער הימל

איז געווען פייער־רויט, בליצן האָבן אָן אויפהער געשניטן דעם נעפּלדיקן, גאַכטיקן דרויסן, די ערד האָט געציטערט.

פאַרטאָג האָט די ישׂראלדיקע זייט גענומען דונערן און שטעפּן צונגען פייער. ישׂראל־אַעראָפּלאַנען האָבן געשאָסן אש וגפרית אויף אַלץ אַרום, אויף אַלע וועגן און שטעגן, ביז ווייט צו די בערג. אין דער פרי האָט קלקיליה באַצאָלט פאַר אַלעליידן, וואָס זי האָט פאַרשאַפן אַלע יידישע ישובים אַרום אין פאַרלויף פון 19 יאָר צייט. די שטאָט איז געבליבן ליידיק, אַלע זענען אַנטלאָפן ביינאַכט, נישט געוווּסט ווו צו לויפן, ווייל טול־כרם איז אויך געלאָפן אין בהלה. שפּעטער איז פון גרעסטן טייל קלקיליה געבליבן בערג חורבות און ישׂראל־זעלנער מיט פאַנצער און אַנדערע כלי־משחית האָבן פאַרפלייצט די גאַנצע געגנט, אַריבערגעשפּרייזט טול־כרם מיט אַלע דערפער אַרום, וואָס זענען געווען באַהאַנגען מיט ווייסע פענער פון יעדן באַלקאָנדל און פון יעדן פענצטער אַרויס. די ישׂראל־חיילות האָבן געשפּאַנט קיין דזשענין און קיין שכם. דאָס דונערן האָט זיך ביסלעכווייז דערווייטערט ביז אַ טויטע שטילקייט האָט זיך צעלייגט אַרום און אַרום, אויף ווייטע, גרויסע מרחקים.

די ערשטע איז אַרויסגעקראָכן אין דרויסן יוסופס ווייב. אַרום איז אַלץ געווען טויט־שטיל. די טויבן זענען ווער ווייסט ווו פאַרפלויגן. די פאַר הינער, וואָס זיי איז גאָרנישט אָנגעגאַנגען האָבן זיך געגראַבלט אין מיסט. די ציג האָט דורשטיק געשמעקט. בינען האָבן געזשומעט, עס איז נישט געווען צו זען אַ פויגל אין דער לופט. נאָך איר איז יוסוף אויך אַרויס אין דרויסן אַ וואַקלדיקער, ער האָט זיך אַרומגעקוקט, אַרויפגעקלעטערט אויפן דאַך און ליגנדיק אויפן בויך געזען אַ סך צעבראָכענעביימער אין יידישן פּרדס. דער גרינצייג־שטח, וואָס האָט אַמאָל געהערט צו אים איז אויך געלעגן שטיל, ליידיק, צעטרעטן, צעשניטן מיט טיפע פאַסן, פון ברייטע און שמאָלע רעדער. בעת יוסוף האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צו מזרח, איז פון ווייטן געלעגן די „כדורי״־שול מיט איר רחבותדיקן הויף — טויט ליידיק, אין הויף האָט זיך נאָר געזען ווי אַ שאָטן פון אַ מענטש אָנגעלענט אָן אַ שטאַם פון אַן עקאַליפּטוס־בוים, מער גאָרנישט. פון דרום־זייט האָט ער אָנשטאָט

קלקיליה געזען בערג חורבות מיט וויניקע גאַנצע הייזער, איבער אַלץ איז געהאָנגען אַ וואָלקן שטויב.

דאָרטן איז אַלץ געווען אויס, ויכולו, אָבער נישט פאַר די ראַדיאָ־טראַנסמיטערס פון דמשק און רבת־עמון.

אַ ישראל־פּאַטרול, וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט אין יוסופס הויף אָנפילן זייערע מענאַשקעס מיט וואַסער און עפּעס צובייסן, האָט פון אַ טראַנזיסטער געהערט, אַז די מצרים וועלן אין 3—4 שעה אַרום שפּאַצירן אין תל אביב, די ראַפינעריעס אין חיפה שטייען נאָך אַלץ אין פלאַמען, ישראל־אַעראָפּלאַנען פאַלן פון הימל ווי טויטע פליגן, טויזנטער יידישע טויטע אין יהודה און ירושלים. — יאַ גודאַם, פאָרויס, פאָרויס העלדישע אַראַבישע אַרמייען, פאָרויס!

יוסוף מיט זיין ווייב זענען געזעסן אויף דער ערד ווי צוויי געליימטע באַשעפענישן נישט פון דער וועלט. אַ ישראל־זעלנער האָט זיי באַרויקט אין אַראַביש לשון און מכבד געווען מיט שטיקער ווייס־ברויט, מיט פליייש פון אַ בלעכל,ביידע האָבן זיך צו גאַרנישט צוגערירט, נישט געקענט באַנעמען — אַז דאָס, וואָס זיי זעען איז וואָר; — ישראל־זעלנער ביי זייער טיר, זיי רעדן אַראַביש לשון, קיינער שלאָגט נישט, קיינער זידלט נישט, פאַרקערט, מען איז גאָר מכבד מיט שטיקער ברויט, פליייש, אַפילו מיט שטיקלעך צוקער, איינער פון זיי שטופּט יוסופן אַ ציגאַרעט אין מויל, צי איז דאָס וואָר?

***

חדשים לויפן. איין חודש פאַרבייט דעם צווייטן. ישראל־זעלנער האָבן צענומען די שטעכעדיקע דראָטן פון ביידע זייטן באַן־ליניע. לאַנגע צוגן פראַכט־וואַגאָנעס לויפן פון לוד קיין חיפה און צוריק פון חיפה קיין לוד. דער יידישער פרדס איז ווידער פול מיט אַרבעטער. וואַסער־שפּריצן דרייען זיך און שאַפן קליינע רעגנבויגנס אַקעגן דער זון. דער פלאַכער שטח איז פון ס׳ניי פאַראַקערט. די אויפגעריסענע, טונקל־ברוינע ערד שמעקט מחיה נפשות. אויפן פעלד אַרבעטן ווידער די קליינע, ברוין־הויטיקע יידן מיט קעפקעס און טעמבעל־היטלען אויף די קעפּ.

יוסוף גייט ווידער, אַלע באַגינען, צו־פוס אין דער „כדורי״־שול אַרבעטן, דאָרטן האָבן זיך צוריקגעקערט אַ טייל לערער פון טול־כרם. די יהוד האָבן גאָרנישט צוגענומען, גאָרנישט באַשעדיקט. דער ראַיס האָט אין די מלחמה־טעג נישט פאַרלאָזן דאָס אָרט, ער איז מטופל מיט אַ משפּחה, מיט קינדער ווו האָט ער געזאָלט לויפן? מען זעט אים, ווי פריער, אומעטום אין הויף. יוסוף אַרבעט דאָרטן מיט נאָך אַראַבישע אַרבעטער פון טול־כרם. דער איינציקער שינוי איז דער, וואָס איצט באַוואַכן די פּולע מאַגאַזינען אין הויף יידישע זעלנער מיט קורצע ביקסן, און אינעם קילן שול־קאַבינעט צוזאַמען מיטן אַראַבישן מודיר (דירעקטאָר) זיצט אויך אַ יהודי, ווייזט אויס אַ מומחה, וואָס גיט אָנווייזונגען ווי איינצופירן די חידושים אין דער אַרבעט, וואָס ער גייט איינפירן. די שול דאַרף ווידער אָנהויבן די לימודים, כאָטש ווייניק תלמידים האָבן ביז איצט זיך צוריקגעקערט. אויף די אַרבעטער שרייט מען נישט ווי פריער, אָפּגעערדט פון אויפהויבן אויף עמעצן אַ האַנט. מען האָט זיי געגומען צאָלן מיט ישראל־געלט, מען האָט איינגעפירט נאָך אַ חידוש: אַלע וואָך ווערט יעדערן אויסגעטיילט, פון די פּולע מאַגאַזינען, ביסלעך רייז, מעל, בעבלעך, בורגול וכדומה. מען האָט אַלעמען פאַרזאָגט, אַז מען זאָל אָן אַ דערלויבעניש נישט אַריבערגיין די באַן־ליניע, כאָטש מענטשן ריזיקירן און גייען יאָ אַריבער אָנצוקוקן ווי עס זעען אויס זייערע פריערדיקע חלקים פעלד, וואָס יהוד באַאַרבעטן מער ווי 18 יאָר צייט. די יהוד אויף די פעלדער זענען פריינדלעך, זיי זענען מכבד די אַראַבישע באַזוכער מיט אַ טרונק, מיט אַ ציגאַרעט, מיט פּרוכט און גרינצייג. די פעלאַכן ווייטאָגן, נישט איינער פאַרלירט אַ טרער, די יהוד זאָגן, אַז זיי האָבן די ערד באַקומען פון זייער חכומה (רעגירונג), ערד קען נישט און טאָר נישט בלייבן וויסט, נישט באַאַרבעט, בעת עס ליגט נאָענט צו פּרדסים און פּרוכט־סעדער. אויף וויסטער ערד פלאָדיען זיך פעלד־מייז, ווערים מיט שלאַנגען, וואָס מאַכן חרוב ביימער און פרעסן אויף זריעה איידער עס נעמט שפּראָצן. אינשאַללאַ, מירצע־שעם, די ישראל־רעגירונג וועט אייך פאַרגיטיקן, פון יענער זייט באַן־ליניע ליגט גענוג ליידיקע קרקע, הלמאַי זאָל מען אייך שטערן באַאַרבעטן

יענע לײדיקע באַדנס אינשאַללאַ, מיר אַלע װאַרטן אויף שלום, װאָרום אונדז האָט מען אויך פֿאַרטריבן פֿון אונדזערע הײמען אין סיריע, איראַק, תימן, מצרים וכדומה, צוגענומען אַלץ, װאָס מיר האָבן פֿאַרמאָגט, מיר זענען ייִדן פֿון די אַראַבישע לענדער, צי האָבן מיר געװאָלט מלחמות?

אָנהײב האַרבסט האָט די געגנט באַזוכט דער גרויסער דזשעדאַ (גבור), דער װיזיר מוסאַ, מיטן שװאַרצן דעקל אויף אַן אויג, ער רעדט אַראַביש װי יעדער פֿעלאַך, ער האָט געהײסן יעדערן זיך צוריקקערן צו זײן אַרבעט און הײם, ער האָט פֿאַרזיכערט הילף, זריעה און מאַטע־ריאַלן צו פֿאַרריכטן אָדער צוריקבויען אײנגעפֿאַלענע הײזער בעת די שלאַכטן. מען האָט אויסגעהערט זײנע רײד און נישט געגלויבט די אײגענע אויערן.

נאָכן באַזײטיקן און צענעמען די שטעכעדיקע דראָטן פֿון בײדע זײטן באַן־ליניע, האָט יוסוף פֿאַרלוירן זײן רו, באַזונדער נאָכדעם, װי אַ ישראל־זעלנער, װאָס געפֿינט זיך אויף שמירה אין הויף פֿון דער שול, האָט אים געזאָגט:

— אינשאַללאַ, יאַ יוסוף, אַז עס װעט זײן שלום, װעסטו צוריק־קריגן דײן שטיק פֿעלד, אָדער אַן אַנדער שטיק פֿעלד, די „דאַליאַט איסראַיל" (מדינת ישראל) װעט דיך נישט קריװדען.

אײן פֿאַרנאַכט, נאָך דער אַרבעט, האָט זיך יוסוף אַרומגעקוקט אַרום, און אַז ער האָט קײנעם נישט געזען אין דער נאָענט, האָט ער זיך אָנגעטאָן אַ כח, אַריבערגעשפּרײזט די באַן־רעלסן און צוגעלאָפֿן צו זײן אַמאָליקן פֿעלד. ער איז געװאָרן שטאַרק צעחושט, געפֿאַלן צו דער ערד און מיט בײדע הענט געריסן שטיקער פֿון איר, ער האָט די פֿײכטע קרקע באַשמעקט, אַרײנגעזאָפּט איר ריח, עס געקנעטן װי אַ טײג, פֿאַרגעסן יעדע סכנה, ער איז דאָרטן געבליבן זיצן ביז פֿינצטער, ביז ער האָט אַראָפּגענומען פֿון קאָפּ די קעפֿיע, זי אויסגעשפּרײט, אָנגעלײגט אויף איר אַ בערגל ערד, פֿאַרבונדן, זיך אויפֿגעהויבן און אַװעק מיט דעם אַהײם װי מיט אַ צוריקגעפֿונענעם, פֿאַרלוירענעם אוצר.

אַ געשריי אין דער נאַכט

די לבנה האָט זיך געשפּילט אין באַהעלטעניש מיט צעריסענע שטיקלעך וואָלקן — אָט פאַרשווינדט זי, אָט באַווייזט זי זיך ווידער, אַ פולע, אַ רונדע: — ויהי אור. עס ווערט ליכטיק אינעם הימל־געוועלב, ווו עס יאָגן זיך שטיקלעך באַלויכטענע וואָלקנס, איין שטיקל פאַרשלינגט די צווייטע ביז פון זיי ווערט אָנגעשוואָלן אַ גרויסע, טונקל־גרויע פּערינע. די לבנה שטייט אָן אַ זייט ווי זי וואָלט הנאה געהאַט פון דער שפּיל, וואָס זי זעט פון אויבן אַראָפּ און פון דעם אַלעמען, וואָס איר ליכט אַנטפּלעקט פונעם חושך אַרויס: — העל־בלאַסע קעפּ פון בערג איינגעהילטע אין נעפּל מיט טיפע, טונקעלע וואַדיס, צווישן זיי האַלבע בערג־שפּועים ליכטיקע ביימער און קוסטעס מיט גלאַנציקע שטערנס פון פעלזן, די צווייטע העלפטן — איינגאַנצן טונקעלע נאַכט.

ס׳איז ווינטער, חודש כסלו. נאָך דער ערשטער שפּע רעגן, וואָס די צעאַקערטע פעלדער האָבן נישט באַוויזן איינזאַפּן, זענען געבליבן גרעסערע און קלענערע, פאַרשיידנפאָרמיקע וואַסערפלאַכן, ווו די לבנה שפּיגלט זיך אין איר אייגענער ליכט, וואָס באַזילבערט די וואַסערפלאַכן. קומט אַ ווינט און צעשטערט די מנוחה פון די אײלבערטביימער און מאַכט אַ בהלה אין דער געדיכטעניש פון זייערע צווייגן, רייסט פון זיי שטיקער, טרייסלט ווילד זייערע ברייטע, אַלטע קרוינען און פאַרטרייבט נאַסע נע־ונד פויגל, וואָס ווייסן נישט ווו זיך אַהינצוטאָן אין דער קאַלטער נאַכט, „עד כי יעבור זעם״. דאָס איז נאָך נישט אַלץ; דער ווינט נעמט שטיפן מיט דער צופרידענער קאַלט־ליכטיקער לבנה, דער ווינט נעמט בלאָזן איבער די וואַסערפלאַכן, קאַרבט זיי ווי זילבערנע בלעכן. ווי צו דער לבנה, וואָס פאַר אַ פּנים זי קריגט אין די געקאַרבטע

שפּיגלען פון אונטן: צעקנייטשט, צעצויגן אין דער לענג, אָדער צעפּלאָסן אין דער ברייט, פון איר גלאַטער רונדיקייט ווערט אַ מיש־מאַש, וואָס טאַנצט אין וואַסער מיט די ווילדסטע העוויות.

דער ווינט רייסט זיך אַרויף אין דער הויך, שלעפּט די אָנגעשוואָלענע וואָלקן־פּערינע, וואָס פאַרדעקט אין גאַנצן די לבנה — ויהי חושך, מען זעט מער גאָרנישט, עס רוקן זיך אַרויס שווערע כמאַרעס פון הינטער די בערג, פונעם ווייטלעכן, צעשטורעמטן ים. דער הימל־געוועלב ווערט אַ גוס פון בליי, דער ווינט ווערט ווילדער, ער נעמט שטורעמען און פייפן, עס העלפן נישט די פייערדיקע שלאַנגען, וואָס שניידן דעם חושך, יעדער פייער־שלאַנג ברענגט אַ דונער, די וואָלקנס האַלטן נישט אויס זייער לאַסט און צעגיסן זיך אין אַ מבול, אויס לבנה!

אין אַזאַ נאַכט אין גליל, אויף היגלען, ליגט אַ דאָרף מיט צעשפּרייטע הייזער אָן אַ סדר, איינגעשלונגען אין שלאַקסרעגן, אין חושך, מען זעט נאָך פון פענצטערלעך אַרויס פונקען ליכט פון פאַרוויכערטע נעפּט־לעמפּלעך. ס'איז נאָך פרי, אַ שטיק פאַר חצות. אין די הייזער ווימלט נאָך אַ לעבן פון דערוואַקסענע מענטשן, די קינדער שלאָפן שוין אויף מאַטראַצן אויסגעלעגטע אויף דער ערד, איינגעהילטע אין דעקעס אָנגעפּילטע מיט וואָל פון אייגענע שאָף. אויף די ראַנדן פון די מאַטראַצן זיצן מוטערס מיט דערוואַקסענע טעכטער ביי האַנטאַרבעט, יעדערע מיט אירע זאָרגן און חלומות, בעת די מענער זיצן אויף קישעלעך מיט ווייסע, צעלאָזענע קאַפּטיכער, אָדער מיט געשטריקטע קאַפּעלעך אויף די קעפּ, מיט שניר בורשטין־קרעלן, וואָס צאַפּלען זיך צווישן זייערע פינגער, זיי הערן זיך צו צו געזאַנגען מיט מעשיות פון ראַדיאָ־קעסטלעך, וואָס שעפּן כח פון באַטערייעס, ווייל ביז היינט איז דאָרטן נאָך נישט דערגאַנגען עלעקטרישע קראַפט.

די דאָליאַט איסראַיל (מדינת ישראל) האָט שוין געלאָזט אויפשטעלן הויכע קלעצער לענג אויס דעם וועג, וואָס פירט אין דאָרף, נאָר די קלעצער שטייען איינזאַמע, נישט באַהעפטע איינער צום צווייטן מיט דראָטן, וואָס ברענגען ליכט מיט קראַפט. דער דאָרפס־ראַט האָט

בשעתו אָפּגעמאַכט מיט ווּעמען מען דאַרף, אַז איין העלפט הוצאות פאַר דער עלעקטרע באַצאָלט דאָס דאָרף, די צווייטע העלפט דעקט די כאַקומע (רעגירונג). די כאַקומע פון איסראַיל האָט איר חלק געגעבן, בעת דער דאָרפס־ראַט האָט ביז היינט זיין חלק נישט צוגעטראָגן, דעריבער שטייען די קלעצער איינזאַמע, אָן דראָטן. די מעשה איז אַ פשוטע: די קמצנים פון דאָרף טענהען, אַז „אלחמדיללאַ" (ברוך השם) זיי קענען זיך לעת עתה באַגיין מיט נעפט־לעמפּלעך און מיט באַטערייעס, הלמאי סתם אַרויסוואַרפן געלט? — זיי האָבן צייט, איינשאַפן אַ טראַקטור (טראַקטאָר) איז נויטיקער פון דעסט וועגן גיבן זיי זיך אַן עצה מיט בהמות, מיט אָקסן אָדער מויל־אייזלען, וואָס שלעפן די אַקעראייזנס נישט ערגער ווי טראַקטורן, אַי עס דויערט לאַנג, איז „מאַלעש", — ס'מאַכט נישט אויס, צייט איז דאָ גענוג, די צייט טיילט אויס אַללאַ דער אַלמעכטיקער מיט דער פולער האַנט. — אויב די אויסברענגער, די אומגעדולדיקע יינגערע פעלאַכן ווילן דוקא קאַהראַבאַ (עלעקטרע), זאָלן זיי צאָלן פאַרן פאַרגעניגן.

דאָס דאָרף איז אַן אַלטער גוט־געשטעלטער ישוב פון דרוזן, וואָס האָבן זיך דאָרטן באַזעצט מיט 200 יאָר צוריק. די אבי־אָבות פון דאָרף זענען דאָרטן געקומען פון לבנון און פון „הר הדרוזים". די בערג און טאָלן זענען געווען וויסט און ליידיק, פול מיט חיות רעות, מיט וועלף און שאַקאַלן, מיט ווילדע חזירים, מיט כלערליי פויגל־פאַרצוקער, אפילו אָדלער, שלאַנגען האָבן דאָרטן אויך נישט געפעלט. „אלחמדיללאַ", ברוך השם, די וואָדיס זענען ווינטער פול מיט וואַסער, רעגן פאַלט בשפע, דאָ און דאָרטן האָט געריזלט אַ קוואַל, קשאַקעס זענען געוואַקסן העכער ווי מענטשן, דאָס נעמלעכע דעגענערירטע דעמבלעך מיט נישט ווייניק באָקסער־ביימער, אַזוי אַז עס איז געווען מיט וואָס צו באַהייצן טאַבונען (ברויט־אויוונס), עס האָבן אויך נישט געפעלט וואַרצלען פון געשטאַרבענע ביימער צו קאַרטשעווען און ברענען קוילן, ציסטערנעס רעגן־וואַסער זענען פאַראַנען אין יעדן הויז, וואָס דאַרף מען מער?

יענע נאַכט, ווען דער דרויסן האָט געשטורעמט, בליצן האָבן געשניטן דעם חושך און דונערן האָבן זיך הילכיק געקייקלט צווישן

די בערג פון גליל, איז די גרויסע מדאַפּע (גאַסט־צימער) פונעם עלטסטן פון די דרוזישע שייכן, וואָס האָט געלעבט אין יענעם דאָרף — געווען באַלויכטן פון אַ פּאָר בליץ־לאָמפּן. אויף נידעריקע טאַפּטשאַנעס אַרום די ווענט, אָנגעלענטע אָן לענגלעכע קישעלעך, זענען געזעסן געסט געקומענע פון ווייטלעכע מקומות צוזאַמען מיט נכבדים פון דאָרף און שטיל געשמועסט צווישן זיך, פּאַרכטיק געזופּט שטאַרקע קאַווע פון קליינע פינדזשאַנעך, וואָס יונגע בחורים האָבן פּאַרטיילט די געסט פון צווייערליי באַקראַזשן (קריגלעך), אין איינעם ביטערע קאַווע, אין צווייטן זיסע,ביידע מינים קאַווע זענען געווען באַווירצט מיט צנאָבער־קערנער. ביים דערלאַנגען און בייטן די פינדזשאַנען האָבן זיך געשאָטן ברכות מצד די געסט און גאַסט־געבער.

אויבנאָן אין דער מדאַפּע, איז געזעסן דער עלטסטער פון די דרוזישע שייכן אין ישראל, אַ שלאַנקער זקן מיט אַ ווייסער באָרד, דעם קאָפּ איבערגעדעקט מיט אַ שניי־ווייסער קעפיע ביז איבערן שטערן, פונעם פּנים, אונטער גרויע ברעמען האָבן אַרויסגעקוקט קלוגע, גרויע אויגן, וואָס האָבן געבליקט אין דער טיף פונעם גאַסט־צימער, זיין באַז איז געווען אַ גלייכע און זיך פּאַרענדיקט אין די וואָנצן, וואָס האָבן פּאַרדעקט זיין מויל, ער איז געזעסן אויף אַ טאַפּטשאַן ווי אַלע, אָנגעלענט אָן אַ קישעלע, געהאַלטן די פיס הינטער זיך איבערגעדעקט מיט די פּאָלעס פון זיין לאַנגן, טוכענעם קאָמבאַז (קאַפּטאַן) ס׳איז געווען ווינטער, קאַלט, דער דיל איז געווען באַדעקט מיט קאָלירטע טעפּיכער פון קעמל־האָר, אין דער היים גייט מען אַרום באָרוועס, אָדער אין זאָקן, און מען לאָזט די שיך אין אַ ווינקל ביים אַריינגאַנג.

די לופט אין דער מדאַפּע איז געווען ריין, באַשמעקט פון קאַווע. די דרוזן היטן שטרענג אָפּ זייערע דינים, זיי רויכערן נישט, זיי טרינקען נישט קיין ווייַן, נישט קיין שאַרפע געטראַנקען און מיידן אויס צו עסן געזאַלצנס. אמת, אין דעם פּרט, זענען שוין איצט פּאַראַנען יוצאי דופן פונעם יינגערן דור, אָבער קיינער וועט זיך אַזוינס נישט דערלויבן אין דער אַנוועזנהייט פון זקנים, אַ פּשיטא, אין הויז פונעם עלטסטן פון די שייכן.

עס איז געווען אַ סך צו רעדן וועגן אָרטיקע, דאָרפישע ענינים, וועגן דת און רוחניות און וועגן אַלגעמיינער פּאָליטיק, וואָס האָט אַ שייכות צו דער דרוזישער עדה. די געקומענע געסט האָבן אויסגענוצט די רעגנדיקע טעג צו באַזוכן זייער גייסטיקן מנהיג, דעם עלטסטן פון די שייכן, צו הערן זיין וואָרט און דעה, און אַלע צוזאַמען זיך מישב זיין מכּח עניני דיומא אינעם לאַנד פון איסראַיל.

דעם שמועס האָט מען פאַרפעדימט מיט די באַדערפענישן פון דאָרף, וואָס ציילט 1800 נפשות, פאַרטיילטע אין כאַמולעס (קלאַנען), דעם שייכ׳ס כאַמולע אַליין ציילט וואָסערע 15 משפחות מיט אַ מחנה קינדער, אייניקלעך און אוראייניקלעך צווישן זיך פאַרבונדן מיט אייזערנע משפחה־פעדים. מען דאַרף בקרוב איבערוויילן דעם דאָרפס־ראַט, וואָס געוועלטיקט שוין 4 יאָר צייט. מען דאַרף פאַרענדיקן דעם עסק מיט דער עלעקטרע. מען דאַרף פאַרריכטן דעם כביש, וואָס פירט צום דאָרף. מען דאַרף ערנסט טראַכטן וועגן זיך פאַרבינדן מיט דער וואַסער־נעץ פון דער געגנט. מען מוז צובויען אַ פליגל צום שול־בנין, אין די קלאַסן ווערט ענגער פון יאָר צו יאָר. מען דאַרף נאָך און נאָך. די שטייערן זענען צו ווייניק צו דעקן די אָנגעקוואָלענע הוצאות, מוז מען וועגן דעם אַלעמען זיך ווענדן צו דער חכומה (רעגירונג) זי זאָל העלפן. די משפחות וואַקסן, די קינדער מערן זיך, די ערד מיט דער פרוכט פון דיביימער קענען שוין אַלעמען נישט באַשפּייזן, מוזן וואָסערע 600 מענער גיין אַרבעטן מחוץ דעם דאָרף, קנאַפּע 300 פון זיי אין דער גרענעץ־וואַך, פּאָליציי און צה״ל, די רעשט ווי לוין־אַרבעטער און פקידים אין דער גאַנצער געגנט אַרום, שפּאַרן אָן אַזש ביז עכו, צפת און דער ווייטער חיפה. אַזוינס איז נישט קיין תכלית, עס איז זייער שווער, טאָג איין טאָג אויס, שעהען לאַנג זיין בע־ונד אין אויטאָבוסן פון און צום דאָרף.

— מיר זענען נישט קיין אַראַבער, מיר זענען דרוזן, וואָס האָבן ווייליק משלים געווען מיטן קיום פון מדינת איסראַיל, זי איז צו אונדז גוט, זענען מיר צו איר גוט. מיר שיקן אונדזערע זין דינען אין צה״ל, באַשיצן דאָס לאַנד פון איסראַיל, וואָס איז אויך אונדזער לאַנד, אונדזער היים, — דאַרף אונדז די דאָליאַט איסראַיל העלפן, ווי זי העלפט די יהוד.

— איוואַ, איוואַ — יאָ, יאָ, — האָבן אַלע צוגעשאָקלט מיט די קעפּ.

— מיר דאַרפן פאָדערן נאָך ערד, וואָס ליגט וויסט אין די בערג אַרום.

— איוואַ — יאָ, יאָ, — האָבן אַלע איבערגעשריען איינער דעם צווייטן, וואָרום די ערד איז אַ טייל פון זיי, ווי די לופט וואָס זיי אָטעמען. די ערד האַלט זיי דאָ צוגעשמידט, זיי האָבן ליב זייער קרקע, זיי לעבן פון איר און מיט איר, זיי אָטעמען איר ריח, זיי באַאַרבעטן זי דורות־לאַנג מיט זייער שווייס און פּראַצע — יעדער משפחה באַפּרוכפּערט אירע צעוואָרפענע חלקים, די דאַליאַט איסראַיל לאָזט נישט אויסהאַקן די אומ־בוציקע ביימער, צווישן איין חלק קרקע און דעם צווייטן, ביימער וואָס גיבן נישט קיין פּרוכט. אין דעם פּרט האָבן די עלטערע איבערגעשריגן די יונגע, וואָס זענען געווען להוט צו אַ לייכטערן לעבן אויף קלענערע שטחים, וואָס מען דאַרף גוט באַמיסטיקן און באַאַרבעטן מיט מאַשינען, ווי עס טוען די יהוד.

— אַ סך פּרוכט מיט געבענטשטע שניטן פון ווייניק ערד, וואָס קען געמאָלט זיין, ווען מיר וועלן זיך איינשאַפן טראַקטאָרן, קאָמביינען וכדומה, אנשטאָט דעם אַקערן מיר ווייטער מיט אָקסן, שניידן און דרעשן מיט די הענט, ווי אונדזערע זיידעס און באַהאַלטן דאָס געלט אין ליימענע קריג. מיר פאַרענדיקן אפילו נישט דעם ענין מיט דער קאַהראַבאַ (עלעקטרע) — האָבן די ייִנגערע זיך געקריגט מיט די עלטערע.

— 25 טויזנט דרוזן זענען מיר אין איסראַיל, אַ סך האָבן עפּעס יאָ געלערנט פון די יהוד, זיי אַקערן און זייען מיט מאַשינען, זיי האָבן פאַרביטן די אָקסן מיט די מויל־אייזלען אויף טראַקטאָרן, זיי האָבן אַריינ־געצויגן עלעקטרע, זיך פאַרבונדן מיט דער וואַסער־נעץ, אויסגעבויט שולעס מיט אייגענע גימנאַזיעס, געוואָרן חברים אין דער סטאַדרוט (הסתדרות), וואָס האָט זיי אויפגעשטעלט, אין זייערע דערפער, קליניקעס צו היילן זיי, מיט זייערע קינדער. אויפן כרמל האָבן זיי דערפער איבערגעבויט אין שטעטלעך מיט געפּליאַסטערטע גאַסן, מיט נומערן אויף יעדער הויז, זיי האָבן אייגענע געשעפטן מיט קאָאָפּעראַטיוועס, זיי דרייען

זיך נישט אַרויס פון צאָלן שטייער, וואָס דינט זיי און העלפט די אַזקאַריה (אַרמיי) פון איסראַיל, ווו אונדזערע זין דינען, בעת מיר זיצן דאָ פאַר־שטיינערטע ווי די בערג און זאָרגן, אַז די דזשאַרעס (קריג) זאָלן ווערן פולער מיט מטבעות, צו חמורים זענען מיר געגליכן — אַזוי האָט היציק געדרשנט דער ראַיס (ראש) פונעם דאָרפס־ראָט, בעת די ייִנגערע האָבן יעדן זאַץ באַגלייט מיט — איווּאַ איווּאַ — צושטימונג און די עלטערע האָבן געשוויגן, ווי נישט זיי מיינט מען עס.

דער זקן, דער עלטסטער פון די שייכן, האָט זיך נישט אַרייַנגעמישט אין די ויכוחים, ער איז געווען פאַרטאָן מיט זיינע אייגענע מחשבות, וואָס זענען געווען ווייט פון סיאַסי (פּאָליטיק) און פון עולם הזהדיקע ענינים. בעת דער טומל האָט זיך אַ רגע איינגעשטילט, האָט ער זיך אויסגעגלייכט, אָפּגעהוסט און אויפגעהויבן אַ האַנט, אַ סימן, אַז ער האָט עפּעס אויך צו זאָגן.

בעת דער עלטסטער פון די שייכן רעדט געוויגענע און געמאָסטענע ווערטער, האַלטן אַלע אָנגעשפּיצט די אויערן, נישט צו פאַרלירן אַ זילב.

— דער שייך רעדט, דער שייך — — — האָט זיך אַ רודער געטאָן אין די שכנותדיקע צימערן פון דער מדאַפע . די פרויען האָבן זיך אויפגעהויבן, געלאָזט ליגן זייערע האַנט־אַרבעטן, אויסגעגלייכט זייערע שניי־ווייסע קאָפּטיכער, אַרומגעוויקלט די שפּיצן אַרום די העלדזער און זיך געלאָזט צו די אָפענע טירן הערן די רייד פון זקן.

ביי די דרוזן פאַרנעמען די פרויען אַ חשובן מעמד אין לעבן, נישט ווי ביי די שכנים אַראַבער, ווו די פרויען שווייגן און טאָרן זיך נישט ווייזן אין אַ מענלעכער געזעלשאַפט. די דרוזן שעצן הויך די פרוי, די מוטער, די באַלעבאָסטע. זיי האָבן חתונה נאָר מיט איין פרוי, וואָס איז אין דער משפחה גלייך מיטן מאַן. די פרויען זענען שיינע, שלאַנקע. די ריינקייט איז אַ קולט, זיי געבוירן קינדער כל זמן אַללאַ דערמעגלעכט, זיי זענען אָפּגעהיט נישט צו גיין אַרבעטן ביי פרעמדע, ס'פעלט נישט, וואָס צו טאָן אין דער היים. דער מאַן הערט זיך צו צו זייער וואָרט, און היט אָפּ די פרוי ווי אַ הייליקייט — די מוטער פון זיינע קינדער!

די פרויען מיט די טעכטער און שניר האָבן שוין געהאַט פּאַרטיק צוגעגרייט דעם כיבוד פאַר די געסט און איידער וואָס ווען האָבן זיי זיך צוגעהערט צו די רייד פון זקן, דעם ראש המשפחה, דעם עלטסטן פון די דרוזישע שייכן.

— יאַ אַחואַן, יאַ נאַס — ברידער, זין און געסט, — האָט ער שטיל אָנגעהויבן — מאַברוק — זייט געבענטשט און אָנגענומען אונטער אונדזער דאַך, אויב עס זענען זיך דאָ צוזאַמענגעקומען היימישע, באַקאַנטע און ווייטע געסט, לאָמיר געדענקען די דאַליאַט איסראַיל פאַר איר גנאַד צו אונדז אַלעמען אין לאַנד פון די יהוד, וואָס מישט זיך נישט אַריין אינעם אינערלעכן לעבן פון אונדזער עדה, ווי איך מיש זיך נישט אַריין אין זייערע ערדישע ענינים, אין זייער סיאַסי (פּאָליטיק), מיר מעגן נאָכזאָגן די בני איסראַיל, אַז „דיני דאַרעא כדיני דרקיע", דער דין פון דער מאַכט איז חל אויף אונדז אַלעמען, ווי דער דין פון הימל. מיר צאָלן אָפּ מיט גוטס פאַר גוטס, מיר זענען טרייע בירגער פון דער מדינה, וואָס שטיצט און באַשיצט אונדז, ביז מתיר זיין אונדזערע זין דינען אין צה"ל (צה"ל). די כאַקומע (רעגירונג) האָט אונדז אויסגעבויט אַ נייע געביי, אַ נייעם מקום קדוש, תפילה צו טאָן,ביים קבר פון אונדזער הייליקן נביא דער כהן פון מדין שועיב — יתרו, דער שווער פונעם נביא מוסה (משה), אַ לויב צו זיין געאַכפּערטן נאָמען, צום נאָמען פון דעם, וואָס האָט אונדז, זיינע דינער, די שייכן, די זקני העדה, אויסגעקליבן פאַר די יחידי־סגולה, אָנצוטרויען דעם וואָרן גלויבן און יחוד, וואָס איין דור גיט איבער דעם צווייטן, אָן רעש, אָן זיך אויסצופּיינען, אָן ווילן איבערצושטייגן אַנדערע אמונות. אונדזער אמונה איז געגעבן געוואָרן נאָר פאַר אונדז דרוזן אַליין, מיר ווילן נישט און דאַרפן זי נישט אָנטרויען קיין פרעמדע. דאַליאַט איסראַיל האָט אַ סוף געמאַכט צו דער אַמאָליקער, אַראַבישער שליטה איבער אונדז, אַ סוף געמאַכט צו זייער ווילן זיך אַריינצומישן אין די אינטימע סודות פון אונדזער גלויבן און לעבן. די אַראַבישע כלי קודש און מושלים האָבן קעגן אונדז געהעצט די פראַנסאַוי (פראַנצויזן) און די אינגליז (ענגלענדער), וואָס זענען אונדז פריער דערגאַנגען די יאָרן אין דער געגנט פון „הר־הדרוזים" ווי אַנדערשוו, זייט דער טערקישער מאַכט

זענען מיר איבערגעקומען געגוג מלחמות מיט שפיכת־דמים, ביז זיי האָבן משלים געווען מיט אונדזער קיום, ביז מיר זענען געוואָרן מיט אַלעמען צו גלייך, נישט מותר צו זיין אויף אונדזער יחוד. עס זענען אַוועק די צייטן פון נגישות, בעת אונדזערע חכמי־הדת האָבן געמוזט, למראית עין, מתיר זיין דרוזן זיך צופּאַסן צו די הערשנדיקע, ריטועלע מנהגים פון די טערקן און אַראַבער, כלפי חוץ, צו מאַכן אַן אָנשטעל פון טרייע מוסול־מענער. יענע צייטן זענען אַוועק. מיר זענען אינגאַנצן פריי אין יידישן לאַנד איסראַיל, ווו די כאַקומע האָט געזעצלעך אָנערקענט די רעכט פון אונדזער עדה, זיך אַליין צו פאַרנעמען מיט אַלע אייגענע, אינערלעכע ענינים. די דאָליאַט איסראַיל, בככבודה, האָט אונדז געשאָנקען אַ נייע געביידע ביים הייליקן קבר פון נביא שועיב. הויכע מאָזעפין (פקידים), אָפיצערן מיט געגערעלער פון „צה״ל״, זענען עולה יעדעס יאָר צוזאַמען מיט אונדז אויפן הייליקן קבר, אין די בערג פון חיטין, אָפּגעבן כבוד דעם נביא. מחמת קדושה ווילן זיי אפילו נישט באַטרעטן דאָס אָרט, ווו דאָס קבר געפינט זיך אונטער אַ פעלדז, וואָס פאַרדעקט זיינע רעשטן, ווו מיר זעען מיט אונדזערע אויגן זיינע איינגעשטאַנצטע פוס־טריט, די יאַהוד ווייסן ווי צו שעצן אונדזער ווילן, אָפּצוהיטן פאַר זיך אַליין די סודות פון אונדזער אמונה. איך דערמאָן עס אייך ביי דער געלעגנהייט, ווען איר זענט מיינע געסט, צו פאָדערן פון אייך שפּענדונגען, אויף באַצירן דאָס נייע געביי פון אינעווייניק און פון דרויסן, פאַרפלאַנצן מיט נאָך ביימער און גרינס דעם הויף — דער הייליקער אָרט זאָל זיין שיין און באַשמעקט — אַ לויב צו אללא אין הימל.

דער זקן האָט פאַרענדיקט זיין וואָרט, לאַנגזאַם, אַ גלעט געטאָן די באָרד, זיך צוריקגעזעצט אויפן טאַפּטשאַן, זיך אָנגעלענט אָן אַ קישעלע, צונויפגענומען די פיס הינטער זיך, זיי פאַרדעקט מיט די פאָלעס פון קאָמבאַז. אַ ווילע איז געבליבן שטיל אין דער מדאַפע, בעת אין דרויסן האָט דער שטורמישער ווינט געשמיסן מיט רעגן.

צוזאַמען מיט די פולע טאַצן כיבוד האָבן די בני בית פון שייך געבראַכט ליימענע פייער־טעפּ מיט אַנגעגליטע קוילן אָנצוואַרעמען די מדאַפע. ייִנגלעך האָבן פאַרטיילט די געסט האַנטיכלעך צו ווישן די הענט

און פון אַ ווינקל האָבן זיך געהערט אויסגעפּייקלטע ניגונים פון געשניצטע, לאַנגע מערזלען, וואָס האָבן אין אַלטע, הילצערנע סטופּעס געשטויסן פריש געבּרענטע קאַווע.

נאָכן כּיבּוד האָט מען געדאַרפט ממשיך זיין די באַראַטונג, אָבער זי איז פאַרשטערט געוואָרן מחמת אַן אומגליק. דער עולם האָט נישט באַוויזן צערייסן די דינע פּיטעס און זיי אָנפילן מיט רייז, ווי אין דער מדאפע האָט זיך באַוויזן אַ פּיטש־נאַסער דער באָליס (פּאָליציאַנט) פון דאָרף, וואָס האָט זיך פריער פאַרנויגט פאַרן עלטסטן פון די שייכן, נאָכער אין אַלע זייטן פאַר די פאַרזאַמלטע געסט, דערנאָך האָט ער פונעם עולם אַרויסגעבעטן אין פאָדערצימער דעם ראַיס (ראש) פונעם דאָרפס־ראַט, אים עפּעס צו זאָגן אויפן אויער אוןביידע זענען פאַרשוווּנדן אינעם חושך פון דער שטורמישער נאַכט.

כאָטש בליצן האָבן נישט אויפגעהערט שניידן די הימלען און דונערן האָבן זיך געקייקלט אין די בערג פון גליל, איז דער ווינט שטילער געוואָרן, אָבער דער רעגן האָט נישט אויפגעהערט גיסן. גרויס איז געווען די שפּאַנונג אין דער מדאפע, די טאַצן שפּייז זענען געשטאַנען אויף נידעריקע טישלעך, אויסגעשטעלטע פאַר די געסט, אין פראַנט פון די טאַפּטשאַנען. ווייניקע, וואָס זענען געקומען פון ווייט און זענען געווען הונגעריק, האָבן זיך געקרעקט מיט די ביסנס אין מויל, די איבעריקע זענען געזעסן שטיל, נישט געוווּסט, וואָס צו טאָן מיט די הענט. אַלע האָבן געפילט, אַז עפּעס איז געשען נישט קיין גוטס, באַלד וועט קומען נישט קיין געווינלעכע בשורה, וואָרום סתם אַזוי, וואָלטן ביידע, דער באָליס מיטן ראַיס נישט פאַרשוווּנדן. וואָלט זיך געהאַנדלט וועגן אַ געווינלעכער פּאַסירונג, אָדער וועגן אַ גוטער בשורה, וואָלט זי דער באָליס באַלד געזאָגט פאַר אַלעמען. די פרויען זענען פאַרשוווּנדן פון די אַריינגאַנג פון דער מדאפע. די מערזלען האָבן אויפגעהערט אויסקלאַפּן ניגונים, האַלב צעשטויסענע קאַווע קערנער זענען געבליבן נישט באַרירט אין די סטופּעס, דער רעגן האָט געקלאַפּט אין דאַך. אַ ווײַלע שפּעטער האָט די שטילקייט איבערגעריסן דער ראַיס פון דאָרף, וואָס האָט זיך צוריקגעקערט אַ נאַסער פון רעגן, עפּעס געזאָגט דעם שייך אויפן אויער. דעם שייך זענען אַראָפּ־

געפאַלן די הענט און ער איז געבליבן זיצן פאַרגליווערט. דער ראַיס האָט נישט באַוויזן אָפטרעטן פון זקן, ווי פון דרויסן האָט זיך דערהערט די הילכיקע שטים פונעם דאָרפישן כרוז (אויסרופער):

— עאַמער איז טויט, עאַמער איז טויט!

ליכט האָט זיך געגומען באַווייזן אין די פענצטער פון די צעוואָרפענע הייזער, פון וואַנען עס האָבן זיך דערהערט יללות פון פרויען.

— עאַמער איז טויט, אונדזער זון עאַמער איז טויט! — זענען די ווערטער פון אויסרופער אַלעמען געפאַלן ווי שטיינער אין די קעפ.

דאָס הויז פון עאמערן איז פול געוואָרן מיט פרויען און קינדער, זייערע יללות האָבן איבערגעשטיגן די ווייטע קולות פון די דונערן, די פרויען האָבן זיך געקלאַפט מיט די פויסטן אין די קעפ און זיך געריסן די האָר.

— עאַמער, אונדזער עאַמער איז טויט!

אויף דער ערד איז געלעגן עאמערס פרוי, וואָס האָט זיך געריסן די האָר פון קאָפ און צעקראַצט מיט די נעגל איר יונג פנים, וואָס האָט געבלוטיקט. אַרום איר זענען געזעסן אירע פינף קינדער, וואָס האָבן בקולי־קולות געוויינט צוזאַמען מיט דער מוטער — דאָס זעקסטע קינד, בסך הכל אַ יאָר אַלט, איז געלעגן איינגעדעקט אין אַ הילצערנער וויג, און געזויגן אַ פינגערל.

— אַבאַ — יאַ אַבאַ, — אַבאַ — מייעט (געשטאָרבן) — אַבאַ — יאַ־אַבאַ!

דער רעגן האָט זיך אינגאַנצן אָפגעשטעלט, די ווינטן האָבן צעריסן וואָלקנס, די קאַלטע לבנה האָט גענומען אַריינבליקן אין די באַלויכטענע פענצטער. דעם שטורעם אין דרויסן האָט פאַרביטן אַ ביטער געוויין, וואָס האָט זיך געטראָגן פון הייזער, ווייט אין די בערג, געריסן הימלען. ווי צו להכעיס האָבן זיך אויך דערהערט יללות פון הונגעריקע שאַקאַלן, וואָס זענען אַרויס פון זייערע נאָרעס זוכן מיט וואָס צו שטילן דעם הונגער.

עאמער איז נישט געשטאָרבן פון קיין קראַנקייט. עאמער איז יענעם טאָג געפאַלן טויט פון קוילן אין פלייצע, בעת ער האָט פאַר מיטאָג פאַטרולירט אין אַ גאַס פון חברון. אַראַבישע טעראָריסטן האָבן אים

דערמאָרדעט און זענען פאַרשוווּנדן ערגעץ אינעם לאַבירינט פון אַלטע הייזער, אין שמאָלע געסלעך, כדי צו געפינען אַ באַהעלטעניש ביי פאַלעסטינער „פאַטריאָטן" פון מלך חוסיין.

עאַמער איז געווען דער זעקסטער קרבן פון די זין פון יענעם ווייטן דרוזישן דאָרף, וואָס האָבן געדינט אין די שוץ־קרעפטן פון איסראַיל, פריער האָט ער געדינט אין צה"ל, דערנאָך אין דער גרענעץ־וואַך.

דער עלטסטער פון די שייכן האָט איבערגעלאָזן זיינע געסט זיצן אין דער מדאַפע, איינגעוויקלטע אין זייערע אַבאַיעס, שווייגנדיקע, קריי־צנדיקע מיט די ציין. דער שייך, באַגלייט פון די זקני העדה, האָבן זיך געלאָזט גיין אין דער „חאַלאַוואַ", אינעם תפילה־מקום פון דאָרף, אינעם יחוד־בנין פון דער עדה, ווו עס קומען זיך צונויף די יעניקע, וואָס זענען אָנפאַרטרויט מיט די סודות פון דער אמונה, וואָס איז דער קנין פון וויניקע חכמים. די דרוזן האָבן נישט קיין מעטשעטן, ווי די אַראַבער, אָנשטאָט מעטשעטן דינט זיי די „חאַלאַוואַ" — דער יחוד־בנין, ווו זיי קומען זיך צונויף צו לייענען און פאַרטיפן אין הייליקע ספרים, און בשעת הדחק זיך צו באַראַטן וועגן ענינים פון דער עדה.

איינער פון די זקני העדה האָט אויפגעשלאָסן די שווערע טיר פון דער „חאַלאַוואַ", ער איז אַריין דער ערשטער, אָנגעצונדן אַ פאַר־רויכערטע נעפט־לאָמפּ, נאָך אים זענען אַריין דער עלטסטער פון די שייכן מיט די באַגלייטער, זיי האָבן זיך אויסגעזעצט אין אַ קרייז, אויף אַ טעפּיך, אַרום אַ נידעריק טישל, לכתחילה שטיל געמורמלט אַ תפילה פאַר דער נשמה פון דערמאָרדעטן עאַמער, דערנאָך אָפּגעהאַלטן אַ ישוב הדעת וועגן דער שעה פון דער קבורה און סדר פון דער לויה.

אויפן אַלטן בית הקברות פון דאָרף, אין אַ באַזונדער ווינקל, זענען שוין געלעגן פינף געפאַלענע דרוזישע זעלנער, זין פון יענעם דאָרף, וואָס האָבן געדינט און געפאַלן ווי שלאַכט־לייט פון צה"ל. די קברים האָבן זיך געפונען אין איין שורה, אונטער שטיין־מצבות, וואָס די כאַקומע שטעלט, אומעטום, אויף אַלע קברים פון געפאַלענע שוץ־לייט. דאָס ווינקל איז געווען אַרומגעצוימט, פאַרפלאַנצט מיט בלומען, בעת דער גאַנצער בית הקברות איז געלעגן נאַקעט, פאַרוואָרלאָזט, מיט

צעוואָרפענע קברים אָן אַ סדר, אָן אַ גדר, זעלטן ווו צו זען אַ מצבה. דער בית הקברות האָט אויסגעזען ווי אַלע אַראַבישע־דאָרפישע בתי קברות אין לאַנד ישראל. די זקני העדה האָבן אויך געדאַרפט באַשטימען, ווו עאָמער מקבר זיין, — פון מזרח־זייט, אָדער פון מערב־זייט פון דער שורה. די זקני העדה האָבן געוווּסט, אַז אויף דער לויה וועלן זיך צונויפ־קומען אַ סך מלווים פון דרוזישע דערפער אין לאַנד, ווייל דער געפאַ־לענער האָט געשטאַמט פון אַ גאַר בכבודיקער כאַמולע, אין אַ דאָרף, הויך אין די בערג, האַרט ביים חרמון — האָבן זיי באַשטימט די צייט פון דער לויה, אין די נאָך מיטאָג שעהען, ווען די זון בויגט זיך צו מערב זייט, צום ים.

נאָכן ישוב הדעת, האָבן אַלע אַרויסגעלייענט אַ תפילה פון אַן אַלטן, הייליקן ספר און זיך געלאָזט צוריק גיין צו דער מדאָפע, ווו מען האָט זיי אויפגענומען שטייענדיק, מכבד געווען יעדערן מיט אַ שלוק שאַרפער, ביטערער קאַווע.

דער ערשטער האָט זיך צוריקגעזעצט אויף זיין אָרט דער עלטס־טער פון די שייכן, — נאָך אים דער גאַנצער עולם.

אין דרויסן איז אויפגעגאַנגען אַ קאַלטער באַגינען, די וואָלקנס זענען פאַרשוווּנדן, דער הימל איז געווען רויט פון דער זריחה, די ביימער האָבן געטריפט מיט פאַרבליבענע טראָפּנס רעגן, הענער האָבן געקרייט שחרית. די בהמות האָבן אַרומגערודערט אין די שטאַלן, אומ־געדולדיק אָפּגעוואַרט דעם אָבראַק מיטן עמער וואַסער. די בעלי חי וויסן נישט פון פריידן, נישט פון ליידן, זיי פאָדערן זייערס, אַזוי, אַז ציטערנדיק פון קעלט, מיט פאַרבונדענע קעפּ, נישט אויסגעשלאָפענע, האָבן זיך די אָרטיקע פעלאַכן געלאָזן צו זייערע שטאַלן און הויפן אָפּצוטאָן, וואָס גיכער, די נויטיקסטע, היימישע אַרבעטן, עס דערוואַרט זיי אַ טומלדיקער טאָג, דאַרף מען, וואָס גיכער זיך אָפּפּאַרטיקן, ראַזירן, אַרומוואַשן, בייטן די קליידונג, עפּעס איבערבייסן און זיך לאָזן, ווער צום בנין פונעם דאָרפס־ראַט, ווער צו דער מדאַפע פון שייך אָפּוואַרטן דעם אָרון מיטן טויטן עאָמער.

נאָך דער אויפגערודערטער, טומלדיקער נאַכט, איז באַגינען געווען

שטיל אין דאָרף, די קלאָגערינס זענען געבליבן אָן כח, זיי האָבן גענוג געריסן וועלטן און געקלאָגט אַ גאַנצע נאַכט, איצט זענען אַלע ביי דער אַרבעט אין די הויפן, אין די קיכן און ביי די טאַבונען, וואָרום חוץ די גרויע, טעגלעכע אַרבעטן דאַרף מען היינט צוגרייטן כיבוד פאַר מי יודע וויפיל מענטשן — געסט, וואָס וועלן קומען צו דער לויה, יעדער גאַסט צו זיינע קרובים און ידידים, די ידיעה וועגן עאַמערס טויט, האָט נאָך נעכטן פאַרשפרייט „קול ישראל״, לכתחילה, נישט אָנגעבנדיק זיין נאָמען.

בעת די מענער זענען אַרויס פונעם שייכס מדאַפע אין דרויסן זיך וואַשן, אויפצוגיסן, אויסצוהעלפן איינער דעם צווייטן מיט קווערט וואַסער, האָבן שניר און טעכטער צוזאַמען מיט דער מוטער פונעם שייכס משפחה, גיך אויפגערוימט די מדאַפע אָנגעוואָרעמט די נישט דערעסענע געריכטן פון דער צעשטערטער, נעכטיקער סעודה, פאַרבריט באַקראַזשן פרישע קאַווע — פרישטיק פאַר די געסט, וואָס האָבן זיך איינציקווייז צוריקגעקערט אין דער מדאַפע, און זיך אויסגעזעצט אויף די טאַפּטשאַנען אַרום די ווענט.

די זון איז געשטיגן, זיך רוקנדיק פון מזרח צו מערב. ווען די ערשטע מענטשן פון די נאָענטסטע דערפער זענען געקומען צו דער לויה האָט זיך אין דער מדאַפע געוויקלט אַ שטילער שמועס. עאַמערס אַ חבר האָט דערציילט: — „עאַמער איז געווען אַ גוטער, אַ שטילער, אַ געהאָרכזאַמער, זיך קיינמאָל מיט קיינעם נישט געקריגט. פאַרקערט — ער איז געווען אַ שלום־זוכער. איך האָב געדינט צוזאַמען מיט אים אין דער זעלבער איינהייט אין צה״ל, ער האָט זיך קיינמאָל נישט אַרויסגעדרייט פון געפערלעכע שליחותן, די אָפיצערן האָבן אים ליב געהאַט ווי מיר האָבן אים ליב געהאַט, ער איז געווען אַן אמתער דזשעדאַ״ (גיבור).

אַן עלטערער, שטאָטיש געקליידעטער מענטש, האָט דערציילט, אַז עאַמער איז געווען זיין תלמיד — „ער האָט פלייסיק געלערנט, ער איז געווען דורשטיק נאָך וויסן און געענדיקט אַלע אַכט קלאַסן פון דער שול, זיין גוטע אויפפירונג האָט געדינט ווי אַ ביישפיל פאַר אַנדערע״.

עאַמערס אַ שכן, האָט קריצנדיק מיט די ציין, צאָרניק געטענהעט,

אַז „דער ראַיס אַל בעלאַדיה (בירגערמייסטער) פון חברון שייך עלי דזשאַברי דאַרף העלפן געפינען דעם מערדער, אים איבערגעבן אין די הענט פון דער מאַכט, מען דאַרף אים הענגען אין מאַרק פון חברון, אַלע זאָלן זען זיין נבלה — די נבלה פון אַ בוגד, אַ פחדן, וואָס שיסט אין פלייצע און אַנטלויפט. זיין משפּחה מוז באַצאָלן פאַר עאַמערס בלוט״.

האָט אים אַ שייך פון די געסט געענטפערט: — „לאַ יאַ איבני, ניין מיין זון, לויט די דינים פון אונדזער עדה, איז דער דין פון גאולת־דם נישט חל אויף מענטשן, וואָס ווערן דערהרגעט, בעת זיי פּילן אויס זייערע פליכטן, בעת זייער דינסט. נישט מיר, נאָר די ציווילע אָדער די מיליטערישע מאַכט, דאַרפן זיך מיט דעם פאַרנעמען, זיי דאַרפן געפינען דעם מערדער און מקיים פּסק זיין, ווי ער האָט פאַרדינט״.

— איך בין אַ תפיסה־וועכטער — האָט געזאָגט עאַמערס אַ קרוב, אַ מונדירטער מאַן, אַ ריז, מיט גליאיקע אויגן און מיט שוואַרצע, גע־דיכטע וואָנצעס, וואָס האָבן פאַרדעקט זיין מויל — איך וואָלט פון אַזאַ רוצח געמאַכט אַ באַרג ביינער. — קריצנדיק מיט די ציין האָט ער צוגע־געבן: — איך מוז אָבער היטן דאָס געזעץ, אַ געזעץ, וואָס די קאָקומע מוז ענדערן, — קעגן מערדער דאַרף זיין איין געזעץ: — בלוט פאַר בלוט.

— אויב די „גבורים״ ווילן קעמפן, זאָלן זיי זיך אויספּרוּוון מיט אונדז, פּנים אל פּנים און נישט באַפאַלן הינטער די פּלייצעס, אַזעלכע שפלע פּחדנים!

— ווי, ווי — געלאָזן אַליין אַ יונגע סיט (פרוי) אַ ווילע, גוטע סיט מיט זעקס יתומים...

— מיר׳ן איר העלפן, דרוזן העלפן איינער דעם צווייטן, אַזוי פירן מיר זיך מדורי דורות.

בעת דער שמועס איז געווען אין ברען און געמיטער האָבן זיך דערוואַרעמט, האָט זיך אויפגעשטעלט דער עלטסטער פון די שייכן. מחמת כבוד האָט זיך דער שמועס באַלד אָפּגעהאַקט. אַלעמענס בליקן זענען געפאַלן אויפן הדרת פּנים פונעם זקן, וואָס איז איצט געווען געקליידעט אין ווייסן, און אויסגעזען ווי אַ פאַרצייטיקער כהן ביי דער

עבודה. מיט אַ ציטעריקן קול האָט ער זיך געווענדט צום עולם אַזוי צו זאָגן:

— יאָ נאָס, יאָ וולאַדי — מענטשן, קינדער מיינע! — דרוזן ווייסן ווי זיך צו באַהערשן, ווי צו בלייבן מענער, ווי ס׳פּאַסט זיך פאַר דרוזן — עאַמערס גוף איז דערמאָרדעט, זיין בלוט איז אויסגערונען, אָבער זיין נשמה איז נישט דערמאָרדעט. אַ לויב צו זיינע חברים די יהוד און די דרוזן, וואָס האָבן געשאָנקן פולע גלעזער פון זייער בלוט אים צו ראַטעווען, אָבער דער ווילן פון אַללאַ איז געווען אַנדערש. עאַמער איז אויסגעלאָשן! דרוזן גלויבן אין גלגול נשמות. בעת דעם וועלט־באַשאַף האָט אַללאַ דער אַלמעכטיקער באַשאַפן אַלע דרוזן, וואָס וועלן געבוירן ווערן ביזן סוף פון אַלע דורות. אַז אַ דרוז שטאַרבט גייט זיין נשמה אַריבער אין אַ קינד, וואָס ווערט אין דער רגע געבוירן פון אַ דרוזישער מוטער. אַזוי מיינע זין, בלייבן די דרוזן אייביק אין דער זעלבער צאָל, זייט דעם וועלט־באַשאַף, נישט מער און נישט ווייניקער.

אַ שעה שפּעטער האָבן שוין מענטשן געשטראָמט צו דער לויה פון נאָענט און פון ווייט, ווער אויף היציקע רייט־פערד, ווער אין געשפּאַנטע, צוויי רעדערדיקע בריטשקעס, ווער אין טענדערס, אין פאַרבלאָטיקטע טאַקסיס און אויטאָבוסן.

קומענדיק אין דאָרף, האָבן זיך אַלע קודם כל געריסן דריקן די הענט פונעם עלטסטן פון די שייכן, אָדער לכל הפחות מיט די אייגענע אויגן זען זיין מלכותדיק געשטאַלט, זיין הדרת פנים, נאָר ביים אַריינגאַנג אין דער מדאַפע איז געשטאַנען די מאַכט פון דאָרף, אין געשטאַלט פון כל יכולדיקן באַליס, אַרומגערינגלט פון דעם שייכס זין און איידימס.

— לאָ, לאָ יאָ אַחואַן, — ניין ברידער — האָבן זיי געטענהעט — אַבונאַ, אונדזער פאָטער איז אַלט און שוואַך, אַ גאַנצע נאַכט נישט צוגעטאָן קיין אויג, לאָזט אים איצט צורו, ער וועט באַלד במילא אַרויס אין דרויסן, די מדאַפע איז פראָפּן פול — געדולדיק ברידער, שטופּט זיך נישט, איר וועט אים באַלד זען.

זענען אַ טייל מענטשן געבליבן וואַרטן אין דרויסן, בעת אַ צווייטער טייל איז אַוועק צו עאַמערס הויז טרייסטן די אלמנה.

עאַמערס קליינע מדאפּע איז אויך געווען פול. די אלמנה, מיט אַ פּנים ווייס ווי איר קאָפּ־טיכל, מיט פאַרשוואָלענע רויטע אויגן, איז געזעסן אַ פאַרגליווערטע אויף דער ערד, אויף אַ מאַטע, געהאַלטן אין שויס איר יינגסטן זון. אַרום איר, אין אַ קרייז, זענען געזעסן נייע קלאָגעריגס, געקומענע משפחה־קרובים, וואָס האָבן ביטער געוויינט, זיך געשאָקלט און געפּאַטשט אין די פּנימער. שכנטעס האָבן זיך אַרומ־געדרייט אין קיך, אויפגעזידט באַקראַזשן קאַווע, מכבד צו זיין די געקו־מענע באַזוכער. אפילו אומגליקן קענען נישט דוחה זיין די טיף אַריינ־געוואָרצלטע מידה פון הכנסת־אורחים, זאָל זיך עס אויסדריקן אַפילו אין אײן זופּ ביטערע קאַווע.

די אלמנה איז נאָך געווען באַטויבט פון דער ביינאַכטיקער בשורה וועגן אומגליק, זי איז נאָך נישט געווען מסוגל שכלדיק צו באַנעמען, אַז איר עאַמער איז מער נישטאָ, ער וועט מער נישט ווי שטענדיק קומען אַהיים, פרייטיק פאַר מיטאָג, אַראָפּוואַרפן פון זיך דעם גורט מיטן זעלנערשן זעקל, צולויפן צום וויג קושן די הענטלעך פון זיין מוזיניק, בעת די איבעריקע פינף קינדער הענגען אַרום אים און זוכן אין זיינע קעשענעס די „גוטע זאַכן", וואָס ער ברענגט שטענדיק מיט פאַר זיי, דערנאָך זיך אָפּוועגדן פון דער וויג, אויפהויבן יעדעס קינד באַזונדער, קושן און אַראָפּלאָזן. בעת די קינדער האָבן זיך געטומלט מיט די „גוטע זאַכן", פלעגט ער צוגיין צו איר, צודריקן איר קאָפּ צו זיין ברוסט, און איינזאַפּן אין זיך איר דופט... ניין, ניין, זי איז נאָך נישט מסוגל צו באַנעמען, אַז דאָס וועט זיך קיינמאָל מער נישט איבערהזרן.

פונעם וויטן כביש, באַרג אַראָפּ, האָבן זיך באַוויזן רייטער, וואָס האָבן ריטמיש גאַלאָפּירט אויף שוימיקע פערד, אין שפּיץ פון אַ מיליי־טערישן קאַראַוואַן כלי־רכב, באַגלייט פון ביידע זייטן מיט „מעם־צאַדיקן" (מיליטער־פּאַליציאַנטן) אויף מאַטאָציקלען. די „מעם־צאַדיקן" האָבן געטראָגן ווייסע העלמעטן, ווייסע גורטן מיט געפלאָכטענע ווייסע שנורן פון די אַקסלבענדער ביז די לענדן אַראָפּ, צוגעבונדענע צו זייערע רעוואָלווער־קאַבורעס.

דער קאַראַוואַן איז לאַנגזאַם אַריינגעפאָרן אין דאָרף, אָפּגעטריבן

פון זיך בילנדיקע הינט. דער אָרון פונעם געשטאָרבענעם איז געשטאַנען אין אַ טענדער, איבערגעדעקט מיט דער ווייס־בלויער פאָן פון ישראל און מיט דער גרינער פאָן פון די דרוזן — ביידע מיט מגן דוד׳ס אין מיטן. פון ביידע זייטן אָרון איז געזעסן אַן ערן־וואַך פון יידישע מיט דרוזישע זעלנער פון דער גרענעץ־וואַך — אַלע אין גרינע בערעטן. זיי זענען געזעסן שטייפע, מיט איבערגעבויגענע ביקסן, אָנגעצויגענע מיט בלאַנקע באַגנעטן. די שאַרפן פון איין שורה באַגנעטן האָבן באַרירט די שאַרפן פון דער צווייטער שורה אַקעגן. הינטער דעם טענדער זענען געפאָרן ברוינע, מיליטערישע טאַקסעס מיט אָפיצערן, הינטער זיי — דזשיפּן מיט אַנדערע כלי רכב, פול באַזעצטע מיט זעלנער פונעם חברונער גאַרניזאָן, מען האָט געקענט אונטערשיידן די יידן פון די דרוזן לויט די וואָנצעס, וואָס די לעצטע האָבן געטראָגן — אַן אויסדרוק פון מענ־לעכקייט.

די לויה האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים בנין פונעם דאָרפס־ראַט, ווו ס׳איז געווען אַ לײדיקער שטח. דער גאַנצער דאָרף, אַלט און יונג, קינד און קייט צוזאַמען מיט די הונדערטער מלוים פון נאָענט און ווייט זענען שוין געווען אין דרויסן, איבערן ים קעפּ האָבן דאָ און דאָרטן, געפלאַטערט גרינע פאָנען, עס האָבן זיך געהערט ריטמישע טראָמלען פון פייקלעך, געוויין פון פרויען, מיט פסוקים פון תפילות.

דעם אָרון האָט מען אַרויפגעשטעלט אויף אַ טיש, פון ביידע זייטן האָט זיך אויסגעשטעלט אַן ערן־וואַך, פון יידישע מיט דרוזישע זעלנער פון דער גרענעץ־וואַך מיט געלאָדענע, באַגנעטירטע ביקסן אין די הענט. דער עולם איז געשטאַנען אַרום אָרון אין אַ גרויסן קרייז.

נאָכדעם ווי די אָפיצערן צוזאַמען מיטן קאָמאַנדיר פון דער איינהייט האָבן סאַליוטירט פאַרן אָרון, זענען זיי אַוועק צום עלטסטן פון די שייכן אָפּגעבן כבוד, און אויסדריקן מיטלייד דער משפחה, די דרוזישע עדה מיטן דאָרף. זיי האָבן סאַליוטירט, זיך פאַרנויגט פאַרן זקן און געדריקט זיין ציטעריקע האַנט. נאָכדעם ווי מען האָט די מיליטערישע געסט מכבד געווען מיט אַ שלוק קאַווע, האָבן זיך אַלע בראש מיטן

עלטסטן פון די שייכן, געלאָזט גיין אין דרויסן, ווו דער עולם, אין לאַנגע שורות, איז פאַרבייגעגאַנגען דעם אָרון.

די זון האָט זיך שוין גענויט צו מערב־זייט, צום ווייטן ים, ווען אַ טוץ הענט האָבן הויך, אויף די דלאָניעס, איבער די קעפּ, געטראָגן דעם אָרון. פייקלעך האָבן שטיל געטראָמלט, פּענער האָבן געפלאַטערט אין דער קילער לופט, פון הינטער קאַרניזן פון הייזער, זענען אַרויס־געפלויגן צעשראָקענע טויבן, געקרייזט הויך, איבער די קעפּ פון דער לויה. חוץ די יידישע מלוים, האָבן אַלע געטראָגן ווייסע קעפיעס — אַ ווייסער ים, וואָס האָט זיך לאַנגזאַם, טריט ביי טריט, באַוועגט צום בית הקברות. צווישן די גרינע, דרוזישע פּענער, האָבן זיך אויך געזען בלאַנקעדיקע קלינגען פון אַלטע שווערדן, וואָס האָבן זיך אויפגעהיט אין דרוזישע הייזער ווי רעליקוויעס פון פאַרגאַנגענע דורות מוטיקע באַרג־מענטשן, קעמפער. דאָס זענען שווערדן פון זיידעס און עלטער־זיידעס, וואָס האָבן אַ מאָל באַוואַכט, באַשיצט און פאַרטיידיקט זייערע היימען אין די בערג פון אַנפאַלער — פון בעדואינישע רויבער, פון מוסולמענישע און קריסטלעכע שונאים. די אַלטע דערציילן די יונגע, אַז דעמאָלט איז זייער פרייהייט געלעגן אויפן שאַרף פון שווערד, וואָס האָט באַשיצט זייערע לעבנס, זייער כבוד און קיום.

דער זעקסטער קבר אויפן מיליטערישן חלק פון יענעם דאָרפישן בית הקברות איז שוין געווען אויסגעהאַקט אינעם שטייניקן באָדן. אַרום קבר זענען געשטאַנען די קברנים, נישט עלטערע מענטשן ווי ביי די יהוד, נאָר געזונטע, יונגע מענער מיט דיקע וואָנצעס, מיט רידלען און קירקעס אין די הענט.

ווען מען האָט דעם אָרון אַראָפּגעלאָזט אין קבר, האָט דער זקן — דער עלטסטער פון די שייכן, אין דער שטיל זיך אויסגעטענהעט מיט אַללאַ דעם אַלמעכטיקן, ער זאָל שענקען זיין גנאָד, ער זאָל אָפּשטעלן די שפיכת־דמים און באַלייכטן דאָס לאַנד פון איסראַיל מיט דער ליכט פון שלום און רו.

— עאָמער, יאַ עאָמער, פאַר מיינע אויגן ביזטו אויסגעוואַקסן ווי אַ דעמב, אַ דזשעדא (גבור) אַ טרייער זון און פאָטער — האָט דער זקן

געטענהעט — מען האָט דיך דערמאָרדעט, דו ביסט נישט געפאַלן אין קאַמף פנים אל פנים, ווי עס פּאַסט זיך פאַר אַ שטאָלצן דרוז, נאָר פון הינטן, אין פּלייצע, פון אַ קויל פון פּחדנים, שפּלע רוצחים. — — —

— אַללאַ, יאַ אַללאַ, רעכן זיך אָפּ מיט יענע, וואָס האָבן דיין בלוט פאַרגאָסן, בעת דו האָסט זיי באַשירעמט און באַוואַכט ווי פרידלעכע מענטשן.

נאָך דער תפילה איז צוגעגאַנגען צום ראַנד פון קבר דער קאָמאַנ־דיר פון דער איינהייט, ווו עאַמער האָט געדינט. דער קאָמאַנדיר האָט סאַליוטירט, געבליבן שטיין פאַרגליווערט, דערנאָך האָט ער געזאָגט זיין וואָרט אין אַ פּליסיקן אַראַביש, כאָטש ער איז געווען איינער פון די יהוד. ווי אַ קאָמאַנדיר האָט ער אויסגערעכנט די שבחים פון געפאַלענעם, צוצוגעבן פּרטים וועגן זיין טויט:

— אַחואן — ברידער! מיר האָבן אַלץ געטאָן אים אַרויסצורייסן פון די נעגל פון מלאך המות, אים צו ראַטעווען פאַר זיין פרוי און זעקס קינדער, פאַר אייך און פאַר אונדז, יידן און דרוזן פון דער גרענעץ־וואַך, וואָס זענען באַלד געקומען אויף דעם אָרט פונעם מאָרד, יעדער האָט וויליק געגעבן פון זיין בלוט צו ראַטעווען עאַמערן. דער דאָקטאָר האָט מיטן בלוט פון זיינע יידישע און דרוזישע חברים אָנגעפילט זיינע אָדערן, אָבער עס האָט נישט געהאָלפן, די מערדערשע קוילן האָבן דורכגעלעכערט זיין האַרץ, איבערגעריסן זיין יונג לעבן אין דער שענסטער בליונג...

עמאָציאָנירט האָט ער צוגעגעבן מיט אַ געהעכערטער שטים: — „ער, און די אַנדערע ווי ער, האָבן פאַרשטעלט און פאַרשטעלן וויטער מיט זייערע יונגע לייב און לעבנס די גרענעצן פון אונדזערע היימען, די רוצחים זאָלן זיי נישט דערגרייכן. מיר וועלן דאָס קיינמאָל נישט פאַרגעסן — — — מיט אונדזער טרייסט און טיפסטן מיטגעפיל זיין פרוי, קינדער, משפחה און די דרוזישע עדה אין איסראַעל, פאַרזיכער איך אייך ביים אָפענעם קבר, אַז אונדזער רעגירונג וועט נישט פאַרלאָזן זיין פאַראומגליקלעכטע, יונגע משפחה, מען וועט זי נישט פאַרגעסן און נישט פאַרלאָזן, ווי מען פאַרלאָזט נישט אַלע אַלמנות און יתומים פון אונדזערע געפאַלענע באַשיצער אין איסראַעל. איך גיב אייך צו, אַז מיר

פֿאַרפּליכטן זיך צו געפֿינען דעם רוצח, אָדער די רוצחים און זיי ברענגען צום דין. אללא ירחם עליך ויביאך לצל חסותו לעולמי עולמים",

בעת דער קאָמאַנדיר האָט פֿאַרענדיקט זיין וואָרט, האָט ער האָט ער פֿאַרענדיקט אין עברית.

הינטערוויילעכטס צוריקגעטרעטן אַ פּאָר טריט. די ערן־וואַך איז שוין געווען אויסגעשטעלט פֿון ווייטן אין אַ שורה, און לויט אַ באַפֿעל פֿון אַ יונגן לייטענאַנט, האָבן די זעלנער אַ הויב געטאָן די ביקסן צום הימל:

— פּלוגה, פּלוגה דום!

— נשק שעק — געווער גרייט!

— אש — פֿייער!

דריי מאָל האָט געהילכט דער באַפֿעל „פֿייער", דריי זאַלפֿן האָבן אויפֿגעטרייסלט די לופֿט און זיך צעשאָטן אין די בערג, ווו אַ ווינטל האָט פֿאַרטראָגן אַ דין־דינינקן, ווייסן וואָלקנדל פּולווער רויך.

ס'האָט זיך דערהערט ווי גרודעס ערד מיט שטיין פֿאַלן אויפֿן אָרון. עס האָט זיך אָנגעהויבט אַ לענגלעך־שמאָל בערגל. אַ פּאָר זעלנער מיט אַ פּאָר פּאָליציאַנטן האָבן אויפֿן פֿרישן קבר אַרויפֿגעלייגט קרענץ.

די זון איז פֿאַרשוווּנדן אין רויטע דמדומים.

עאָמער איז געקומען צו זיין רו.

חיפה, יאַנואַר 1969

אינהאַלט

דור הולך ודור בא 7
אתרוגים 22
צוויי ביסקוויטן 66
שלום בית 74
דער קאַמאַנדאַ אַבראַמינאַ 102
איז מאַטיע געפאָרן קיין ירושלים 149
רמי האָט געשוואָרן 175
קלויסטער־גלאָקן קלינגען אין ירושלים . . . 199
די פייערדיקע קייט 205
ירושלים אין פייער 222
דער נס־שלעבים 235
די פאָן פלאַטערט 239
דער פרוש 244
„דאָס איז אַלץ" 249
„יעיש איסראיל" 261
פון יענער זייט 288
אַ געשריי אין דער נאַכט 317

פון זעלבן מחבר:

באַרג אַרויף. דערציילונגען פון ישראל, 180 זייטן, אַרויסגעגעבן פון צוויש"א, בוענאָס־איירעס, 1951.

טאָג איין טאָג אויס. ראָמאַן פון א"י לעבן, 208 זייטן, אַרויסגעגעבן פון אַ ספּעציעלער פאַרלאַג־קאָמיסיע ביים פאַריין פון סוּוואַלק און אומגעגנט, בוענאָס־איירעס, 1954.

אונטערוועגס. דערציילונגען פון ישראל, 312 זייטן, אַרויסגעגעבן דורך דער צווייטער שלום־עליכם שול אין אַרגענטינע, בוענאָס־איירעס, 1956.

נעכטן. פון דער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט, 448 זייטן, אַרויסגעגעבן פון פאַרלאַג „אונדזער וואָרט", בוענאָס־איירעס, 1959.

"ISRAEL PER DENTRO", דערציילונגען (אין שפּאַניש) אַ בשותפותדיק בוך, אַרויסגעגעבן פון פאַרלאַג „קאַנדעליאַבראַ", בוענאָס־איירעס, 1957.

„גאַנג". ארץ ישראל, מדינת ישראל, עמך ישראל, דערציילונגען, 251 זייטן אַרויסגעגעבן פון פאַרלאַג י.ל. פּרץ, תּל־אביב, 1962.

„באַזאַלט". דערציילונגען, 256 זייטן, אַרויסגעגעבן פון פאַרלאַג י.ל. פּרץ, תּל־אביב, 1966.